STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06190

GENERAL GERSHELMAN

A. Bookstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. בוקשטיין

גענעראל גערשעלמאן

(אַ נאָוועלע)

ניו יאָרק 1923

„לעוואַנט״ פּרעס, 138 סעקאַנד סטריט, ניו יאָרק, נ. י. 479

מאנעווערס

(פּראָלאָג)

די בלייבע האַלבע לבנה איז פערגאַנגען און די שטערען אויפ'ן טיפען בלויען הימעל האָבען אָנגעהויבען נאָך העלער און מונטערער צו בליאַסקען. אַזוי ווי זיי וואָלטען געוואונקען: „זעהט, קאָן מען זיך דען ניט בעגעהן מיט אונז אַליין, אָהן אַ לבנה?"

ס'איז געווען אַ וואַרימע סעפּטעמבער נאַכט, אַ בלויע און מעלאַנכאָליש פּערקלערטע.

איבער'ן שאָסעע, וואָס איז געלאָפען דריי וויאָרסט פון שטעדטעל, האָט זיך געצויגען צו דער גרעניץ די פּעטערבורגער אַרמעע אויף מאַנעווערס.

דאָס אָרימע שטעדטעל האָט זיך איבער'ן טאָג אָנגעהאָרעוועט מיט די סאָלדאַטען, האָט פערדיענט אויף יום־טוב און איז איצט זאָרגלאָז געשלאָפען. חלומ'ענדיג פיליכט פון נאָך אַזאַ זעלטענעם פּרנסה־טאָג אין לעבען.

די הייזלעך אָבער האָבען אויסגעזעהן אין דער בלויער נאַכט איינגע־הויקערטער און צוזאַמענגעדרעהטער ווי תמיד; טרויעריג פערקלערטע האָבען זיי אַזוי ווי צוגעהערט זיך צום אָבשטאַרבענדען, פערשטיקטען ווייטען רויש פון דער אַרמעע אויפ'ן שאָסעע און זיך מעלאַנכאָליש געטראַכט: „נאָך עט־ליכע אַזעלכע פּרנסה־טעג, און מיר וואָלטען זיך אפשר נאָך צוריק אויסגע־גלייכט אין לעבען, בעקומען נייע דעכער און געוואָרען צו הייזער גלייך..."

אַזוי האָט דאָס שטעדטעל שטיל גערוהט אין איהרע קבצנ'ישע חלומות. אַראָבוואָרפענדיג פון זיך די אייביגע און ביטערע דאגה אויף אַ ווייל'ע, און נאָר דאָס גרילצען פון די באַטאַרעען, וועלכע האָבען זיך געצויגען פערביי דער שטעדטעל איבער'ן שאָסעע, האָט געשטערט און צוריסען די פערקלערטע שטיל־קייט פון דער אויסגעשטערענטער נאַכט.

צייטענווייז האָט אויך אַ שכור'ער סאָלדאַט דורכגעקרייצט דעם מאַרק־פּלאַץ, האָט געשאָלטען אין דער הויך מיט די עקעלהאַפטע קללות, וואָס נאָר די איינציגע רוסישע שפּראַך פערמאָגט אויף דער וועלט, אויפשוידערענדיג די שטילע נאַכט, וואָס האָט זיך אָבגערופען אויף די אָבשייליכע רוסישע ווערטער מיט אַ פּראָטעסט פון אַ בייזען און טעמפּען ווידער־קול. און דער סאָלדאַט פלעגט באַלד פערשווינדען אין אַ זייטענגעסעל, אַזוי ווי די פערשעהמטע נאַכט וואָלט זיך געאיילט צו פערשטעקען און פערשלינגען דעם אונמענש אין איהר דונקעלען אָבגרונד.

* * *

ביי דער איינציגער לאַנגער אכסניה פון שטעדטעל, וואו עס שטעהט שוין צוויי טאָג דער שטאָב פון דעם הויפּטקאָמאַנדיר פון דער אַרמעע, ברענען צוויי

נאפט־לאמטערנעס און ווארפען איבער'ן פינסטערען מארק־פלאץ צוויי לאנגע און שמאלע פאסען פון א ציטערנדיגען ליכט...

אין דעם ליכט בעווייזט זיך פון צייט צו צייט די וואך. דער סאלדאט גיט דראהענד א בליאסק מיט'ן שטאהל פון זיין שפיעז און פערשווינדט צוריק אין דער פינסטערניש.

דער צווייטער סאלדאט שטעהט ווי א גרויע סטאטוע ביים טויער, אנגע־שפארט אויף זיין ביקס און זינגט זיך שטילערהייט אונטער דער נאז מיט א ימים־נוראים'דיגען ניגון: „מי יחיה ומי ימות, מי ברעש ומי במגפה".

און אזוי ווי געריהרט פון דער מעלאנכאליע פון דעם ניגון און פון די ימים־נוראים'דיגע ווערטער און געדאנקען, גיט ער זיך א קלאפ אין הארצען, ווי מען קלאפט זיך על־חטא, זאגט הויך: „טשארט פאבערי! עס נעהמט ביי דער לעבער!" — שפייט אוים, פערווארפט די ביקס „נא פלעטשא" און הויבט אויף אן, ווי זיין קאמעראד, ענערגיש צו שפאנען פאר'ן הויז און בליאס־קען אין בלאסען און ציטערנדיגען ליכט פון די לאמטערנעס מיט דעם שטאהל פון זיין שפיעז.

לאנג און שטיל שפאנען אזוי די צוויי סאלדאטען הין און צוריק, ביז דער אידישער סאלדאט הויבט ווידער אן צו זינגען עפעס ימים־נוראים'דיגס.

— וואס פאר א ליעד איז דאס? — פרעגט איהם זיין קאמעראד

— „שמע קולנו ד' אלהינו"... ס'איז א תפלה, א תפלה און ניט קיין ליעד... „חוס ורחם עלינו וקבל ברחמים את תפלתינו" — ענטפערט איהם מיט א שטילען געוויין דער אידישער סאלדאט.

— „טפו, טי טשארט פאבראל!" — שפייט אוים מיט פעררדרוס דער גוי און שפאנט נאך ברייטער ווי פריהער — א זשיד בלייבט א זשיד.

„שמע קולנו ד' אלהינו... חוס ורחם עלינו וקבל ברחמים וברצון את תפלתנו" — וויינט, איהם אויף להכעים, דער איד נאך העבער.

— העי, טי! ווארף אוועק דיינע זשידאוושקע תפלות... דא איז דיר „קאראאול" און ניט קיין סינאגאגע — ווענדעט זיך צו איהם שוין מיט כעס דער גוי, און בלייבט שטעהן אין ציטערנדיגען פאס ליכט, גלאנצענדיג בייז און דראהענד מיט'ן שטאהל פון זיין שפיעז.

— אלץ בעסער ווי דיינע ליעדער מיט די מוידען — ענטפערט איהם אב דער איד און געהט ווייטער הין און צוריק, זינגט זיך אבער שטילער.

— אויך מיר א סאלדאט! — שפייט נאך אמאל אוים ווייט פון זיך דער גוי מיט פעראכטונג, און שפאנט ווייטער.

— ניט קיין ערגערע ווי איהר „פאליאקען" זייט! — ענטפערט איהם צוריק דער איד.

— קוגעל דארף מען אייך געבען עסען מיט געפילטע פיש — שפאט פון איהם דער פאליאק און צולאכט זיך בייז.

— געוויס. מיר קוגעל מיט פיש און דיר א קרענק — רייצט זיך דאס אידעל און זינגט זיך ווייטער: „מי בחניקה ומי בסקילה", א מגפה אויף דיר. רבונו של עולם! און דאס טאקע באלד... א מגפה מיט א שרפה אויף פליאקע מיט די לאנגע וואנצעס...

* * *

— מ׳געהט ! מ׳געהט ! — קריצט מיט די ציינער דער פּאַליאַק און גיט אַ טופּע מיט די פיס.

און ביידע סאָלדאַטען כאַפּען די ביקסען אויפ׳ן ברוסט, „נאַ קאַראַאול״. און בלייבען שטעהן אויסגעצויגען אין ליכט און פערגליווערט ווי צוויי גרויע סטאַטועז.

— „וואָלנאָ ! וואָלנאָ, בראַטצי !״ — בעגריסט זיי מיט אַ האַנד־בעוועגונג אַ הויכער, שוין גרייז־גרויער אָפיציר אין אַ סאָלדאַטסקען גרויען שינעל, און געהט פערביי.

די סאָלדאַטען לאָזען אראָב די ביקסען.

— ער שלאָפט ניט ! — גאַפט דער איד.

— „ווּפּאָכאָד !״ באַלד וועט מען אונז צונעהמען — ערקלערט דער פּאָ־ליאַק דאָס ערשיינען פון דעם אָפיציער אין אַזאַ שפּעטער נאַכט־שטונדע.

און ביידע קוקען איהם נאָך, ווי ער געהט איבער׳ן מאַרק־פּלאַץ.

פון דער נאַכט קריכט אַרויס אַ צווייטע פיגור און רופט צום גענעראַל :

— ווער געהט ?

— דאָס בין איך ! — ענטפערט דער גענעראַל, ניט אָבשטעלענדיג זיך.

— ווער איז דער איך ? — פרעגט שטרענג און גראָב די צווייטע פיגור.

— איך !... גענעראַל אַדיוטאַנט גערשעלמאַן... וואָס ווילט איהר ? ווער זייט איהר אַזוינס ? — שרייט שוין דער גענעראַל און דרעהט זיך אום.

— אַך, ווינאָוואַט, וואַשע וויסאָקאָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ ! דאָס בין איך, דער פּלאַץ־אַדיוטאַנט, פּאָלקאָווניק אוסאָוו. איך האָב בעקוקט דעם „ביוואַק״ — ראַפּאָרטירט די צווייטע פיגור און בלייבט שטעהן אויסגעצויגען פאַר׳ן גענעראַל.

— נו, טאָ געהט אייך און לאָזט מיך צורוהה ! ווער דאַרף אייך דאָ ? — בייזערט זיך דער גענעראַל.

אַ רגע שטעהען זיי ביידע שטיל איינער פאַר׳ן צווייטען. און דער גענעראַל געהט זיך ווייטער. דער פּאָלקאָווניק קוקט איהם נאָך און צוקט מיט די אַקסלען.

— פּאָלקאָווניק ! — רופט איהם אָב דער גענעראַל פון ווייטענס, זיך ניט אָבשטעלענדיג.

דער פּאָלקאָווניק לויפט איהם נאָך, שטעלט זיך „פּאַדקאַזיריאָק״, אַז אויסגעצויגענער ווי אַ סטרונע.

— איך געהאָרך, וואַשע וויסאָקאָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ !

— געהאָרך ! געהאָרך ! ווער הייסט אייך געהאָרכען ? — וואָרטשעט דער גענעראַל.

— דיסציפּלין און דיענסט־פּליכט בעפעהלען מיך צו געהאָרכען, וואַשע וויסאָקאָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ !

—דיענסט־פּליכט ? וואָס פאַר אַ דיענסט ? איצט איז נאַכט און ניט קיין דיענסט... נאַכט און שלאָפלאָזיגקייט... פערפלוכטע שלאָפלאָזיגקייט ! — וואָרטשעט דער גענעראַל אָבער שוין גוטמוטיגער. פאַרוואָס שלאָפט איהר נאָך ניט אַזוי שפּעט ? — ווענדעט ער זיך נאָך אַ קורצער פּויזע צום פּאָלקאָווניק.

— דיענסט־פּליכט ! איך געה פון „ביוואַק״, גענעראַל !

— אַך, יאַ. איהר זייט דאָך קאָמאַנדאַנט — דערמאָנט זיך דער גענעראַל — און איך האָב געמיינט, אַז איהר קאָנט אויך ניט שלאָפען.

— אָה, ניין, גענעראַל! גאָט צו דאַנקען, שלאָפען קאָן איך.

— ווירקליך? — חידוש'ט זיך דער גענעראַל, בלייבט שטעהן און קוקט זיך איין אין זיין בעגלייטער'ס פּנים — און וויפיעל שטונדען שלאָפט איהר?

— וויפיעל איהר ווילט, גענעראַל!... אויף דער ווינטער־וואוינונג קאָן איך אוועקשלאָפען צוועלף שטונדען נאָכאַנאַנד

און דער פאַלקאָווניק צולאַכט זיך דערביי אויף זיין באַס אין דער הויך, אַזוי ווי ער וואָלט געזאָגט דעם קליגסטען וויץ, און ערשיטערט מיט זיין געלעכטער די נאַכט־לופט.

— אונאונטערבראָכען? — חידוש'ט זיך דער גענעראַל.

— יאָ. אונאונטערבראָכען.

— ס'איז מקנא צו זיין... איך בין אייך מקנא, פאַלקאָווניק.

און דער גענעראַל לאַכט אויך, פּונקט ווי שלאָפען אַזוי פיעל וואָלט געווען איינע פון די גרעסטע חכמות. ער קוקט איהם אָבער נאָכאַמאָל אריין אין פּנים, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זיך איבערצייגען, צי דער פאַלקאָווניק זאָגט איהם ניט קיין ליגען, און לאָזט זיך געהן ווייטער.

ביידע געהען איניגע מינוטען צוזאַמען און שווייגען.

— און איהר, גענעראַל, שלאָפט שלעכט? — פרעגט איהם דער פאַל־קאָווניק מיט אַ טאָן פון מיטלייד, אָבער אויך רעספּעקט.

— שלעכט? איך שלאָף אינגאַנצען ניט, צום טייוועל! איהר פערשטעהט וואָס דאָס מיינט אינגאַנצען ניט שלאָפען, האַ?

— דאָס איז טרויעריג... זעהר טרויעריג! און שוין לאַנג אַז איהר ליידט פון שלאָפלאָזיגקייט, גענעראַל? — פרעגט איהם דער פאַלקאָווניק און קוקט זיך איין אין זיין פּנים.

— שוין לאַנג! — ענטפערט איהם דער גענעראַל מיט אַ הויכען געגעץ. — ווינטער בין איך דאָך עפּעס געשלאָפען, אַ פּאָר שטונדען ביינאַכט... אַמאָל ביי טאָג געכאַפּט אַ דרעמעל. איצט שלאָף איך שוין גאָר ניט — האָט געענדיגט דער אַלטער מיט אַ טיעפען זיפץ.

— אָה, אויב אַזוי, דאַרפט איהר זיך קורירען, גענעראַל... זיך ערנסט קורירען — ראָטה איהם דער פאַלקאָווניק מיט טיעפען מיטלייד.

— קורירען? איך קוריר מיך, צום טייוועל... וואו בין איך שוין ניט געווען? איך בין שוין צו די דייטשען געפאָהרען... עס העלפט אָבער ניט — און דער גענעראַל גיט נאָך אַ העכערען געגעץ.

— די דייטשען קאָנען, דאַכט זיך מיר, גוט קורירען — בעמערקט דער פאַלקאָווניק נאָך אַ לאַנגער איבערלעגונג.

— זיי קאָנען געלד נעהמען... שאַרלאַטאַנעם! — בעמערקט דער גענעראַל אויפגעלעבט — און נעהמען נעהמען זיי דאָס געלד ניט ווי פּראָפעסאָרען, נאָר ווי אונזערע פּריקאַזשטשיקעס. צעהלט און צעהלט־איבער די פּאַפּיערלעך און זאָגט מיט אַ צופרידענעם שמייכעל: „ס'שטימט!" עקעלהאַפט! ניין, מיר זיינען די דייטשע פּראָפעסאָרען ניט געפעלען... כאָטש זיי זיינען אַזוי בעריהמט.

דעם פאַלקאָווניק וואונדערט אַזאַ מיינונג וועגען די דייטשען. דער

גענעראל אליין איז דאך אן עכטער דייטש... א גערשעלמאן פון די קורלאנדער דייטשען, און ער קוקט איהם ווידער אין פנים אריין. ביידע געהען אבער לאנג און שטיל.

— און מיין ווייב האבען זיי פונדעסטוועגען אויסגעהיילט! — בעמערקט נאך א קורצער פויזע דער פאלקאווניק.

דער גענעראל בלייבט מיט אמאל שטעהן און דרעהט זיך אום צו זיין בעגלייטער:

— אזוי? און וואס איז איהר געוועז?

— זי האט מיט'ן הארץ געליטען... שטארקע הארץ־קלאפעניש... האט זי א בערלינער פראפעסאר געשיקט קיין נאוהיים, און גאט צו דאנקען... זי פיהלט זיך איצט גוט.

— איך האב דאך אויך א הארצקלאפעניש, צום טייוועל... הארצקלאפענייש און עהנליכעס... הא? איהר פערשטעהט? — האט כמעט אויסגעשריען דער גענעראל, ווי איבערראשט.

— אה, אויב אזוי, דארפט איהר, גענעראל, אויך פאהרען קיין נאוהיים... נאר קיין נאוהיים... אבסאלוט! — פערזיכערט איהם דער פאלקאווניק.

דער גענעראל צולאכט זיך דערויף מיט אן אינוועניגסטען שטילען געלעכטער.

— איך בין שוין אין נאוהיים געוועזן, קיין קיסינגען געפאהרען, און עס ווערט מיר פונדעסטוועגען ניט בעסער. פערקעהרט, ערגער און ערגער — ענטפערט ער מיט א פערצווייפעלטער האנד־בעוועגונג — ניין! מיר וועט שוין נאוהיים ניט העלפען. מיר איז שוין צייט צו געהן אין אטסטאווקע... די העכסטע צייט! און איך וועל טאקע אט נאך די מאנעווערס בעטען, אז מען זאל מיך שוין אבלאזען — בעמערקט נאך א קורצער איבערלעגונג דער גענעראל און צולאכט זיך ווידער שטיל און טרויעריג, ווי פאר זיך, און לאזט ארונטער דעם קאפ אויף דער ברוסט, ווי א פעראורטיילטער צום טויט.

ביידע שווייגען ווידער אונהיימליך און שפאצירען אין דער שטילער נאכט הין און צוריק איבער'ן מארק־פלאץ.

— ביי וועלכען פראפעסאר האט איהר זיך קורירט, גענעראל? — פרעגט איהם פלוצים, ווי אן אויפגעוואכטער, דער פאלקאווניק. אהן אן אינטערעס אבער, נאר אום צו אונטערברעכען דאס אונהיימליכע שווייגען.

— איך? ביי פראפעסאר איזראעל, אין בערלין — ענטפערט ער איהם ניט גערן, כמעט בייז, אזוי ווי די פראגע וואלט איהם געוועזן העכסט אונאנגענעהם.

דער פאלקאווניק בלייבט שטעהן ווי אן איינגעגראבענער. דער גענעראל בלייבט אויך שטעהן.

— גאט איז מיט אייך, גענעראל! ווער זשע געהט זיך קורירען צו א זשיד? — ווענדעט זיך צו איהם דער פאלקאווניק אויפגערעגט.

— פארוואס? — פרעגט איהם דער גענעראל מיט א קאנוואולסיווען ציטער איבער'ן גאנצען קערפער זיינעם, אז דער פאלקאווניק באמערקט עס אפילו אין דער דונקעלהייט פון דער נאכט.

— ווייסט איהר דען ניט, אז די זשידעס זיינען אין דער מעדיציין דיזעלבע שארלאטאנעס ווי אומעטום ?

דער גענעראל קוקט איהם אן א ווײַלע שטום, אזוי ווי ניט ווייסענדיג וואס איהם דערויף צו ענטפערען, און שליידערט ארויס אזוי ווי פון זיך, קורץ און שארף: „טשעפוכא״! און שפאנט ייטער, אבער שוין מיט שנעלערע טריט ווי פריהער, כמעט לויפענדיג.

— וואס, איהר ווייסט עס ניט, גענעראל ? — חידוש'ט זיך דער פאל־קאווניק, איהם נאכשפאנענדיג.

דער גענעראל שטעלט זיך ווידער אב, דרעהט זיך אום צום פאלקאווניק און פרעגט הויך און שטרענג, ווי אויף אן אונטערזוכונג:

— און אייער פרוי, ביי וועמען האט זי זיך קורירט ?

— אה, מיין פרוי האט זיך ביי אן עכטען דייטש קורירט. ביי... ביי... לאמיך זיך אקארשט דערמאנען... יא, ביי פראפעסאר סענאטאר. אה, דאס איז א וועלט־בעריהמטהייט !

דער גענעראל האט זיך צולאכט הויך, מיט א שטורמיש בייזער פרייד:

— אך, פאלקאווניק ! פאלקאווניק ! — האט ער זיך געווענדעט צו זיין בעגלייטער מיט א שפאטישען פארוואורף.

— ווארום לאכט איהר, גענעראל ? — האט זיך בעליידיגט דער פאל־קאווניק.

— כא, כא, כא ! אייער סענאטאר איז פונקט אזא איד ווי מיין איזראעל. כא, כא, כא ! — און דער גענעראל האט איהם דערביי גוטמוטיג א קלאפ געטהאן אויף דער פלייצע.

— אונמעגליך ! עס קאן ניט זיין !

דער הויפטקאמאנדיר האט מיט אמאל געביטען דעם טאן:

— פארוואס איז עס אונמעגליך ? וואס הייסט אונמעגליך ? ווייל איהר ווילט ניט ? — האט ער שוין געדונערט אין דער נאכט־שטילקייט מיט זיין טעמפער און הייזעריגער שטימע דעם פאלקאווניק אין פנים אריין, אזוי ווי ער וואלט געווען אויף אן אינספעקציע אדער פאראד און דער פאלקאווניק וואלט פערדיענט א שטרענגען טאדעל.

— איך בעט אייך, גענעראל... אזא בעריהמטער און גרויסער פראפעסאר און א זשיד — ווי איז דאס מעגליך ? דאס איז דאך ניט גלויבליך ! — שטא־מעלט שוין גאנץ פערלעגען דער פאלקאווניק.

— וואס ? איהר גלויבט מיר ניט ? — שרייט אויף איהם זיין עלטסטער.

— פאמילויטיע, וואשע וויסאקא פרעוואסכאדיטעלסטווא ! אז איהר בעהויפטעט, מוז איך גלויבען... דיסציפלין ! — פרובירט זיך פערענטפערען דער פאלקאווניק, האלטענדיג שוין די האנט אונטער'ן דאשיק.

ביידע קוקען זיך אן א קורצע ווײַלע.

— בעהויפטעט ! בעהויפטעט ! — קרימט איהם איבער דער גענעראל — פאר־וואס־זשע רעדט איהר אזעלכע נארישקייטען, הא ? און נאך א פאלקאווניק — — ווארטשעט ער און לאזט זיך ווייטער געהן שנעל, אזוי ווי ענטלויפענדיג פון זיין בעגלייטער.

— גענעראל ! — רופט איהם בעליידיגט דער פאלקאווניק.

— גענעראל! גענעראל! איך ווייס אז איך בין א גענעראל — שרייט ער ווידער נערוועז און אין דער העכסטער אויפרעגונג אויפ'ן פּאָלקאָווניק — פערהאַלט מיך ניט! — און ער דרעהט זיך צו איהם מיט די פּלייצעס און לאָזט זיך שנעל געהן צו דער אַכסניה.

דער פּאָלקאָווניק בלייבט אליין, שטעהט לאַנג און אונבאַוועגליך אין דער דונקעלהייט פון דער נאַכט אויפ'ן מאַרק-פּלאַץ, איבערראַשט פון דעם גענע־ראַל'ס אונבעגרייפליך גראָבער און בעליידיגענדער בענעהמונג.

די צוויי סאָלדאַטען בלייבען ווידער אויסגעצויגען, פערגליווערט אויף זייערע ערטער, מיט די ביקסען פאַר די פּנים'ער.

דער הויפּטקאָמאַנדיר צושרייט זיך איצט אויף זיי:

— וואַלנאַ! וואַלנאַ! האָב איך דאָך אייך געזאָגט!

און זיין שטימע פּלאַצט אין דער דונקעל-בלויער נאַכט מיט אַזאַ פערדרוס און געערגערטען אַקאָרד, אַזוי ווי זי וואָלט צושאָטען אין דער לופט פערשטיקטע טרערען, א דערוואָרגענעם וועהטאַג און א קרעכץ.

די איבערגעשראָקענע סאָלדאַטען לאָזען אראָב די ביקסען, ריהרען זיך אָבער לאַנג ניט פון אָרט, פערהאַלטענדיג דעם אָטעם אין די ברוסטען.

דער אַלטער מאַן זעצט זיך צו אויף א באַנק נעבען אייננפאַהר, און פער־געסט אַז די צוויי לעבעדיגע פערגליווערטע מענשען.

וועו ניט זייער איינגעהאַלטענער אָטעם, וועלכער קעמפט שוין און בעוועגט זייערע ברוסטען, וואָלט מען זיי געקאָנט אָננעהמען פאַר גרויע סטאַטוען און ניט פאַר מענשען.

א לאַנגע, שווערע פּויזע, בעזאָנדערס פאַר די צוויי סאָלדאַטען...

דער קאָמאַנדיר הויבט זיך צוריק אויף פון דער באַנק, נערוועז און אונ־רוהיג, ווי געפּלאָגט פון א טיעפער אינערליכער ניט-גוטקייט, וואָס לאָזט איהם ניט רוהיג איינזיצען, און לאָזט זיך ווידער געהן צום מאַרק-פּלאַץ, דרעהט זיך אָבער באַלד אום, געהט צו נאָהענט צום אידישען סאָלדאַט און פרעגט איהם שטרענג:

— פון וואָס פאַר א פּאָלק ביזטו?

— 123טער נאָוואָגאָראָדסקי פּאָלק, צווייטע ראָטע, וואַשע וויסאָקאָ פּרע־וואָסכאָדיטעלסטווא — פּויקט אויס אין דער נאַכט-שטילקייט דער איד מיט א שלעכטען רוסישען אַקצענט און זיין ררר... גרילצט אין דער נאַכט-לופט ווי א זעג אין האָלץ.

— וואָס פאַר א גלויבען?

— אידישען גלויבען, וואַשע וויסאָקאָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ.

— אַזוי? ביסט א איד? — רופט אויס דער גענעראַל ערנסט פער־וואונדערט און צופרידען — המ... המ... און ווי לאַנג דיענסטו?

— צוויי יאָהר, וואַשע וויסאָקאָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ — פּויקט פלייסיג דער איד און די ווייטע נאַכט רופט זיך דערויף אָב מיט א הילכענדען און שפּאָטענדען „סטוואָ".

דער גענעראַל דרעהט זיך שנעל אום צום צווייטען סאָלדאַט:

— פון וואָס פאַר א גלויבען ביסטו? אויך אידישען?

— ניקאָק ניעט, וואַשע וויסאָקאָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ! איך בין א

קאטאליק — ענטפערט דער סאלדאט שטילער, מיט א בעליידיגטען שטאלץ.

— המ... המ... פאליאק? וואס?

— טאק טאטשנא, וואשע וויסאקא פרעוואסכאדיטעלסטווא — פויקט שוין אויך דער קאטאליק, אבער מונטערער ווי פריהער.

— אזוי... אזוי... המ... המ... און ווען איז ביי אייך דער דיען „פראש־טשעניא” (יום־כפור)? — ווענדעט ער זיך צוריק צום אידען.

— מארגען, וואשע וויסאקא פרעוואסכאדיטעלסטווא.

— המ... מארגען —און דער גענעראל פערטראכט זיך. — זעה ביי מיר מארגען צו דאוונען זיך... געה אין סינאגאגע און דאווען! „באגו מאלים”! — בעפעהלט ער שטרענג דעם אידען נאך א קורצער פויזע.

— אויב מ'וועט אבלאזען, וואשע וויסאקא פרעוואסכאדיטעלסטווא — ערלויבט זיך צו בעמערקען דער איד.

— איך וועל אבלאזען... אלע אידען אבלאזען באלד — און דער גענעראל הויבט אן צו קלאפען אין פענסטער און רופען:

— אדיוטאנט! אדיוטאנט!

האסטיג און איבערגעשראקען לויפט ארויס פון דער אכסניה דער וואכענ־דיגער אדיוטאנט, ציהט זיך אויס ווי א סטרונע פאר זיין בעפעהלער.

— איך געהארך, וואשע וויסאקא פרעוואסכאדיטעלסטווא!

— גיט א בעפעהל צום קארפוס, אז מארגען זאל מען בעפרייען... ווען איז ביי אייך יום־כפור? — פרעגט ער איבער דעם אידישען אלדאט.

— מארגען אוועגד און איבערמארגען, וואשע וויסאקא פרעוואסכאדי־טעלסטווא...

— מארגען אוועגד און איבערמארגען.... ניין, אויף גאנצע צוויי טעג, זאלען אלע אידישע סאלדאטען בעפרייט ווערען! זיי האבען יום־טוב, א גרוי־סען יום־טוב! „דיען פראשטשעניא”, איהר פערשטעהט? זאלען זיי קאנען געהן אין זייער סינאגאגע בעטען. וואס קוקט איהר אזוי אויף מיר? איהר פערשטעהט ניט מיין בעפעהל, וואס? — שרייט ער שוין נערוועז אויף זיין אדיוטאנט, אבער ניט ווי קיין גענעראל, נאר ווי א קאפריזנע קינד.

— איך פערשטעה, וואשע וויסאקא פרעוואסכאדיטעלסטווא... אבער!

— וואס פאר אן אבער? אהן אבער!

— דער גאנצער קארפוס איז דאך אין וועג. עס קאן זיין, אז מארגען וועט אויך דער שטאב זיך מוזען לאזען אין וועג אריין...

דער גענעראל פערשטעהט, אז ער פערלאנגט פון זיין אונטערגעארדענטען אונמעגליכעס. אבער דאס אליין מאכט איהם נערוועזער און אויפגערעגטער ווי א קינד, וועמעס קאפריזען עס קאנען ניט ערפילט ווערען. ער ציטערט פון כעס און שרייט:

— אהן רעדעס! איך ערלויב אייך ניט אריינצולאזען זיך אין קריטיקען און דעבאטען וועגען די בעפעהלען פון א הויפטקאמאנדיר.

דער אפיציר קוקט אויפ'ן הויפטקאמאנדיר ניט וועניג פערוואונדערט, און ווייס אליין ניט וואס צו דענקען פון דעם אלטען מאן. אין אזא אויפגע־רעגטען צושטאנד האט ער איהם נאך ניט געזעהן.

— ווינאוואט. וואשע וויסאקא פּרעוואסכאדיטעלסטווא — פּרובירט ער איהם בערוהיגען.

— סטופּאיטע! — בעפעהלט איהם דער הויפּטקאמאנדיר, כדי פּטור צו ווערען פון איהם און פון דער גאנצער אונאנגענעהמער פראגע, און לאזט זיך ערשט ארונטער אויף דער באנק.

דער אדיוטאנט שטעהט אבער נאך א ווײלע אונענטשלאסען, דרעהט זיך אום „מיליטעריש" און געהט אב לאנגזאם אין שטאב, נאכדענקענדיג איבער דעם גייסטיגען צושטאנד פון זיין עלטסטען.

און ווידער שווייגט די דונקעל־בלויע נאכט, שווייגט אונהיימליך און געהיימניספול, ווי א טיעף פערבארגענער סוד.

די שטערען בליאסקען, פלאטערען און ווינקען ווידער שעלמיש, אזוי ווי זיי וואלטען געוואוסט די בעהאלטענע סודות פון אלע מענשליכע הערצער און פון דעם אלטען גענעראל, וועלכען דער שיקזאל האט אין זיין שפּעטען עלטער געבראכט אין דעם שטעדטעל, וועלכער שלאפט ניט, איז אזוי אויפגערעגט און געפלאגט אין מיטען דער איינגעשלאפענער און רוהיג פער׳חלומ׳טער וועלט.

און די באטארעען ציהען זיך נאך אלץ אונאויפהערליך איבער׳ן ווייטע שאסע און גרילצען ווי אונערמיעדליכע גרילען אין א פריפעטשאק.

געטריבען פון דעם פלאגענדען סוד זיינעם, הויבט זיך דער אלטער מאן ווידער אויף פון זיין פלאץ, געהט פערביי די צוויי פערגליווערטע אויסגעצויגענע שומרים, פערשווינדט אין דער דונקעלער נאכט, קומט אבער באלד שנעל צוריק, אזוי ווי איבערגעשראקען פון זיין איינזאמקייט אויף דער וועלט, און פרעגט דעם אידען מיט א שטימע פון א בענקענדען און פערטראכטען מענשען:

וויפיעל אידען זיינען דא אין אייער פאלק?

— ניע מאגו זנאט (איך קען ניט וויסען), וואשע וויסאקא פּרעוואסכאדי־טעלסטווא! — פּויקט אויס מיט זיין קאזארמע־ניגון דער אידישער סאלדאט.

דער קאזארמע־ניגון מיט דער גאנצער סאלדאטסקער דיסציפּלין, אויף וועל־כע דער מענש האט פערבראכט אלע זיינע יאהרען, רעגען איהם איצט אויף ווי א ווילדער דיסאנאנץ, ווי א טייוואליש־בייזער שפּאס איבער זיין זעעלען־צושטאנד...

א ציטערענדער פון נייער אויפרעגונג, כאפּט ער דעם אידישען סאלדאט אן ביים קאלנער פון גרויען שינעל, טרייסעלט איהם און כריפּעט איהם אין פּנים אריין, ווי א געווארגענער:

— ניע מאגו זנאט! ניע מאגו זנאט! באלוואן! אזוי ענטפערט א מוזשיק, אבער ניט קיין איד!

דער אויסגעצויגענער אידעל ציטערט ווי א פיש פון וואסער.

פלוצים צוטראגט זיך איבער׳ן מארק־פלאץ א הילך פון דריי קלעפּ אין א לאדען. דער הילך קלינגט אפּ אין דער ווייטער און שטילער נאכט, צושיט זיך און שטארבט אב מיט א צאפּעלדיגען ווידער־קול און א ווייטע געדעמפּטע ברוסט־שטימע רופט, ווי פון יענער וועלט:

— אידען! שטעהט אויף צו שלשל־עשרה מדות!

דער גענעראל ציטערט אויף מיט׳ן גאנצען קערפּער, לאזט אב דעם קאלנער

פון דעם אידעל'ס שינעל און קוקט איהם גלייך אין פנים אריין מיט ברייטע, איבערגעשראָקענע און פרענגענדיגע אויגען.

ווידער הילכען אין דער ווייטען דריי קלעפּ, און ווידער דיזעלבע שטימע:

— אידען שטעהט אויף צו שלשל־עשרה מדות!

און אז די ווייטע דונקעל־בלויע נאַכט מיט די ווינקענדע שטערען חזר'ט איבער דעם רוף, קומט דער ווידער־קול צוריק און פלאַצט אין דעם גענעראַל'ס אויערען און אין זיין נשמה, ווי אַ בת קול, ווי אַ דראָהענדע הזמנה פון יענער־וועלט ווי אַ רוף צום דין־וחשבון...

— וואָס איז דאָס? — פרעגט דער גענעראַל ביים אידישען סאָלדאַט.

און מערקווירדיג! — דער גאַנצער פחד פאַר דעם בייזען גענעראַל פערשווינדט ביי דעם אידען, און ער ענטפערט רוהיג און קאַלטבלוטיג:

— דאָס וועקט מען די אָידען „נאַ מאָליטוואו" (צי תפלה).

און אַזוי ווי אַ גוטע און זיסע קינדערשע עראינערונג וואָלט פלוצלינג געקומען איבער'ן אַלטען מאַן.

מיט אַן אראָבגעלאָזטען קאָפּ שטעהט ער אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, איינגעהויקערט און צוזאַמענגעדרעהט אין זיין גרויען שינעל און וואַרט אויף אַ נייעם קלאַפּ אין לאָדען, אויף אַ נייעם רוף: „שטעהט אויף! שטעהט אויף!".

און דאָס קלאַפּען און וועקען קומט אַלץ נעהנטער און נעהנטער... ווי אַן ערלייזונג... אָט איז עס שוין ביי דער נעקסטער שטוב אין געסעל, אָט וועט ער קאָנען זעהן דעם „באָזשע טשעלאָוועק" (געטליגען מענש), וואָס וועקט די נשמות און האָט אויך זיינע מיט אַמאָל אויפגעוועקט, געבראַכט זי צו אַן אַנדערער בעקאַנטער, אָבער שוין לאַנג פערגעסענער וועלט, וואָס האָט איר אַזוי אויפגערודערט און ערשיטערט...

עס קרעהען די העהנער.

דאָ און דאָרט צינדט זיך אָן אַליכט אין אַ פענסטער, דער שיין פאַלט אויפ'ן מאַרק־פלאַץ און ברענגט אין בעוועגונג נאַכט־שאָטענס...

די נאַכט־שאָטענס לויפען און שפּרינגען איבער'ן מאַרק־פלאַץ, ווי די ערוואַכטע קינדער־זכרונות אין קאָפּ פון דעם אַלטען גענעראַל.

„שטעהט אויף! שטעהט אויף צו שלשה־עשרה הדות!"

— אַך, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ! וואָס שרייסטו ביינאַכט? ווער האָט עס דיר ערלויבט אַזוי צו שרייען? — דונערט אַ שטימע, און אַ קאָזאַצקע נאַגאַיקע הויבט אָן צו קלאַפּען שטאַרק און אָפט, ווי מען קלאַפּט אויס אַ פעלץ.

— אוי, אוי, אוי! איך וועק... איך וועק נאָר... אוי, אוי, אוי! — הויבט אָן צו שרייען שוין גאַנץ נאָהענט דיזעלבע שטימע, וואָס האָט ערשט געוועקט צו עבודת הבורא, אָבער שוין אָהן איהר פריהערדיגען מאַיעסטעטישען קלאַנג, אָהן דעם פייערליכען הזמנה־טאָן.

די שטימע איז שוין אַ צובראָכענע און צוטרעטענע.

— דו וועקסט! וועמען וועקסטו, האַ? איך וועל דיר געבען וועקען! נאַ טעביע! נאַ טעביע! — שרייט די נאַגאַיקע און שמייסט אונבאַרמהערציג און

פייפט אין דער נאַכט־לופט און אין דעם גענעראַלס נשמה, און טהוט איהר אזוי וועה, ווי זי וואלט איהם זיין צוזאמענגעדרעהטען קערפער געשמיסען
— גוואלט! גוואלט! אידען ראַטעוועט! ראַטעוועט!
— ראַטעוועט? נא טעביע ראַטעוועט! קיין יערוסאַלים! קיין יערוסאַלים זאַלסטו פאַהרען וועקען! דאַ איז ראַסיא! איך וועל דיר...
און פון געסיל לויפען צוויי געשטאַלטען, אַ קליין אידעל וואָס דרעהט זיך און קנייטשט זיך אונטער די שמיץ און אַן אָפיציר, וועלכער האלט אין איין שמייסען.
דער גענעראַל דערקענט אין קול דעם פּאַלקאָווניק און לויפט שוין אויך אַנטקעגען.
אין שטעדטעל ווערט אַ טרעוואָגע...
פון די הייזלעך שפּרינגען אַרויס איבערגעשראָקענע ווייסע נאַכט־געשטאַלטען, ווי אויפגעוועקטע מתים פון זייערע קברים.
דאָס אידעל ליגט שוין אויף דר'ערד, דער אָפיציר שטעהט איבער איהם און שמייסט און שרייט מיט אַ ווילדער רציחה:
— דערשיסען! דערשיסען וועל איך דיך, זשידאָווסקאיאַ מאָרדאַ!
— פּאַלקאָווניק! פּאַלקאָווניק! ווער האָט אייך געגעבען דאָס רעכט? — דונערט דער לויפענדער גענעראַל — פאַרוואָס שלאָגט איהר איהם, האַ?
ער שטעהט שוין פאַר'ן פּאַלקאָווניק און ציטערט פון כעס און אויפרעגונג.
— דערפאַר וואָס ער שטערט בייאַנאַכט די געזעלשאַפטליכע רוה, גענעראַל!
— ענטפערט איהם דער פּלאַץ־אַדיוטאַנט בייז.
— איהר זייט אָבער דאָ ניט די פּאָליציי און איהר האָט דאָ ניט קיין מאַכט! איהר האָט אַ מאַכט נאָר איבער אייערע אונטערגעאָרדענטע סאָלדאַטען, און דאָס אין די ראַהמען פון געזעץ, אָבער ניט איבער דער ציווילער בעפעלקערונג.
ער ווערט שיער ניט דערוואָרגען פון כעס און עמפּערונג.
— מיך וואונדערט, גענעראַל, וואָס איהר נעהמט זיך אָן פאַר אַ זשיד — בעמערקט דער פּאַלקאָווניק, און אויך מיט אַ דערשטיקטען כעס אין זיין שטימע.
— „מאָלטשאַט“! איך ערלויב אייך ניט צו רעדען! אָט־אָט שיק איך אייך אויף דער הויפּט־וואך און לאָז אייך אַרעסטירען! — שרייט דער אַלטער מאַן מיט זיינע לעצטע כחות. — וואו זייט איהר עס? אין אַ פרעמד, איינגענומען לאַנד? ביי די האָטענטאָטען אין אַפריקאַ זייט איהר עס?
פון שטאַב קומען האַסטיג צו לויפען דער אַדיוטאַנט און נאָך עטליכע אָפיצירען.
— אוי, מיין קאָפּ, מיין קאָפּ! דער'הרג'עט, דער'הרגעט... אויף טויט דערהרגעט — קרעכצט און וויינט דאָס אידעל אויף דר'ערד.
— ברענגט אַהער אַ לאַמטערן! — בעפעהלט דער קאָמאַנדיר צו די אָפיצירען.
אַ נאַכט געשטאַלט שפּרינגט אַריין אין אַ דערבייאיגען הויז און טראָגט אַרויס אַ לאָמפּ.

דער גענעראל נעהמט דעם לאמפ אין דער האנט און בויגט זיך אן איבער'ן אידען.

— בלוט! צובלוטיגען און אונשולדיגען מענשען — שפרינגט ער אב עמפערט און מיט אבשיי. — וואס פאר א געמיינהייט! שעהמט אייך, פאל־קאווניק! דאס רופט מען בארבאריזם... דאס... דאס... איהר שענדעט איינפאך דעם מונדיר פון אן אפיציר מיט אזא בארבאריזם — און דער אלטער מאן געפינט ניט אין זיין עמפערטען גייסט קיין נאמען, קיין בעצייכנונג, פאר דעם פאלקאווניק'ס נידערטרעכטיגקייט, און דאס מאכט איהם נאך אויפגערעגטער, נאך אויפגעבראכטער.

— א גרויסע זאך! אנגעקלאפט א זשיד — בעמערקט דער הוליגאן.

— פאר ארעסט! אויף דער הויפטוואך! אויף דער הויפטוואך! געהט אליין און הייסט זיך ארעסטירען... אויף א מעת־לעת! — דונערט דער גענעראל אדיוטאנט.

דער פאלקאווניק פערשווינדט שנעל אין דער נאכט־פינסטערניש. די אפיצירען קוקען זיך אן איינער דעם אנדערען איבערראשט אין די פנים'ער און שטוינען.

— ער האט דיך איבער'ן קאפ געשלאגען? — פרעגט דער גענעראל, זיך אנבויגענדיג נאכאמאל איבער'ן אידען.

— יא, איבער'ן קאפ... דער'הרג'עט מיין קאפ... איך האב שוין ניט קיין קאפ — וויינט דערזועלבער איד, וואס האט ערשט אזוי שטאלץ גערופען צו עבודת הבורא, ווי א קליין קינד, און האלט זיך מיט די צוויי צובלוטיגטע הענט ביים קאפ.

די אפיצירען קאנען זיך ניט איינהאלטען און צולאכען זיך הילכיג און געשמאק.

— ווי שעהמט איהר זיך ניט, גאספאדא? וואס איז דא פאראן צו לאכען? — קאכט זיך איצט שוין אויף זיי דער קאמאנדיר, און איז אליין גרייט זיך פונאנדערצוּוויינען פון מאכטלאזער ערגערניש און כעס.

— פארוואס־זשע האט ער דיך געשלאגען? — פרעגט ער דעם אידען.

— איך בין ניט שולדיג. איך בין אן ארענטליכער איד. איך האב צעהן קליינע קינדערלעך און א פרוי... איך האב נאר געוועקט... צו גאט'ס דיענסט געוועקט... עס איז מיין פליכט... מען האט מיך געדונגען. איך בין ניט שולדיג, פריץ! פרעגט אלע אידען אין שטעדטעל... יעדער איד וועט אייך זאגען, אז איך בין אן ארענטליכער מענש... דער פאני פריסטאוו קען מיך אויך. אך. מיין קאפ! דער'הרג'עט מיין קאפ...

די אפיצירען לאכען ווייטער איבער'ן צובלוטיגטען אידען, מיט דעם ווייב און צעהן קינדער.

פאר'ן גענעראל אבער איז איצט געלעגען ניט א טראגי־קאמישער אידעל.

דער בת־קול, וועלכער האט איהם גערופען, די שכינה אליין איז געלעגען פאר איהם איצט א פערשוועכטע, א צוטראטענע און א צובלוטיגטע...

— וועקט אויף דעם שטאב־דאקטאר און גיט דעם ארימען מענשען די ערשטע מעדיצינישע הילף... נעהמט איהם אין שטאב אריין, אדיוטאנט! —

בעפעהלט דער גענעראל. — עס קאָן זיין, אַז דער שאַרבען איז ביי איהם צובראָכען.

דער אַדיוטאַנט שטורכעט דעם אידען מיט'ן שטיוועל און בעפעהלט איהם, מיט אַז עקעל אין דער שטימע:

— ווסטאַן! נו, שטעה אויף, זאָגט מען דיר!

דער איד דערשרעקט זיך און כאַפּט אַרום דעם גענעראַל'ס פיס, און הויבט איהם אָן צו בעטען:

— ניעט, ניעט! איך בין ניט שולדיג, פּריץ! איך האָב נאָר געוועקט... גאָט צו דינען... האָב אויף מיר רחמנות! צעהן קינדער... קליינע קינדערלעך און איין ווייב. איך בין אַ „טשעסטני יעווריי" (אַ ערענטליכער איד)... פרעגט דעם פּריסטאַוו.

— נאַרישער מענש! מען וועט דיר גאַרנישט טהאָן — בערוהיגט איהם דער גענעראַל — דער דאָקטאָר וועט נאָר בעטראַכטען דיין קאָפּ... פער־שטעהסט? מען וועט דיך פערבאַנדאַזשירען און מען וועט דיך אַבלאָזען.

— ניין, ניין! לאָז מיך אָב צו מיין ווייב און קינדערלעך. איך נעהם אַ האַלב קערבעל אַ וואָך... איך בין אַן אָרימער איד... פרעגט אַלעמען אין שטעד־טעל — בעט זיך דער שמש און נעהמט זיך קושען דעם גענעראַל'ס שטיוועל.

— נו, באָג ס'טאָבאָי! אַה, הער אויף — שפּרינגט פון איהם אָב דער הויפּט־קאָמאַנדיר. — שטעה אויף! האָב קיין מורא ניט! גאָה, קיינער וועט דיך גאַרנישט טהאָן. שטעה אויף! — בעפעהלט ער איהם שוין שטרענג.

דער שמש הויבט זיך אויף אַ ציטערענדיגער פון דער ערד.

דער גענעראַל נעהמט שנעל אַרויס זיין טייסטער, שלעפּט אַרויס פון דאָר־טען מיט ציטערענדיגע הענט אַ פּאַפּירעל און דערלאַנגט עס דעם אידעל.

— נאַ דיר, ווסטו געבען דיין ווייב אויף יום־טוב.

דער איד וויל זיך ווידער וואַרפען צו זיינע פיס.

דער גענעראַל ווענדעט זיך אָב פון איהם נערוועז און שרייט שוין:

— סטופּאַי! סטופּאַי סעביע ס'באָגאָם! (געה! געה זיך דיר מיט גאָט!)

דער שמש שטעהט אָבער נאָך אַ ווייל, אונבעהאָלפען און אונענטשלאָ־סען, גיט זיך אָבער מיט אַמאָל אַ ריס פון אָרט און מאַכט אַ ויברח, און באַלד פער־שווינדט זיין קליינע פיגור אין דער דונקעלער נאַכט.

די אָפיצירען צולאַכען זיך ווידער, אָבער נאָך געשמאַקער ווי פריהער. דער גענעראַל דרעהט זיך שנעל אום און פערשווינדט אויך אין דער דונקעלהייט.

— ר' חיים! וואָס איז געווען? — רופט נאָך הילכיג דאָס לויפענדע אידעל אַ נאַכט־געשטאַלט פון אַ הויז.

— פרעגט ניט! אַ נס... אַ גרויסער נס... איך לויף גומל בענשען — ענטפערט אָב דער שמש שוין ערגעץ פון אַ געסעל.

— דאָס איז אַ רציחה... וואָס פאַניע גנב קאָן — רופט זיך אָב פון ערגעץ אַן אַנדער שטימע.

— נישקשה! ער האָט שוין ניט דערלעגט... געפּאַקט אויף יום־טוב — שרייט אין דער נאַכט־לופט אַן אַנדער איד.

די אפּיצירען לאָזען זיך גערן צוריק אין שטאָב און הערען ניט אויף געשמאַק צו לאַכען פון דעם אינצידענט.

— דאָס איז אַ גענעראַל! מיין לעבען וואָלט איך פאַר איהם אוועקגעגעבען — זאָגט דער אידישער סאָלדאַט צום פּאַליאַק נאָכדעם ווי די אָפיצירען פערשווינדען אין דער אכסניה.

— אַ זשידאָווסקי גענעראַל! — ענטפערט דער פּאַליאַק און שפּייט ווייט אויס מיט פעראַכטונג.

אין בית־המדרש ווערען אָנגעצונדען לאָמפּען. זייער ליכט פאַלט דורך די פענסטער אויפ'ן מאַרק־פּלאַץ און בעלייכטען אַ גרויסען שטח. פון אַלע זייטען הויבען זיך אָן בעוועגען דונקעלע פיגורען, קרייצען דורך דעם שטח און פערשווינדען אין מקום־קדוש.

מען הויבט דאָרט אָן צו זאָגען שלש־עשרה מדות, און די קולות פון די מתפּללים צוטראָגען זיך איבער'ן מאַרק און איבער אַלע געסלעך און צוטרייבען די געדיכטע געוואָרענע נאַכט־פינסטערניש...

דער אידישער סאָלדאַט זאָגט נאָך די תפלות שטילערהייד, געבויגען אויף זיין ביקס.

עס טאָגט.

פון דער אכסניה ערשיינען דריי פיגורען, דער בעל־הבית, זיין ווייב און דער משרת. זיי געהען צו סליחות אין בית־המדרש אריין.

אין בעלויכטענעם שטח ערשיינט ווידער דער גענעראַל און פערשטעלט זיי דעם וועג.

— נאָ מאַליטוואָ כאָזיאַאין? (צום דאַווענען בעל־הבית?) — פרעגט ער איהם מיט אַ שמייכלענדיגען און צוגלייך קנאה'דיגען טאָן.

דער בעל־הבית בלייבט שטעהן איבערגעשראָקען. דאָס ערשיינען פון דעם גענעראַל אין אַזאַ שפּעטער נאַכט־שטונדע איבעראַשט איהם.

— „נאַ מאַליטוואָ, וואָשע וויסאָקאָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ! — ענטפערט פאַר איהם מונטער דער משרת, אַ געוועזענער סאָלדאַט.

— „כאָראָשאָ! כאָראָשאָ"! (גוט! גוט!) — ערמונטערט איהם דער גענעראַל און קוקט זיי לאַנג און פערטראַכט אָן.

— זאָג מיר נאָר, כאָזיאַאין — ווענדט ער זיך צום בעל־הבית פון דער אכסניה, ווי אַן אויפגעוואַכטער — אָט דאָרט, נעבען אייער בית־הקברות איז אַמאָל, געדענק איך, געווען אַ טורם, אַן אַלטער פּוילישער טורם... נאָך פון כמעלניצקי'ס צייטען. פאַרוואָס זעה איך איהם ניט?

— מען האָט איהם, פּריץ, צונומען. דער בעל־הבית פון שטעדטעל האָט איהם צונומען — ענטפערט איהם דער בעל־הבית פון דער אכסניה.

— אַזוי? אַ שאָד! אַ שאָד! אַזאַ שעהנער טורם געווען! — בעדויערט דער גענעראַל מיט פערדרוס און ווערט אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגען. — יאָ, ווייטער, געדענק איך, זיינען דאָ ביי דער סינאַגאָגע אַמאָל קברים געווען... קברים פון חתן־כלה... כמעלניצקי האָט זיי דער'הרג'עט אונטער דער חופּה... זיינען זיי שוין אויך ניטאָ?

— זיי זיינען דאָ!... זיי זיינען דאָ!... אָבער דאָס איז ניט ביים בית־המדרש, נאָר ביי דער שוהל, הינטער די קלייטען — און דער בעל־אכסניה ווייזט

איהם אַז מיט דער האַנט, וואו די שוהל איז.

— ווייסט ניט, בעל־הבית, פערקויפט דער פריץ אפשר דאָס שטעדטעל?

— ס'איז חידוש אַביסעל! נאָך אַ מין פערקויפען! — ענטפערט איהם אויפגעלעבט, פאַר'ן בעל־הבית, דער משרת. — אפשר ווילסטו, פריץ, עס קויפען וועלען מיר עס אויסמעקלערען.

דער מעקלער געפעלט איהם אָבער ניט און ער האָט חרטה אויף דער פראַגע.

— נו, איך וויל אייך ניט אויפהאַלטען... געהט, געהט גאָט בעטען! ווייסטו וואָס, כאַזיאַין, אַז דו ווילסט, שטעל פאַר מיר אויך אַ ליכטער, אין סינאַגאָגע — „סדיעלאַי אַדאַלזשעניע" — טהו אַ טובה, — בעט זיך ביי איהם דער גענעראַל מיט אַן אונזיכערער, ציטערדיגער און אומעטיגער שטימע.

דער איד קוקט זיך איבער מיט זיין ווייב און מיט'ן משרת און ענטפערט איהם פערלעגען און ניט באַלד: — ליכט שטעלט מען ביי אונז נאָר פאַר טויטע, בעהיט גאָט, אָבער ניט פאַר לעבעדיגע.

— וואָט קאַק! — מאַכט דער גענעראַל ענטוישט, שטעהט נאָך אַ ווײַלע מיט אַן אַרונטערגעלאָזטען קאָפּ, כאַפּט זיך אויף, בעגריסט זיי מיט דער האַנט, ווי אַפּיצירען בעגריסען זיך, און פערשווינדט.

אַלע דריי קוקען איהם נאָך אַ ווײַלע באַוואונדערט און געהען אַריין אין בית המדרש.

דער גענעראַל לאָזט זיך געהן איבער'ן מאַרק־פּלאַץ, בעזוכט אייניגע געס־לעך, קומט צו דער שוהל מיט די קברים שטעהט דאָרט לאַנג און פאַרטראַכט, און קומט צוריק צום בית המדרש.

„שמע קולנו ה' אלהינו חוס ורחם עלינו", טראָגט זיך פון דנרט דעם חזנ'ן וויינענדיגע שטימע.

„שמע קולנו ה' אלהינו", כאַפּען אונטער הונדערטער וויינענדיגע קולות און צוטראָגען זיך איבערן שטעדטעל, איבער די איינגעהויקערטע, אַלטע הייזלעך, וועלכע הויבען אַן דאָ און דאָרט ביים גרויען מאָרגענליכט אויסצוואוואַקסען פון דער ערד, ווי גרויסע, אויסגעקרימטע שוועמלעך.

ווי דערשטיקטע, פערמוטשעטע גייסטער וויינען די קולות און צוטראָגען ווייט דעם טיעפען, הונדערט־יעהריגען שמערץ און טרויער פון אידישען פאָלק.

און דער שמערץ גיסט זיך אין גענעראַל'ס ברוסט, ווי אַ זיסער אוי גיפ־טיגער וועהטאָג, און קלעמט צונויף דאָס אַלטע און קאַנרקע האַרץ זיינס.

עס שווידערט איהם...

אַזוי ווי אַ מעכטיגע שטראָפענדע האַנט גיט איהם אַ שליידער צו דער ערד אויף די קניה און ער הויבט זיך אָן שנעל־שנעל צו צלם'ען און צו שעפּ־טשען אַן אונזיכערע און צאַפּעלדיגע תפילה מיט זיינע ליפּען.

פלוצים אָבער בלייבט די האַנט מיט די אויפגעהויבענע פינגער פאַר'ן צלם'ען הענגען אין דער לופטען ווי געלעהמט און די תפלה אויף זיינע ליפּען ווערט פאַרפראָרען...

ער ווייס ניט צו וועלכע גאָט ער זאָל זיך ווענדען מיט זיין תפילה. און לאַנג, לאַנג שטעהט אַזוי דער גענעראַל אין דעם מוטנעם טרויעריגען מאָרגען־

ליכט געקניהט פאר'ן בית המדרש, פאר'ן אייביגען פאלק מיט דעם טיעפען אייביגען שמערץ פון זיינע תפילות.
און הייסע טרערען פערלען זיך, ווי דער צאפלענדער מארגענטוי, און בריהען זיינע באקען.
פון שטאב לויפט ארויס אין האסט און אהן דער היטעל דעם גענעראל'ס אדיוטאנט און פרעגט דעם אידישען סאלדאט:
— וואו איז דער הויפט־קאמאנדיר?
דער סאלדאט ווייזט איהם אן אין דער ריכטונג, וואו דער בית המדרש שטעהט און וואוהין ער האט איהם געזעהן פערשווינדען.
דער אדיוטאנט לויפט אהין און שטויסט זיך אן אויף דער קניהענדער פיגור אין גרויען מארגענליכט און בלייבט שטעהן פערגליווערט און איבערראשט.
— וואשע וויסאקאפרעוואסכאדיטעלסטווא! — רופט ער איהם אין א ווילע ארום אב פארזיכטיג.
דער הויפט־קאמאנדיר שפרינגט אויף פון דער ערד, ווי ערוואכט פון שלאף.
— ווי ערלויבט איהר זיך מיך צו בעאונרוהיגען, ווען איך ריכט אב מיין גאטעסדיענסט! — שרייט ער צארניג אויפ'ן אדיוטאנט און זיין הארץ ווערט שיער ניט צוריסען פון קלעמענדען הארצוועהטאג, פאר דער צושטערטער הייליגער און זיסער רוה אין זיין נשמה.
— גענעראל, מיר האבען א בעפעהל צו אטאקירען די ווארשעווער ארמעע — ראפארטירט דער אדיוטאנט מיט די הענט אויסגעצויגען אין דער גאנצער לענג פון זיין גרויסען קאזאצקען קערפער.
— ופאכאד? (אין וועג אריין?) — פרעגט איהם דער גענעראל.
— יא, ופאכאד! — ענטפערט דער אפיצער.
א קורצע פאוזע...
דער הויפט־קאמאנדיר הויבט אויף דעם ארונטערגעלאזטען קאפ און בעפעהלט:
— ופאכאד!
דער אדיוטאנט בעגריסט איהם, דרעהט זיך אום ווי א סאלדאט און לויפט צוריק אין שטאב אריין.
זיין עלטסטער געהט איהם לאנגזאם נאך מיט א געבויגענעם קאפ.
אין אייניגע מינוטען ווערט די וואך פון די צוויי סאלדאטען ארונטערגענומען.
און ווען די „שלש־עשרה מדות" זיינען שוין צו ענדע, פאהרט איבער'ן מארק־פלאץ א קאזאצקע סאטניע מיט א וויינענדער מוזיק, שטעלט זיך אפ פאר'ן איינפאהר און דער גענעראל פאהרט פון דארט ארויס מיט'ן שטאב אויף ווייסע פערד און בעגריסט די קאזאקען. די קאזאקען ערשיטערען די גרויע, נאך דרימלענדע מארגענלופט מיט א מעכטיגען „זדראוויע זשעלאיעם!".
דער גענעראל שטעלט זיך אן זייער שפיץ און פאהרט פערביי דעמזעלבען בית המדרש, בליאסקענד מיט דעם גאלד פון זיינע עפאליעטען אין די ערשטע צאפלענדע שטראהלען פון זונענאויפגאנג.

דער נייער פּריץ

די אַלטע אכסניה.

א הייסער זומערטאָג.

דאָס שטעדטעל איז געלעגען מיעד אין פער'חלש'ט פון היץ. דער מאַרק־פּלאַץ איז געווען פּוסט און שטיל, ווי אויסגעשטאָרבען. נאָר עטליכע הינער האָבען אַרומגערינגעלט א גרויסען און שטאָלצען „גאַלעגאַנסקען" האָן און האָבען פלעגמאַטיש געפּיקט די קערנער, וואָס זיינען דאָרטען געבליבען פון זונטאָגדיגען מאַרק.

אין אַזאַ זומערטאָג האָט זיך אויפ'ן שאָסע בעוויזען א גרויסער וואָלקען פון שטויב. און פון דעם וואָלקען — באַלד די טאַראַטאַיקע פון חיים־הירש דעם בעל־עגלה.

און פון דעם, ווי חיים־הירש'ס צוויי אַלטע נבלות האָבען געשפּרונגען און געטאַנצט אין זייער שפּאַן אונטער די רעגענדע קלעפּ פון דעם בעל־עגלה'ס לאַנגער „פּוזשאַלע"; פון הוק־און־פּענד מיט וועלכען ער איז אַריבער דאָס בריקעל און האָט זיך, שטעהענדיג ווי א לאַנגער לץ אין וואָגען, א לאָז געטהאָן איבער'ן מאַרק־פּלאַץ צו בעריל'ס אכסניא — האָבען די קרעמערס פערשטאַנען, אַז ער האָט געבראַכט אין שטעדטעל אַן אויסערגעוועהנליכען פּאַרשויז.

חיים־יאָסי, דער געלער משרת פון דער אכסניא איז אַרויסגעלאָפען אַנטקעגען דעם פּאַסאַזשיר מיט אַזאַ אימפּעט, פּונקט ווי דער איינפאָהר וואָלט אַרומגעכאַפּט געוואָרען פון פלאַמען.

נאָך איהם האָט זיך בעוויזען דער אַלטער בעריל אַליין אין א יאַרמולקע און טלית־קטן, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין צייט אַרויפוואַרפען אויף זיך דאָס כאַלאַטעל.

אפילו די אַלטע שרה האָט זיך אויך בעוויזען אין פענסטער פון קיך מיט א צובלוטיגטען קאַרפּ אין די הענט.

חיים־הירש האָט מיט אַמאָל אָבגעשטעלט זיינע סוסים פאַר'ן איינפאָהר, האָט פערוואָרפען דעם לאַנגען קערפּער זיינעם און פערצויגען די לייצעס אַזוי שטאַרק און מיט אַזאַ שטאָלצען און גרויסאַרטיגען „טפּררו", אַזוי ווי ער וואָלט אָנגעטריבען ניט קיין צוויי פּגירות, נאָר א פּאָר פייערדיגע און בלוט־הייסע

פערד, אזוינע ווי ער פלעגט אַנטרייבען ביי זיין פּאָלקאָווניק, ביי וועלכען ער האָט, זייענדיג, אַ סאָלדאַט, געדיענט אַלס קוטשער.

אַבשטעלענדיג מיט אזאַ פּאָמפּע דעם שפּאַן זיינעם האָט ער אויסגעשריען:

— חיים-יוסי! ר' בעריל! וואָס שטעהט איהר?

כאָטש עס איז געווען גאַנץ אומזיסט.: חיים-יוסי איז שוין געווען גרייט און האָט שוין געטאַנצט אַרום דער טאַראַטאַיקע, העלפענדיג אַראָבקריכען פון הויכען געזיץ אַן אַלטען הויכען גענעראַל.

ווען דער גענעראַל איז מיט'ן משרת'ס הילף אַרויסגעקראָכען פון איין זייט אַלטמאָדישען וואָגען, וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי אַ קאַסטען, איז פון דער אַנדער זייט אַליין און לייכט ווי אַ פויגעלע אַראָבגעשפּרונגען מיט אַ הילף בענדיגען געלעכטער אַ קליינע, יונגע דאַמע, אין אַ קורץ קליידעלע, וואָס האָט איהר געגעבען די אויסזיכט פון אַ מיידעלע.

איהר הוט און דער גאַנצער קאָפּ איהרער איז געווען פערהאַנגען מיט אַ גע־דיכטען ווייסען שלייער, אַזוי אַז דער פּנים איז געווען אינגאַנצען פערדעקט און געשיצט פון שטויב, און מען האָט ניט געקענט וויסען צי עס איז אַ דאַמע אָדער טאַקע נאָך אַ מיידעלע.

מיט איהר געשמאַקען פערשייטען געלעכטער, וועלכער האָט געקלונגען ווי טרעלען פון אַ סאָלאָוויי; מיט דער לייכטער און קליינער פיגורר אין קורץ קליי־דעל, וואָס האָט געציטערט און געפלאַטערט פון ספּאַזמאַטישען געלעכטער; מיט איהר גאַנצער לופטאַרטיגער און פיבערהאַפטער גראַציע — האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ יונגער און מונטערער שוואַלב, וועלכע איז ערשט געקומען צוריק פון די וואַרעמע לענדער, פלאַטערט אַרום איהר נעסט און באָדט זיך אין שיין פון אַ וואַרעמען און זונענדיגען פריהלינגס-מאָרגען.

דער אַלטער גענעראַל אַליין האָט זיך אויסגעדרעהט צו זיין יונגער און לאַ־בענדער בעגלייטערין און האָט זי אַ ווײַלע אַנגעקוקט מיט אַ בענײַדענדען שמיי־כעל... ער האָט בענײַדעט דעם קלאַנג, די פרייד און ריטמוס פון אַ מוטיגער און זאָרגלאָז פערשייטער יוגענד.

ווען דער אַלטער בעריל האָט דערזעהן דעם גאַסט איז ער פערציטערט גע־וואָרען פון פרייד און צוגלייך עפּעס פון אַ קלעמענדען אַנגסט-געפיהל: ער האָט אין איהם דערקענט דעם גענעראַל, וואָס איז ביי איהם פאַראַיאָהרען איינגע־שטאַנען די גאַנצע עשרת ימי תשובה, וועהרענד די מאַניעוורעס.

די עשרת ימי תשובה און דעם גוטען גענעראַל האָט ער ניט געקענט פער־געסען די גאַנצע צייט. איצט האָט ער איהם איבערראַשט ווי אַן אונגעהאָפּטער, אָבער געטרוימטער גאַסט.

— טשטאָ, אוזנאַל, האזיאין? (האָסט מיך דערקענט, בעל-הבית?) — פרעגט איהם דער גענעראַל מיט אַ שמייכעל.

— ס'אַ חידוש אביסעל!

דער אַלטער איינפאָהר זיינער, וועלכער האָט זיך צולייגט אין מיטען מאַרק־פּלאַץ, ווי אַן אויסגעגראָבענער סקעלעט פון אַ פּרעהיסטאָרישען מאַמאָנט, האָט דאָך נאָך די עשרת ימי תשובה באַלד אַרויפגעצויגען אויף זיך אַ נייעם דאַך פון דראַניצעס, פון וועלכען עס האָט לאַנג גערעדט מיט קנאה דאָס גאַנצע קבצנ'ישע שטעדטעל.

און דער בעל־אכסניא אין טלית־קטן קוקט אויפ'ן גאסט און אויפ'ן דאך און איז אימשטאנד נאר אראבצונעהמען די יארמולקע פון זיין גרייז־גרויען קאפ: קיין ווערטער האט ער נישט פאר'ן גוטען פריץ, וועלכער האט געלאזט אויף איהם אזא מערקווירדיגען איינדרוק און אזא בענקענדע ערינערונג.

— דאס איז מיין טאכטער, נאטאשע! — האט דער גענעראל אנגעוויזען אויף דער קליינער, מונטערער שוואלב. — נאטאשא! קום, וועל איך דיך בע־קענען.

נאטאשא אבער קוקט נאך אלץ אויף חיים־הירש'ס נבלות, אויף זיין צו־לייגטער פאזע פון א שטאלצען און גרויסארטיגען קוטשער, אויף דער אלטמאדי־שער טאראטאיקע און לאכט אהן א סוף, אזוי ווי אימעצער וואלט איהר אנגע־דונגען צו לאכען — אזוי קאמיש איז איהר דער מערקווירדיגער שפאן פון אדם הראשונ'ס צייטען, אין וועלכען זי איז געפאהרען פון דער באהן; אזוי קאמיש איז דאס ערנסט־נארישע פנים פון דעם קליינשטעדטעלדיגען בעל־עגלה, וועלכער איז גאר קיין נאר ניט, אבער ער שפיעלט די ראלע פון א מי־ליטער־קוטשער, בלויז פאר איהר פערגניגען, כדי זי זאל קענען לאכען.

און ווען זי דערזעהט דעם בעל־אכסניא אין לאנגען טלית־קטן צולאכט זי זיך מיט א נייעם געלעכטער.

— אה, ווי קאמיש! ווי קאמיש! — קוויטשעט און צוויטשערט די מונ־טערע שוואלב.

אז דער פאטער מיט דער טאכטער זיינען אבער אריין אין איינפאהר, ווערט חיים הירש אוים מיליטער־קוטשער.

עס שטעהט שוין ארום איהם א רעדעל אידען מיט א כאליאסטרע באר־פיסע אינגלעך, מיט ארויסגעלאזטע, שמוציגע העמדלעך פון די מייטקעלעך. און דער לאנגער חיים־הירש שטעהט שוין אנגעשפארט אויפ'ן בלינדען דרעש זיינעם, וואס איז נאס פון שוויים און ווייסען שוים, און זעהט אוים מיט די קרומע צוואראפענע פיס, ווי א סקעלעט, וועלכער איז איבערגעצויגען מיט אן אויסגעריבענער אלטער פעל, פול מיט צרעת. ער שטעהט אנגעשפארט מיט דער ברייטער פלייצע זיינער אן דעם לעבעדיגען זאקביינער מיט זיין אומע־טיג אראבגעלאזט פערדישען קאפ, האלט די לאנגע בייטש פאר'ן פנים, ווי א ביקס „נא קאראול" און דערצעהלט נסים:

איך גיב א קוק ביים 14טען נומער: אה, אה! אן אטסטאוונאי גענעראל קריכט מיר אראפ מיט א בארישנע... אז איך גיב מיר אזוי א שטעל פאר איהם אין פראנט: „פא וואיענעמו", די בייטש „נא־קאראאול", ווי דער הייליגער „דיאדקע", זכרונו לברכה, האט מיך געלערענט, און מאך איהם דעם אמת'ען יברכך:

„זדראווא זשעלאיעם וואשע וויסאקאפרעוואסכאדיטעלסטווא!"

אז מיין גענעראל גיט א נעהם „פאדקרזעראק" און גיט מיר א ברום בקול רם... אויף דעם אמת'ען שטייגער... ווי אויף א פאראד: „זדראוו בראַ־טעץ": הע — טראכט איך מיר — וחלקלקות! חיים הערש האט שוין גע־פאקט א הינדיג... צוויי גרויסע העכט אויף שבת.

„טי טשטא? איזוואשטשיק? (ביזט א בעל־עגלה?)" — גיט מיך א פאק דער גענעראל.

„טאַק־טאַטשנאָ, וואַשע וויסאָקאָפּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ! איזוואָרשטשיק"

„אויב אַזוי. פּיהר אונז אין שטעדטעל אַריין".

„ראַד סטאַראַטסיאַ!" — ענטפּער איך איהם.

בקיצור, וואָס זאָל איך אייך, אידען, בני־רחמנים, דערצעהלען? אַז איך כאַפּ אַרויף די צוויי פּאַרשווינדלאַך אויף מיין טאַראַטאַיקע און גיב נאָר אַ ריהר מיט די לייצעם... אָהן אַ בייטש... פון שלעכטס זאָל איך אַזוי וויסען, צי איך האָב זיך אַפילו צוגעריהרט צו זיי מיט דער בייטש; איך האָב נאָר אַ געשריי געטאָן פּאָ־מאָסקאָווסקאָמו: „פּאַשאָל!" — אַז מיינע סוסים האָבען זיך אַ לאָז געטאָן: פּאַשאָל און פּאַשאָל... טאָלקאָ דערזשים! — מאַמעניו מיינע! זינט איך בין בעל־עגלה האָב איך אַזאַ פּאָהרען ניט געזעהען, ווי מיר האָבען היינט, אידען, יום רביעי לבריאת העולם! איך האָב געמיינט, אַז זיי וועלען דעם וואָגען צוטראָגען וועלען זיי...

„אַט די נבלות?" — האָט זיך אָנגערופען מיסטרויאיש אימיצער פון דעם רעדעל.

יע, די נבלות! איהר קענט דאַך, דאַכט זיך, גוט אַט די בולאַנע שקאַפּידלע, מיט'ן אָפּגעהאַקטען עק... זאָלט איהר, אידען, בני־רחמנים, געוועזן זעהן, וואָס פון איהר איז געוואָרען! נאָר אַ שד איז אַריין אין דער שקאַפּע! אַזוי האָט זי געטראָגען... און דער בלינדער דערעש? — האָט ער אָנגעוויזען אויף'ן זאַק ביינער — איהר וואָלט, אידען בעדאַרפט זעהן, ווי אַזוי דער דערעש האָט עס נאָכגעטאַנצט דעם בולאַנעם און זיך אונטערגעהעצקעט מיט'ן קרומען פון הינטען, כאַ, כאַ, כאַ! שדים, נישט קיין פערד! ווי מיר האָבען היינט יום רביעי לבריאת־העולם! — האָט אויסגעשריען חיים־הערש אויף'ן רעדעל, און האָט זיך אַ בוכע געטאָן אין זיין ברייטער ברוסט ווי אין „על־חטא", אַזוי דאָס די אינגעלאַך מיט די וואָרעטשקעס האָבען זיך איבערגעשראָקען און זיך צולאָפען ווי אַ מחנה פויגעלאַך אין אַלע זייטען — און אין 30 מינוטען, ווי צו איין סעקונדע, זיינען מיר געוועזען אַט דאָ... ביים טויער און וויים! — האָט שטאָלץ געענדיגט דער בעל־עגלה זיין ערצעהלונג.

„ווייסט אוים, הפּנים, אברהם, אַז פערד האָבען אויך דרך־ארץ פאַר אַ גענעראַל" — האָט ער זיך געווענדעט צו אברהם דעם מעקלער און האָט זיך גענומען מיט ליעבע גלעטען דעם בלינדען דערעש זיינעם און צורעכט מאַכען אויף זיין האַלז דעם אָרימען שפּאַן.

„יע, אַ גענעראַל איז אַ גענעראַל!" — האָט צוגעגעבען דער מעקלער פערקלערט און האָט אַרויסגענומען פון זיין פּושקע אַ דין פּאַפּיראָסעל און האָט עס אַריינגענומען אין מויל אַריין.

און איידער ער האָט צייט געהאַט צו פערשליסען די פּושקע, האָט חיים הערש שווייגענד אויך אויסגעצויגען צוויי לאַנגע פינגער נאָך אַ פּאַפּיראָסעל. אברהם דער מעקלער, וועלכען דאָס שטעדטעל האָט גערופען „המן", האָט שנעל פערמאַכט די פּושקע און געמאַכט אַ בעוועגונג זי צו בעהאַלטען. חיים הערש האָט עס בעמערקט.

ווילסט, וועל איך דיך בעקענען מיט מיין גענעראַל" — האָט איהם דיפּלאָמאַטיש און מיט שטאָלץ פאָרגעשלאָגען דער בעל־עגלה.

„וואָס וועל איך האָבן דערפֿון?" — האָט אַ בורטשע געטאָן דער המן.
געמיינט אָבער האָט ער שוין אָפּצונאַרען די כאַליאַסטרע אידען, אַז קיי־נער פֿון זיי זאָל איהם ניט פֿערלויפֿען און קאָנקורירען ביים גענעראַל.
פֿונדעסטוועגען האָט ער געעפֿענט צוריק די פּושקע און האָט פֿון דאָרט מיט ציטערענדע פֿינגער אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָסעל און האָט עס דער־לאַנגט דעם בעל־עגלה.
דאָס האָט געגעבען קוראַזש אַנדערע אידען און דאָס רעדעל האָט אָנגע־הויבען אויסשטרעקען הענט נאָך פּאַפּיראָסלאַך.
המן'ס פּנים האָט זיך בעדעקט מיט אַ בייזער לֵיים־געלבער פֿאַרב, ער האָט מיט כעס פֿערמאַכט די פּושקע און זי בעהאַלטען אין קעשענע.
— איך האָב נישט! איך האָב עפּעס אַ פֿאַבריקע פֿון פּאַפּיראָסלעך, האָב איך?
— המן! קענסט ניט המן'ען? — האָט זיך אָנגערופֿען משה דער קצב, אַ פֿעטער איד, מיט אַ קושט ווייסע האָר איינגעוועבט אין אַ ברייטער שוואַר־צער באָרד, און מיט צוויי פֿערבויגענע פֿינגער, מיט וועלכע ער פֿלעגט כסדר קעמען די זעלבע ווילד־צואוואַקסענע באָרד, מיט דער ווייסער לאַטע.
דער בייזער מעקלער האָט אויף איהם אַ גלאַנץ געטאָן מיט זיינע שטאָהל־גרויע אויגען און האָט זיך מיט כעס פֿערצויגען מיט'ן פּאַפּיראָסעל.
די אידען האָבען זיך געשטעלט טרעפֿען, וויפֿיעל חיים־הערש וועט פּאַקען פֿאַר דער נסיעה. איינער האָט געזאָגט „אַ פֿינפֿעריל", אַ צווייטער האָט גע־מאַכט מיט אַ גרויסען בטול: „העט!"
— און מעהר האָט איהר, יאָלדען, קיין השגה ניט? — האָט געזאָגט דער בעל־עגלה און האָט זיך געלאָזט געהן אין איינפֿאָהר־הויז צו זיינע פּאַסאַ־זשירען. דער קצב האָט איהם פֿערשטעלט דעם וועג:
— גיב מיר אַ ציה טאָן, גיב מיר, חיים־הערש! — האָט ער זיך געבעטען מיט אַ פֿערשמאַכטען, בעגעהרענדען פּנים פֿון אַ פֿאַסטענדען.
חיים־הערש האָט ווייט אויסגעשפּיגען און האָט איהם דערלאַנגט זיין פּאַפּיראָסעל. דער קצב האָט מיט אָפּעטיט זיך פֿערצויגען, איין מאָל, דאָס אַנדערע מאָל, אַזוי ווי ער וואָלט פֿערזוכט וויין אויף ארבע כוסות.
— הערסט, רויכער־זשע ניט אויס אין גאַנצען! — האָט אויסגעשריען דער בעל־עגלה מיט אַ געמאַכטען כעס.
— געה אין דר'ערד אַריין! אַ אידען, אַז מ'גיט איין ציה, וועט ער אויס־רויכערן אין גאַנצען! — און ער האָט אויסגעריסען ביים קצב פֿון מויל דאָס פּאַפּיראָסעל און איז אַריין מיט די צוויי לאַנגע פֿיס אין איינפֿאָהר.
— אַז מען האָט ניט, רויכערט מען ניט! — האָט געזאָגט המן צום קצב, בליאַסקענד בייז און מיט פֿעראַכטונג מיט זיינע צוויי גרויסע גלעזערנע אויגען.
— המן!... געפֿעלט אייך המן? — האָט זיך דער קצב געווענדעט צום רעדעל.

די נאַכריכט, אַז ביי בערל דעם בעל־אכסניה האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ גענעראַל, האָט זיך באַלד מיט דער שנעלקייט פֿון אַ בליץ צושפּרייט איבער'ן

איינגעשלאָפֿענעם שטעדטעל און האָט עס אויפֿגערודערט. ווייבער אין טשעפּקעס מיט צופּאַטעלטע האָר האָבען אַרויסגעקוקט פֿון די פֿענסטער; מאַנסבילען האָבען אויך זיך אַרויפֿגעוואָרפֿען משום דרך־ארץ די כאַלאַטלאַך און האָבען זיך אַ לאָז געטאָן צום איינפֿאָהר־הויז. דאָס רעדעל אַרום חיים־הערש׳ס טאַראַטאַיקע, וועלכע איז שוין געווען געפּאַקט מיט חדר־אינגלאַך, האָט געהאַלטען אין וואַקסען. חיים־הערש איז נאָך אַלץ ניט אַרויסגעגאַנגען פֿון גענעראַל און דער עולם האָט נאָך אַלץ געהאַלטען אין טרעפֿען, וויפֿיעל ער האָט גענומען... אַ דרייערעל צי אַ פֿינפֿערעל... און צוליב וואָס איז דער גענעראַל בכלל געקומען.

פֿון דעם אָפֿענעם פֿענסטער האָט זיך געטראָגען חיים־הערש׳ס סאַלדאַטסקע שטימע און נאַטאַשע׳ס געלעכטער. המן דער מעקלער האָט זיך געדרעהט אַרום דעם פֿענסטער און האָט געדרויכערט אַ פּאַפּיראָסעל נאָך אַ פּאַפּיראָסעל. דער מעקלערישער חוש זיינער האָט שוין דערשמעקט וואָס עס טוט דאָ דער גענעראַל, און זיין קאָפּ האָט שוין פֿאַנטאַסטיש קאָמבינירט קניות מיט מכירות. אַריינגעהן אָבער צו איהם האָט ער ניט געוואָלט כל־זמן די „סוואָלאָטשעס" שטעהען. „סוואָלאָטשעס" האָבען ביי איהם געהייסען דאָס רעדעל אידען און דאָס גאַנצע שטעדטעל קבצנים, אויך וועלכע ער אַליין, אַלס קבצן, האָט געקוקט מיט דער גרעסטער פֿעראַכטונג.

ער האָט געזעהען, אַז דאָס רעדעל לאָזט איהם פֿון די אויגען ניט אַראָפּ, און אַזוי ווי ער וועט נאָר אַריין צום גענעראַל, וועט נאָכלויפֿען משה דער קצב און אַלע איבעריגע „יאָלדען", וועלכע האַלטען זיך פֿאַר מעקלערס, מישטיינס געזאָגט, און ווייסען אין דער קונסט אַזוי פֿיעל, ווי אַ הוהן אין „בני־אָדם".

* * *

און אַזוי ווי דאָס רעדעל איז געשטאַנען און האָט זיך געשאַרפֿט דעם מוח וועגען דעם גענעראַל, איז צום איינפֿאָהר־הויז צוגעפֿאָהרען אַן אָפֿענע קאַרעטע מיט אַ פּוילישען שפּאַן פֿון 4 יונגע שפּאַקעס, וואָס זיינען געווען גלייך איינס צום אַנדערען ווי 4 טראָפּענס וואַסער, אַזוי ווי איין מוטער האָט זיי טאַקע געהאַט. און פֿון דער קאַרעטע איז אַרויסגעשפּרונגען דער יונגער גראַף סווינטשיצקי, דער בעל־הבית פֿון שטעדטעל, אַ יונגער פּאַליאַק, מיט אַ פּאָאַר גראָבע, בייז און שטאָלץ פֿערדרעהטע און ווי פֿייער רויטע וואָנצעס.

ער איז אַרויסגעשפּרונגען עלעגאַנט און לוסטיג, לייכט ווי זיינע פֿיער שקאַפּעס זיינען געווען.

די אידען האָבען שוין גוט געקענט זייער פּריץ און זיינע געפֿיהלען צו זיי...

דאָס רעדעל האָט דערפֿאַר שנעל אַראָפּגעכאַפּט די היטלען, האָט זיך צוזאַמענגעפּרעסט און זיך פֿאָרזיכטיג אָפּגערוקט אין אַ זייט.

דער פּאַליאַק האָט זיך אָבער דערמיט ניט צופֿרידענגעשטעלט, ער האָט זיך צושריען און צוטופּעט:

— וואָס האָט איהר זיך, זשידעס, פּסיא־קרעוו, דאָ צוזאַמענגעקליבען? יאַן! צוטרייב זיי נאָר! — האָט ער זיך געווענדט צו זיין קוטשער.

יאַן איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער קעלנע און האָט אַ שוואונג געטאָן אין דער לופֿטען מיט דער לאַנגער בייטש. די אידען זיינען זיך צולאָפֿען.

— אָט אזוי! — האָט געקוואָלען המן דער מעקלער, און האָט זיך אָבער אויך פאַרזיכטיג אָפּגערוקט אין אַ זייט.

אַז יאַנ׳ס בייטש האָט ניט געקאָנט דערגרייכען די אידען, האָט זי ניט אויסגעלאָזט אָבער חיים־הערש׳ס נבלות. ער האָט זיי דערלאַנגט אַ פּאָר גוטע בייטשען און די צוויי פערמאַטערטע און אומעטיג־איינגעשלאָפענע נבלות מיט די אַרונטערגעלאָזטע קעפּ האָבען זיך פּלוצלינג אַ ריס געטאָן פון אָרט און זיינען אַוועק צום שאָסעע מיט די חדר־אינגלאַך אין וואָגען, וועלכע האָבען געמאַכט אַ גוואַלד, אַז דער גענעראַל מיט נאַטאַשע׳ן זיינען צו, איבערגעשראָקענע, צום אָפענעם פענסטער.

— צאַ זאַ סווינסטוואָ! — האָט זיך געבייזערט אויף די צוויי נבלות און אויף די אידען דער פּאָליאַק און האָט זיך מיט אַן אויסדרוק פון עקעל און בעליידיגונג געלאָזט געהן אין איינפאָהר־הויז.

חיים־הערש אַליין איז באַלד אַרויס פון דאָרטען ווי אַן אָפּגעפּאַרעטער, האָט אָנגעהויבען וואַרפען לאַנגע פיס און שרייען „טפּררר! סטאָי!”

ווען ער האָט געכאַפּט זיינע פערד האָט ער אַראָפּגעטריבען די חדר־אינגלאַך — זיינע אייגענע קינדער און פּלימעניקעס האָט ער, נאַטירליך, געלאָזט אין וואָגען — איז אַרויפגעשפּרונגען אויף איהם, האָט פערקירעוועט די פערד און שטעהענדיג ווי אַ לאַנגער לץ, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן איבער׳ן מאַרקפּלאַץ צו זיך אַהיים.

ווען ער האָט אָנגעיאָגט דעם גראַף׳ס קאַרעטע מיט די שפּאַקעס האָט ער זיך צופּאָכעט מיט דער פּוזשאַלע און האָט דערלאַנגט דעם אויסגעפּוצטען יאַן׳ען אַזאַ שמיר איבער׳ן קאָפּ, אַז ער האָט איהם אַרונטערגעשליידערט זיין שעהנעם לאַקירענעם קאַשקעט, וואָס איז געשטאַנען אויף זיין קאָפּ ווי אַ קוימען, און איז אַוועק צו זיך אַהיים.

די אידען, פון וויטענס, האָבען זיך אַזש איבערגעשראָקען, האָבען אָבער צו גלייכער צייט זיך מחיה געווען פון דער נקמה אָן דעם פערפּוצטען קוטשער.

דער בעל־עגלה איז געווען דער איינציגער אין שטעדטעל, וועלכער וואָלט געוואַגט דערלאַנגען מיט דער פּוזשאַלע דעם עלעגאַנטען גראַף אַליין מיט די צוויי רויטע פערדרעהטע וואָנצעס.

— חיים־הערש! געכאַפּט אַ דרייערל? האַ? — האָט איהם נאָכגעשריען חיים־יונה דער מייטשאַר, וועלכער האָט געהאַנדעלט אויך מיט האָבער.

— מעהר ווילסטו ניט? וחלקלקות, יאָלדען! אַ גאַנץ צעהנערל אויף שבת! — האָט געשריען דער לאַנגער לץ פון וואָגען — וויאָ! חשתרנים, אַ פּגירה אויף אייך! אַהיים צו חיה־גנענדעל אויף שבת! פיש מיט קוגעל וועט זי אייך געבען! — האָט ער געשריען און געשמיסען די שפּרינגענדע נבלות, האָט באַלד פערקירעוועט אין אַ געסעל און איז פערשוואונדען געוואָרען.

סווינטשיצקי איז אַריינגעגאַנגען צום גענעראַל אַן אויפגערעגטער און בעליידיגטער, אַזוי ווי די אידען וואָלטען שוין מיט זייער עקזיסטענץ אַליין איהם שטאַרק בעליידיגט.

— גענעראַל! אום גאָטעס ווילען! וואוהין זייט איהר פערפאָהרען?

אין אַזאַ שמוציגער זשידאָווסקער קרעטשמע? פוי, ווי איז דאָס מעגליך? — האָט ער געזאָגט מיט אַן עקעל אויף זיין אונבעוועגליכען פּנים.

דאַ אָבער האָט ער בעמערקט די קליינע דאַמע מיט די צוויי לאַכענדיגע שוואַרצע אויגען און זיין בייזער, בעליידיגטער פּנים האָט זיך באַלד בעלויכטען מיט אַ צוקער־זיסען שמייכעל פון אַ גאַלאַנטען פּאַליאַק.

— „מאַיאַ שאַנאָוואַניע״! — האָט ער זיך פערבויגען פאַר נאַטאַשאַ׳ן, אַראָבציהענדיג שנעל זיין האַנדשוה.

דער גענעראַל האָט איהם פאַרגעשטעלט זיין טאָכטער, אָבער אָהן חשק און צושטרייעט. ער האָט שוין דעם פראַנטעוואַטען פּאַליאַק געקענט און ניט ליעב געהאַט. סווינטשיצקי האָט איהר אַ קוש געטהאָן אין האַנט.

— איהר בלייבט דאַ קיין מינוט ניט מעהר — האָט כמעט בעפוילען דער יונגער גראַף, וועלכער האָט אפילו מורא געהאַט זיך צו זעצען אין דער זשידאָווסקער קרעטשמע.

— וואָרום? — האָט איהם געפרעגט נאַטאַשאַ און האָט אָנגעשטעלט אויף איהם אַ פּאָר נאַאיווע פרעגענדע אויגען.

— פּאַמילואַיטע... ווי קאָנט איהר דאָ שטעהן, אין אַזאַ שמוץ? איהר פאָהרט באַלד איבער צו מיר אין פּאַלאַץ אַריין. מיין קאַרעטע שטעהט דאָ אין דרויסען.

נאַטאַשאַ איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט געכאַפּט אַ קוק אויף זיינע עלעגאַנטע שפּאַקעס, האָט זיך דערמאָנט אַן בעל־עגלה׳ס שפּרינגענדע נבלות און האָט זיך ווידער הויך צולאַכט.

— ווען איהר, גראַף, זאָלט געוועזען זעהן וואָס פאַר אַ שפּאַן עס האָט אונז געבראַכט פון דער באַהן, כאַ, כאַ, כאַ!

— איך האָב איהם שוין געזעהן... איך וואָלט בעסער צופוס געגאַנגען און וואָלט ניט געפאָהרען אין אַזאַ זשידאָווסקע טאַראַטאַיקע. וואָרום האָט איהר מיר ניט טעלעגראַפירט? איך וואָלט אייך אַרויסגעשיקט מיינע פערד.

— וואָס פאַר אַן אינטערעס איז דאָס צו פאָהרען מיט אַזוינע עלעגאַנטע שפּאַקעס? זעהט איהר... אין אַ טאַראַטאַיקע, אַז זי זאָל טרייסלען און וואַרפען ביז אין הימעל, מיט אַזאַ פּאַטעשנע בעל־עגלה,, כאַ, כאַ, כאַ, דאָס איז אַ שפּאַס!

סווינטשיצקי האָט זי פערוואונדערט אָנגעקוקט.

אַזאַ יונגע מוטיגע שוואַלב האָט ער אין זיין לעבען נאָך ניט געזעהן.

— זעצט אייך, גראַף! — האָט איהם איינגעלאַדען דער גענעראַל.

— ניין, איהר בלייבט דאַ קיין מינוט ניט מעהר! איהר פאָהרט צו מיר — האָט פּראָטעסטירט דער פּאַליאַק.

— טשעפּוכאַ! — האָט אַ בורטשע געטהאָן דער גענעראַל. — איז דען ניט אַלץ איינס? שטעלט אייך פאָר, איהר זייט אין אַ מלחמה און איהר וואוינט אַמאָל חדשים לאַנג אין אַ זעמליאַנקע. מיר, וואָיענע (סאָלדאַטען), זיינען צו אַלעמען געוועהנט. איבעריגענס, אַט איז דער סאַמאָוואַר און מיר וועלען טרינקען טהעע.

חיים־יאָשע דער משרת האָט אַריינגעטראָגען אַ קאָכענדיגען סאַמאָוואַר און האָט איהם אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש.

—ווירקליך — האט געזאגט נאטאשא — איז דען ניט אינטערעסאנט צו טרינקען טהעע אין אזא איינפאַהר, פונקט ווי פאהרען אויף א טאראטאיקע מיט אזא בעל־עגלה? כא, כא, כא! זעצט אייך, גראף, און טרינקט מיט אונז טהעע.

דער גראף האט דער דאמע שוין ניט געקאנט אבזאגען, ער האט אראנ־טערגענומען די צווייטע האנדשוה, האט געכאפט א קוק אויפ׳ן שווערען אלט־מאדישען שטוהל און האט זיך מיט א קוים בעוועלטיגטען ווידערווילען צוגע־זעצט צום טיש. דער גענעראל האט זיך גענומען רעדען פון שטעדטעל, פון גוט, וואס ער איז געקומען קויפען ביי דעם אייגענטימער. מען האט נאך גע־דארפט אויסמעסטען די ערד, דעם וואלד.

דער יונגער גראף האט אבער ניט אראבגעלאזט די אויגען פון זיין קליינער און שעהנער טאכטער.

ווי זיי זיינען אזוי געזעסען און האבען גערעדט, האט די טהיר א שטילען סקריפ געטהאן, האט זיך לייכט געעפענט און אין דעם חלל האט זיך בעוויזען צוערשט א ציגען בערדעל פון פלאקס און דערנאך שוין א גאנצער פנים.

דאס איז געוועזן אברהם דער מעקלער.

נאטאשא איז געוועזן די ערשטע איהם צו בעמערקען.

די ארט ווי די טהיר האט זיך געעפענט, דאס פארזיכטיגע ערשיינען, צוערשט פון א בערדעל און דערנאך פון דעם גאנצען קאפ, האט ביי איהר ארויסגערופען א נייעם אויסברוך פון געלעכטער.

די מענער האבען זיך אויך אומגעקוקט.

דעם גראפ׳ס פנים איז געווארען אזש גרין פון כעס.

נאטאשא׳ס שטורמישער געלעכטער און דעם גראפ׳ס פנים מיט די גזלנ׳ישע אויגען האבען דעם אידען איבערגעשראקען; ער האט שנעל פער־מאכט די טהיר און איז צוריק פערשוואונדען מיט׳ן בערדעל.

נאטאשא האט זיך נאך העכער צולאכט און געכאפט פאר די זייטען. אזוי קאמיש איז איהר פארגעקומען דאס פארזיכטיגע ערשיינען, צוערשט פון בער־דעל און דערנאך פון קאפ, און דאס שנעלע פערשווינדען פוןביידען.

— דאס הייסט א פאסקודנע פאלק! — האט זיך אנגערופען דער פאליאק און איז אויפגעשפרונגען פון ארט. — מיין לעבען האבען זיי מיר פערדארבען.

נאטאשא האט מיט אמאל אויפגעהערט צו לאכען און האט אנגעשטעלט אויפ׳ן גראף א פאר ערנסטע פרעגענדע אויגען.

דער גענעראל האט זיך אויך בייז אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און האט זיך גענומען נערוועז שפאנען הין און צוריק איבער׳ן גרויסען צימער.

די טאכטער האט אנגעהויבען צו ווארפען אויף איהם אונרוהיגע בליקען. זי האט געזעהן אז איהר פאטער איז שוין אויפגערעגט, און האט מורא געהאט פאר זיין שוואך הארץ.

דער פאליאק האט אבער געמיינט, אז דאס ערשיינען פון דעם אידען האט אויך דעם גענעראל אויפגערעגט און ער האט זיך גענומען שפריצען מיט דער קאכענדיגער אנטיסעמיטישער גאל זיינער, ווי א שלאנג מיט גיפט.

— גלויבט מיר, אז אויב איך פערקויף מיין מאַיאָנטעק איז דאָס נאָר צוליעב די פאַרכאַטע זשידעס... איך זאָל זיי מעהר ניט אָנקוקען!

דעם גענעראַל'ס האַלז איז געוואָרען צורעשט רויט און דערנאָך בלוי, פון כעס און אויפרעגונג. ער האָט געוואָלט אויסשרייען: „ליינגסט, פּאָליאַטשאַק! דעם מאַיאָנטעק מוזטו פערקויפען. ווייל אויב ניט וועט איהם די באַנק פערקויפען אָהן דיר, פאַר דיינע חובות, וועלכע דו האָסט אָנגעמאַכט מיט דיין שפּיעל אין כּאָנטאָ קאַרלאָ" — ער האָט זיך אָבער בעוועלטיגט און האָט זיך גענומען ווייטער שפּאַנען.

— וואָס טהוען זיי אייך? זיי זיינען דאָך פריעדליכע מענשען! — האָט איהם געפרעגט נאַטאַשאַ. די גאַנצע פרעהליכע שטימונג איז אויסגעלאָשען געוואָרען און זי האָט זיך צוזאַמענגעדרעהט ווי א פויגעלע פאַר א שטורם.

— וואָס זיי טהוען מיר? איהר וועט לעבען צווישען זיי, וועט איהר וויסען וואָס פאַר אַן אומה דאָס איז.

דער גענעראַל האָט אָבגעשטעלט זיין בייזען, נערעזען לויפען איבער'ן צימער, האָט אָנגעשטעלט אויפ'ן פּאָליאַק א פאָר פלאַמענדע אויגען איבער די גאָלדענע ברילען זיינע, האָט איהם אָבער צוגעוואָרפען נאָר א בייזען פער־עכטליכען „טשעפּוכאַ" און האָט זיך ווייטער גענומען לויפען.

— טשעפּוכאַ, זאָגט איהר? אָט ליגט פאַר אייערע אויגען א שטעדטעל —

דער פּאָלאַק איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענסטער און האָט אויפגעהויבען מיט עקעל דעם פערשטויבטען פאָרהענגעל און האָט זיי געוויזען מיט'ן האַנט אויפ'ן שטעדטעל. — א טיפּיש אידישע שטעדטעל. גיט א קוק! קיין איין בוימעל פאַר א הויז, קיין איין גרעזעל אַרום א שטוב... קיין שטיקעל גאָרטען! קיין איין פּאָלק אין דער וועלט וועט זיך אַזוי ניט בעזעצען אויף א פּלאַץ. נעהמט אַפילו אייער'ס א רוסיש שטעדטעל... עס איז דאָך איינגעטונקט אין גרינס און אין בוימער. גלויבט מיר, אַז איך דאַרף דורכפאָהרען דורך דער נאַקעטער און שמוציגער שטעדטעל מיט די אונצעהליגע קלייטלעך, פיהל איך אַן עקעל, א שוידער — האָט געענדיגט דער פּאָליאַק, ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער פון עקעל און שוידער.

דער גענעראַל האָט זיך אָבגעשטעלט נאָהענט נעבען איהם, האָט איהם אַריינגעקוקט אין פּנים און האָט געזאָגט, אויך א ציטערענדיגער פון א שווער בעוועלטיגטער אויפרעגונג:

— ווייסט איהר ווער עס איז אין אַלעמען שולדיג? איהר קריסטען!

דער פּאָליאַק האָט געכאַפּט א שנעלען קוק, צורעשט אויף איהם און דער־נאָך אויף דער טאָכטער, און האָט זיך בייז פונאַנדערגעלאַכט:

— מיט וואָס? דערמיט וואָס דאָס פּאַראַזיטען־פּאָלק, דאָס פּאָלק פון פּרצענטניקעס און שאַכערמאַכערניקעס האָט ניט קיין חוש פאַר נאַטור, פאַר שעהנקייט, ווי מיר קריסטען? א איד האָט אַרענדירט ביי מיר ערד, זאָלט איהר זעהן וואָס ער האָט פון דעם געמאַכט: ער האָט זי אויסגעזויגען ווי א ציטראָן. דעם גאָרטען פערנאַכלעסיגט, צובראָכען.

דער גענעראַל'ס האַלז איז ווידער געוואָרען בלוי פון כעס. ווי א מילץ

— מאַלאַדאַי טשעלאָוויעק (יונגער מאַן)! — האָט ער זיך געווענדעט צו

איהם גאַנץ גרינגשעציג — האָט איהר אַמאָל געלעזען תהלים? דעם אידישען תהלים?

— וואָס איז דען? האָט איהם נייגעריג געפרעגט דער גראַף.

— האָט איהר אין אַן אַנדער וועלט־ליטעראַטור אַזוינע פּערל? האָט נאָך אַ פאָלק אין דער וועלט אַזוי שעהנע זאַכען געשאַפען, הא? ענטפערט מיר, ווען איך רעד צו אייך, יונגערמאַן! — האָט שוין אויף איהם געשריען, ווי אויף אַ פּראָסטען סאָלדאַט, דער אַלטער, אויפגערעגטער גענעראַל.

דער פּאָליאַק איז געוואָרען צוערשט רויט, דערנאָך בלייך פון בעליידיגונג. ער האָט זיך אָבער באַלד ווידער גיפטיג צולאַכט

— ווי איך זעה, גענעראַל, זייט איהר מיר אַ צו גרויסער אידענפריינד. ווי עס ווייזט אויס, פערעהרט איהר איינפאַך די זשידעס. כאַ, כאַ, כאַ.

— אידענפריינד! אידענפריינד! — האָט איהם איבערגעקרימט דער אַלטער מאַן — אַ מענש דאַרף זיין גערעכט צו אַלעמען, צו אידען ווי צו קריסטען — און ער האָט זיך ווייטער געלאָזט שפּאַנען איבער׳ן צימער.

דער פּאָליאַק איז געשטאַנען ווי אַן אָבגעשמיסענער און האָט ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ טאָן ער זאָל שוין נעהמען. בעליידיגען זיך האָט ער מורא געהאַט: זיין גוט האָט די באַנק שוין געשטעלט אויף אָוקציאָן. און ער האָט עס געמוזט מערקוייפען וואָס פריהער. און די גאַנצע ווענדונג איז פאַר איהם געווען אַזוי אונערוואַרטעט, כמעט אַן איבעררעשונג. ער האָט נאָך אין לעבען ניט בעגעגענט קיין איין קריסט, ובפרט אַ רוסישען גענעראַל, וועלכער זאָל אַזוי פערמיידיגען אידען און נעהמען צום האַרצען אַזוי שטאַרק זייער עהרע, און ווערען בלוי פון אויפרעגונג.

ער האָט צוגעוואָרפען אַ פראַגענדען בליק צו נאַטאַשאַ׳ן, און אויך זי איז צו זיין בעוואונדערונג געזעסען אָנגעכמורעט און האָט געשוויגען. און דאָס האָט איהר אַזוי ניט געפאַסט. דער פערכמורעטער פּנים האָט מיט אַמאָל פערלאָרען דעם גאַנצען פריהערדיגען מונטערען רייץ אין זיינע אויגען און דעם גאַנצען חן. און דאָס האָט איהם פערדראָסען מעהר ווי די גאַנצע געשיכטע.

— דו ווייסט אין וועמען דער יונגער מאַן דערמאָנט מיך? — האָט זיך געווענדעט דער פאָטער צו דער טאָכטער — אין דיין בראָטאַק.

— שמייכעלט מיך זעהר, גענעראַל — האָט זיך גאַלאַנט און איראָניש פערבויגען דער גראַף.

— ס׳דאַרף אייך ווייניג וואָס שמייכלען, גראַף!... איך האָב אַ זוהנדעל, אַ יונגערמאַנטשיק ווי איהר... אפילו זעהר געבילדעט, און שוין אַ פּראָקוראָר צו 35 יאָהר, נאָר איז אויך אַזוי ווי איהר, אַ פערפלוכטער קאַריעריסט — האָט געזאָגט דער גענעראַל מיט אַ שוידער איבער׳ן קערפּער, פון וועלכען מען האָט געקאָנט לערנען, אַז די בעציהונגען צווישען פאָטער און זוהן זיינען געווען ווייט פון פריינדליכע.

נאַטאַשאַ איז בלייך געוואָרען און האָט צוגעוואָרפען אַן איבערגעשראָקענעם בליק צום גראַף.

— אַזוי? — האָט זיך דער גראַף אָנגערופען איראָניש — איך בין דאָך אָבער ניט קיין טשינאָווניק, און האָב קיינמאָל ניט געשטרעבט צו זיין אַ רוסי־

שער טשינאָווניק. איך האָב זיי ליעב ניט מעהר ווי די זשידעס — האָט זיך שוין געביסען דער בעליידיגטער גראַף.

— דער פּאַפּאַ מיינט ניט אייך, גראַף — האָט נאַטאַשאַ געפּרובט ענט־שולדיגען דעם פאָטער'ס בייזען און ניט־העפליכען טאָן. — ער מיינט איבער־הויפּט מיין ברודער. זיי האָבען שטענדיג צווישען זיך קאָנטראָווערסען.

— קאָנטראָווערסען! קאָנטראָווערסען! — האָט אויפגעציטערט דער פאָטער, ווי פון שלעכטע און אונערטרעגליכע עראינערונגען. — פאַר קיין זאַך אין דער וועלט וועלען זיי זיך ניט אָבשטעלען. גאַרנישט הייליגעס איז דאָ ביי זיי. פון וואַנען, פרעג איך אייך, האָט זיך גענומען אַזאַ יונגער דור? — האָט ער געפרעגט דעם גראַף.

דער גראַף האָט פערוואונדערט געקוקט אויף איהם און אויף זיין קליינער טאָכטער, און האָט געקנייטשט מיט די פּלייצעס.

— נעהמט עס ניט פאַר איבעל, גראַף — האָט איהם שטיל צוגעוואָרפען נאַטאַשאַ מיט אַ בעטענדען שמייכעל פון פערלעגענהייט. — ער איז קראַנק און שטענדיג אַזוי אויפגערעגט.

איצט האָט סווינטשיצקי אַלעס פערשטאַנען.

— איך זעה... איך זעה! — האָט ער איהר צוגעוואָרפען מיט אַ שמייכעל, וועלכער בעדויערט און ענטשולדיגט און האָט זיך גענומען געזעגענען.

פונדעסטוועגען האָט ער אינמיטען געפרעגט:

— פאָהרט איהר ניט אַריבער צו מיר?

— איך דאַנק! מיר שטעהען דאָ, גראַף — האָט איהם דער גענעראַל געענטפערט ענטשלאָסען, צווישען די ציינער. — איהר שיקט בעסער נאָך אַ נאָטאַריוס און מיר וועלען שרייבען אַ קופּטשע.

— ווי איהר ווילט! — האָט זיך בעליידיגט אָנגערופען דער גראַף, האָט זיך קאַלט פערנייגט און האָט מיט עקעל און בייזען שטאָלץ אויפ'ן פנים פער־לאָזען די אידישע אכסניא.

די נייע האָפנונג

עס זיינען אוועקגעגאַנגען אַ פּאַר טעג.

דער גענעראַל האָט אוים העפליכקייט אָבגעגעבען דעם גראַף אַ וויזיט. האָט געגעסען ביי איהם אַ וואַרימעס, האָט זיך אָבער איינגע'עקשנ'ט און האָט בשום אופן ניט געוואָלט זיך אַריבערקלייבען צו איהם אין פּאַלאַץ אַריין, און איז געבליבען ביי בעריל דעם בעל־אכסניא.

נאָר נאַטאַשאַ האָט זיך באַלד בעפריינדעט מיט דעם אייגענטימער פון שטעדטעל און מיט דער גרעפין, און זי פלעגט פערברענגען גאַנצע שטונדען אין שלאָס.

דער גענעראַל איז געוואָרען גאַנצע טעג בעשעפטיגט; מען האָט געדאַרפט מאַכען אַן אינוועטאַר פון אַ גאַנצען שלאָס, פון פינף גרויסע דערפער, איבער־צעהלען און אויפנעהמען דעם לעבעדיגען און טויטען רעמאַנענט.

צו דעם צוועק האָט ער אַרויסגערופען אַן עקאָנאָם זיינעם, אַ קאַצאַפּ פון די סובאָטניקעס, וועלכער האָט געדיענט אויף זיין גוט אין סאַמאַרער גובערניע.

דער קאצאפ פלעגט צופאהרען גאנץ פריה, מיט זון־אויפגאנג, אויף א ליניקע, געשפאנט מיט איין פערד. דער גענעראל פלעגט זיך ארויפזעצען רייטענדיג אויף איהר, מיטנעהמען מיט זיך המן דעם מעקלער. וועלכער האט זיך דעמזעלבען טאג פון זיין אנקומען צו איהם ארייגעדרעהט. און אזוי פלעגען זיי אלע דריי ארומפאהרען דעם גאנצען טאג צווישען די פולווארקעס און פעלדער.

שבת פלעגען אלע רוהען, צוליעב דעם עקאנאם דעם סובאטניק און צוליעב דעם אידישען מעקלער.

דאס שטעדטעל האט שוין נאטירליך געוואוסט, אז דער גראף האט פערקויפט זיין מאיאנטעק, און פארוואס ער האט איהם פארקויפט; אז ער איז פערפלאנטערט און וועט ארוים נקי מיט'ן בייטשעל, און עס האט דערלעבט א גרויסע נקמה.

פאר דעם אויפגערודערטען שטעדטעל האט זיך איבערהויפט אנגעהויבען א נייע עפאכע מיט נייע האפנונגען.

זינט דער יונגער גראף האט איבערגענומען פון זיין מוטער די פערשווענדערין דעם מאיאנטעק, האט ער צוגענומען ביי די אידען די פאסעסיעס, די מיל, די גוראלנע, ארויסגעטריבען אלע אידישע קרעטשמארעס, אבגעזאגט אלע אידישע אנגעשטעלטע, קורץ, געמאגט אזוי, אז א איד זאל ניט פערדיענען קיין קאפיקע אין דער עקאנאמיע. פאר דער פרנסה פון ארימען שטעדטעל איז דאס געווען א טויט־קלאפ.

דערמיט אבער האט זיך דער צורר היהודים ניט צופרידענגעשטעלט ער האט פערבאטען צו נעהמען אידישע בהמות אויף זיין פאשע, ווען א איד זאל אפילו געבען א פינף־און־צוואנציגער. דאס איז געווען פאר'ן שטעדטעל אן אמת'ע גזרה.

דערנאך האט ער אויסגעבויט אין שטעדטעל א קאאפעראטיווע קראם, וועלכע האט אנגעהויבען קאנקורירען מיט די אידישע קרעמלעך און צונעהמען דעם לעצטען ביסען ברויט. פטור ווערען פון אזא המן הט געהייסען פאר'ן שטעדטעל אן אמת'ע ישועה.

און אז דער נייער בעל־הבית וועט זיין א בעסערער — זיינען זיי אלע שוין געווען מעהר ווי זיכער: די געשיכטע מיט'ן שמש, וועלכען א אפיציר האט צובלוטיגט צו שלש־עשרה מדות פאראיאהרען בעת די מאנעווערעס, און דאס אננעהמען זיך פון גענעראל, וועלכער האט איהם דערנאך געשאנקען א רויט צעהנערעל אויף יום־טוב, איז זיי געלעגען גוט אין זכרון און מען האט גערעדט פון איהם לאנג. איצט האט דאס שטעדטעל די מעשה ערשט אויפ'ס נייע אויפגענומען און האט ניט אויפגעהערט צו רעדען פון איהר.

ווייטער האט בעריל דער בעל־אכסניה ניט אויפגעהערט דאס גאנצע יאהר סתם צו דערצעהלען אין בית־המדרש גאנצע נסים פון דעם „מערקווירדיגען גלאווגא קאמאנדאיושטשי“, וועלכער האט זיך דאן געהייסען קאכען פיש, האט געגעסען קוגעל אום שבת, האט אויסגעפרעגט אלע איינצעלהייטען אין שטעדטעל'ס לעבען, און האט אזוי גוט בעצאהלט, אז בעריל האט געקאנט ארויפציהען א האלבען דאך פון דראניצעס אויפ'ן אבגעריסענעם איינפאהר. דער אלטער

בעריל האט איהם ערקלעהרט פאר איינעם פון די חסידי אומות־העולם און האט אויפגעוויזען מיט גמרות, אז אזעלכע קאנען אויך האבען א חלק לעולם הבא.

עס איז דערפאר קיין וואונדער ניט, וואס דער נייער בעל־הבית האט ארויסגערופען האפנונגען אין שטעדטעל, אז די פרנסות, וואס דער גראף האט צוגענומען ביי די אידען, וועלען זיך צוריק צו זיי אומקעהרען.

ווייטער האט זיך אנגעהויבען א סדרה מיט מעקלעריי. דער גענעראל האט אפילו אליין, דורך בריעף, אנגעהויבען די אונטערהאנדלונגען וועגען קויפען דעם מאיאנטעק און קיין מעקלערס האבען ביי דעם שוין ניט געהאט וואס צו טהאן, קיין שייכות אבער צו מעקלעריי האט דאס ניט געהאט.

ראשית קומט מעקלעריי יעדען, וועלכער טשעפעט זיך צו, אז מען זאל איהם געבען. די פראגע איז נאר געווען, ווי אזוי מען זאל זיך צוטשעפענען. שנית האט זיך שוין המן דער מעקלער צוגעטשעפעט, און דאס שטעדטעל האט געוואוסט, אז המנ׳שע, שרה די לאנגע, האט שוין אנגעהויבען צו קויפען די פיינסטע פיש אויף שבת, און האט שוין ארייגעווארפען דעם קצב און דעם מעטשאר צו פינפערלעך אויף חוב.

הייסט עס, אז המן זאל די כפרה ווערען, וועלכער האט שוין א יאהר קיין קערבעל ניט פערדיענט און איז בלוי ווי א מילץ, ווי דאס גאנצע שטעדטעל האט געוואוסט אויסווענינג, האט געמוזט כאפען ביים גענעראל עטליכע קערב־לעך.

און פארוואס קומט עס איהם?

ווער קאן עס ניט זיין קיין מעקלער גלייך מיט איהם?

און אזוי האבען די אידען אנגעהויבען זיך דרעהען ארום איינפאהר, נאכ־שפירען דעם גענעראל׳ס שריט און טריט.

אין דער פריה, איידער ער פלעגט ארויספאהרען אויף די פעלדער, פלעגען זיי זיך צוזאמענקלייבען אין א רעדעל ארום דעם איינפאהר, אונטער זיינע פענ־סטער און איהם וועקען פון שלאף מיט זייער גערגלען.

המן דער מעקלער פלעגט ווערען בלוי פון כעס און ער פלעגט זיי שרע־קען, אז דער גענעראל וועט ברענגען א סאטניע קאזאקען און מען וועט זיי טרייבען מיט נאגאיקעס. ניט איין מאל פלעגט דער אלטער בעריל מפסיק זיין דעם חוק, אדער דעם תהלים, ארויסגעהן צום רעדעל, און קלאפענדיג מיט דער האנד איבער׳ן מויל שרייען אין לשון קודש:

„נו, א... חלול השם! פריץ גדול ישן... מי גדול כשר הצבא? חיים־יוסי! מדוע אתה עומד?" — פלעגט ער שרייען אויפ׳ן משרת, און דער משרת פלעגט זיך שוין צושרייען אויפ׳ן בעל־הבית און אויפ׳ן רעדעל:

—כ׳בעט אייך, וואס זאל איך טהאן? איהר געהט אוועק פון דאנעט? אט קאך איך אייך אב מיט א הייסען סאמאוואר...

די אידען פלעגען זיך אביסעל אברוקען, גאנץ אונגערן, און זיך באלד צוריק פערזאמלען.

אז מען האט אבער אין א פאר טעג ארום דערזעהן, ווי דער גענעראל געהט מיט זיין טאכטער פון גראף איבער׳ן מארקפלאץ און ווארפט צוקערקעס צו א כאלאסטרע בארוועסע אינגלעך, מיט ארויסגעשטעקטע שמוציגע העמד־

לעך. האָבען די אידען שוין אינגאַנצען פערגעסען, אַז זיי האָבען צו טהאָן מיט א גענעראַל און אַ שר־הצבא. מען האָט זיך אַ לאָז געטהאָן צו איהם ווי צו אַ גוטען אידען: ווער עס האָט כלומרשט געוואָלט דינגען אַ מיהל, ווער אַ שטיקעל וואַלד קויפען. געמיינט האָבען אָבער אַלע — כאַפּען אַ דרייערעל אָדער אַ פינפערעל אויף שבת.

וואָרים ווער האָט שוין אין דעם אָרימען שטעדטעל געהאַט געלד אויף אַ מיהל אָדער אויף אַ שטיקעל וואַלד?

אַז שרה די לאַנגע, אַברהם דעם מעקלער'ס ווייב, האָט זיך אָבער אויסגערעדט אין באָד פאַר גנענדעל די טוקערקע, אַז ס'שטעהט איהר אי"ה בלי נדר, מיט גאָט זיינער הילף, צו פערדיענען אַ חשבון פון גאַנצע פופצעהן אלפים, איז אין שטעדטעל געוואָרען אַ גאַנצע מהומה, פּונקט ווי אַן אורגאַן וואָלט זיך איבער'ן שטעדטעל אַריבערגעטראָגען.

ס'טייטש? הנשמע כזאת? פאַרוואָס קומט דער גאַנצער קעז אין איין קרעפּעל? עפּעס פופצעהן אלפים איין אידען? וואו האָט מען אַזוינס געהערט?

און זיך געקאָכט און געוואָלדעוועט מעהר פון אַלעמען האָט ברײנדעלע קאָזאַק — אַ לאַנגע, דאַרע אידענע מיט צוויי גרויסע פערדישע צייהן, וועלכע האָבען ביי איהר אַרויסגעשטעקט פון דער אויבערשטער ליפּ.

אייגענטליך האָט זי ניט געהייסען ניט ברײנדעלע, און איז נאַטירליך ניט געוועזען קיין קאָזאַק. איהר נאָמען איז געוועזען מלכה, געוועזען איז זי אַן אַלמנה, פּלעגט תמיד, אפילו ביים מאַנ'ס לעבען, איינקויפען קאָרע פאַר די גאַרבאַרנעס פון שטעדטעל און שלאָגען דעם מאַן, אַ אידעל אַ קאַרליק, מיט אַ צונאָמען „פאַלמעשאַק" (האַלב־זעקעל) מכות רצח, — און דערפאַר האָט זי דאָס שטעדטעל גערופען ברײנדעלע קאָזאַק.

אַט די אלמנה מיט צוועלף יתומים, איינס קלענער פון צווייטען, האָט אויסגעגראָבען אין איהר אַלטען קאַסטען אַן אַלט פערשימעלט שליש־צעטעל, אין וועלכען עס איז געשטאַנען שוואַרץ אויף ווייס, אַז איהר משה עליו השלום מאַכט, אין אַ גוטער מזל'דיגער שעה, אַ שותפות מיט אברהם דעם מעקלער אויף אַלע מעקלערייען.

— אַי מיין משה עליו השלום איז געשטאָרבען? — טאַ ווי וואָלט געווען דער דין ווען המן שטאַרבט און משה, מיין מאַן עליו השלום, לעבט?... נו, וואָלט איך ביי איהם צוגענומען? עפּעס אַ הפקר־וועלט, וואָס? נו, אַז משה עליו השלום האָט אַליין פערקויפט דעם דאָרף רעבניצע די גוים, און המן איז געלעגען אויף טיפוס, ניט פאַר מיר גערעכט, האָט דען מיין משה עליו השלום איהם, דעם המן ממזר, ניט אַריינגעטראָגען קיין גאַנצע 300 רובעל, גאַנצע דריי קנאַקענדיגע הונדערטערס אין שטוב אַריין?" — האָט גע'טענה'ט ברײנדעלע מיט די פערדישע צייהן און האָט זיך טאַקע אויפ'ן אַרט הויך צוואויינט.

— וואָס איז דאָ צו וויינען? — האָט בעמערקט אַ אידענע פון רעדעל.

— וואָרום זאָל איך ניט וויינען? — האָט זי געענטפערט. — עפּעס אַ שלעכטער מאַן געווען מיין משה? זאָל ער דאָרט האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן. איך האָב דען פון איהם אַמאָל אַ קרום וואָרט געהערט?"

המן אָבער איז ניט נתפּעל געוואָרען, ניט פון שליש־צעטעל און ניט פון דער אידינע׳ס טרערען. האָט איהר אויסגעשטעלט א לאַנגען צונג און האָט איהר מיט המנ׳ס בייזער פריידע געהייסען קומען פּורים, און דאָס „ס׳מעשקאָם", ס׳הייסט מיט א זאַק.

דאַן האָט די אלמנה דעם נעקסטען שבת צונויפגענומען איהרע צוועלף יתומים, איז אריין מיט זיי פאַר קריאת התורה אין מאַקאַרעווער קלויז, וואו המן האָט געדאַווענט, איז צו מיט א גוואַלד צום ארון־קודש און האָט ניט געלאָזט אויסנעהמען.

עס איז געוואָרען א רעש, א מהומה.

די ווייבער האָבען פון דער ווייבערשער שוהל געגערגעלט, ווי אויפגערודערטע גענז.

געוועהנליך האָבען זיי זיך געשטעלט אויף דער אלמנה׳ס צד:

— ראַבעווען? ווי אזוי בעראַבעוועט מען עס אן אלמנה מיט צוועלף יתומים? עפּעס א הפקר־וועלט?

המן אָבער האָט זיך איינגעוויקעלט אין טלית מיט דער פערזשאַווערטער עטרה איבער׳ן קאָפּ, און איז־ווי פערגליווערט געוואָרען מיט׳ן פּנים צו דער מזרח וואַנט אין זיין שמונה־עשרה, פּונקט ווי ניט איהם מיינט מען עס.

ווער ווייסט ווי לאַנג דער עיכוב פון קריאת התורה וואָלט געוועזען געדויערט, ווען דער רב זאָל ניט געווען צוזאָגען דער אלמנה, אז ער וועט דעם מעקלער מזמין זיין לדין.

ברייַנדעלע קאָזאַק איז אָבער ניט געווען קיין נאַרישע אידענע, האָט זיך דערמיט אליין ניט צופרידענגעשטעלט און האָט אויסגעדריקט איהר צווייפעל, צי המן וועט וועלען געהן צו א דין־תורה.

— אַט פּאָלגט ער אייך! וואָס וועט איהר איהם טהאָן, אז ער וועט ניט מקיים זיין דעם פּסק־דין?

דאַן האָט זיך ר׳ בעריל דער בעל־אכסניא, אן אַלטער מאַקערעווער חסיד און א איש נכבד אין שטעדטעל, אומגעקעהרט פון דער וואַנט צום עולם, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון חומש, און קוקענדיג איבער זיינע ברילען אויסגעשריען מיט כעס:

— „יש דין בישראל"! און אז ער וועט ניט וועלען געהן צו א דין־תורה, וועל איך שוין זעהן פּועל׳ן, אז דער גענעראַל זאָל איהם שיקען צום רב.

דער רושם איז געווען אַן אויסערגעוועהנליכער, אפילו אויף דער אלמנה. אז בעריל זאָגט, איז געזאָגט און געטהאָן.

זי האָט דאַן געהייסען אויסנעהמען, האָט פערנומען איהר בינטעל יתומים און האָט פערלאָזען די קלויז.

תשעה באָב

עס איז געווען ערב תשעה־באָב...

ביינאַכט איז געגאַנגען א שלאַקסרעגען... דער גרויסער מאַרקפּלאַץ פאַר דער אכסניא האָ זיך בעדעקט מיט קאַלוזשעס און בליאַסקענדיגער בלאָטע... דער טאָג איז געווען א קאַלטער און א רעגענדיגער... דאָס שטעדטעל האָט זיך

אָנגעכמורעט און אונטער די פּאַלענדע דריבנע רעגענטראָפּענס האָט עס אויסגעזעהן ווי איינגעוויקעלט אין אַ גרויען נעץ פון אָרימקייט און עלענד.

דער גענעראַל האָט דעם טאָג געליטען פון רומאַטיזם און איז ניט אַרויסגעפאָהרען פון איינפאָהר.

צוליעב איהם איז נאַטאַשאַ אויך געבליבען דעם גאַנצען טאָג אין שטוב און האָט באַפוילען דעם משרת, אַז מען זאָל פאַר זיי קאָכען וואַרעמעס.

חיים־יוסי איז אַריין מיט דער גדולה אין קיך אַריין. די אַלטע שרה אָבער מבולבל געוואָרען.

— וואָס קאָכט מען? לייכט צו זאָגען — קאָכען! ווי אַזוי פּאַטראַפּעט מען זיי? אַ קלייניגקייט אַזאַ גענעראַל מיט אַזאַ פּאַניענטקעלע!

זי האָט אַ פּאָר מאָל שוין געקאָכט פאַר זיי, און דער משרת האָט כמעט דאָס גאַנצע עסען געבראַכט צוריק. זי האָט איפלו געהאַט פרישע פיש אין שטוב... ווי אַזוי אָבער קאָכט מען זיי?

און מיט אַ געקוילעטען העכט אין דער האַנט איז זי אַרויסגעגאַנגען פון קיך, זי אַן עצה האַלטען מיט איהר בעריל'ען.

— ווי זאָגסטו, בעריל. זאָל איך די העכטלעך אָנפילען, אָדער זיי קאָכען אַזוי, ניט געפילט?

— וואָס הייסט ניט פילען? נאַ דיר גאָר ניט פילען! וואָס פאַר אַ טעם האָבען עס ניט קיין געפילטע פיש? אודאי פילען, און קאָך זיי אינאיינעם מיט די קאַרפּען, מיט פעפער און מיט אַ ציבעלקעלע, אַזוי ווי די אידען קאָכען פיש. וואָס־זשע, דו האָסט שוין פערגעסען פיש צו קאָכען?

— איך ווייס... אפשר וועט דער גענעראַל ניט עסען מיט קיין פעפער?— האָט געצווייפעלט שרה.

— נאַ דיר גאָר ניט עסען! נאָך אַ מין עסען! — האָט געזאָגט בעריל מיט אַ זיכערען טאָן און צוריק אַראָבגעלאָזט די אויגען אין ספר אַריין.

— איהר געדענקט ניט, ווי אַזוי ער האָט פאַראַיאָהרען געקוואָלען פון אייערע פיש? — האָט זיך אָנגערופען דער משרת, וועלכער האָט זיך אויסגעצויגען צוריק אויפ'ן באַנקבעטעל. — פון אייערע פיש און פון ר' בערילס תהלים... איהר געדענקט, ר' בעריל?

— אַט געדענקסטו וואָס פאַראַיאָהרען איז געוועזן! איך זאָל עס אָנהויבען צו געדענקען, וואָס נעכטען האָט זיך געטאָן... עפּעס אַ קעצישער זכרון ביי מיר... זאָגסטו, איך זאָל אָנפילען? — האָט זי איבערגעפרעגט איהר מאַן.

בעריל איז געווען פערטיעפט אין אַ גוט־אידישען ספר און איז שוין געוואָרען אונגעדולדיג.

— אודאי אָנפילען! וואָס פאַר אַ פראַגע איז דאָס?

— אַ שעהנע מעשה... אַ גענעראַל זאָל ליעב האָבען תהלים און געפילטע פיש?... איך זעה עס צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען. מילא געפילטע פיש, פערשטעה איך נאָך; אָבער תהלים? — האָט געגאַפט שרה.

דער אַלטער בעריל האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון ספר און האָט אויף איהר אָנגעשטעלט אַ פּאָר לאַכענדיגע, געהיימניספולע בליקען איבער די ברילען.

— דו מיינסט, אַז צווישען זיי זיינען ניטאָ קיין צדיקים?
— ווי קומען צו זיי צדיקים? — האָט געגאַפט שרה.
בעריל האָט נאָך העכער און שפּאַטישער פעררייסען די אויגען איבער די ברילען.
— און וואָס זיינען עפּעס די חסידי אומות־העולם, וואָס די גמרא האָט מיט זיי אַזוי פיעל צו טהאָן? אין דער גמרא שטעהען זיי, להבדיל, אַזוי הויך, ווי אונזערע צדיקים... יאָ, יאָ! — האָט איהר פערזיכערט בעריל מיט אַ געהיימניספּולען וואונק.
— אין דער אמת, ווי קומט עס צו זיי?
— עס מאַכט זיך, אַ פערבלאָנדזשעטע נשמה... לכתחלה האָט זי געדאַרפט געבאָרען ווערען אַ איד; נו, איז זי, בעהיט גאָט, פערבלאָנדזשעט געוואָרען צו זיי — האָט ער איהר ערקלערט מיט אַ זיכערען טאָן פון אַן אויטאָריטעט.
— יאָ, יאָ! עס מאַכט זיך, שרה! — האָט פּאַטאַקעוועט דער משרת, האָט זיך שנעל אויפגעהויבען פון באַנק־בעטעל, האָט אויסגעשפּיגען ווייט פון זיך און האָט זיך גענומען קראַצען די געדיכטע רויטע טשופּרינע זיינע.
— אויב אַזוי, וועל איך זיי טאַקע אָנפּילען! — האָט בעשלאָסען שרה און איז אוועק אין קיך אריין.
פאַרנאַכט האָט בעריל פערפאַסט, האָט אָבגעגעסען אַן איי מיט אַש, האָט אויסגעטהאָן די שטיוועל, האָט אָנגעטהאָן אַ פּאָר טיפע קאַלאָשען און איז אוועק צו קינות.
שרה האָט פון איהר צד צונויפגענומען אַ כאַלאַסטרע ווייבער אין דער גרויסער קיך איהרער, האָט זיך בעזעצט מיט זיי, ווי אַ קוואָקטשע מיט היהנ־דעלעך, אויף דער ערד, און האָט זיך גענומען פאַר זיי לייענען צאינה־וראינה.
די ווייבער האָבען זיך צוואויינט אויפ'ן חורבן און אויף זייער אָרים און ביטער לעבען, און זייער געוויין האָט זיך געטראָגען צום גענעראַל'ס צימער און האָט אָנגעיאָגט אויף איהם און אויף נאַטאַשאַ'ן אַ מרה־שחורה מיט אַ פּאַניק, אַזוי ווי אַ מת וואָלט געלעגען אין שטוב.
געטריבען פון אַ גיפטיגען אומעט, האָט זיך דער גענעראַל גענומען שפּאַנען היין און צוריק איבער'ן גרויסען צימער.
אַז נאַטאַשאַ האָט איהם געפרעגט, וואָרום וויינען עס אַזוי די ווייבער און וואָס פאַר אַ יום־טוב איז דאָס היינט ביי אידען? — איז ער געוואָרען פּלוצים אין כעס און האָט אויף איהר אָנגעשריען.
נאַטאַשאַ'ן האָט עס איבערראַשט און בעליידיגט.
דער נערוועזער מאַן, וועמעס ליעבלינג זי איז געווען, האָט אויף יעדען איינעם געשריען, נאָר ניט אויף איהר, זיין בת־יחידה.
פון אָנהויב האָט זי זיך צוואויינט, זי איז אָבער באַלד ארויסגעלאָפען אין קאָרידאָר, האָט אַ רוף געטהאָן פון קיך אַבראַם מאָיסעיעוויטשען, דעם עקאָנאָם דעם סובאָטניק, האָט איהם געהייסען איינשפּאַנען די ליניייקע און איז אוועק־געפאָהרען אויף צו להכעיס נעכטיגען צום גראַף אין פּאַלאַץ אריין.
דער פּאַטער האָט באַלד חרטה געהאַט, למאי ער האָט אויף איהר אָנגע־שריען און איז געוואָרען אונרוהיגער. אָהן איהר האָט ער זיך דערפיהלט נאָך אומעטיגער, פערלאָזען און עלענד. דער געוויין אָבער פון די ווייבער ביי די

קינות איז געוואקסען ווי א גערדיכטע שווארצע כמארע, און איז געווארען איינפאך אונערטרעגליך. ניט לעבעדיגע מענשען, נאר עפעס פערמוטשעטע טויזענד־יאהריגע גייסטער האבען געוויינט און זיך געקלאגט פאר איהם, געריסען זיין הארץ אין איהם, דעם טאפפערען גענעראל, וועלכער האט געפיהרט שלאכטען און אונדערשראקען געקוקט דעם מלאך־המות אין פנים אריין. — איהם האבען זיי איצט אריינגעווארפען אין אן אבערגלויבישען שוידערענדען פחד. ער האט לענגער ניט געקאנט פערבלייבען אין צימער, ער האט ארויפגעווארפען אויף זיך דעם שינעל און איז ארוים פון איינפאהר.

זיין ערשטער געדאנק איז געווען, נאכלויפען נאטאשא'ן, זי איבערבעטען, זי דריקען צו זיין קראנקען, צושראקענעם הארצען און פערבלייבען די נאכט אין שלאס.

אין דעם מאמענט איז ביי איהם געבליבען, זיך איגנאנצען שוין איבער־צוקלייבען אהין, ניט קוקענדיג דערויף וואס די אלטע בעזיצער האבען זיך נאך ניט ארויסגעקליבען און ער האט זיי פיינד געהאט.

און ער האט זיך געלאזט געהן גלייך, ניט קלייבענדיג קיין וועג, איבער די בלאטעס און קאליזשעס. מיט שנעלע שפרינגענדע טריט, אזוי ווי אימיצער וואלט איהם פערפאלגט. די קאליזשעס האבען געקוויטשעט אונטער זיינע פיס און פערדריסליך געשפריצט אויף איהם מיט וואסער און בלאטע.

אז ער איז ארוים אין פרייען פעלד אריין און דער זיסער פרישער דופט פון די צייטיגע און שווערע זאנגען האט מיט אמאל איהם א בלאז געטהאן אין פנים אריין, גענומען עס גלעטען, טוליען זיך און לאשטשען צו זיין קראנקער ברוסט, איז איהם מיט אמאל געווארען גרינגער.

ער האט פערקלענערט זיינע טריט און האט זיך גענומען טרינקען די שמע־קענדיגע און ווי האניג זיסע לופט מיט א פולער ברוסט, ווי א היילענדען און קיהלענדען געטראנק.

דער הימעל האט זיך צוריק אויסגעלייטערט און אויסגעשטערענט. די נאך ערטערווייז געבליבענע קליינע צוריסענע וואלקענס זיינען ווי צוטומעלטע ארומגעלאפען איבער'ן הימעל, אזוי ווי זיי וואלטען געזוכט אן ארט וואוהין זיך צו בעהאלטען און פערשטעקען.

צייטענווייז זיינען זיי ארויפגעלאפען אויף דער האלבער בלייכער לבנה, און אזוי ווי געטריבען אויך פון איהר פלעגען זיי ווערען נאך אונרוהיגער, און בהלה'דיג לויפען ווייטער.

עס איז מיט אמאל געווארען ווארימער. די זשאבעס האבען הויך געקוואקעט און דער נעכסטער טאג האט פערשפראכען צו זיין א הייסער און זוניגער.

דער געדאנק אבער, אז ער וועט זיך בעגעגענען מיט'ן גראף, וועלכען ער האט געהאסט און מיט דער גראפינע, וועלכע האט הארטנעקיג געערדט נאך פויליש, א שפראך וואס ער האט פערהאסט פאר דעם פאלשען, פערפיהרערישען קלאנג און גיפטיגער זיסליכקייט, — דער געדאנק האט באלד ביי איהם אבגע־שלאגען דעם חשק צו געהן נעכטיגען אין שלאס.

פונדעסטוועגען האט ער זיך ניט פערקירעוועט און איז געגאנגען ווייטער.

צערטליך טאפּענדיג און גלעטענדיג מיט די הענט די שווערע נאַסע זאַנגען פון שמעקענדען ווייץ־פעלד.

מיט ליעבע און דאַנקבאַרקייט האָט ער זיי געגלעט, פאַר דער ערלייכטערונג וואָס זיי האָבען געבראַכט זיין קראַנקען הארצען, מיט זייער פרישען און היילענדען דופט.

און דער געדאַנק, אַז די דופטענדע זאַנגען, די שוואַרצע, פייכטע און פעטע ערד, וועלכע האָט צופריעדען געקוויטשעט אונטער זיינע שטיוועל און אויף וועלכער עס זיינען געוואַקסען די זאַנגען ווייט אַרום דעם שטעדטעל אין אַלע ריכטונגען, אַז דער גרויסער פער׳חלומ׳טער הונדערט־יאָהריגער פּאַרק, וועלכער איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגען אין דער בלויער נאַכט ווי אַ פער׳כשופ׳טער, און די מונטערע און פרעהליך קוואַקענדע זשאַבעס — אַז דאָס אַלעס איז איצט זיינס, זיין אייגענטום, — דער געדאַנק האָט איהם מיט אַמאָל אַנגעגאָסען מיט אַ גרויסער קינדערשער פרייד, וועלכע האָט איהם אַליין איבערגעשראָקען, אַזוי ניי און אונבעקאַנט איז איהם געווען דאָס געפיהל פון אַזאַ פרייד.

„איך בין אַלט און קראַנק, האָב אַ סקלעראָזע האַרץ, וואָס קאָן יעדע מינוט, אפילו אָט דאָ אין פעלד צווישען די זאַנגען, זיך אָבשטעלען אויף אייביג... אין מיינע יאָהרען טראַכטען מענשען פון אייביגע און הימלישע זאַכען, און איך פרעה מיך אַזוי מיט׳ן ערד־בעזיץ, מיט מיין ערווערב, אַזוי ווי איך וואָלט איהם געקאָנט מיטנעהמען אין קבר אריין... איז דען דאָס ניט לעכערליך און נאַריש?"

— האָט זיך געטראַכט און געוואונדערט דער אַלטער מאַן.

און אַן אַנדער אינוועניגסטע בעהאַלטענע שטימע, אַ בעהאַלטענע און פערשטעקטע, ווי דער בלינדער, אונבעוואוסטער אָבער מעכטיגער לעבענס־אינסטינקט, האָט אַנגעהויבען אין איהם צו פּראָטעסטירען, אַז ער האָט דעם מאַיאָנטעק און דאָס שטעדטעל געקויפט ניט צוליעב בעזיץ און ערווערב, נאָר צוליעב אַן אַנדער זאַך, וועלכע ער האָט געאַהנט, אָבער נאָך ניט פערשטאַנען.

ביי דעם געדאַנק האָט ער זיך פּלוצלינג אָבגעשטעלט, אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט וויסען וואו ער איז אין דער וועלט.

מיט אַמאָל איז איהם קלאָר געוואָרען, אַז דער געדאַנק איז גאָר ניט זיין אייגענער, אַז די שטימע איז ניט זיינע, אַז אינוועניגסטע, זאָנדערן זי איז געקומען צו איהם פון דרויסען, פון אָט דעם פער׳כישופ׳ט שטומען, הונדערט־יעהריגען פּאַרק...

ער איז געשטאַנען פאַר אַ פּאַרקען, איבער וועלכען ער האָט געדאַרפט אַריבערשפּרינגען. ער האָט אָבער דערפיהלט אַ בלייערנע שווערקייט אין די פיס און האָט זיי ניט געקאָנט אויפהויבען.

דאָס האָט איהם דערמאָנט אָן זיין עלטער און האָט איהם געמאַכט אומעטיג. ער האָט זיך אַ מיעדער אַנגעשפּאַרט אָן פּאַרקען און האָט זיך פערטראַכט. די צוריסענע פּוכיגע וואָלקענס זיינען נאָך אַלץ אַרומגעלאָפען פון שטעדטעל צום פּאַרק און צוריק, געיאָגט און געטריבען ניט פון ווינט, נאָר פון אַן אינערליכער אונרוה.

זיינע בליקען האָבען געוואַנדערט צווישען דעם שטעדטעל, וואָס איז געלעגען אונטער'ן בלויען אויסגעשטערענטען הימעל, שפּל'דיג ביי דער ערד, ווי אַ גרויסער שוואַרצער פלעק פון אָרימקייט, און עלענד און דעם פּאַרק מיט זיינע הויכע, שטאָלצע, הונדערט־יעהריגע טאָפּאָליעס, וועלכער האָט פון באַרג אַראָבגעקוקט צום שטעדטעל אין טהאָל אַריין מיט אַזאַ שטאָלצער, עכט־פּוילישער פעראַכטונג.

דער שטאָלצער פּאַרק האָט איהם דערמאָנט אָן יונגען גראַף מיט זיינע פערדרעהטע רויטע וואָנצעס און זיינע עלעגאַנטע שפּאָקעס. מיט אַזאַ שטאָלץ און אַריסטאָקראַטישען עקעל פלעגט ער און די פיער שפּאָקעס קוקען אויף דעם שפּל'דיגען אידישען שטעדטעל, וואָס איז פון תמיד אָן געלעגען ערנידעריגט אין טהאָל, ביים באַרג, ווי אַ בעטלער ביי די פיס פון אַ גנעדיגען האַרר...

און אַ בריהענדער און שמערצענדער האַס האָט אין דעם מאָמענט אָנגע־פילט זיין ברוסט, אַ האַס צו דעם שטאָלצען פּאַליאַק און צו דעם שלאָס אויפ'ן באַרג.

שוין ניט קיין קינדערשע, נאָר אַ בייזע פרייד האָט איהם ווידער אַרומ־געכאַפּט און געוואָרפען זיין האַרץ, אַ פרייד וואָס דער פּאַרק מיט'ן שלאָס געהערען איצט צו איהם און ער וועט איהם בעוואוינען, ער מיט נאַטאַשאַ'ן.

ער וועט לאָזען אַ צוואה, אַז נאָר זי זאָל ירש'ענען דעם מאַיאָנטעק און ניט זיינע זיהן, וועלכע האָבען געהאַסט די אידען ניט וועניגער ווי דער פּוילי־שער גראַף.

מיט אַמאָל איז איהם קלאָר געוואָרען זיין קינדערשע פרייד איבער'ן קויף און דאָס וואָס האָט איהם געטריבען צו דעם קויף...

דער פערלאַנג האָט יאָהרען־לאַנג געטליהעט אין איהם, ווי אַ פונק אונטער אַש. ער האָט איהם געטריבען, אונבעוואוסט און בלינד, ווי אַן אינסטינקט, וועלכער איז אַ גאַנצען מענשען־אַלטער אין איהם געלעגען פערשטעקט, האָט אָבער מיט אַן אונזיכטבאַרער פעסטער האַנט איהם געפיהרט דערצו. ער איז געווען דער לייטמאָטיוו און וועגווייזער פון זיין גאַנצען לעבען און ער האָט עס איהם געבראַכט צוריק אַהער, צו די פיס פון דעם באַרג מיט'ן שטאָלצען פּאַרק, ווי צום דערגרייכטען לעבענס־ציעל...

איצט האָט ער דערפיהלט, שטאַרקער ווי תמיד, אַז אייגענטליך איז ער נאָר איינער פון דעם שפּל'דיגען און פעראַכטען שטעדטעל, אַז ער געהערט אַהין מיט לייב און זעעלע, מיט אַלע זיינע געפיהלען און סימפּאַטיען.

האָט דאָס גערעדט אין איהם די עראַכטע ראָמאַנטיק פון דער יוגענד און קינדער־עראינערונגען, די עראינערונגען וואָס האָבען אַזאַ צויבער־קראַפט איבער דער עלטער?

ער האָט די צויבער־מאַכט נאָך דערפיהלט פאַראַיאָהרען, צו די שלש עשרה מדות, ווען דער ברוטאַל געשלאָגענער און צובלוטיגטער שמש האָט געהילכט אין דער נאַכט מיט די קלעפּ אין די לאָדענס, האָט געוועקט די אידען צו עבודת הבורא און האָט איהם מיט אַמאָל דאָן אַזוי אויפגערודערט און אויפגעוועקט פון אַ לעבענס־לאַנגען שלאָף.

איצט האָט איהם דער געוויין פון די ווייבער ביי די קינות, דאָס גאַנצע צו דער ערד צוגעפאַלענע, שטיל קלאָגענדע און זיפצענדע שטעדטעל, אין

וועלכען ער לעבט שוין צוויי וואכען און מיט וועלכען ער וואָלט זיך איצט ניט געקאַנט שיידען, — איצט האָט עס איהם איבערצייגט צום איבעריגען, אַז ער איז ניט קיין גענעראַל, נאָר אַ איד. און זיין גאַנץ לעבען איז איהם איצט פאָר־געקומען ווי אַ חלום, פון וועלכען ער האָט איצט ערוואַכט.

אין חלום איז ער געווען אַ סאָלדאַט, אַן אָפיציר, זיך בעטייליגט אין שלאַכטען; אין חלום האָט ער געמאַכט זיין גאַנצע מיליטערישע קאַריערע.

און די ווירקליכקייט ליגט איצט פאַר זיינע אויגען... ווי די לויפענדע וואָלקענס איבער׳ן הימעל האָט זיך די ווירקליכקייט אין אַלטע פערגאַנגענע בילדער אַנגעהויבען פונאַנדערוויקלען, לויפען און שפּרינגען פאַר זיין אויפ־גערודערטער פאַנטאַזיע.

אַזוינע רייכע און פרישע בילדער, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען ניט מיט עטליכע און פופציג יאָהר צוריק, נאָר נעכטען. ער האָט פערגעסען, אַז ער איז שוין אַן אַלטער מאַן קרוב צו שבעים. עס האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז ער איז נאָך אַ אינגעל, דאָס זעלבע אידיש אינגעל, וואָס פלעגט דורך די שפּאַרינעס פון פלויט קוקען, ווי די שעהנע אין ווייסען געקליידטע דאַמען פליהען אַרום און שטיפען אין פאַרק, שטיפען און לאַכען, ווי נימפען און גע־טינס אין אַ ליכטיגען און גרינעם גן־עדן.

ער האָט דערפיהלט, אַז ניט דאָס איבערגעוואַקסענע סקלעראָזע האַרץ וואַרפט זיך איצט אַזוי קלעמענד און שנעל אין זיין אַלטער ברוסט, נאָר דאָס האַרץ פון אַט יענעם אידישען אינגעל, וועלכער קוקט מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם דורך די שפּאַרינעס און כאַפּט מיט בעגעהרענדע און בעצויבערטע אויגען די ליניען פון די לויפענדע און שטיפענדע פיסלעך, די גראַציעזע בעוועגונגען פון די נימפען אין פאַרק.

אַזאַ קראַפט און לעבענספעהיגקייט בעזיצען שוין די זכרונות פון דער קינדהייט און יוגענד!...

פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ער און נאָך אַ אינגעל זיינען געקראָכען איבער אַט דעם פאַרקען, וועלכער שטעהט איבער׳ן וועג, האָבען גע׳גנב׳עט עפּעל, ווי אַזוי מען האָט זיי ביידען געכאַפּט, און דער אַלטער גראַף סווינטשיצקי האָט געהייסען זיי שמייסען פאַר זיינע אויגען מיט קראָפּעווע. ווי אַזוי מען האָט זיי אויסגעטהאָן און געשמיסען...

פונקט ווי עס וואָלט פּאַסירט ערשט נעכטען און ניט מיט פינף־און־פופציג יאָהר צוריק, אַזוי פריש און לעבעדיג גרין איז דאָס בילד פאַר זיינע אויגען... די בייזע בריהענדע קראָפּעווע... ער פיהלט נאָך איצט איהר גיפטיגען און ברענענדיגען גערוך... דעם בריהענדען פּיין פון די שמיץ, און ער זעהט פאַר זיך דעם אויף טויט איבערגעשראָקענעם, אויסגעקרימטען און פערוויינטען פנים פון זיין חבר... ער אַליין האָט דאַן ניט געוויינט! דער שטאָלץ האָט עס איהם ניט ערלויבט! ער האָט צוזאַמענגעשלאָסען די צייהן פון וועהטאָג און בריהענדען שמערץ, ער האָט עס דערשטיקט אין זיין קינדערשער ברוסט און האָט אין הארצען געשוואָרען אייביגע ראַכע צו דעם שטאָלצען שלאָס און צו זיינע אַריסטאָקראַטישע און גרויזאַמע איינוואוינער, וועלכע האָבען דאַן איהם אַזוי בעליידיגט און ערנידעריגט. און די גלענצענדע שלאַכטען, וועלכע ער האָט געליפערט אַרום קאַרס און אין „טורעטשינאַ״ ביי פּלעוונע, האָט ער

געפיהרט ניט מיט'ן טערק. די אָרמעען האָט ער געפיהרט ניט אַנטקעגען דעם רוסישען שונא, נאָר אַנטקעגען זיין אייגענעם, אַנטקעגען אַט דעם שלאָס און זיינע איינוואוינער...

ער איז אַלס קינד אויסגעגאַנגען צו עראָבערען צוריק דאָס לאַנד פון די אבות, און איצט האָט ער עס עראָבערט...

דער שלאָס, דער פּאַרק מיט די עפּעל וואָס ער האָט גע'גנב'עט, זיינען זיי־נע; נאָר די נימפען זיינען אַנטלאָפען פון פּאַרק, די שעהנע, געטליכע דאַמען אין זייערע ווייסע קליידער, וועלכע ער האָט פאַר די פינף־און־פופציג יאָהר ניט געקאָנט פערגעסען... און אַהן זיי, אַהן ליעבע, איז דער זיעג קיין זיעג ניט...

אָבער איצט וועט זיין קליינע טאָכטער נאַטאַשאַ זיין די געטין פון דעם פער'כישופ'טען פּאַרק. זי וועט דאָרט הערשען און אַנפילען דעם פּאַרק מיט איהר שוואַלבען־געזאַנג.

יאָ, ער האָט די נקמה, וועלכע ער האָט געשוואָרען; ער האָט זי אויס־געפאָכטען אין אַ לאַנגען לעבענס־קאַמף...

אַך, ווען ער קאָן איצט זעהן דעם חבר, וועלכער האָט מיט איהם גע'גנב'עט די עפּעל, דאָס אינגעל מיט'ן איבערגעשראָקענעם און פערוויינטען פּנים! ער וואָלט אויסגעווישט די טרערען פון דעם פערוויינטען איבערגעשראָקענעם פּנים, איהם געדריקט צו זיין ברוסט, און וואָלט מיט איהם צוטיילט דעם גלענ־צענדען זיעג...

ער וואָלט איהם אָבגעשאָטען מיט געלד און געמאַכט גליקליך!...

אָבער ווער ווייסט ווער און וואו ער איז, צי ער לעבט נאָך איבערהויפּט!

מיט אַמאָל איז ביי איהם געבאָרען געוואָרען אַ פערלאַנג, אַ מעכטיגער דראַנג, איהם אויסצוגעפינען אום יעדען פּרייז... ער וועט עס פּאָרזיכטיג אויס־פאָרשען ביים בעל־אכסניא...

און אַז ער האָט זיך גענומען גראָבען אין זכרון און דערמאָנען ווער עס איז געווען דאָס אינגעל, זיין חבר, האָט ווי אַ בליץ בעלויכטען זיין מוח און האָט איהם ערשיטערט — אַזוי אונערוואַרטעט און איבערראַשענד איז דאָס געווען!

די גאַנצע צייט קוקט ער אויף בעריל'ס פּרצוף, ווי אין אַ בעקאַנטען פער־געסענעם פּנים און קאָן זיך ניט דערמאָנען, ווער איז דער בעקאַנטער פּנים... איצט האָט ער זיך דערמאָנט!

דאָס איז דערזעלבער אינגעל, וועלכער האָט דאַן מיט איהם געריסען די עפּעל אין פּאַרק. אַה, ער איז זיכער! דער חבר האָט דאַן אויך געוואוינט אין דעמזעלבען איינציגען איינפאָהר אין שטעדטעל; ער און זיינע עלטערען האָבען געלעבט אין אַ הויז אַנטקעגען, נעבען דער קלויז... עס מוז זיין בעריל, קיין אַנדערער!

ער דערקענט אין דעם שעהנעם זקן, מיט דער באָרד פון אַ פּאַטריאַרך, אין זיין הויכען שטערען מיט די בלויע צאַרטע אָדערען, דעם פּנים פון זיין יוגענד־חבר...

די ענטדעקונג האָט איהם אַזוי איבערראַשט, איז איהם פּאָרגעקומען אַזוי וויכטיג, האָט איהם אָנגעפיהלט מיט אַזאַ צאַפּלענדער קינדערשער פרייד, אַז ער איז אוועק צוריק אין שטעדטעל, מיט שנעלע טריט, כמעט לויפענדיג און מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם.

דער יוגענד-חבר

געגאַנגען איז ער צוריק אין שטעדטעל מיט'ן פעסטען בעשלוס אַלעם צו ענטדעקען פאַר'ן בעל־אכסניא.

אויפ'ן וועג האָט ער זיך גוט איבערלעגט די געפאַהר, וואָס איז געווען פערבונדען דערמיט פאַר איהם און פאַר זיין פאַמיליע. ער האָט ניט געהאַט קיין פּלענער אָפּען צו בעקענען זיין אידישע אַבשטאַמונג. דאָס וואָלט איהם אויף דער עלטער פערשאַפט פיעל צרות און טראַבעל. פאַר זיין אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע איז ער געווען אַ קורלענדער, רוסיפיצירטער דייטש, אַ פּאַן הערשעלמאַן, וועלכער האָט אַנגענומען דעם רוסישען גלויבען. זיין ווייב איז געווען אַ סטאַראָוויערקע פון דער עכטער און רייכער מאָסקווער „קאַצאַפּ־שטשינע". זי האָט איהם אַריינגעבראַכט אַ מיליאָן נדן, אַחוץ דערפער, און מיט איהרע פערבינדונגען אין די הויכע ספערען. דער רייכטום האָט איהם געהאָלפען מאַכען זיין גלענצענדע קאַריערע, צו ווערען אַ גענעראַל אַדיוטאַנט.

אַז אַלעקסאַנדער דער דריטער איז אַרויף אויפ'ן טראָהן איז ער געווען נאָר אַ פּאָלקאָווניק. זיין ווייב'ס קרובים האָבען איהם צוערשט געהאָלפען ווערען דער קאָמאַנדיר פון אַ בריגאַדע און דערנאָך פון אַ קאָרפּוס.

אין דער פאַמיליע אָבער איז דער האָס און עקעל צו אַ זשיד געווען איינגעבאָרען און איינגעפּלאַנצט פון יאָהרהונדערטע, פון דור צו דור, אַ וויכטיגער טייל פון איהר לעבענס־אַנשויאונג.

זיין זוהן, דער פּראָקוראָר, איז געגען זיין ווילען אויך אַזוי ערצויגען געוואָרען און איז איצט געווען איינער פון די פיהרער פון אָפיציעלען אַנטי־סעמיטיזם, און האָט געמאַכט אַ קאַריערע מיט'ן אידענהאַס. אַן אויסנאַהמע איז געווען נאַטאַשאַ, וועלכע איז געווען געראָטען אין איהם.

כל זמן ער איז געווען יונג און האָט געמאַכט די קאַריערע, האָט ער ניט געהאַט קיין צייט זיך אַרומצוקוקען. ער האָט געשטרעבט צו מאַכט, צו הערשאַפט אין לעבען, איז ער געווען בעטרונקען פון דער מאַכט און אין דער שטרעבונג האָט ער פערגעסען אַז אַלעס וואָס ס'איז ניט געלעגען אויף זיין וועג. וואָס ס'איז איהם יאָ געלעגען אין וועג, האָט ער אויפגערוימט און אַבגע־שליידערט ווי אַ שפּענדעל, ווי ער האָט אויפגערוימט און פון זיך אַרונטער־געוואָרפען די פּענטעס, וואָס דאָס יודענטום האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט מיט דער געבורט.

אַז די קאַריערע איז שוין געווען געמאַכט און פאַר זיינע אויגען איז שוין געשטאַנען דער טויט און דער קבר, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און איבער־געשראָקען. רעליגיעזע געפיהלען האָבען דערביי ניט מיטגעשפּיעלט. זיי זיינען פערדאַרט געוואָרן אין זיין נשמה, ווי די צווייגען פון אַן אַלטען טרוקענעם בוים.

אַז ער האָט זיך אַרומגעקוקט האָט ער דערזעהן, אַז ער איז איינער פון דער געזעלשאַפט, וואָס רודפ'ט און פּלאָגט אידען, איהר מעכטיגעס ווערקצייג. זיין זוהן, זיין פאַמיליע, די אַנטיסעמיטישע סביבה, אַלעס צוזאַמען האָט איהם פּלוצים געגעבען דעם בעוואוסטזיין, אַז ער בעטייליגט זיך אין אַ מיאוס'ער און לומפּיגער געשיכטע. דאָס געוויסען איז געוואָרען אונרוהיג. עס איז שוין אָבער געווען צו־שפּעט, ער האָט זיך דערפיהלט צו־שוואַך צו קעמפען, אַן אונמעכטיגער, קראַנקער גרייז.

אין די לעצטע יאָהרען איז איהם אָבער דער יודענהאַס פון די ספערען, צו וועלכע ער האָט געהערט, איינפאַך געוואָרען אונערטרעגליך, בעזאָנדערס דער בלינדער פאַטאַלאַגישער האַס צו אידען פון זיין אייגען ווייב און זוהן.

דאַן איז ביי איהם נולד געוואָרען דער געדאַנק צו אַנטלויפען און זיך בעהאַלטען פון די ספערען און פון זיין אייגענער פאַמיליע. דערמיט האָט ער געהאָפט פון זיך אַראָבצואוואַרפען די פעראַנטוואָרטליכקייט און בערוהיגען דאָס קראַנקע געוויסען.

אין דער שלאָפלאָזער נאַכט צו די שלש־עשרה מדות, ווען זיין שיקזאַל האָט איהם געבראַכט אהין, וואו זיין קינדער־וויגעלע איז געשטאַנען, איז ביי איהם געבאָרען געוואָרען דער געדאַנק, צו קויפען דאָס שטעדטעל און זיך דאָרטען בעזעצען מיט נאַטאַשאַ'ן.

דאָס אָפענע בעקענען זיך צום יודענטום וואָלט דערפאַר איהם געבראַכט ניט קיין זעעלענרוה, וואָס ער האָט געזוכט אויף דער עלטער, נאָר אַ קאַטאַ־סטראָפע... פאַר איהם און פאַר די אייגענע. דער אייגענער זוהן זיינער וואָלט איהם פון שאַנד און עקעל דערשאָסען. ער האָט מורא געהאַט צו פערלירען די ליעבע אפילו פון נאַטאַשאַ'ן, דעם רייכסטען און טהייערסטען אוצר זיינעם.

די רעגירונג אַליין וואָלט זיך גענומען איהם פערפאָלגען.

ניין! דערפון איז ער געווען גאַנץ ווייט אין זיינע געפיהלען און געדאַנקען. וואָס איז דער אונטערשייד, ליגען און פוילען אויף'ן צווינטער אָדער אויף'ן אידישען בית־עולם? אַלעס גלייך! דעם סוד זיינעם וועט ער מיטנעהמען מיט זיך אין קבר אריין.

איצט אָבער האָט ער בעשלאָסען, אַז איין מענש אין שטעדטעל, אַזאַ ווי דער בעריל איז געווען, מעג וויסען פון זיין סוד. ער האָט געוואוסט, אַז דער בעריל איז אַ פרומער עהרליכער איד, אַז אויב ער וועט נעהמען ביי איהם אַ שבועה, אַז דער סוד וועט אָבשטאַרבען מיט זייביידען, וועט דער איד מקיים זיין די שבועה ווי אַ היילינגען נדר.

ווייטער, האָט ער געמוזט האָבען אונטער זיינע הענט אַזאַ אידען... ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט אין שטעדטעל אַ סך אָרימע קרובים, ער האָט געהאַט אַן אונאיבערווינדליכע בעדערפניש, אַ האַרצענס־דראַנג זיי צו העלפען און צו שטיצען, כדי צו רייניגען זיין געפּלאָגטען געוויסען, און ער האָט זיך גענויטיגט אין אַ פערמיטלער, אין אַ האַנד, וואָס זאָל דאָס אַלעס טהאָן פאַר איהם בסוד.

און מיט אַט די געפיהלען און געדאַנקען איז ער אריינגעגאַנגען צוריק אין איינפאַהר.

אַז דער גענעראַל איז אַריין צו זיך אין איינפאַהר איז בעריל שוין געווען צוריק פון קינות.

זיין וויינענדע שטימע האָט זיך צו איהם געטראָגען פון נעכסטען צימער. די ווייבער זיינען שוין ניט געווען. זייערע יללות האָבען אויף איהם פריהער אַנגעטריבען אַ שרעק און צוגלייך אַן עקעל מיט זייער דיסהאַרמאָניע, ווי אַ ווילדער געפילדער פון אַ מחנה טאַנצענדע מכשפות און גיהנום־געשטאַלטען.

אָבער בעריל'ס שטילע בכיה האָט זיך געצויגען און געגאָסען איבער'ן

אײנפּאָהר און האָט פערכאַפּט זײן הארץ װי אַ שטילע ראַפּסאָדיע, װי אַ מעלאַנכאָלישע עלעגיע אױפ׳ן קבר פון אַ געליעבטער.

דער איד האָט ניט געקלאָגט אױפ׳ן נאַציאָנאַלען חורבן, נאָר אױף זײן אײגענעם. עס איז איבערהױפּט ניט געװען ניט קײן קלאָג און ניט קײן געװײן... טרערען װאָלטען געװען אַ ביליגע און בעלײדיגענדע זאַך פאַר אַזאַ טיעפען אינטימען טרױער. דאָס איז געװען אַ לאַנגעם אונענדליכעם ליעד פון אַ פערשטײנערטען צער, די מעלאַנכאָליע פון אַ פערװאונדעטער אײביגער ליעבע. דאָס טיעפע בענקעניש פון צושײדטע הערצער...

מיט בעריל׳ס ניגון האָט געמוזט די מוטער רחל טרױערען אױף איהרע פערטריבענע קינדער...

װי אַ זיסער גיפט האָט זיך די ראַפּסאָדיע געגאָסען אין קראַנקען הארצען פון צװײטען אידען, אין מונדיר פון אַ גענעראַל־אַדיוטאַנט, מיט אַ געאַרגיעװסקי צלם אױף דער ברוסט, װעלכער האָט געשפּאַנט אין נעכסטען צימער, אונטער׳ן בײזען קלאַנג פון זײנע שפּאָרען...

דער קלאַנג האָט געמאַכט בעריל׳ס שטילע בכיה נאָך גיפטיגער און קלעמענדער.

אָבער אַזױ אינטים, אַזױ פּערזענליך איז איהם פאָרגעקומען די שטילע בכיה, אַז ער האָט דעם געדאַנק, אַרײנצוגעהן צום בעל־אכסניא און איהם אונ־טערברעכען, אָבגעשלײדערט. װײטער האָט ער מורא געהאַט זי צו אונטער־ברעכען.

ער האָט דערפיהלט, אַז זי הײלט איהם און קיהלט איהם דאָס קראַנקע הארץ, װי אַ זיסער הײלענדער זאַפט, און האָט אַלײן געגאַפּט און בעװאונדערט די װירקונג. דאָס הארץ איז געװאָרען אַזױ רוהיג, אַזױ גרינג און ליכטיג איז איהם מיט אַמאָל געװאָרען אױף דער נשמה, פּונקט װי אַלע חשבונות פון לעבען װאָלטען זיך געענדיגט און דאָס הארץ װאָלט זיך בערוהיגט אױף אײביג.

און טרערען פון אַ שטילער צאַנקענדער פרײד און פון גליקזעליגקײט, האָבען זיך גענומען גיסען, גלעטען און צערטליך װאַרימען זײנע באַקען.

באַלד אָבער האָט ער זיך װידער דערמאָנט אַן דעם אינגעל, דעם חבר זײנעם, מיט װעלכען ער האָט אַמאָל גע׳גנב׳עט עפּעל אין פּאַרק, און זײן איבער־געשראָקענעם און פערװײנטען פּנים.

דאָס געװײן פון דעם אינגעל האָט זיך בײ איהם אין זײנע אױערען צוזאַ־מענגעגאָסען און פערשמאָלצען מיט דער בכיה, װאָס האָט זיך געטראָגען פון צװײטען צימער.

דאָס הארץ האָט זיך צוריק אָנגעהױבען אונרוהיג װאַרפען אין דער קראַנ־קער ברוסט. דער קלאַנג פון זײנע אײגענע שפּאָרען האָט איהם אױפגעשװידערט.

„איז דאָס אַ חלום? אַ לאַנגער לעבענס־חלום און ניט מעהר?"

אינסטינקטיוו האָט ער אַנגעכאַפּט דעם גאָלדענעם צלם מיט די בריליאַנטען אויף׳ן האלז, וועלכער איז געהאַנגען איבער׳ן מונדיר, און דער צלם האָט איהם אַזוי ווי אָבגעבריהט, איבערגעשראָקען און אַנגעיאָגט אויף איהם נאָך אַ גרעסערע אונרוה, די אַלטע אונרוה פון אַ געפּלאָגטען געוויסען...

געטריבען פון דעם נייעם געפיהל, איז ער ארויס פון זיין צימער און האָט געעפענט די טהיר פון דעם צימער, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגען בעריל׳ס טרויעריגע שטימע.

אין דער טהיר איז ער געבליבען שטעהן ווי אַ פערגליווערטער...

בעריל האָט זיין ערשיינען ניט בעמערקט.

פערטיעפט אין זיין טרויער איז ער געזעסען אויף דער ערד פאַר אַ בענקעל מיט אַ צאַנקענדער חלב׳נער ליכט, מיט אַ ספר אין דער האַנד, און זיין גרייז־גרויער קאָפּ מיט דער ווייסער באָרד האָט זיך שטיל געשאָקעלט איבער׳ן ספר און געציטערט אין איין טאַקט מיט זיין צטערנדיגען און וויינענדיגען קול.

אין צאַנקענדיגען ליכט האָט ער בעמערקט אויף זיינע באַקען גרויסע צאַפּלענדע טרערען, וועלכע האָבען געלויכטען ווי דימענטען.

זיין ערשטע בעוועגונג איז געווען צוצולויפען צו דעם איינגעהויקערטען גרוז, איהם אויפהויבען פון דער ערד און זיך מיט איהם צוקושען, ווי מיט אַן אַלטען חבר, איהם דערצעהלען פון זיין זיעג, פון דער נקמה, וועלכע ער געהט נעהמען פאַר די שמיץ, וואָס זיי האָבעןביידע אַמאָל געכאַפּט. ער האָט שוין אויסגעצויגען צוויי ציטערנדע הענט און פון זיין ברוסט האָבען זיך שוין געריסען די צאַפּלענדיגע ווערטער:

„בערקאַ! דערקענסטו מיך ניט? !"

די ווערטער האָבען איהם אָבער אַליין איבערגעשראָקען און זיינען פער־גליווערט געוואָרען אויף זיינע ליפּען.

ער האָט מיט אַמאָל דערפיהלט, אַז אויב ער וועט ארויסגעבען זיין לעבענס־סוד, גיט ער מיט איהם צוזאַמען אָב זיין נשמה, זיין לעבענס־אָטעם; אַז דער סוד האָט עס געמאַכט זיין לעבען אַזוי אינטערעסאַנט און ווערטהפאָל, אַז ער האָט דערויף קיין חרטה ניט...

מיט דעם סוד איז ער ארומגעגאַנגען ווי אַ נסתר אויף דער וועלט, אַ גייסט וואָס זעהט און קאָן ניט געזעהן ווערען. — אַזוי האָט ער געוואַנדערט אין דעם צאַר׳ס פּאַלאַץ, געשטאַנען דאָרט אויף דער וואַך, געהערט זיין שטימע און אָטעם...

אַ זיסער גליקליכער שווידער פלעגט דאַן לויפען איבער זיין לייב און איהם, דעם אידען, מאַכען פאַר׳ן מעכטיגסטען און שטאָלצסטען הערשער איבער דער וועלט, איבער׳ן צאַר אַליין און איבער אַלע שונאים פון זיין אייגען פאָלק...

ער האָט געקאָנט צוגעהן צום צאַר און איהם אריינרוקען זיין שווערד אין ברוסט אריין, נעהמען נקמה פאַר זיין פאָלק...

ניט איין מאָל האָט אַזאַ געדאַנק געשווידערט זיינע אברים מיט אַ פיבער...

אויפגעבען דעם סוד וואָלט געהייסען זיך אָבזאָגען פון דער מאַכט, פון דער נקמה, פון דעם צויבער־היטעל, וועלכע האָט איהם געמאַכט פאַר׳ן נסתר.

און איצט, ווען ער האָט זיך געפּיהלט אַלס איד שטאַרקער ווי תמיד, האָט ער די מאַכט געדאַרפט האָבען מעהר ווי תמיד.

ווייטער איז איהם דער איינגעבויגענער איד, מיט זיין שטילער בכיה און אייביגען פערגליוערטען צער אויף אַ חורבן, וועלכער האָט פּאַסירט מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק, געוואָרען אַזוי טהייער, אַזוי הייליג... דאָס בילד איז געווען אַזוי שעהן אין זיין מעלאַנכאָלישען גלאַנץ, אַז ער האָט ניט געוואָלט איהם שטערען, איהם אויפהויבען פון דער ערד און אויסגלייכען, פּונקט ווי ער האָט שוין איצט ניט געוואָלט אַוועקגעבען זיין לעבענס־סוד, זיין נשמה...

און ער איז נאָך לאַנג געשטאַנען, אונבעמערקט און פערכאַפּט פון דער מעלאַנכאָלישער שעהנקייט, פון דעם עלעגישען גלאַנץ, וואָס האָט געלויכטען פון דעם צוזאַמענגעבויגענעם און טרויערנדען אידען ביי דער צאַנקענדער חלב'נער ליכט.

ער איז געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און האָט געזופּט אין זיך דעם טרויעריגען קלאַנג פון דער בכיה, ווי מען טרינקט אַ שטאַרקען ווייןּ, אַ זיסען גיפט... ביז די פיס האָבען איהם אָנגעהויבען צו ציהען און צו ציטערען.

דאַן איז ער שטיל אַרויסגעגאַנגען און האָט פערמאַכט הינטער זיך די טהיר.

איינגעוויעגט פון זיין יוגענד־חבר'ס טרויעריגען ניגון איז ער באַלד איינגעשלאָפען און איז די נאַכט געשלאָפען שטאַרקער און לענגער, ווי אין די קינדער־יאָהרען ביי זיין אָרימען טאַטען אין דעמזעלבען שטעדטעל...

אויפ'ן צווייטען טאָג

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אַ פרישער און געזונטער. אַזוי ווי אימיצער וואָלט אין דעם לאַנגען שטאַרקען שלאָף ביי איהם צוגענומען די לאַסט פון די יאָהרען און איהם פערביטען דאָס קראַנקע איבערגעוואַקסענע האַרץ אויף אַ יונגס און געזונטס.

אַ הייסער זומער־טאָג האָט געוואָרפען דורך די פענסטער כוואַליעס פון מונטערען און טאַנצענדען זונשיין.

זיין עקאָנאָם האָט שוין געגרייט מיט'ן משרת אין קאָרידאָר:

ער האָט זיך געהייסען ברענגען וואַסער און אָנזאַטלען דאָס פערד. האָט זיך געוואַשען, און אָהן מיה, ווי אַ יונגערמאַן, אַליין אָהן עקאָנאָם'ס הילף, זיך אַרויפגעכאַפּט אויפ'ן זאָטעל. האָט אָנגעשפּאָרנט דאָס פערד און איז אַוועק מיט אַ גאַלאָפּ איבער'ן מאַרקפּלאַץ. מיט'ן זעלבען גאַלאָפּ איז ער דורכגעלאָפען אַרום די קלייטען און איבער עטליכע גאַסען. איז אַרויס פון שטעדטעל און איז אַוועק איבער'ן מאַיאָנטעק.

איבעראַל האָט ער אויף זיין וועג שוין בעגעגענט מענשען, אידען און גוים, פוסגעהער און אין וועגען. אַלע האָבען איהם הערצליך געגריסט, אָהן היטלען און מיט טיעף פערבויגענע קעפּ, האָבען איהם געגעבען דעם וועג און איהם לאַנג נאָכגעקוקט. איצט האָט ער נאָכאַמאָל דערפיהלט די טיעפע גרויסע פרייד פון בעזיץ און מאַכט.

ווי אַ זיעגער און אַלמעכטיגער הערשער האָט ער זיך געפּיהלט אויפ'ן

גאלאפירענדען פערד, ווי אין די זיעגסרייכע שלאכטען זיינע. די גאנצע אין זונשיין געלעגענע און שמעקענדע זומער־לופט איז געווען געזעטיגט און בעטרונקען מיט דער מאכט, און ער האט די לופט געאטעמט מיט טיעפע אטעמציגע.

אויפ'ן פולווארישק האט ער געטראפען א מחנה גוים אהן היטלען. דער עקאנאם האט אין דער נאכט פערנומען זייערע פערד אין האבער.

אז די גוים האבען איהם דערזעהן, האבען זיי זיך פאר איהם אלע מיט אמאל, ווי אויף א בעפעהל, ארונטערגעלאזט אויף די קניע. אין זונשיין האט די גרופע קניענדע גוים מיט נאקעטע טשופרינעס, פאר א גענעראל אויף א פערד, אויסגעזעהן אזוי דעקאראטיוו שעהן, ווי א קניענדעס פאלק פאר א קיסר און זיעגער, וואס בעט אום גנאדע.

די צוויי געשמיסענע אינגלעך זיינען ווידער אויסגעוואקסען פאר זיינע אויגען... און ער האט די גוים לאנג געלאזט שטעהן קניענדיגע און בעזיעגטע. ער האט לאנג ניט געקאנט אראבנעהמען פון זיי זיינע בעצויבערטע אויגען און האט געטרונקען די מאכט זיינע איבער זיי מיט א פולער פלאטערנדער ברוסט, מיט א ליידענשאפטליכען פערגעניגען, און קענען זיין ווילען האט ער זיך אויף זיי צושריען מיאום און ברוטאל, ווי א רוסישער סאלדאט.

ער איז אבער באלד פערשעהמט געווארען פאר זיך אליין, האט בעפוילען זיי אבצוגעבען די פערנומענע פערד, האט א שמיץ געטהאן זיין פערד און איז אוועק ווייטער, אין פעלד אריין.

און באלד איז דאס פערד געלאפען צווישען א ים פון שווערע, אונטער זייער זאפטיגער לאסט געבויגענע זאנגען.

א פריש ווינטעל האט זיך געטראגען איבער'ן פעלד און האט עס געטריבען און בעוועגט, ווי כוואליעס אין א ברייטען גרינעם ים.

און ווי די גוים אויפ'ן פולווארישק האט דאס ברייטע, מיט זאפט געלאדענע פעלד געקניעט פאר איהם, האט פון זונשיין און העל־גרינע זאנגען, שנעל און פיבערהאפט ווי דער לויפענדער ווינטעל, געוועבט א ברייטען, בליאסקענדען און פיעלפארביגען טעפיך און איהם ווייט געווארפען און געשפרייט צו די פיס פון גאלאפירענדען גענעראל.

און דאס פערד איז געלאפען און געשפרונגען איבער'ן בליאסקענדען און בעוועגטען טעפיך, און האט געשפיעלט און געזונגען מיט הייסען, קאכענדען בלוט.

געשפיעלט און געזונגען האט אויך דאס בעוועגטע פעלד און די בליאסקענדע לופט איבער איהם, פון צווישען די פעטע זאנגען — א בעהאלטענער ארקעסטער פון מיליאנען בעשעפענישען. אין דער בלענדענדער לופט האבען געזונגען אונזיכטבארע פויגלען.

און די אלע טענער מיט'ן געזאנג פון בלוט אין צוהיצטען פערד האבען זיך צוזאמענגעגאסען אין א סימפאניע פון פרייד און מונטערען לעבען, א געזאנג פון א רייפער, מיט לעבענס־זאפט אנגעגאסענער נאטור.

און דאס אלעס, ווייט ארום די פעלדער און דער וואלד מיט זיינע דונקעלבלויע ליניען, האט בעלאנגט צו איהם. אלעס האט זיך געבויגען פאר איהם דעם בעזיצער און געזונגען איהם שירה.

און דער גענעראַל האָט געפיהלט, ווי דאָס הייסע קאָכענדע בלוט גיסט זיך איבער פונ׳ם פערד׳ס וואַרימען קערפּער אין זיינע פיס, אין אַלע אברים זיינע, מאַכט איהם צוריק יונג און געזונט און פילט איהם אויך אָן מיט געזאַנג און לעבענס־פרייד.

אַזוי איז ער אַרומגעלאָפען עטליכע שטונדען פון פאָלווערק צו פאָלווערק און איז איבעראַל עמפּאַנגען געוואָרען ווי אַ קיסר און זיעגער.

מיט אַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין פּרינצעסין, אָן נאַטאַשאַ׳ן. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער האָט זי שוין ניט געזעהן אַן אייביגקייט. אויך אַ הונגער האָט שוין שטיל גענאָגט אין זיין ברוסט.

ער האָט פערקירעוועט דאָס פערד און האָט זיך געלאָזט פאָהרען צוריק אין שטעדטעל אַריין.

צוריקוועגס האָט ער פערבלאָנדזשעט צום אידישען בית־עלמין. דאָס איז געווען אַ גרופּע בוימער אין אַ טהאָל, אַרומגעצוימט מיט אַן אַלטען, פערפוילטען און איינגעפאַלענעם פּאַרקאַן.

ווי יתומים האָבען זיך די בוימער געטוליעט איינס צום אַנדערען אין דעם טהאָל, און פון דאָרט האָט זיך ווידער ווייט געטראָגען אַ געוויין פון ווייבער.

דאָס געוויין האָט ווי נעכטען אין איינפאָהר־הויז צוזאַמענגקלעמט דאָס האַרץ, עס ווידער אָנגעפילט מיט שרעק און גיפטיגען, בריהענדען אומעט און האָ מיט אַמאָל אויסגעלאָשען די פרייד פונ׳ם שעהנעם זומער־מאָרגען, פונ׳ם אויפגעוואַכטער לעבענס־דורשט און פון דער מאַכט פון זיין בעזיץ און רייכטום.

אַנטקעגען צום הייליג אָרט זיינען געגאַנגען פון שטעדטעל אידען אין זאָקען, מיט געבויגענע תשעה־באָב׳דיגע קעפּ, מיט אַ פערגליווערטען אייביגען צער אויף די פּנים׳ער.

זיי האָבען פאַר איהם אַראָבגענומען די היטלען, אָבער ניט חניפה׳דיג ווי כסדר, נאָר שטום און טרויעריג, ווי אַ שטאָלץ פאָלק, וואָס איז געטריבען געוואָרען פונ׳ם זיעגער אין גלות.

ער האָט זיך פּלוצים שוין דערפיהלט ווי איינער פון זיי, וואָס איז אויך אין גלות, און איז אַראָבגעשפּרונגען פון פערד.

— וואָס פאַר אַ געוויין איז דאָס דאָרט? — האָט ער אָבגעשטעלט אַן אַלטען אידען.

— אַ געוויין... אידען וויינען... פאַרוואָס זאָלען זיי ניט וויינען? דו ווייסט דאָך, פריץ, אַ אידיש האַרץ... עס איז פערביטערט, וויינט עס — האָט איהם געענטפערט דער אַלטער איד מיט אַ טרויעריגען קוים צאַנקענדען שמייכעל.

— איז ביי אייך אימיצער געשטאָרבען אין שטעדטעל?

דער אַלטער האָט זיך שטיל צולאַכט.

— צי דען דאַרף אַ איד וויינען אויפ׳ן טויט? אויפ׳ן לעבען דאַרף ער וויינען!... אויף דערויף וואָס ער איז געבאָרען געוואָרען...

אַ ווײַלע האָבען זיך די צוויי אַלטע מענשען אָנגעקוקט. דער איד האָט געקוקט אויפ׳ן גענעראַל גלייכגילטיג, אָהן דעם פערקנעכטעטען הכנעה׳דיגען

שמייכעל, מיט וועלכען עס האָבען צו איהם אַרויפגעקוקט אַלע אידישע פּנים׳ער פון שטעדטעל. און דער קאַלטער אַלטער פּנים האָט איהם דערמאָנט, אַז זיי ביידע שטעהן שוין פאַר׳ן קבר, און פאַר דעם קבר זיינען זיי ביידע גלייך — ער, דער גענעראַל און רייכער מאַן, און דער אָרימער צוזאַמענגעבויגענער איד — און ער דאַרף זיך דערפאַר שוין ניט שמייכלען.

מיט אַמאָל איז אַלעס איהם פאַרגעקומען אַזוי נאַריש און לעכערליך: זיין רייכטהום, די פעלדער און וועלדער ווייט אַרום איהם, מיט שטאַלצען פּאַרק אויפ׳ן באַרג.

לעכערליך און נאַריש זיינען איהם פאַרגעקומען אַלע געדאַנקען און גע-פיהלען, וועלכע האָבען ערשט געפּלאַטערט אין זיין ברוסט, ווען ער האָט גע-ריטען אויפ׳ן הייסען פערד. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערפיהלט אויסגעלאָשען און אָרים, ווי דער אַלטער איד איז געווען.

נאָר א געפיהל פון שאַנדע האָט זיך ווי א מויז געקראַצט טיעף אין דער נשמה.

און אַז דער איד האָט זיך אויסגעדרעהט צו איהם מיט דער האָרבאַטער פּלייצע און האָט זיך געלאָזט מיט אַלטע, געשלעפּטע טריט געהן צום הייליגען אָרט, וואו אַלע מענשען געפינען זייער אייביגע רוה, האָט ער זיך דערפיהלט אַזוי עלענד און פערלאָזען, אַז ער האָט זיך איבערגעשראָקען צו בלייבען אַליין.

א ווײַלע איז ער געשטאַנען, האָט איהם נאָכגעקוקט מיט א געבויגענעם קאָפּ און האָט זיך בעוואוסטלאָז געלאָזט איהם נאָכגעהן.

ער האָט צוגעבונדען דאָס פערד צום פּאַרקאַן, האָט זיך איינגעהויקערט, ווי דער אַלטער אויסגעלאָשענער איד, און איז אַריינגעגאַנגען אין אוהל אַריין.

דער בית-עולם

— צדקה תציל ממות! — האָט איהם בעגעגענט א קלאַנג פון טויט און קופּער.

דער טויטער קלאַנג האָט איהם אויפגעשווידערט און אָבגעשטעלט זיין האַרץ, ווי א בייזע דראָהענדע וואָרנונג.

אַזוי ווי איבערגעשראָקענע זיינען די אידען פערגליווערט געוואָרען מיט די פּושקעס אין די הענט, און דער קלאַנג האָט זיך אָבגעריסען און איז צוזאַמענגע-גאָסען געוואָרען מיט דעם ווייטען געוויין פון די ווייבער צווישען די קברים.

זיין ערשטער געדאַנק איז געווען צו לויפען פון דער וואָרנונג, פון דעם טהאָל, וואו דער טויט האָט געהערשט. ער האָט שוין אָבער ניט געקענט אויפהויבען די אַלטע פיס זיינע, אַזוי ווי דער טויט וואָלט זיי שוין צוגעשמידט מיט זיינע הענט צו דער ערד.

שטום און איבערגעשראָקען האָט ער געקוקט אויף די אידען, און זיי — אויף איהם. מיט אַמאָל האָט זיך דאָס האַרץ אויפגעכאַפּט און האָט זיך גענומען וואָרפען און ראַנגלען ווי אין גסיסה...

א בלייכער האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזט אויף א באַנק אין אוהל און האָט זיך מיט דער האַנט געכאַפּט פאַר דער ברוסט.

איינער פון די אידען מיט די פושקעס האָט זיך אַ ריס געטהאָן פון אָרט און איז אַרויסגעלאָפען פון אוהל, לאָזענדיג הינטער זיך דעם אַנטלויפענדען און צושראָקענעם קלאַנג פון טויטען מעטאַל.

ווי אַ לאַנגע אינערליכע גסיסה זיינען געלאָפען די איינינגע שטומע מינוטען, וועלכע ער איז געזעסען אויף דער באַנק מיט דער האַנט אויפ'ן צאַפּלענדען האַרץ פאַר די צושראָקענע אידען.

און ער האָט זיך שוין געגרייט, אַז דאָס האַרץ זאָל זיך אָבשטעלען און זיך בערוהיגען אויף אייביג...

ניט אומזיסט איז ער געקומען אהער... דאָס שיקזאַל אַליין האָט איהם אהער געבראַכט...

אין דער װאַרטונג זיינען די געדאַנקען געלאָפען מיט דער שנעליגקייט פון אַ ווינט. דאָס גאַנצע לאַנגע לעבען איז דורכגעלאָפען אין דעם ווינט, אַזאַ נוצ־לאָזעס און אוננויטיגעס, מיט דעם גאַנצען אויסערליכען גלאַנץ פון זיין קאַריערע.

אין די געדאַנקען האָט ער זיך באַלד דערזעהן אַ טויטען, אַן אויסגעצויגענעם אויף דער ערד און אַ בערוהיגטען, אין דעמזעלבען אוהל.

דערנאָך זיינען געקומען פּעטע, אין גאָלד־געקליידעטע גלחים מיט גאָלדענע צלמים אין די הענט, האָבען געפּרעפּעלט איבער איהם, און עס זענען געקומען סאָלדאַטען מיט מוזיק און פּאַראַד...

און אַז מען האָט איהם געוואָלט אַריינלעגען אין דער גאָלדענער טרונע און איהם אוועקטראָגען, האָט ער געוואָלט אויסשרייען און פּראָטעסטירען, אַז מען זאָל איהם ניט טשעפּען און מען זאָל לאָזען די צושראָקענע אידען מיט די פּושקעס, זיי זאָלען איהם בעגראָבען דאָ צווישען אייגענע און אידען...

ער האָט אָבער דערזעהן נאַטאַשע'ס פּערוויינט פּנים, און דער פּראָטעסט איז אָבגעשטאָרבען אויף זיינע ליפּען...

מיט אַמאָל האָט ער אָנגעטאַפּט דעם בריליאַנטענעם צלם אויף דער ברוסט און האָט זיך אָן איהם אָנגעכאַפּט, ווי אָן אַ רעטונג.

דאָס האַרץ האָט זיך בערוהיגט.

ער האָט זיך צוריק דערפיהלט אַלס אַ מעכטיגער און קאָמאַנדער גענע־ראַל, גרייט זיך צו ראַנגלען מיט'ן טויט, און איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

פאַר איהם איז געשטאַנען בעריל און דער איד מיט דער פּושקע, וואָס איז געלאָפען איהם רופען, ביידע פּערסאָפּעטע און שמייכלענדע מיט דעם הכנעה'דיגען און חניפה'דיגען שמייכעל, מיט וועלכען דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט אַרויפגעקוקט צום מעכטיגען מאַן.

— וואָדום איז ביי אייך דער פּאַרקאַן צובראַכען? — האָט ער געפרעגט ביים בעל־אכסניא, אַזוי ווי ער פלעגט ריידען צו זיינע סאָלדאַטען.

— מיר זיינען אָרים, אַן אָרים שטעדטעל — האָט איהם געענטפערט בעריל און האָט הכנעה'דיג אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— אַ שאַנד צו האַלטען אין אַזאַ צושטאַנד אַ „קלאַדבישטשע“. חזרים קענען דאָך אַריינקריכען! — האָט געזאָגט דער גענעראַל און האָט נאָך בייזער אָנגערוקט די געדיכטע, גרויע ברעמען זיינע.

— זיי קריכען טאַקע, פריץ — האָט בעריל צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און מיט אַ חניפה'דיגען און שפּל'דיגען שמייכעלע.

— איך וועל אייך געבען האַלץ און ברעטער און מאַכט עס צורעכט — האָט ער שטרענג בעפוילען די אידען, האָט זיך צו זיי אויסגעדרעהט מיט דער פּלייצע און איז אַרויס מיט קלינגענדע שפּאָרען צוריק פון הייליגען אָרט.

דער פערד האָט צו איהם אויסגעצויגען דעם קאָפּ, האָט אָנגעהויבען צופרידען צו וואַרפען מיט די אויערען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך דערפרעהט מיט'ן צוריקקעהר פון זיין האַר.

דער גענעראַל איז צוריק מיט אַ שפּרונג מונטער אַרויף אויפ'ן זאַטעל און בעגלייט פון די בליקען פון די נאָך צושראָקענע און איבערראַשטע אידען איז ערם יט אַ גאַלאָפּ אַנטלאָפען פון זיי און פון מהאַל, וואו עס האָט גע־הערשט טויט און טרויער...

די אַלמנה

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט אַ געבראַכטער נאָטאַריוס אָנגעשריבען אין שלאָס די קופּטשע, און דאָס שטעדטעל מיט אַ שליסעל פון פינף דערפער איז פאָרמעל איבערגעגאַנגען פו פּוילישע הענט, פון די סווינטשיצקי'ס אין די הענט פון אַ פאַניע, פון אַ פראַוואָסלאַוונעם, גענעראַל גערשעלמאַן.

די פּוילישע פּריצים פון דער געגענד האָבען עס אויפגענומען ווי אַ בע־ליידיגונג און מיט גרויס ערגערניש, און האָבען געקוקט אויף סווינטשיצקי'ן ווי אויף אַ פערעטער פון פּוילענטום אין דער גובערניע.

דער גובערנאַטאָר, אַן עכט רוסישער כוליגאַן, האָט דעם איהם פּערזענליך אונבעקאַנטען גענעראַל אַדיוטאַנט גערשעלמאַן געשיקט אַ טעלעגראַמע און האָט איהם גראַטולירט מיט'ן ערפאָלג פון דער עכט־רוסישער זאַך אין זיין גובערניע, מיט דעם, וואָס נאָך אַ פּוילישער מאַיאָנטעק איז איבערגעגאַנגען אין עכט רוסישע הענד.

לויט דעם אַבמאַך האָט דער גראַף סווינטשיצקי געדאַרפט וואוינען אין שלאָס ביז ווינטער, אָבער די תבואות פון דעם יאָהר האָבען שוין בעלאַנגט צום נייעם בעזיצער.

דער גענעראַל און נאַטאַשאַ האָבען זיך געקליבען אָוועקצופאָהרען קיין מאָסקווע ביז דער גראַף וועט זיך אַרויסקלייבען און לאָזען דעם גאַנצען מאַ־יאָנטעק אויף די הענט פון דעם עקאָנאָם דעם סובאָטניק, אַ הויכען געזונטען קאַצאַפּ מיט אַ ברייטער רויטער באָרד און מיט רויטע האָר אויף די הענט. געדערט האָט דער גרויסער, ווי אַ בער בעוואָקסענער פּאָני מיט אַ דיסקאַנט, במעט ווי אַ קינד, און מיט אַן אייביג גוטען שמייכעל אויפ'ן ברייטען פּנים, וואָס פלעגט זיך ביי יעדער געלעגענהייט רויטלען ווי ביי אַ פערשעהמט מיידעל.

אויף יעדען אידען האָט דער סובאָטניק געקוקט ווי אויף אַ הייליגען און אויסערוועהלטען. געבראַכט האָט דעם נאָטאַריוס מיט זיינע צוויי שרייבערס פון שטאָ־ט המן דער מעקלער און איז געפאָהרען מיט זיי פון דער באַהן

אין גראפ׳ס קארעטע מיט די פיער עלעגאנטע שפּאקעס און האָט פון דער קארעטע ארויסגעקוקט אויפ׳ן שטעדטעל בייעזר און שטאָלצער פון דעם גראף סווינטשיצקי אליין.

און אז דאָס שטעדטעל האָט זיך דערוואוסט פון די בעלי־עגלות, וועלכע זיינען באלד געקומען פון דער סטאנציע, אז המן האָט שוין געבראכט דעם נאטאריוס און מען שרייבט שוין, איז דאָס שטעדטעל אויפגערודערט געוואָרען ווי א קופּע פון מוראשקעס.

ווי צוטומעלטע מוראשקעס זיינען די אידען געלאָפען פון זייערע אייגע־הויקערטע הייזלעך צום איינפאָהר און האָבען זיך דארט באלד פערזאמעלט אין א היבש רעדעל און מען האָט אויפגערעגט גערעדט וועגען די 15 אלפים, וואָס המן וועט פּאקען און פון דער טריפה׳ענר הצלחה וואָס א המן קען האָבען.

און רעדענדיג האָט מען זיך דערמאָנט אָן דער אלמנה מיט די 12 יתומים, אין בריינדעלע קאָזאק, וועלכע האָט על־פּי דין און על־פּי יושר געהאט א חלק אין דער מנה־יפה.

איינער האָט געזאָגט, אז מען דארף זי רופען.

— משוגענער! האָסט פערגעסען, אז עס איז היינט פרייטאָג אויף דער וועלט, — האָט עמערקט משה׳קע דער קצב, גלעטענדיג מיט די צוויי פער־בויגענע פינגער די שווארצע באָרד מיט׳ן ווייסען פלעק, — לאָז זי צורוה! זאָל זי פריעהער מיט׳ טשאָלענט פארטיג ווערען.

און דער עולם האָט זיך גענומען פון איהר חוזק מאכען און דערצעהלען ווי אזוי זי האָט ניט לאנג געשלאָגען צום טויט א גוי מיט א פוהר קארע. און אזוי ווי מען האָט גערעדט און געלאכט פון איהר, האָט זיך די לאנגע אידענע בעוויזען אויפ׳ן בריקעל און האָט געשפּאנט איבער׳ן מארק־פּלאץ צום איינפאָהר, מיט איהרע יונגע פיס ווי אן עכטער קאָזאק שפּאנט, גרייט למלחמה און אויף אלעס. און איידער זי איז נאָך צוגעגאנגען צום רעדעל, האָט זי שוין פון וויטענס געעפענט איהר גרויס מויל מיט די צוויי פערקרימטע, פערדישע צייהן, ניט קיין מויל פון א פרוי, נאָר פון א ים־חיה, האָט גענומען גוואלדעווען, וואַרפען מיט די לאנגע הענט און האָט געסטראשעט די אידען. אז זי וועט דעם שבת ניט לאָזען אויסנעהמען...

די אידען האָבען איהר אונטערגעגעבען חשק און דאָס גאנצע רעדעל איז אריין אין איינפאָהר, צום אלטען בעריל, וועלכער האָט צוגעזאָגט צו שיצען די אלמנה ביים גענעראל.

דער בעל־אכסניא איז נאָך געווען ביים דאַוונען און דאָס רעדעל איז אריינ צו שרה׳ן אין קיך און האָט גענומען דערווייל גוואלדעווען פאר׳ן בעל־אכסניא׳ס ווייב.

שרה האָט געהאלטען אין מיטען פיש־האַקען, איז אבער געבליבען רוהיג און גלייכגילטיג צום גוואלד פון דער אידענע און די אידען, וועלכע האָבען איהר אונטערגעהאָלפען, אזוי ווי עס וואָלט געווען א געוועהנליכע זאך, ווי דאָס פיש־האַקען איז געווען, און באלד האָט זיך דאָס קלאַפּען פון האַק־מעסער איבער׳ן ברעטעל אויסגעמישט מיט׳ן געשריי און טומעל פון דער אידענע און פון רעדעל. די אידענע האָט געשריען אויף שרה׳ן, אז ס׳איז סדום, ניט קיין

אידישע שטאָדט און דער האַק־מעסער האָט זיך געטהאָן זיין ארבייט און געהאַקט ווייטער ביז עס איז אריינגעפאַלען חיים יוסי דער משרת און האָט גענומען שרייען אויף דער אידענע און אויף די אידען, און טרייבען אַלעמען פון דער קיך.

דער משרת איז שוין געווען פון המנ׳ס צד, ווייל ער האָט שוין געכאַפּט בי איהם א פּאָר קערבלעך. דער עולם און די אידענע האָבען עס געוואוסט און דער גוואַלד איז געוואָרען נאָך גרעסער, ביז עס איז ערשינען בעריל אַליין אין דער טהיר מיט׳ן גרויסען טלית און תפילין אונטער׳ן אָרעם.

דאַן זיינען אַלע מיט אַמאָל שטיל געוואָרען, אפילו דער האַק־מעסער אין שרה׳ס האַנט, אַזוי ווי די גרויסע, ווייסע באָרד פון אַלטען, פרומען אידען מיט׳ן גרויסען טלית און תפילין אונטער׳ן אָרעם וואָלט געווען פאַר דער אלמנה׳ס אינטערעסען די בעסטע גאַראַנטיע און וואָלט אַלע מיט אַמאָל בערוהיגט, אָבער ניט אויף לאַנג.

באַלד האָט די לאַנגע אידענע ווידער אָנגעהויבען שרייען, אָבער שוין אַליין, אַז זי לעבט אין סדום און ניט צווישען אידען; אַז מען בעראַבעוועט זי, אַז משה עליו השלום, האָט איהר געלאָזט 12 יתומים, איינס קלענער פון צווייטען — צוועלף קליינע ווערימלעך — און האָט באַלד אויסגעקרימט דאָס גרויסע מויל מיט די פערקרימטע צייהן און האָט זיך צואַוויינט.

בעריל האָט זי אָנגעקוקט א ווײַלע, האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און מיט דער ווייסער באָרד און האָט געזאָגט שטיל, מיט א שמייכעל:

„א נאַרישע אידענע דו ביזט! קיין קאָפּיקע וועט ער ניט נעהמען מעקלעריי, ניט אַזוי קיין 15 טויזענד. ווער האָט עס אייך, נאַראָנים, געזאָגט? און פאַר־וואָס זאָל ער נעהמען? ער האָט עפּעס געטהאָן דערביי? דער גענעראַל האָט נאָך אין קיעוו אויף קאָנטראַקטען געמאַכט מיט סווינטשיצקי׳ן די „זאַפּראַ־דאַזשנע“ אָהן מעקלערס און ער האָט מיר געשוואָרען, אַז קיין קאָפּיקע מעקלעריי האָבען זיי קיינעם ניט געגעבען און וועלען ניט געבען.

— ס׳א חילול השם דאָס איז! גיב נור א קוק, טאָמער האָט א איד פער־דיענט א פינף־און־צוואַנציגער אָדער א הונדערטער, ווי מען פערגינט איהם ניט, ווי מען גוואַלדעוועט און מען ליאַרעמט... עס טהוט זיך חושך. ער האַרעוועט ווענינ? א חרפה און א בושה! — האָט עמפּערט זיך פּלוצים צוקאָכט דער בעל־אכסניא, א רויטער פון כעס, האָט זיך שנעל אויסגעדרעהט צום עולם און איז מיט׳ן טלית און תפילין אוועקגעגאַנגען צו זיך אין צימער אריין.

דער עולם איז געבליבען שטעהן מיט אָפענע מייל׳ער און די לאַנגע אידענע האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט צו וויינען. אין אמת פון בעריל׳ס רייד האָט קיינער ניט געצווייפעלט...

און מערקווירדיג! דאָס וואָס מען וועט ניט נעהמען קיין קאָפּיקע מעקלעריי האָט קיינעם ניט פערדראָסען, אפילו בריינדעלע קאָזאַק אַליין.

אומגעקעהרט, עס האָט אַלעמען שטאַרק הנאה געטהאָן און דער עולם האָט זיך גענומען שטום צוגעהן פון קיך, אָבער בערוהיגט און צופרידען, וואָס המן וועט ניט ווערען קיין גביר.

אַזוי ווי זי וואָלט שוין געקראָגען איהר חלק מעקלעריי, האָט בריינדעלע

קאַזאַק אָנגערוקט דעם טשעפּעק מיט דער פּאַטשיילע אויפ'ן קאָפּ און איז אויך שטיל און צופרידען אוועקגעגאנגען רוקען דעם טשאָלנט אין אויווען אריין.

* * *

ביז דעם לעצטען טאָג איז דער גענעראַל געבליבען שטעהן אין איינפאַהר, אַ זאַך וואָס די אידען פון שטעדטעל האָבען ניט פערשטאַנען און האָבען ניט אויפגעהערט דערפון צו רעדן.

נאַטאַשאַ'ן האָט ער איינמאָל פאַר אַלע מאָל ערקלערט, אַז ער האָט פיינט פּאָליאַקען, און בעזונדערס דעם גראַף און דער גראַפיניע סווינטשיצקי, און ביז זיי וועלען זיך ניט אַרויסקלייבען פון שלאָס וועט ער זיך אַהין ניט אַריינקלייבען.

און אַז בעריל האָט אין דעם לעצטען טאָג פאַר דער אַבריזע, אויפ'ן בעפעהל, דערלאַנגט אַ חשבון, האָט דער גענעראַל גענומען דעם חשבון פון זיין האַנט, האָט אין איהם אפילו קיין קוק ניט געטהאָן און האָט איינגעגראָבען אין אַלטען אידען אַ פאַר פאַרשעמדע אויגען, איבער זיינע גאָלדנעברילען.

דער בעל־אכסניא איז אונטער דעם בליק מבולבל געוואָרען...

דער פּנים זיינער איז געוואָרען בלייך, די בלויע אָדערען אויף די באַקען זיינען געוואָרען בלויער און מעהר בולט, דאָס האַרץ האָט איהם עפּעס אָנגעהויבען צו טיאָכקען.

דער גענעראַל האָט בעמערקט דעם פּנים און דעם אידענ'ס אויפרעגונג, האָט ער זיך אָבגעווענדט פון איהם און האָט זיך געלאָזט שפּאַנען איבער'ן צימער אונטער'ן קלאַנג פון זיינע שפּאָרען און מיט די הענט אין די הויזען מיט די רויטע פּאַסען.

בעריל איז געשטאַנען ווי אַ צוגעקאָוועטער, ווי אין אַן אונבעוואוסטער וואַרטונג און האָט ניט געקענט זיך ריהרען פון אָרט.

פּלוצים האָט זיך דער גענעראַל אַ כאַפּ געטהאָן, ווי אַ מענש וואָס האָט פערגעסען די וויכטיגסטע זאַך, האָט זיך אָבגעשטעלט און זיך גענומען פּיבערהאַפט טאַפּען אין די קעשענעס און ניט קוקענדיג דעם אידען גלייך אין פּנים אַריין, האָט ער זיך צו איהם געווענדעט מיט אַ פּיבערהאַפט געכאַפּטען טאָן:

„יאָ, איך האָב גאָר פערגעסען... שטעל זיך פאָר, כאַזיאַאין! איך קריג היינט אַ בריעף פון אַ טאָווארישטש, ער איז אַ וואָיענער דאָקטאָר פון אידען... דו פערשטעהסט? פון די קאַנטאָניסטען איז ער... מיר האָבען געדיענט צוזאַמען אויף קאַווקאַז און סיביר... נו, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז איך האָב אָבגעקויפט אייער שטעדטעל, פּאָזדראַוולעיעט ער מיך און בעט מיך, אַז איך זאָל דאָ אָבזוכען זיינע קרובים און אויב זיי זיינען בעדערפטיג, זאָל איך זיי העלפען מיט געלט און ער וועט מיר דאָס געלט אומקעהרען מיט דאַנק".

ער האָט זיך אָבגעשטעלט ביי דעם וואָרט מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם, ווי אַ מאַן, וואָס איז דורכגעלאָפען אַ לאַנגען וועג.

דאָס סקלעראָזע, איבערגעוואקסענע האַרץ האָט זיך ווידער גענומען וואַרפען ווי דאָן אין אוהל פון הייליגען אָרט. און געקלאַפּט האָט זיך אויך דאָס האַרץ ביים צווייטען אידען, ביים בעל־אכסניא, אָהן אַ שום אורזאַך... דער איד האָט נאָר געפיהלט, אַז עפּעס וועט באַלד קומען, אַז עפּעס קריכט און גנב'עט זיך צו איהם פון ערגעץ. אַזאַ שרעקליכעס און צו גלייך אנגענעהמעס. וואָס

אַבער, האָט ער ניט געקענט פערשטעהן.

— אַ וואָיענער דאָקטאָר, וועלכער איז געבאָרען ביי אונז אין שטעדטעל? — האָט ער שטיל איבערגעפרעגט דעם גענעראַל אויך מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם.

— יאָ, ער איז דאָ געבאָרען... ער איז איצט אַ גרויסער מאַן... אַ גענעראַל איז ער!

— ווי אַזוי איז זיין נאָמען? — האָט געפרעגט דער בעל־אכסניא שוין אַ בלייכער.

דאָס האַרץ האָט זיך ביים גענעראַל אַ שטאַרקען וואָרף געטהאָן און עס האָט זיך מיט אַמאָל אָבגעשטעלט.

ער האָט זיך אָבער דערפרעהט דערמיט: עס האָט איהם געגעבען אַן אויסרייד און צייט צו בעטראַכטען אַ תשובה אויף דער אונערוואַרטעטער פראַגע.

„זעהסט ווי איך בין שוין קאַפּוט, מיין פריינד? עס קלאַפּט... עס קלאַפּט... און מיט אַמאָל: סטאָפּ מאַשינאַ... דאַן הענגט דער טויט אויף דער נאַז... כע, כע, כע" — און זיך האַלטענדיג ביים האַרצען האָט ער זיך שטיל און טרויעריג צולאַכט, און האָט איהם אין אַ ווייל אַרום געענטפערט:

— הייסען הייסט דער טאָווארישטש מיינער, ניקאָלאַיעוו!... ניקאָלאַי גריגאָריעוויטש ניקאָלאַיעוו... אַ פּראַכטפאָלער מענש, זאָג איך דיר... מיין בעסטער פריינד!

— ניקאָלאַיעוו? און ער איז אַ איד און געבאָרען ביי אונז אין שטעד־טעל? — האָט געשטוינט בעריל.

דער גענעראַל האָט זיך הויך צולאַכט. דאָס האַרץ האָט ווידער אָנגעהויבען צו קלאַפּען רוהיג און נאָרמאַל, און ער האָט מיט אַמאָל דערפיהלט ווי אַ פרייד האָט זיך צוגאָסען איבער אַלע אברים זיינע. אַ פרייד האָט איהם פערשאַפט דאָס בעהאַלטענע שפּיעל מיט זיין יוגענד־חבר.

— ניקאָלאַיעוו. געבאָרען איז ער ניט קיין ניקאָלאַיעוו... דאָס האָט מען שוין איהם דערנאָך געגעבען אַ רוסישען נאָמען... מען האָט די אַלע קינדער געגעבען אַ נייעם גלויבען און אַ נייעם נאָמען... ווי דען? דו ווייסט עס ניט?

און ער האָט מיט אַמאָל בעקומען מוטה ווידער איינצוגראָבען זיינע בליקען איבער די גאָלדענע ברילען אין בעל־אכסניא'ס אויפגערעגט און אָנגעשטרענגט פּנים, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געטישעט מיט איהם און זיך ניט געקאָנט אין איהם זאַט אָנקוקען.

און אין דערזעלבער צייט האָט בעריל'ס מוח און זכרון געאַרבייט מיט אַ פיבערהאַפטער אָנשטרענגונג.

— ווייסטו אפשר, פריץ, ווער זיינע עלטערען זיינען געווען, ווי אַזוי זיי האָבען געהייסען? שרייבט ער דיר ניט דערפון? — האָט געפרעגט דער בעל־אכסניא נאָך אַ לאַנגען טראַכטען.

—יאָ, יאָ! ער שרייבט מיר. ווי דען? געוויס שרייבט ער... — האָט זיך ווידער אַ כאַפּ געטהאָן דער גענעראַל און האָט זיך גענומען טאַפּען אין די קעשענעס, האָט אַרויסגענומען פון דער בוזים־קעשענע אַ בינטעל בריעף, האָט אויסגעקליבען איינעם פון זיי און האָט זיך גענומען איהם דורכקוקען. — ער שרייבט מיר... ער שרייבט מיר... ניין, וועגען די עלטערען זיינע שרייבט ער

מיר גאַרנישט... נאָר ווענן דעם פּאַרק מיט׳ן שלאָס שרייבט ער מיר. ער געדענקט, זאָגט ער, זעהר גוט ווי ער האָט אַלס אינגעל דאָרט גע׳גנב׳עט עפּעל מיט זיין חבר, און מען האָט זיי ביידען געכאַפּט, און דער אַלטער גראַף סווינ־טשיצקי האָט געהייסען די סטרוזשעס, אַז מען זאָל זיי אויסשמייסען מיט קראָפּעווע...

און ער האָט צוריק אויפגעהויבען די אויגען פון בריעף און זיי איינגע־גראָבען אין זיין יוגענד־חבר׳ס פּנים. און דאָס פּנים איז מיט אַמאָל רויט געוואָרען, ווי ביי אַ פערשעמט מיידעל. רויט זיינען געוואָרען אויך בעריל׳ס אויערען.

אַ ווײלע איז ער געשטאַנען איבערראַשט און ערשיטערט, ביז די ערשי־נערונג האָט זיך ניט אַנגעצונדען ווי אַ צאַנקענדער און פלאַטערענדער לייכטער שמייכעל צווישען די וואָנצעס און אין די אויגען.

— איך געדענק... איך געדענק עס... ווי נעכטען געדענק איך עס — האָבען שטיל אַרויסגעזאָגט די שמייכלענדע ליפּען, ווי אַ שטילע און זיסע ליעבעס־ערקלערונג.

— יאָ, דו געדענקסט עס? — האָט איהם מיט אַ לייכטער בעוואונדערונג געפרעגט דער גענעראַל.

דאָס בלוט איז מיט אַמאָל פערשוואונדען פון בעריל׳ס פּנים און די אויערען, און ער איז געוואָרען צוריק בלייך ווי דער טויט.

— דאָס בין איך עס געווען דער חבר, דאָס האָט מען אונז ביידען געשמי־סען, — אַזוי ווי נעכטען וואָלט עס פּאַסירט.

— עס קאָן ניט זיין! — האָט אויסגעשריען דער גענעראַל מיט אַ געמאַכ־טער בעוואונדערונג.

און די צוויי אַלטע מענשען שטעהען און קוקען זיך אַן איינער דעם אַנדערען, ווי אין אַ חלום...

— לעבט ער נאָך... דער הערשעלע? הערשעלע... הערשעלע האָט מען איהם גערופען... איך געדענק... איך געדענק עס! — האָט כמעט בייז, מיט אַ טופּ, אויסגעשריען דער בעל־אכסניא, אַזוי ווי אימיצער וואָלט איהם ניט געלאָזט געדענקען און ער וואָלט זיך מיט דעם „אימיצען" געראַנגעלט, אָדער דער אימיצער וואָלט איהם ניט געוואָלט גלויבען, אַז ער געדענקט עס.

דער גענעראַל האָט אָבער ניט אַרונטערגענומען פון איהם זיינע איינגע־גראָבענע בליקען, און די בליקען האָבען איהם אָנגעהויבען צו נערווירען, צו שווידערען, אַזוי ווי זיי וואָלטען איהם געטריבען מיט בייטשען...

און ווידער האָבען די הענט געציטערט ביים גענעראַל און זיך געצווינגען צום יוגענד־חבר, ווי אין דער נאַכט פון תשעה־באב, ווען ער איז געזעסען פאַר דער צאַנקענדער ליכט און שטיל געקלאָגט אויפ׳ן חורבן...

„בערקאַ, דרוג מאַי! דערקענסט מיך?" — האָט ער איהם געוואָלט פרעגען.

דאָס הארץ האָט זיך אָבער ווידער אַ וואָרף געטהאָן אין זיין ברוסט, אַזוי ווי עס וואָלט געדראָהט און מתרה געווען...

און די גוטע און בריהענדע ווערטער זיינען נאָכאַמאָל פערגליווערט גע־וואָרען אויף די ליפּען.

— געוויס לעבט ער... דו זעהסט דאָך... אַ גרויסער מאַן... אַ טשין פון אַ

גענעראל — האט איהם צוגעווארפען גערשעלמאן, גערעמפט פון א געווארגענעם האלז.

— איז ער נאך א איד ? — האט איהם שטיל געפרעגט בעריל אין א ווײלע ארום מיט א פיעבערהאפטען גלאנץ אין די אויגען.

— ווי קאן ער זיין א איד ? א גענעראל א איד ! ווי איז דאס מעגליך ?

— האט זיך כמעט געבייזערט דער גענעראל, האט זיך אבגעווענדט און האט זיך גענומען ווידער שפאנען הין און צוריק איבער'ן צימער.

בעריל האט זיך ארונטערגעלאזט אויף א בייגקעל, אזוי ווי אן אונטערגעשניטענער. די פיס האבען איהם געבראכען און אלע אברים זיינען מיט אמאל אזוי שווער געווארען און צורודערט.

דער פלאטערענדער, צוטומעלטער שמייכעל איז מיט אמאל אויסגעלאשען געווארען, און זיין געזיכט האט מיט אמאל זיך אזוי בעטריבט אזוי ווי א פיינליכער ערגער וואלט עס פערכמורעט.

א ווײלע זיינען זיי ביידע געווען שטום, ווי נאך אן אויסגעלאשענער און אבגעשטארבענער פרייד.

און אין דער טויטער און אונבעוועגליכער שטילקייט האט זיך נאר געהערט ווי צוויי פליגען האבען זיך געשלאגען אין א מאפלע, און ווי ביידענ'ס הערצער קלאפען.

— געדענקסטו ווער עס זיינען זיינע קרובים ? — האט איהם געפרעגט דער גענעראל.

— געוויס געדענק איך עס... צוויי ברידער זיינען אוועק קיין אמעריקא און א שוועסטער איז דא. היינט זיינען נאך דא קינדער פון אן עלטערער שוועסטער — האט געזאגט בעריל גלייכגילטיג און אויסגעלאשען, און האט זיך אויפגעהויבען פון ארט.

— זיינען זיי ארים, נויטבעדערפטיג ? — האט געפרעגט דער גענעראל.

— וואס דען ? רייך זיינען זיי ? — און בעריל האט מיט א פערעכטליכען ביטול א קנייטש געטהאן מיט די פלייצעס.

— קענסטו זיי מיר רופען ? איך וועל זיי העלפען.

— ווארום ניט, פריץ ? איך וועל זיי נאר א וואונק טהאן און זיי וועלען שוין קומען צו לויפען... קיין בעזונדערס פיינע פארשוינען זיינען זיי אלע ניט... — און ער האט ווידער געמאכט א פערעכטליכען ביטול.

— וואס הייסט ? — האט אויפגעציטערט דער גענעראל — זיי זיינען גנבים ? מאשעניקעס ?

— חס ושלום ! — האט אויסגעשריען בעריל איבערגעשראקען און מיט א חניפה'דיגען שמייכעלע. — ווער זאגט עס ?... כ'מיין סתם... פראסטע מענשעלעך... די שוועסטער איז אן אלמנה נעבעך... מיט 12 יתומים... דאס איז דיזעלבע אידענע, וואס איך האב גערעדט מיט דיר וועגען איהר, פריץ... די וואס מאהנט דאס מעקלעריי ביי אברהמ'ען... אן ארענטליכע ! הארעוועט נעבעך מיט'ן בלוטיגען שוויים און האדעוועט די קינדער. און דער בעל־עגלה, וואס האט דיך געבראכט פון דער סטאנציע, איז א זוהן פון דער עלטערער שוועסטער. דו ווילסט, קאן איך זיי באלד שיקען רופען, פריץ... דו וועסט

האבען א גרויסע מצוה... איך זאג דיר דעם אמת... געה גלויב זיך, אז אזוינס קאן פאסירען! — האט מורמלענד געגאפט בעריל ווידער, מיט דעם פריהער־דיגען איבערראשטען און צוטומעלטען שמייכעל אויפ׳ן פנים.

—יא! געה און רוף צו מיר, די אלמנה מיין איך — האט שוין שטרענג בעפוילען דער גענעראל און האט אנגערוקט די געדיכטע ברעמען. — אז דער טאווארישטש שרייבט, וועל איך עם מקים זיין...

— ווארום ניט? מיט פערגעניגען... אזא מצוה... אן אלמנה... 12 יתומים. אט געה איך שוין... איך וועל טאקע אליין גיין טהאן די מצוה... א גרויסע מצוה! — האט זיך געאיילט בעריל און איז א פערטומעלטער, א ציטערענדיגער ארויסגעלאפען פון גענעראל.

אין קיך האט שוין אויף איהם געווארט שרה און דער משרת. דעם חשבון פאר׳ן גענעראל האבען זיי געמאכט אין דרייען, האבען זיך א גאנצען טאג גע׳עצה׳ט און גע׳סוד׳עט. פאראיאהרען האט ער בעצאהלט מעהר וויפיעל מען האט פערלאנגט. דאס מאל האבען זיי שוין געמאכט א קליגערען חשבון, און האבען געווארט אויף בעריל׳ען אין א פיבערהאפטער אונגעדולד.

אז דאס ווייב און דער משרת האבען איהם דערזעהן א צוטומעלטען און אויפגערעגטען, אזוי ווי דער גענעראל וואלט איהם דארטען אויסגעשמיסען, האבען זיי זיך ביידע איבערגעשראקען און אנגעשטעלט אויף איהם פרעגענדיגע אויגען. בעריל האט זיי גאהנישט געענטפערט און האט זיך ערשעפט ארונ־טערגעלאזט אויפ׳ן טאפטשאן.

— וואס־זשע? מסתמא א גרויסער חשבון? — האט איהם אונזיכער און שטיל געפרעגט דאס ווייב. — איך האב אבער געזאגט, אז מען זאל ניט איבער־פוצעווען — האט זי מיט א פארוואורף זיך געווענדעט צום משרת. — איהר האט דאך תמיד ליעב איבערצוזאלצען די יויך.

— וואס פוצעווען? ווער מיר פוצעווען? מען האט ניט איבערגעפו־צעוועט — האט בייז געענטפערט דער משרת.

— ווער רעדט פון חשבון... ער האט אויף איהם אפילו קיין קוק ניט געגעבען. ער הערט דיך מיט א חשבון — האט געזאגט בעריל און האט זיך אויפגעהויבען פון ארט.

דער משרת און דאס ווייב זיינען געווארען נאך אונגעדולדיגער.

— איך זאג אייך דעם אמת... וואס קאן פאסירען... א גוואלד, ווי איך בין א איד — האט אנגעהויבען בעריל נאך א קורצער און שטומער פויזע, זיך האלטענדיג ביים קאפ, און האט זיי דערצעהלט די גאנצע מעשה מיט׳ן משומד, מיט די עפעל, פון א׳ ביז ת׳.

ביים משרת האבען די אויגען אנגעהויבען בלישטשען.

— וועה איז מיר... איציקעל דעם כאפער׳ס זוהן א גענעראל! — האט געגאפט דער משרת און האט זיך גענומען רייסען די רויטע טשופרינע.

— איציקעל דער כאפער... ער געדענקט א כאפער, אויך מיר א מענש! דו ביזט נאך דאן אויף דער וועלט ניט געווען — האט זיך צובייזערט אויף איהם דער בעל־אכסניא.

— מיין טאטע עליו השלום פלעגט כסדר פון איהם רעדען.

— דיין טאטע! — האט איהם איבערגעקרימט בעריל מיט א ביטול און

מיט פערדרוס, ווי א מענש ביי וועמען מען וויל צונעהמען א מאנאפאל אויף איציקעל דעם כאפער, א זאך וואס געהערט נאר איהם אליין, און האט זיך געלאזט געהן צו דער טהיר.

— וואוהין איז? — האט איהם געפרעגט שרה.

— איך וועל זי געהן רופען... די לאנגע... עס איז דאך א מצוה...

— וואס נאך? נאדיר גאר א מצוה! וואס איז די מצוה? א ברודער א משומד?... נישקשה אז חיים־יאשע וועט זי רופען. צו א גרויסער כבוד פאר איהר.

בעריל האט זיך אויף א רגע פערטראכט.

— עס קאן זיין אז שרה איז גערעכט, אז ס'איז גאר אן עבירה און ניט קיין מצוה.

— זיצט שוין אין דער היים! איך וועל זי שוין רופען — האט פארגע־לעגט דער משרת און איז אוועק רופען בריינדעלע קאזאק.

זיין שוועסטער

אז בעריל איז ארויסגעגאנגען פון גענעראל, האט זיך דער אלטער, קראנ־קער מאן מיט אמאל איבערגעשראקען פאר דער גאנצער מעשה ווי פאר אן אוואנטיורע.

דער געדאנק, אז אט באלד וועט זיך עפענען די טהיר און ער וועט דער־זעהן פאר זיך א זשידאווקע, אן ארימע און פרעמדע וועלכע איז אבער דורך זיין שוועסטער, זיין אייגען בלוט און פלייש — דאס לאנג און היים געווינשטע און אזוי קלוג און פארזיכטיג געפלאנטע — האט איהם מיט אמאל אויפגעשוי־דערט, אזוי ווי ער וואלט זיך פלוצים דערזעהן פאר א פינסטערען אבגרונד.

די אלע גוטע און זיסע געפיהלען וועלכע האבען מיט א וויילע צוריק בע־וועגט און געשליידערט זיין הארץ און פערכאפט דעם אטהעם, די געפיהלען מיט וועלכע ער האט אריינגעקוקט אין בעריל'ס פנים, די געפיהלען פון נסתר, וועלכער קען אלעס זעהן און ווערט ניט געזעהן, זיינען מיט אמאל אויסגעלאָ־שען געווארען.

בעריל, דאס יודענטום, דער אריינפאהר, די פרעמדע אידענע, וועלכע וועט באלד אריינגעהן — דאס אלעס איז איהם מיט אמאל פארגעקומען אזוי פרעמד און אבשטויסענד. און איבערהויפט האט ער זיך דערפיהלט מיעד און ערשעפט פון גאנצען שפיעל און גרייט צו לויפען דערפון. אפילו דער מאיאנ־טעק מיט'ן שטעדטעל, פאר וועלכען ער האט איבערגעצאהלט אויף זיין חשבון א האלבען מיליאן רובעל, איז איצט איהם פארגעקומען אלס א נארישע, סענ־טימענטאלע אוואנטיורע, וואס איז רייך מיט געפאהרען פאר איהם.

עס האט איהם מיט אמאל אנגעכאפט א בייזע אונצופרידענהייט, אן אבערגלויבערישער פחד פאר א פערשטעקטער און לויערענדער געפאהר. ווען ער האט איצט נאטאשא'ן, וואלט ער שוין אבגעפאהרען, און עס קען זיין, מעהר נישט געקומען אהער. ער וועט דעם מאיאנטעק אפגעבען אין ארענדע.

מיט אט די געדאנקען האט ער אונבעמערקט ווי א גנב זיך ארויסגערוקט פון איינפאהר און איז אוועק אין שלאס אריין...

* * *

חיים־יוסי דער משרת האָט דער אידענע, וועלכע איז געווען אויף'ן דאָרף צווישען איהרע גוים, וואָס האָבען געפיהרט פאַר איהר קאָרע פאַר די גאַרבאַרניעס, ניט געטראָפען. דאַן איז ער מיט אַ פּענד אַוועק צו איהר פּלימעניק, חיים הערש דעם בעל־עגלה, פאַר וועלכען דער משומד איז געווען אַ רייכער פעטער... דער בעל־עגלה איז אָבער געווען ביי דער סטאַנציע און ער האָט איהם אויך ניט געטראָפען. איינהאַלטען זיך אָבער האָט ער שוין ניט געקענט: אַזאַ מעשה האָט בעדאַרפט דערצעהלט ווערען און האָט זיך געלאָזט דערצעהלען: דערפאַר איז ער צוריק אין איינפאָהר שוין ניט געגאַנגען, נאָר ער איז בעסער אַוועק מיט דער געשיכטע איבער די הייזער און האָט זי צופּויקט פון א' ביז ת', ווי ער האָט געהערט פון זיין בעל־הבית, און האָט נאָך אַ ביסעל צוגעלעגט פון זיך.

און אין אַ פּאָאָר שטונדען אַרום האָט דאָס שטעדטעל געוואוסט פון אַ יאָסעל, אַ כאַפּער, וועלכער איז געשטאָרבען מיט זעכציג יאָהר צוריק, און וועלכער האָט געלעבט נאָר אין זכרון פון אַ פּאָאָר אַלטע אידען, ווי בערעל דער בעל־אַכסניא אַליין איז געווען, און פון כאַפּער'ס זוהן, דעם דאָקטאָר מיט'ן פאַמיליע־נאָמען ניקאָלאַיעוו, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין דעם זעלבען שטעדטעל און איז איצט דעם קיסר'ס לייב־דאָקטאָר — פאַר'ן קיסר'ס לייב־דאָקטאָר האָט איהם שוין געמאַכט, נאַטירליך, חיים־יאָסי אַליין — און אַ מיליאָנער מיט הונדערט מאַיאָנטקעס. און דאָס פערשלאָפענע און פערוואָרפענע שטעדטעל האָט זיך ווידער געקאָכט, געגאַפט און הויפּטזעכליך געערגערט. וואָס אַזאַ בריינדעלע קאָזאַק האָט פּלוצלינג בעקומען אַזאַ רייכען ברודער, וועלכער וועט שוין אַזאַ פאַרשיווער מאָרדע געווים גליקליך מאַכען...

נאַטירליך איז דער יחוס פון דער אידענע מיט'ן פּלימעניק, דעם בעל־עגלה און גרעסטען בויאַן פון שטעדטעל, נאָך פיעל קלענער געוואָרען. מיט אַ מאָל איז מען געוואָרע־געוואָרען, אַז בסך־הכל איז דער טאַטע איהרער, עס זאָל איהם דאָרט אַרויסוואַרפען, געווען אַ „כאַפּער", — ער האָט געכאַפּט אידישע קינדער און זיי איבערגעגעבען אין גויש'ע הענט. דיזע שרעקליכע אונמענשען האָבען איבערגעלאָזען אין פאָלק'ס זכרון אַ שווידער און אַ פלעק. אַ סך אַ גרעסערער פלעק איז אָבער געווען דער ברודער, דער משומד, — כאָטש יעדער האָט טיעף אין הארצען איהר איצט מקנא געווען און האָט געוואָלט האָבען אַזאַ ברודער, און קיינער וואָלט זיך פון איהם ניט אָפּגעזאָגט.

ווען בריינדעלע קאָזאַק איז פאַרנאַכט אַריינגעפאָהרען אויף'ן מאַרק־פּלאַץ אויף אַ הויכער פוהר קאָרע, לאַנגזאָם געשלעפּט פון אַ פּאָאָר גרויסע אוקראַינער אָקסען, און האָט פון דעם הויכען באַרג קאָרע אַראָבגעקוקט ווי אַ ווילדע מכשפה, מיט צייהן פון אַ חיה, האָבען אַ פּאָאָר לצים פון די קרעמערס אָפּגעשטעלט דעם באַרג קאָרע און האָבען איהר געהייסען פון דאָרט אַראָבקריכען...

די לאַנגע אידענע, וואָס פלעגט שלאָגען איהר מאַן, — וועלכען זי האָט איצט גערופען צערטליך „מיין משה עליו־השלום", — און דעם געזונדסטען גוי, איז שוין געווען געוואוינט צו די ליצנות פון יעדען ווייסען־חברה'ניק אין שטעדטעל. זי האָט נאָר געעפענט דאָס גרויסע מויל מיט די אויסגעקרימטע צייהן, האָט דעם ליץ אָפּגעצעהלט אַ הונדערט מאָל אין טאַטענ'ס־טאַטען אַריין און האָט אַ הוקע געטאָן אויף די אָקסען, ווי אַ מכשפה: „צעבע! צעבע!".

דאָן האָט איהר אַן אַנדער ליץ, זיצענדיג פּוסט־און־פּאַס אויף די טרעפּלאַך פון זיין קלייטעל, נאָכגעשריען:

— אויב דו וועסט ניט אראפקריכען, וועט דיך דער טאטע דיינער אויס־כאפען!

אזוי ווי מען וואלט איהר דערלאנגט מיט א האק איבער׳ן קארק... דעם טאטען איהרען, וועלכען זי אליין האט ניט געדענקט, האט מען איהר שוין לאנג, פון קינדווייז אן, ניט פארגעווארפען, ווייל דאס שטעדטעל האט איהם פערגעסען צוליעב איהר „משה׳ן עליו־השלום", וועלכער איז געווען א כשר׳ע אידישע נשמה; און איצט האט מען זיך מיט אמאל ווידער דערמאהנט אן דעם „כאפער"!...

מיט אן אויסגעקרימט און שרעקליך פנים האט זי זיך גענומען ווארפען אויף דעם בארג קארע און בילען פון דארט ווי א גרויסער בייזער הונט.

צווישען די קלייטען איז געווארען פרעהליך: די פערשלאפענע, מיט מעהל פערשטויבטע קרעמערס זיינען ארויס פון זייערע לעכער, האבען געלאכט און געהאלטען זיך ביי די זייטען.

די אונגליקליכע אלמנה האט שוין געהייסען דעם גוי אליין אראפווארפען די קארע און איז אריין צו זיך, אין איינגעהויקערט און איינגעפאלען שטיבעל, מיט טרעהרען אין די אויגען.

דא האט אבער געווארט אויף איהר א נייע מעשה: די שכנה האט איהר דערצעהלט, אז עס איז געווען חיים־יוסי דער משרת און האט דערצעהלט, אז הערשעלע גנב, דער ברודער איהרער, לעבט נאך; אז ער איז א משומד און א דאקטאר ביים קיסר אליין. אז ער וויל איהר העלפען און גליקליך מאכען, — האט דער משרת ניט דערצעהלט.

דער משומד האט איהר נאך מעהר געפלעווט דעם קאפ... מיט אמאל האט זי זיך דערמאהנט אן משה׳ן, עליו־השלום, אן דעם כשר׳ען, פרומען אי־דען, וועלכען זי פלעגט שלאגען מכות־רצח, און א רחמנות צום פערשטארבענעם מאן איהרען, צו זיך אליין, צו איהר ביטער אלמנה׳ש לעבען, פול מיט חוזק און ביטערען קאמף, האט אנגעהויבען צו קיצלען די דארע, פלאכע ברוסט און דעם האלז פון דער פרוי, וואס די נאטור האט בעשאפען נאר אלס א שפאס, און זי האט זיך צוואויינט הויך און ביטער.

די שכנה האט געמיינט, אז זי בעקלאגט עס דעם ברודער, דעם משומד, און האט אויך גענומען שטיל וויינען.

די קינדער זיינען געשטאנען קוויטיגע און צושראקענע, און האבען גע־קוקט אויף דער מוטער מיט מעהר שרעק און אנגסט אין די אויגען, ווי ווען זי פלעגט אימיצען פון זיי זיך נעהמען בויקערען.

און אז זי האט זיך גוט אויסגעוויינט, האט זי ארויפגעווארפען די שאל אויף די אקסלען, ווי זי פלעגט עס טאן נאר דאן, ווען זי פלעגט ערגעץ געהן ניט וועגען געשעפט, און איז אוועק צום איינפאהר אפרעכענען זיך מיט חיים־יוסי׳ן דעם משרת און מיט דעם אלטען „גאנאמניק", דעם בעל־אכסניא אליין.

אין דער צייט אבער איז דער בעל־אכסניא ארומגעגאנגען איבער דער גרויסער שטוב אין גרויס עגמת־נפש. ווי נאר דער משרת איז ארויס פון הויז רופען דער אידענע, האט ער דערפיהלט מיט׳ן חוש, אז ער האט געטאן א גרויסע נארישקייט מיט דעם, וואס ער האט איהם געשיקט, און איבערהויפט וואס ער האט איהם דערצעהלט די געשיכטע. א פארגעפיהל, אן אהנונג, האט איהם

געזאָגט, אַז די גאַנצע געשיכטע האָט בעדאַרפט בלייבען אַ סוד, אפילו פאַר שרה'ן...

מיט דעם געפיהל איז ער באַלד נאָכגעלאָפען דעם משרת צו ברייגדעלעס הייזעל; ער האָט אָבער דאָרט שוין ניט געטראָפען ניט דעם משרת און ניט דער אידענע, און ער האָט זיך אומגעקעהרט אהיים אַ צורודערטער און געער־גערטער צום אויסערסטען. און ווען דער משרת האָט זיך לאַנג ניט אומגע־קעהרט, איז דאָס ערגערניש און דער פערדרוס געוואַקסען אַלץ גרעסער און גרעסער און האָבען איהם ניט געלאָזען איינזיצען אויף אַן אָרט.

ער איז געוועזען זיכער, אַז דער משרת געהט אַרום איבער'ן שטעדטעל און צופויקט די געשיכטע. און וואָס לענגער ער האָט דערפון געטראַכט און זיך געערגערט, אַלץ מעהר האָט דאָס פאַרגעפיהל, די אהנונג זיך געקלערט אין אַ רייפען געדאַנק און אַן איבערצייגונג.

וואָס מעהר ער האָט זיך געגראָבען אין זיין זכרון, וואָס מעהר ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין געגעראַל'ס ווערטער און האַלטונג, איצט און פאַר־אַ־יאָהרען, אין זיין אינטערעס צום אידענטום, צום שטעדטעל, צום הייליגען אָרט, פאַר וועלכען ער האָט געשענקט אַ נייעם פּאַרקאַן פון טייערע דעמבענע שפּאַלען און ברעטער, וואָס מעהר ער האָט זיך איינגעקוקט אין זיין פּנים, וועלכער איז ניט אָבגעטראָטען פון זיינע אויגען, אַלץ מעהר איז איהם דער גוי'אישער פּנים אויסגעקומען אידישער, בעקאַנטער און נעהנטער, אַלץ מעהר איז אין איהם געוואַקסען דער שרעקליכער און שווינדעליכער חשד, אַז דער געגעראַל איז דאָס דער הערשעלע אַליין...

און אַזוי ווי ער איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן שטוב, געפּלאָנטעט און גע־שווינדעלט פון זיינע געדאַנקען, איז אַריינגעלאָפען די אידענע, אַ שרעקליכע ווי אַ מכשפה, און האָט איהם, דעם חשוב'סטען און בכבוד'סטען אידען אין שטעדטעל, אָבגעצעהלט אָהן אַ פאַרוואָס עטליכע מאָל אין זיידענ'ס טאַטענ'ס טאַטענ'ס טאַטען אַריין.

און אַז שרה איז אַריינגעלאָפען פון קיך, האָט איהר די מכשפה אָבגע־זונגען נאָך אַ שעהענערען „מי שברך" און האָט זי אָבגעגאָסען מיט זלזולים און פּאַמאַיעס פון קאָפּ ביז די פיס.

שרה'ן האָט די מעשה הנאה געטהאָן.

— אַט האָסטו דיר פאַר דער מצוה — האָט זי זיך געווענדעט צום מאַן מיט אַ בייזער פרייד — געה, טהו מצוות צווישען אידען — און זי האָט זיך געלאָזט געהן אין קיך אַריין.

דעם וועג האָט איהר פערשטעלט דער רויטער משרת.

— אַן אויסכאַפּעניש זאָל קומען אויף דיר, אויף דיין ווייב די גנב'טע, מיט'ן גע'שמד'טען האַלז, וואָס גנב'עט פון די קאַשיקעס און אין יאַטקע! אַן אויסכאַפּעניש אויף דיינע קינדער און אַלע דיינע ליעבע! — האָט איהם בעגעגענט די אידינע ווי אַ צוהיצטער בייזער הונד.

— קוק זי נאָר אָן... וואָס־זשע, זאָג נאָר, דו קאָזאַק, אפשר אַ ליגען? דיין טאַטע, ימח שמו, איז אפשר ניט געוועזען קיין כאַפּער? אַ?

מעהר האָט מען ניט בעדאַרפט.

ווי ער וואָלט זיך צו דער צורייצטער חיה צוגעריהרט מיט א שטיק צו־גליהטען אייזען.

מיט שוים אויף די ליפּען און מיט די פויסטען, א ווילדע און וויטהענדע, האָט זי זיך געוואָרפען אויפ׳ן משרת זיך שלאָגען, דראַפּען צום טויט...

נאָר בעריל צוזאַמען מיט שרה׳ן האָבען זיי געקענט צונעהמען און אָב־שטעלען דאָס געשלעג.

אז מען האָט זי אָבגעריסען פון משרת, האָט זי זיך נאָך א ווייל גע־שאָלטען און געזידעלט און האָט געענדיגט מיט א ביטער געוויין, ווי כסדר, אויף איהר וויסט אלמנה׳שען לעבען און אויף משה׳לען עליו־השלום, וועלכער ליעגט אין דר׳ערד און קען זיך פאַר איהר ניט אָננעהמען.

א וויינענדע, מיט׳ן אויסגעקרימטען מויל, פון וועלכען עס האָבען ארויס־געשטעקט די קרומע צייהן, איז די אידענע געווען נאָך שרעקליכען ווי בעת׳ן געשלעג.

— ווער האָט איהם געטריבען אין דר׳ערד אריין, אז ניט דו, א רוח אין דיין טאַטען אריין... דעם כאַפּער דאַרטען! — האָט זיך ניט איינגעהאַלטען דער צודראַפּעטער משרת פון ווינקעל.

די אידענע האָט זיך ווידער אויף איהם געוואָרפען שלאָגען, דראַפּען.

אָבער דאָ איז אריינגעקומען דער גרויסער, געזונטער סובאָטניק, א שמייכ־לענדער און אונבעהאָלפענער, ווי א פערשעהמט מיידעל.

מיט א פערלעגענעם שמייכעלע האָט ער מיט זיין קינדערשער, כמעט קוויטשענדער שטימע, וועלכע איז געווען אזא קאָנטראַסט צו זיין גרויסער און ברייטער פיגור, איינגעלאַדען דעם „האַזיאַאין״ צום גענעראַל אין נומער אריין.

דאָרט האָט ער איהם בעצאָהלט דעם חשבון פאַר סטאַנציע און האָט איהם דערלאַנגט א צעטעל פון גענעראַל, וואָס ער האָט אליין געמוזט דורכלייענען, ווייל בעריל האָט ניט געקענט לייענען קיין געשריבען רוסיש כתב.

אין דעם צעטעלע האָט דער גענעראַל איהם געבעטען איבערגעבען ניקאָ־לאַיעוו׳ס שוועסטער צוויי הונדערט רובעל און דער עקאָנאָם האָט איהם אוועק־געלעגט פאַר איהר אויפ.ן טיש צוויי נייע, קנאַקענדע הונדערטערס, פרישע, אזוי ווי ערשט פון דרוק ארויסגענומען.

— שיקט זי מיר צו מאָרגען אויפ׳ן פאָלווערק און איך וועל איהר שענ־קען א מעלקענדע קוה. דער גענעראַל האָט מיר געהייסען — האָט געזאָגט דער סובאָטניק מיט א ברייטען שמייכעל אין זיין רויטער באָרד.

בעריל האָט גענומען דאָס קנאַקענדע געלט א צוטומעלטער מיט ציטע־רענדע פינגער, ווי אין א חלום.

מיט אמאָל האָט ער דערפיהלט אזוי ווי ער וואָלט עפּעס פערלאָרען אזא אנגענעהמעס, שעהנעס און טייערעס.

— דער גענעראַל וועט שוין דאָ מעהר ניט זיין? — האָט ער געפרעגט דעם עקאָנאָם מיט אן אָבגעריסען האַרץ.

— ניין! זיי האָבען געלאָזט גריסען און פאָהרען מאָרגען פריה אָב. איך פערנעהם איצט די זאַכען.

* * *

אויפ'ן צווייטען מאָרגען האָבען דעם גראַפ'ס פּיער עלעגאַנטע שפּאַקעס דורכגעטראָגען דורכ'ן שטערטעל דעם גענעראַל מיט זיין טאָכטער צו דער סטאַנציע.

הינטער'ן שטעדטעל האָבען זיי בעגעגענט אַ לאַנגע שמוציגע אידענע, וועלכע האָט מיט קינדערשער פרייד אויפ'ן צוקנייטשטען, שטאַרק געעלטערטען פּנים, געשלעפּט אויף אַ שטריק אַ גרויסע, רויטע טיראָלסקע קוה מיט ווייסע פלעקען און מיט גרויסע אייטערס.

די קוה האָט זיך גע'עקשנ'ט, זיך יעדעס מאָל איינגעגראָבען מיט די פיס און האָט ניט געוואָלט געהן.

חיים־הירש, דער לאַנגער בעל־עגלה האָט איהר אונטערגעשמיסען מיט זיין לאַנגער בייטש.

אַז ער האָט דערזעהן דעם גענעראַל אין דער אָפענער קאַרעטע האָט ער זיך אויסגעצויגען אין פראָנט ווי אַ סאָלדאַט און האָט געכאַפּט די האַנט צום דאַשעק...

אַז נאַטאַשאַ האָט איהם דערזעהן איז זי אויפגעשפּרונגען פון זיץ און האָט איהם אויך סאַלוטירט מיליטעריש, און האָט זיך הויך און שטיפעריש צולאַכט.

גענעראַל גערשעלמאַן האָט זיך צוזאַמענגעדרעהט און זיך אַ שליידער געטהאָן אין ווינקעל פון קאַרעטע. די אידענע, וועלכע האָט געשלעפּט די האַרטנעקיגע קוה, האָט איהם אַריינגעוואָרפען אין אַ שווידערענדען עקעל, אין אַ שרעק און האָט אָבגעשטעלט זיין האַרץ...

באַלד האָט זיך דער בעל־עגלה אַ ריס געטהאָן פון אָרט און האָט זיך גענומען נאָכלויפען נאָך דער קאַרעטע, וועלכע איז אָבער שנעל פערשוואונדען געוואָרען אין אַ געדיכטען וואָלקען פון שטויב.

די לאַנגע אידענע מיט'ן נאָך לענגערען פּלימעניק, מיט דעם בעל־עגלה, זיינען אָבער נאָך לאַנג געשטאַנען ווייט איינער פון צווייטען און האָבען נאָכגעקוקט דעם וואָלקען שטויב, וועלכער האָט זיך אַלץ מעהר דערווייטערט, ווי די לויפענדע שפּאַקעס מיט דער קאַרעטע.

און אַז די אידענע האָט זיך ווייטער גענומען שלעפּען די קוה פאַר'ן שטריק איז דער בעל־עגלה צוגעלאָפען און האָט זיך גענומען איהר אונבאַרמהערציג שמייסען מיט דער בייטש, אַזוי ווי ער וואָלט צו איהר אויסגעלאָזט דעם פערדרוס, וואָס ער האָט ניט געקענט אָניאָגען די קאַרעטע מיט'ן גענעראַל.

— גע'הרג'עט זאָלסטו ווערען אויפן גלייכען וועג! אַ דונער זאָל דיך דערשלאָגען, און דאָס נאָך היינט ביי נאַכט! — האָט געעפענט אויף איהם די מוהמע איהר ברייט מויל און האָט זיך גענומען גלעטען די קוה ביים האַלז מיט אַזאַ ליעבע און מוטערליכער צערטליכקייט, וועלכעס די לאַנגע, בייזע אידענע האָט קיינמאָל ניט געהאַט ניט פאַר איהר „משה'ן עליו השלום" און ניט פאַר איהרע אייגענע קינדער.

די אַלטע היים

צווייטער קאַפּיטעל

אין אַ פראָסטיגען ווינטער-טאָג

אין אַ פראָסטיגען ווינטער־טאָג האָבען די פיער עלעגאַנטע שפּאַקעס אָב־געפיהרט אין אַ ברייטען שליטען דעם גראַף סווינטשיצקי און דער גראַפיניע צו דער סטאַנציע.

דער גראַף און די גראַפיניע פלעגען אָפט פאָהרען צו דער סטאַנציע. דאָס שטעדטעל אָבער האָט שוין געוואוסט, אַז זיי פאָהרען צום לעצטען מאָל און מעהר וועלען זיי דעם מאַיאָנטעק, וואָס האָט געהערט צו די סווינטשיצקים פון יאַן סאָבעסקי׳ס צייטען אָן, אין די אויגען ניט אָנקוקען.

אַז די קרעמערס אויפ׳ן מאַרק־פּלאַץ האָבען דערהערט דעם גוט־בעקאַנטען גלאָק פון דעם גראַפ׳ס שפּאַן, זיינען זיי אַלע אַרויסגעלאָפען פון זייערע קלייט־לעך מיט די פייער־טעפּלעך אין די הענט און האָבען בעגלייט זייער געוועזענעם בעל־הבית מיט דערזעלבער בייזער פרייד און נקמה, מיט וועלכער די אידען האָבען אַמאָל בעגלייט המנ׳ען צו דער תליה.

דער גראַף און די גראַפיניע זיינען געזעסען טיעף אין שליטען מיט אַרונ־טערגעלאָזטע און אין די טעלעבעס פערהילטע קעפּ.

און לאַנג זיינען געשטאַנען די קרעמערס, זיי נאָכגעקוקט, קלאַפּענדיג צופרידען אַ שטיוועל אָן אַ שטיוועל, און זיי בעגלייט — בעזונדערס די מאַרק־ווייבער — מיט קללות פון דער תוכחה.

צוריק זיינען געפאָהרען די שפּאַקעס איבער׳ן שטעדטעל לאַנגזאַם מיט אַרונטערגעלאָזטע, אומעטיגע קעפּ, אַזוי ווי מיט׳ן גראַף וואָלט פון זיי אַוועק זייער גדולה.

מיט דער אומעטיגער שטימונג האָט זיי אָנגעשטעקט זייער אָנטרייבער, דער קוטשער יאַן, וועלכער האָט אַבגעלאָזט די לייצעס און איז געזעסען אויף דער קעלניע — געגען זיין געוועהנהייט — אַן אומעטיגער און צושטרויטער, מיט אַ טיעף־געבויגענעם קאָפּ.

אַז עס איז אָבער אויפ׳ן בריקעל, הינטער איהם, אָנגעלאָפען פון דער סטאַנציע חיים־הירש דער בעל־עגלה מיט אַ געפּאַקטען שליטען פּאַסאַזשירען, אַ שמייסענדער און ליאַרמענדער ווי כסדר, און אַ קרעמער האָט ביי איהם גע־

פרעגט אין דער קאַלטער און הילכענדער ווינטער־לופט: „חיים־הירש! חיים־הירש! ער איז אַוועקגעפֿאָהרען?", אַזוי ווי מען וואָלט נאָך געקענט צווייפֿלען און זיך ניט גלויבען, אַז מען איז שוין פּטור געוואָרען פֿון דעם המן, און אַ פּאַסאַזשיר פֿון דעם לויפֿענדען שליטען האָט צוגעשריען איבער'ן מאַרק־פּלאַץ מיט אַ בייזער פֿרייד און נקמה: „שוין, שוין פּטור געוואָרען, ימח שמו! — האָט יאַנ'ס געבויגענער קאָפּ אינסטינקטיוו אויפֿגעציטערט און זיך שטאַלץ אויסגעגלייכט. ער האָט אַ ציה געטהאָן די לייצעס און האָט מיט אַ הילכענדען קנאַק פֿון זיין לאַנגער בייטש דערמאָנט די פֿערד זיינע אַז זייער אַריסטאָקראַטישען שטאָלץ און יחוס.

די פֿיער שפּאַקעס האָבען אויפֿגעציטערט, פֿעררִיסען הויך און פֿערדרעהט די קעפּ און דער „פּוילישער שפּאַן" איז אַוועק איבער'ן שטעדטעל מיט דעם הייסען און שטאָלצען לויף פֿון די סווינטשיצקים.

דאָס איז אָבער געווען זייער לעצטער לויף. די שפּאַקעס מיט'ן קוטשער זיינען אפֿילו איבערגעגאַנגען צום נייעם בעל־הבית פֿון שטעדטעל. מעהר אָבער האָט מען זיי „נאַשפּיץ" ניט געשפּאַנט. דער מאַיאָנטעק האָט שוין געהערט צו אַ פֿאַניע און אַ רוסישער גענעראַל, און דער פּוילישער שפּאַן מיט אַלע פּוילישע זיטען און מנהגים זיינען באַלד אָבגעשאַפֿט געוואָרען.

אין אַ וואָך אַרום

אין אַ וואָך אַרום איז דערזעלבער שליטען מיט דעמזעלבען יאַן אויף דער קעלני און מיט'ן עקאָנאָם דער סובאָטניק ביי דער זייט שוין געפֿאָהרען צו דערזעלבער סטאַנציע צו עמפּפֿאַנגען דעם נייעם בעל־הבית, דעם גענעראַל גערשעלמאַן.

דער געשפּאַן אָבער איז שוין געווען אַן עכט רוסישער: איין שפּאַק האָט מען געלאָזט פֿערשעהמט שטעהן אין שטאַהל און מען האָט פֿון דריי געשפּאַנט אַ רוסישע „טראָיקע" מיט דריי קעפּ פֿון אַ שטאָלצען רוסישען אָדלער און מיט רוסישע גלעקלעך.

אויך יאַן האָט אַרונטערגענומען זיין לאַקירענעם פּוילישען קאַפּעלוש פֿון כאָביעצקי'ס צייטען מיט די בגדים פֿון אַ פּוילישען קוטשער. ער האָט אָנגעטהאָן אַ ברייטע רוסישע פּאַדיאַוועקע מיט אַ רוסישע מיצעל, וואָס דער סובאָטניק האָט פֿאַר איהם עקסטרא געבראַכט פֿון קיעוו.

און אַז די רוסישע טראָיקע איז אַרויף מיט'ן זילבערנעם מונטערען קלאַנג פֿון די רוסישע גלעקלעך אויפ'ן מאַרקפּלאַץ און די דריי הייסע שפּאַקעס האָבען זיך אויסגעמישט מיט זייערע דינע פֿיס און זיך גענומען דרעהען, טאַנצען און וואַרפֿען מיט די פֿעסט־געצווימטע קעפּ און מיט'ן שליטען, אַזוי ווי זיי וואָלטען געבונטעוועט געגען דעם נייעם רוסישען יאָך — זיינען די קרעמערס ווידער אַרויסגעלאָפֿען פֿון די קלייטלעך מיט די פֿייער־טעפּ אין די הענד און האָבען געקוקט אויף די דריי שפּרינגענדע שפּאַקעס מיט דער פֿרעהליכער נייגיעריגקייט פֿון קינדער, וועלכע מען האָט געבראַכט אין אַ צירק און וואָס זעהן פֿאַר זיך אויף דער אַרענע דריי טאַנצענדע פּאַיאַצען מיט

גלעקלעך אין די הענד. דאָס שטעדטעל האָט געקוקט אויף די געצוימטע און בעזיגטע שטאָלצע פערד און האָט זיך געפרעהט.

די זעלבע האַנד וואָס האָט געצוימט די פוילישע שפּאַקעס און האָט זיי איינגעשפּאַנט אין אַ רוסישען שפּאַן, האָט בעפרייט דאָס אָרימע שטעדטעל פון פוילישען יאָך, פון סווינטשיצקי דעם המן, מיט אַלע זיינע גזרות און אייביגע פּראָצעסען אין אַלע רוסישע געריכטען. און די אידען האָבען שוין אַרויסגעקוקט אויפ'ן נייעם בעל־הבית, נאָך וועלכען זיי זיינען געפאָהרען. ווי מען קוקט אַרויס אויף אַ טייערען און ליעבען גאַסט.

מיט איהם איז ביי יעדען געבוירען געוואָרען נייע האָפנונגען, האָפנונגען אויף נייע און בעסערע צייטען.

די עקאָנאָמיע מיט'ן „הויף“, ווי די אידען רופען פון דור־דורות די רעזידענץ פון יעדען פריץ, איז געווען תמיד דער צענטער, אַרום וועלכען אידען פלעגען זיך אָנהויבען גרופּירען און בילדען אַ קליינעם ישוב, דאָס קליינע שטעדטעל, און פון דור־דורות האָבען די אידען פון אַזוינע שטעדטלעך געקוקט אויפ'ן „הויף“, ווי אויף אַ קוואַל פון חיונה און פּרנסה.

סווינטשיצקי האָט אָבער געטהאָן אַלעס, אַז דער איד זאָל זיך אָבגעוועהנען פון דעם קוק. דער גענעראַל אָבער האָט זיי צוריקגעגעבען איבערטריבענע האָפנונגען. פון וואַנען די האָפנונגען האָבען זיך גענומען, וואָלט יעדער פאַר זיך אַליין ניט געקענט ערקלעהרען. עס איז געווען אַ בלינדער חוש.

מיט'ן אידישען חוש האָט דאָס שטעדטעל שוין אונבעוואוסט געקוקט אויפ'ן גענעראַל אַדיוטאַנט ווי אויף איינעם פון זייערען. ווי אַן אייגענער איז זיי דער מענש שוין געווען איינגעבאַקען אין הארצען און ליעב. און דערפאַר טאַקע האָבען זיך, באַלד ווי די „טראַיקע“ איז דורכגעלאָפען צו דער סטאַנציע, איבער'ן מאַרקפּלאַץ אָנגעהויבען איינצעלווייז בעוויזען די חשוב'־סטע בעלי־בתים, די פּני פון שטעדטעל, אָנגעטהאָן אין שבת'דיגע בגדים, און זיינען געגאַנגען צו דער „אופּראַווע“, וועלכע איז געשטאַנען ביים בריקעל מיט'ן עירוב, וואָס האָט געדיענט אַלס דער טויער פון שטעדטעל. דאָרטען האָט זיך געזאַמעלט אַ דעפּוטאַציע, וואָס האָט געזאָלט בעגעגענען דעם נייעם בעל־הבית מיט ברויט און זאַלץ.

די דעפּוטאַציע

פון דער העלער הויט און פּלוצים איז די דעפּוטאַציע ניט געבוירען געוואָרען. פיעל שטורמישע אסיפות זיינען פאַר דעם אָבגעהאַלטען געוואָרען אין מאַקאַרעוועער קלויז. עס האָט זיך אין זיי בעטייליגט דער אַלטער דור מיט'ן יונגען, מיט די עטליכע אידישע משכילים פון שטעדטעל וועלכע האָבען אַלע בשותפות אויסגעשריבען איין „הצפירה“ און איין נומער „בירזשעוויאַ וויעדאָמאָסטי“.

די משכילים האָבען פּראָטעסטירט געגען דעם קבלת פּנים און האָבען

געשריען, אז דאס איז דער אלטער מה יפית, א שפאט און א שאנדע פאר'ן אידישען נאציאנאלען בעוואוסטזיין. המן דער מעקלער האט זיך אויף זיי צושריען און האט, ווי זיין שטייגער איז געווען, זיך ארויפגעווארפען אויף די יאלדען און צוציקעם מיט זלזולים, ווי א בייזער הונד.

געזיעגט האבען אבער איבער די יאלדען ניט המן און נאך אזוינע בייזע חצופים, נאר דער איינציגער בעל־אכסניה פון שטעדטעל, דער בנימום'ער און שטילער בעריל.

ער האט לאנג מיט א שטילער ברוסט־שטימע גערעדט גאר פון נצוצין קדישין, פון פערבלאנזשעטע נשמות, וואס זיינען עם די חסידי אומות העולם, וואס האבען א חלק לעולם הבא; האט געבראכט א ראיה פון א זוהר מיט א מדרש תנחומא און האט דערביי געהיימניספול געוואונקען, פערגלאצט די אויגען און געשמייכעלט אין דער גרויסער זילבערנער בארד זיינער, ווי ער פלעגט עם טהאן ווען ער פלעגט ביז מנחה למעריב דערצעהלען זיינע חסיד'ישע מעשיות.

געמיינט האט ער ניט די חסידי אומות העולם און ניט די נצוצין קדישין, נאר זיין אייגענעם זיסען און שטאלצען סוד, וועלכען ער האט שוין געטראגען אין הארצען ווי א טייערע הייליגע קמיע...

און די נצוצין קדישין מיט די וואונקען און דער גוטער, געהיימניספולער שמייכעל האבען געבראכט דערצו, אז דער אלטער דור האט ווי אונגעדולדיג אנגעהויבען צו שרייען, אז מען דארף דעם גענעראל מקבל פנים זיין מיט ברויט און זאלץ, אז מען האט די יונגע צוציקעם אין דר'ערד, ווייל אז די אידען האבען געטאנצט אמאל מה יפית, האט זיך זיי געלעבט בעסער ווי היינט.

דאן האט המן פערלאנגט, אז מען זאל דעם „אוהב ישראל", ווי ער האט גערופען זיין פריץ, מקבל פנים זיין מיט א ספר תורה.

דעם עולם האט עס אזוי ווי לייכט אויפגעשווידערט און ער האט זיך באלד געווענדעט מיט שטומע בליקען צו ר' בערלען. דער בעל אכסניא אבער האט זיך מיט אמאל בייז אנגעכמורעט און האט געזאגט, אז א ספר־תורה איז נאר פאר מלכים און האט געהייסען נאר בעשטעלען ביי זעליג דעם שניצער, וועלכער איז אויך געווען אויף דער אסיפה, א שעהנע טאץ פאר ברויט און זאלץ. און המן דער מעקלער האט שוין מעהר קיין ווארט ניט געזאגט.

אז מען האט אבער אנגעהויבען צו טראכטען מי ומי ההולכים, צו קלייבען די דעפוטאציע, האט זיך בעריל דער בעל־אכסניה אבגעזאגט צו בעטייליגען אין דער דעפוטאציע און אויך מיט דעמזעלבען געהיימניספולען שמייכעל און וואונקען, מיט וועלכע ער האט גערעדט פון די נצוצין קדישין.

דער עולם האט זיך געשפארט מיט איהם, געבעטען, עס האט אבער ניט געהאלפען און מען האט אויף זיין ארט אויסגעקליבען דעם גרעסטען גביר אין שטעדטעל, א איד א פראצענטניק און א גרויסער טיפוש, וועלכען אלע האבען פיינד געהאט און איהם תמיד געגעבען אונ'כבוד און וועלכער פלעגט תמיד זיך בעריהמען מיט זיין שטעפליאווע לשון, אז ער איז א בורח מן הכבוד און אז זיין טאטע און זיין זיידע זיינען אויך געלאפען פון כבוד. אויסגעקליבען האט מען איהם נאר פאר'ן שעהנסטען טכוירענעם פוטער, וואס דער גביר האט פערמאגט און פאר זיינע בליאסקענדע פלאטאווע שטיוועלער, וועלכע ער

פלעגט יעדען טאָג פוצען, און פאַר דער לאַנגער רויט־בלאָנדער און צוקעמטער באָרד, פון וועלכער זיין נאַרישער פּנים האָט אַרויסגעקוקט קליין ווי אַ פייג און קינדיש, אַזוי ווי די באָרד וואָלט געווען אַ צוגעקלעפּטע.

פוצען זיך איז איבערהויפּט געווען דעם לעדיג־געהער'ס הויפּט בעשעפ־טיגונג. גאַנצע שטונדען פלעגט ער שטעהן איבער דעם טכוירענעם פוטער זיינעם אָדער דער פאַלונער קאַפּאָטע און קלייבען פון זיי די שטויבעלעך, און אין ווינטער זיי פוצען מיט אַ בערשטעל פול מיט שנעע.

דער גביר, דער רב און דער לעהרער פון דער תלמוד תורה — אַ הויכער, אַלטער בחור, מיט אַ גרויסען קנאַפּ אויפ'ן דאַרען, לאַנגען האַלז און מיט פּענסנע אויף אַן האָרבאַטער נאָז — זיינען געווען די קעפּ פון דער דעפּוטאַציע.

דער מדבר בראש האָט געדאַרפט זיין דער לעהרער אַליין, דער איינציגער צווישען זיי וואָס האָט געקענט רוסיש און וועלכער האָט פערפאַסט אַ רעדע און זי אויסגעלערענט אויסווענינ.

און אַזוי ווי די „טראַיקע" איז אַוועק צום וואָקזאַל נאָכ'ן גענעראַל, האָ־בען זיך אַלע פערזאַמעלט אין דער אופראווע און האָבען אַוועקגעשטעלט אַשר'ן, דער איינציגער אידישער סאָטסקי אין שטעדטעל, אויף דער וואַך ביים בריקעל, וועלכער האָט בעדאַרפט בעאָבאַכטען און בעמערקען נאָך פון וויטענס די „טראַיקע" און מעלדען פון איהר דער דעפּוטאַציע.

אין אַ זוניגען ווינטער־טאָג

דער טאָג איז געווען אַ זוניגער, און דער פראָסט האָט אַביסעל אָב־געלאָזט. דער ווייסער שנעע האָט פערדעקט די אַלטע, שוואַרצע און אָבגעע־ריסענע דעכער פון שטרוי און דראַנעצעס, וועלכע האָבען אויף די איינגעהוי־קערטע הייזלעך תמיד אויסגעזעהן ווי צופליקטע היטלען אויף די קעפּ פון אַ מחנה אָפּגעריסענע בעטלער. אונטער דעם פרישען און ווייסען צודעק פון שנעע האָבען די אָרימע, אויסגעקרימטע הייזלעך שוין ניט אויסגעזעהן אַזוי איינגע'הויקערט און שפּל'דיג און האָבען זיך שוין ניט אַזוי געבויגען צו דר'ערד אונטער דער לאַסט פון דער אידישער אָרימקייט און עלענד.

אויסגעפּוצט מיט'ן ווייסען, אין זונענשיין בליאַסקעדיגען שנעע, וועלכען די פערגאַנגענע נאַכט האָט פריש אַנגעוואָרפען איבער'ן שטעדטעל און צו־שפּרייט אין זאַנפטע, אָבער ערנסט פערקלערטע קנייטשען און ליניען, האָט דאָס אָרימע, אין טהאַל ווי בעגראָבען־ליגענדע שטעדטעל, איצט אויסגעקוקט יום־טוב'דיג. פריש און פעריונגט האָט עס אויסגעזעהן, ווי אַ קבצן, וועלכער האָט מיט אַמאָל געוואונען אין אַ לאָטערעע אַ גרויס פערמעגען און איז איבער נאַכט געוואָרען אַ גביר.

דיזעלבע אַלטע און אָרימע הייזלעך האָבען זיך איצט שטאָלץ געריוכערט מיט זייערע קוימענס און האָבען מיט דעם רויך, וועלכער האָט זיך גראַד און הויך געצויגען צום העלען הימעל, דערמאָנט אַן פערפּוצטע אידישע אינגעלעך, וועלכע שטעהען פּסח אויפ'ן הויף פון שוהל מיט די פּאַפּיראָסלעך אין די מויי־לער און בעריהמען זיך מיט זייערע פּסח'דיגע קאַפּאָטקעלעך און קאַשקעטלעך.

דעם איינציגן דיסאָנאַנס אין דעם גאַנצן פריש־יונגן און מונטערן בילד, האָבן געבילדעט די צובראָכענע און שוואַרץ־פאַרראַכערטע קוימענס... אויף די שנעע־ווייסע דעכער האָבן זיי ארויסגעשטעקט ווי פוילע, שטשערבאַטע ציינער.

דער גרויסער פיער־עקיגער מאַרקפּלאַץ איז אויך געלעגן יום־טוב'דיג פּוסט. דער פרישער שנעע האָט פאַרדעקט איבער נאַכט די געלע און קויטיגע פּלעקן, וואָס עס האָבן דאָרט געלאָזט די שליטענס און די פערד נאָך פון לעצטן מאַרקטאָג, און וועלכע האָבן איהם געגעבן דעם אויסזעהן פון אַ קויטיגן און פאַרפלעקטן טישטוך נאָך אַ מאָלצייט. בעפרישט מיט'ן שנעע האָט דער מאַרקפּלאַץ איצט ווידער ריין און זויבער געבלייאַסקעט מיט זיין ווייסן צודעק. די פון די שליטענס פריש אָנגעשנעעטע שפּורען האָבן זיך אין זונשיין געלויכטען ווי ברייטע, מיט בלייאַסקענדע דימענטען אָנגעשניטענע לענטעס.

נאָר אַ פּאָאַר פאַרהונגערטע און ברודיגע בהמות וועמעס אויסגעריבענע פעל איז געווען בעהאַנגען מיט צוגעפּראָרענעם קויט, ווי מיט גלעקלעך, האָבן זיך געשלעפּט איבער'ן מאַרק־פּלאַץ ווי אַלטע, ערשט פון בעט אויפגעשטאַנענע, ווייבער, און האָבן שווער געהינקט אויף זייערע שוואַכע פיס און געזוכט אין שנעע דאָס היי, וואָס די פוהרען האָבן דאָ געלאָזט אין זונטאָג'דיגען מאַרק און האָבן לעבענסלאָז, פויל און אומעטיג גע'מעלה־גרה'ט.

אין אַ ווינקעל איז פון גאַנץ פריה אָן געשטאַנען איין „גרענטשעלע", מיט אַביסעל האָלץ פון דאַרע צווייגען, אַ „גאַלעגען", ווי מען רופט עס אין דרום־רוסלאַנד, און די פוהר האָלץ, מ'שטיינס געזאָגט, האָבן געדונגען אַן עדה אידען מיט ווייבער אין שאַלען איבער די קעפּ און האָבן קאָנקורירט איינער מיט'ן צווייטען. דער גוי, אַ נידעריגער מאַלאָרוס, מיט אַ טיעף אָנגערוקטער. שמויסענער היטעל, איבער'ן קאָפּ, וועלכע האָט געלאָזט זעהן נאָר אַ שפּיץ נאָז מיט דער באָרד און אַ פּאָר אַרונטערגעלאָזטע קאָזאַצקע וואָנסעס, איז זיך גלייכגילטיג געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויפ'ן פערהאַרעוועט און איין־און־איינציג אויסגעפּליקט פערדעל, וואָס האָט נעגעסען פון אַ זאַק, און האָט זיך שטום, מיט אַ פערעכטליכען קוק אויף ״די „קופּצעס", געראויכערט זיין ליולקע, און וויפיעל מען האָט איהם ניט געגעבן, האָט ער אַלץ געענטפערט מיט אַ מאָנאָטאָנעם „ניע חאָטשו" (איך וויל ניט) און קיינער האָט ביי איהם ניט געקענט אַרויסקריגען זיין פּרייז, וויפיעל אייגענטליך ער וויל פאַר זיין מציאה, כאָטש האָק איהם און בראָק איהם, אַזוי ווי ער וואָלט ערשט געוואַרט אויף די אמת'ע סוחרים פון פאַריז.

אַזוי האָט דער האַנדעל געדויערט פון גאַנץ פריה ביז דעם האַלבען טאָג. אידישע ווייבער און מענער זיינען געגאַנגען הין און צוריק, האָבן זיך מיט איהם געדונגען און געגעבן אַ דעסיאַטקע (אַ צעהנער) נאָך אַ דעסיאַטקע מעהר און דער כאָכאָל איז אַלץ געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף זיין פערדעל און זיך געראויכערט די ליולקע און אויף די צודרינגליכע פראַגען: „וויפיעל־זשע ווילסטו ? לאָמיך אָקאָרשט וויסען דיין פּרייז" — האָט ער אַלץ געענטפערט מיט'ן פלעגמאַטישען „נע כאָטשו". ביז די ווייבער זיינען געוואָרען אין כעס, און איהם זאָגען: „אַ סעכאָטע מיט אַ סטענאָטע ווילסטו פאַר'ן פוהר'ל ?"

און דערביי אויסגעשפּיגען און אוועק אהיים, איהם שילטענדיג מיט הויכע קללות.

באלד אבער זיינען געקומען אנדערע ווייבער און אידען און דער האנדעל מיט׳ן איינציגען פלעגמאטישען כאכאל האט ניט אויפגעהערט.

די קרעמערס זיינען געשטאנען מיט די פייער־טעפּלעך אין די הענד און האבען זיך געוויצעלט איבער׳ן גוי, איבער זיין פערד און איבער די עצים מיט די סוחרים, ביז איין קרעמער איז צוגעגאנגען צו דער פוהר האלץ און טיעף אריינקוקענדיג דעם גוי אין פנים אריין, האט ער איהם דערקענט.

— וואס ווילט איהר פון איהם ? לאז ער געהן אין דר׳ערד אריין ! איהר זעהט דאך וואס פאר אן ערל דאס איז. ביי א פעלעפּעץ גנב ווילען זיי קויפען מציאות ! כא־כא־כא ! — האט ער זיך לאכענדיג אויפ׳ן קול געווענדעט צו די איבריגע קרעמערס

און מעהר האט מען ניט בעדארפט.

די משפחה פעלעפּעץ איז געווען בעקאנט אויפ׳ן דארף פאר די גרעסטע חזירים און גנבים. זיי פלעגען זיך הייסען פאר יעדער זאך אפּגילטען און דאס שטעדטעל איז פון א בן־פעלעפּעץ תמיד געלאפען ווי פון א פעסט.

די סוחרים זיינען זיך באלד בייז און ענטוישט צוגאנגען און נייע סוחרים האבען די קרעמערס שוין פון ווייטענס ניט צוגעלאזט און דער כאכאל איז געבליבען שטעהן „קאלאם״ און פערשעהמט מיט זיין „לאמאטשע״.

ערשט דאן האט ער פערלארען זיין פלעגמאטישע גלייכגילטיגקייט און האט שוין אליין אנגעהויבען פערטשעפּען סוחרים :

— קופּעץ ! קופּע דראווא ! (סוחר, קויף האלץ).

— עס איז „לאמאטשע״, שטרוי איז דאס, ניט קיין האלץ — האבען זיך גערייצט מיט איהם די לצים פון די קרעמערס.

— נא ! — האט שוין ווי א בייזער הונד געהאווקעט דער פלעגמאטישער פעלעפּעץ און געשטעלט „פייגען״ צו די קרעמערס.

די קרעמערס האבען איהם ניט אבגעשוויגען און מען האט זיך גענומען פון איהם נאך מעהר חוזק מאכען, איהם יאדען אזוי אז דער גוי האט צום סוף שנעל אבגעטשעפּעט פון פערד דעם זאק מיט דער סיטשקע, האט איהם ברוגז און מיט קללות ארויפגעווארפען אויף דער פוהר האלץ און האט זיך מיט איהר פערנומען פון מארק, בעגלייטעט פון הויכען בייזען געלעכטער פון די אידען.

— כאלירע נא וואס נעמא! (עס קומט גאר אויף אייך קיין כאליערע ניט)— האט זיך געשאלטען דער גוי, אויסלאזענדיג זיין כעס מיט דער בייטש צום פערדעל.

אויפ׳ן וועג האט איהם אבער איבערגענומען חיים פייסי משה יאסעל׳ס, א פאנפאטער מלמד, וועלכער פלעגט אין ווינטער געהן ארומגעוויקעלט מיט זיין ווייב׳ס פאטשיילע און האט אויסגעזעהן פון ווייטענס ווי א אידענע. דער מלמד האט שנעל אבגעשלאסען מיט׳ן פעלעפּעץ דעם מסחר און באלד האט ער פארבייגעפיהרט צוריק איבער׳ן מארק־פלאץ דאסזעלבע פוהרעל עצים מיט אזא שטאלצען נחת, אזוי ווי ער וואלט אבגעריסען ניט קיין „גאלאגאן״. נאר אן אייגען הייזעל אין שטעדטעל.

די קרעמער און זייערע ווייבער האָבען איהם בעגעגענט מיט דעם זעלבען חוזק מיט וועלכען זיי האָבען בעגלייט דעם פעלעפעץ און איהם אָנגעהויבען בעשיטען מיט פראַגען:

— ר' חיים פייסי, וויפיעל האָט איהר גע'נתנ'ט פאַר דער מציאה? אוי אַ מציאה, אַ מציאה!

דער איד האָט צונומען די שאַל פון פּנים, האָט זיך שטאַלץ אומגעקוקט אויף די עצים און געענטפערט.

— ששה זהובים האָב איך גע'נתנ'ט. תשעים קאָפּעקעס.

דאַן האָבען זיך די לצים אַרויפגעוואָרפען מיט אַ בייזען שפּאָט אויפ'ן מלמד, אַז ער איז אַ מלמד און האָט איבערגעפּוצעוועט, אַז דאָס ביסעל שטרוי איז ניט ווערטה קיין שני זהובים, און אַז זיין אידענע וועט איהם דערפאַר אָנפּאַטשען און אַרויסטרייבען.

— וואָס פאַר אַ איד קויפט עס האַלץ ביי אַ בן פעלעפּעץ! — האָט געשריען אויף איהם מיט בייזען שפּאָט איין לץ — דאָס קען טהאָן נאָר אַ איד אַ מלמד!

דער אָרימער מלמד האָט באַלד פערלאָרען זיין שטאָלצען נחת מיט דער מציאה און האָט שוין געקוקט אויפ'ן פערהאָרוועטען פערדעל, וועלכעס האָט זיך אַלע ווייל אָבגעשטעלט און ניט געוואָלט שלעפּען די שווערע מציאה, מבולבל'דיג און פאַרזאָרגט, מיט אַ נאָגענדער חרטה אויפ'ן גאַנצען עסק.

באַלד האָט זיך די נבלה אין גאַנצען פער'עקשנ'ט און האָט זיך ניט גע־וואָלט ריהרען פון אָרט, ניט קוקענדיג אויף די בייטשען פון גוי, וועלכער האָט שוין פאַרלאָרען זיין כאַלאַצקע פלעגמע און אויפ'ן הוקען און געלעכטער פון די קרעמערס.

דער גוי איז געוואָרען אין כעס און האָט געזאָגט, אַז ער וועט ווייטער ניט פאָהרען אפילו פאַר 10 רובעל. — אָט דאָ וועל איך דיר אָראָפּוואָרפען דאָס האָלץ — און ער האָט זיך געשטעלט וואָרפען דאָס האָלץ פון שליטען.

דער איד מיט דער שאַל האָט אָנגעהויבען זיך קאָכען, שרייען און וואָר־פען דאָס האָלץ צוריק אויפ'ן שליטען. דער גוי האָט עס צוריק אָראָבגעוואָרפען.

— האָב איהם אין דר'ערד מיט דער מציאה אין איינעם! — האָט איהם געראָטען אַ קרעמער — געה אהיים און לאָז ער ווייטער שטעהן „קאַלאָם". לאָז ער עס פיהרען צוריק אהיים!

— וואָס הייסט? איך האָב דאָך איהם שוין בעצאָהלט דאָס געלד! — האָט פערצווייפעלט געשריען דער מלמד אין דער שאַל.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייער חוזק און געלעכטער איבער אַ איד אַ מלמד וואָס בעצאָהלט פאַר אַ פוהר האָלץ אין פאָראויס.

אַ פּאָאַר קרעמערס האָבען געכאַפּט דאָר פערדעל ביי די לייצעס און האָבען עס געגומען שלעפּען צום מלמד אין חדר אריין.

דער פעלעפּעץ האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף זיי מיט דער בייטש און האָט דערלאַנגט אַ אידען איבער'ן פּנים.

מעהר האָט דער כאַכאָל ניט בעדאַרפט. מען האָט איהם אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען, מען האָט אָנגעהויבען צונעהמען דאָס ביסעל האָלץ אויף

„דרוטשקעס" און כלי זיין און אלע האבן זיך גענומען דעם ערל קלאפן אי־בער'ן שווערן פעלץ און איבער דער שמויסענער היטעל.

דער גוי האט זיך פערטיידיגט מיט דער בייטש און האט געשריען: „נע־מאיש פראווא ביטע!" (דו האסט קיין רעכט ניט צו שלאגען!) און דער איינ־ציגער אידישער סאטסקי, וועלכער איז געשטאנען אויף דער וואך ביי בריקעל און האט ארויסגעקוקט אויפ'ן גענעראל, האט צוגעקוקט די גדולה פון וויי־טענס, האט כלומר'שט זיך געבייזערט ווי א סאטסקי און געשריען אויף די אידען אין גוי'איש: טראסטיא וואשעי מאטערי, זאשטשא ביעטע? נע־מאיש פראווא ביעטע!" און האט שוין אונטערגעגעבן רויך אין אידיש: „חברה, גיט איהם נאר א טעלעבענד! צו דר'ערד! צו דר'ערד! א פאר שטעקענס פאר מיר אויך!"

* * *

אין מיטען אט דעם ליארעם און געשלעג, האט זיך דערהערט א ווייטער, ערגעץ מונטער־טאנצענדער קלאנג פון גלעקלעך. דער סאטסקי האט זיך א ריס געטהאן פון זיין וואך, איז צוגעלאפען צום פענסטער פון דער אופראווע און האט מיט'ן ניגון וואס מ'וועקט צו סליחות, אנגעקלאפט מיט'ן שטעקען און ארויסגערופען די דעפוטאציע:

— אידען! שטעהט אויף! שטעהט אויף צו עבודת הבורא!

די דעפוטאציע. אין שבת'דיגע בגדים, מיט'ן גביר און אלטען רב בראש, מיט דער הילצערנער טאץ ברויט און זאלץ אויף א ווייס סערוועטעל, אין גביר'ס הענד, האט זיך שטופענדיג ארויסגעשיט פון דער אופראווע און האט זיך אויסגעשטעלט אין א שורה אין דער לענג פון בריקעל, ביים ארייננפאהר אין שטעדטעל.

די טראיקע

די טראיקע איז אנגעלאפען און האט זיך אבגעשטעלט פאר'ן בריקעל און פאר די אידען.

סווינטשיצקי'ס שפאקעס האבען אבער ניט אויפגעהערט צו ווארפען אויף זיי בייז און שטאלץ מיט די קעפ, געשפיגען מיט שוים, אויפגערעגט, געצי־טערט מיט די פערשוויצטע און מיט א ווייסען שוויים בעדעקטע קערפערס און צארניג געקלונגען מיט די גלעקלעך אויף די אידען, וועלכע האבען זיך ער־לויבט אפצושטעלען זייער אריסטאקראטישען שטאלצען לויף.

אין שליטען זיינען געזעסען גענעראל גערשעלמאן מיט א דאמע און אנט־קעגען זיי נאטאשא.

די דאמע האט צוגומען דעם קאלנער פון א גרויסען בערענעם פוטער און פון דארט האט א קוק געטהאן אויף די אידען א טיפיש גראבער און רויטער פנים פון אן עלטערער קאצאפקע, מיט א נאז ווי א ציבעלע. זי האט א קוק געטהאן בייז און אונצופרידען איבערראשט, אזוי ווי די דעפוטאציע וואלט זי מיט דעם אפשטעלען שרעקליך בעליידיגט.

צוטומעלט און איבערראשט האט אויך געקוקט דער גענעראל. ער האט זיך אויף דעם „קבלת־פנים" ניט געריכט. ווייטער זיינען די אידען א ווילע

געשטאַנען שטום, האָבען זיך ניט געריהרט פון אָרט ווי פערגליווערטע מומיעס. און פאַר איהם האָט זיך די קורצע ווײַלע געצויגען אַזוי לאַנג און ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט זיך און מיט דער דעפּוטאַציע. נאָר דער סובאָטניק אויף דער קעלניע האָט געשמייכעלט ווי אַ פערשעהמט מיידעל און האָט איבערגעפיהרט די קוועלענדע אויגען זיינע פון גענעראַל אויף די אידען און צוריק.

נאַטאַשאַ איז געזעסען מיט דער פּלייצע צו די אידען און האָט זיך אַז איינגעהילטע אין שווערען פּעלץ און אין דער „באַרענעצי" געדרעהט הין און צוריק, ווי אַן ענג־פערשמיעדטע אין קייטען, צו כאַפּען אַ קוק אויף די וואָס האָבען זיי אָבגעשטעלט.

ענדליך האָט דער גענעראַל אונטערבראָכען די שטומע פערלעגענהייט און האָט זיך געווענדעט צו די אידען:

— נו, וואָס ווערט איהר זאָגען, גאָספּאַדאַ יעווּרעאַי?

— כליעב אי סאָל, זנאַטשיט (ס'הייסט ברויט און זאַלץ) — האָט צו איהם אַ וואונק געטהאָן דער סובאָטניק מיט אַ גליקליכען שמייכעל פון דער קעלניע און דעם אַנדערען וואונק האָט ער צוגעוואָרפען צו די אידען.

באַלד איז דער רב מיט'ן גביר, וועלכער האָט געהאַלטען פאַר זיך די טאַץ מיט'ן ברויט און זאַלץ ווי מען האַלט אַ טייערע כינעזישע וואַזע, און מיט דעם לעהרער מיט'ן גרויסען קנאַפּ אויפ'ן לאַנגען, דאַרען האַלז, אַרויס־געגאַנגען פון דער שורה, וואו זיי זיינען געווען פערשטעלט מיט די פערד, און צוגעגאַנגען נאָהענט צום שליטען.

דער גביר האָט שטום אויסגעשטרעקט די טאַץ און דער רב האָט געזאָגט צום גענעראַל אין אידיש, שטיל, מיט אַ הכנעה'דיג פערלעגענעם שמייכעל:

— ברוך הבא! געבענשט זאָל זיין, פריץ, דיין אַנקומען אין דיין שטעדטעל.

נאָך דעם הכנעה'דיגען און אונזיכערען ברוך הבא האָט דער רב פער־גלאָצט די אויגען צום הימעל ווי אין אַ קורצער תפלה.

די אידישע ווערטער האָבען זיך אָבגערופען אין גענעראַל'ס אויערען ווי אַן אַלטער פערגעסענער מאָטיוו. איבער זיין פנים האָבען אָנגעהויבען לויפען שאָטענס פון אַן אָפּגעשטאָרבענער און שוין פערגעסענער וועלט.

פון פאַרק, פון די ווייטע טאָפּאָליעס אויפ'ן באַרג האָט זיך אויפגעהויבען אַ מחנה ראָבען און האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן צו איהם מיט אַ בייזען, אין דער ריינער ווינטער־לופט, ווייט־הילכענדען און דראָהענדען קראַ־קראַ...

דער שטילער ברוך הבא מיט דעם הויכען, הילכענדען קראַ־קראַ, וועלכער איז געקומען פון די ראָבען וואָס האָבען געפליגען אַקעגען איהם, האָבען איהם אויפגעשוידערט... אַן אומעט און אַ נאָגענדעס פאַרגעפיהל האָבען פּלוצים צונויפגעקלעמט זיין האַרץ...

ער האָט דערפיהלט ווי זיין ווייב'ס קערפּער נעבען איהם האָט אויך אָבערגלויביש אויפגעשוידערט. פון דעסטוועגען האָט ער גענומען די טאַץ פון גביר'ס הענד, האָט זי אַוועקגעשטעלט אויף נאַטאַשאַ'ס קניע און האָט זיי אונגעדולדיג צוגעוואָרפען:

— ספּאַסיבאַ! ספּאַסיבאַ, גאָספּאַדאַ!

ערמונטערט פון די ווערטער, האָט זיך דער לעהרער פון דער תלמוד־תורה אַביסעל ארויסגערוקט, האָט פערריסען דעם קאָפּ מיט די פענסנע אויף דער האַרבאַטער נאָז, האָט אַרויסגעשטעלט דעם גרויסען קנאָפּ פון דאַרעז, לאַנגען האַלז און האָט אַנגעהויבען די אויסגעלערענטע רעדע זיינע אין רוסיש:

— וואַשע וויסאָקאָפּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ! אונזערע הייליגע ספרים זאָגען, אַז ביי אונז אין גן־עדן איז דאָ אַן אָרט פאַר די קריסטליכע צדיקים, פאַר די גוטע, ליבעראַלע מענשען וואָס פערטיידיגען אונז אידען, אויף דער וועלט, סימפּאַטיזירען מיט אונז און זיינען, ווי מען זאָגט, אידען־פריינד. איך ווייס ניט צי עס איז דאָ אַ גן־עדן אָדער אַ גיהנום. איך בין דאָרט ניט געווען, און ווער עס איז דאָרט יאָ געווען, דער וויל ניט קומען צוריק און דערצעהלען. אַלענפאַלס ווייזט די מסורה פון די הייליגע ספרים אונזערע ווי ווייט די רעליגיאָן אונזערע איז טאָלעראַנט צו גוטע קריסטען. און איך צווייפעל ניט, וואַשע וויסאָקאָפּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ, אַז אויב עס איז יאָ דאָ אַ גן־עדן, וועסטו, דו גוטער מענש און אידען־פריינד, נאָך 120 יאָהר זיצען דאָרט אויבען־אָן גלייך מיט אונזערע אבות, אברהם, יצחק, יעקב, מיט שלמה און דוד המלך. יאָ, אויבען אָן — האָט איהם פערזיכערט דער בחור.

דער רב האָט ווידער פערגלאָצט מיט די אויגען צום הימעל, ווי אין אַ תפלה, אַז גאָט זאָל שוין ניט פאַרגעסען דעם אוהב ישראל און איהם אוועקזעצען אויבען־אָן מיט די אבות.

— טשטאָ? טשטאָ טאַקאָיע? — האָט זיך בעליידיגט און עמפּערט אונטערגעהויבען פון איהר זיץ די קאַצאַפּקע — קאַק ווי סמעיעטיע? (ווי ער־לויבט איהר זיך?)

— מאַמאַ! — האָט איהר נאַטאַשאַ צוגעוואָרפען מיט אַ בייזען, היפּנאָ־טיזירענדען בליק פון אַ טיגער־צוימערין.

— וועל איך אויך קענען זיצען דאָרט אויבען־אַן, אין דער פיינער געזעל־שאַפט... נעבען מיין פּאַפּאַשאַ? — האָט זי זיך געווענדעט צום רעדנער, און האָט זיך הויך און מונטער צולאַכט, ווי די גלעקלעך מיט וועלכע די אונגעדול־דיגע, בעליידיגטע שפּאַקעס האָבען ניט אויפגעהערט צו טרייסלען און קלינגען.

דער גענעראַל האָט זיך אויך צולאַכט.

דער איבערגעשראָקענער בחור האָט צוריק בעקומען קוראַזש אין האָט ווייטער גערעדט, אָבער שוין אין אַ נעבעלהאַפטער שפּראַך פון אַ איד שען משכיל און „עקסטערניק", און אין זין פון בערעל׳ס נציצין, קדישין און פערבלאַנד־זשעטע נשמות.

די קאַצאַפּקע האָט די רוסישע שפּראַך שוין אין גאַנצען ניט פערשטאַנען, און האָט געוואָרפען בעליידיגטע עמפּערטע בליקען אויף דער דיפּוטאַציע און אויף דער טאָכטער.

נאַטאַשאַ האָט צוגעהערט מיט אַן אַנגעשטריינגט פּנים, אין דער גענעראַל האָט זיך אַנגעכמורעט.

איבער זייערע קעפּ האָבען זיך שוין הויך געדרעהט די קראַקענדע ראָבען.

דעם בחור׳ס רוסישע אויסשפּראַך, בעזונדערס די ריש׳ען פון „וואַשע וויסאָקאָ־פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ", וועלכעס ער האָט אָפט געברויכט, האָבען הויך געהילכט אין זיינע אויערען, ווי דאָס קראַקען פון די ראָבען.

און דער געשריי פון די ראבען מיט'ן בחור'ס רעדע האבען זיך צוזאמענ־געגאסען אין איין מאנאטאנעם און לאנגעם ליעד, וואס האט געשווידערט און איבערהויפט געלאנגוויילינט דעם אלטען מאן און איהם פלוצלינג אריינגע־ווארפען אין א טיעפען און נאגענדען אומעט.

ער האט געקוקט אויף'ן רעדנער'ס מויל און אויף'ן קנאפ, וועלכער האט זיך בעוועגט היין־און־צוריק און האט אונגעדולדיג געווארט, אז דאס מויל מיט'ן קנאפ זאלען זיך שוין אבשטעלען, כאטש די גאנצע געשיכטע האט געדויערט בלויז עטליכע מינוטען.

און אז דער בחור האט געענדיגט, האט ער אזוי ווי בעפרייט אויפגע־אטהעמט, צוגעווארפען צו אידען:

— ספאסיבא! ספאסיבא! שטארק געריהרט, גאספאדא! — און האט א געשריי געטהאן צו יאז'ען: „טראגאי!" (ריהר זיך).

יאז, וועלכער איז געזעסען אויף דער קעלני אונגעדולדיג א בעליידיגטער און עמפערטער, ווי די גענעראלשע, האט אויפגעציטערט, אויפגעהויבען די בייטש מיט א קנאק און די שפאקעם האבען זיך ווי בעפרייטע א ריס געטהאן פון ארט און זיינען אוועק איבער'ן שטעדטעל, לאנג־בעגלייט פון די אויגען פון דער דעפוטאציע און פון די קרעמערס.

די שוועסטער און דער פלימעניק

אזוי שנעל ווי ברייגדעלע קאזאק האט בעקומען דורך בעריל'ס הענד די צוויי הונדערט רובעל, און פון עקאנאם א טיראלסקע קוה מיט צוואנציג קווארט מילך א טאג, האט זי ניט נאר אויפגעהערט צו שעהמען זיך מיט'ן ברודער דעם משומד, זאנדערן האט ערשט אנגעהויבען צו שטאלצירען מיט איהם.

אין א קריעג מיט א אידען אדער אידענע אויפ'ן מארק, פלעגט זי שוין פערלויפען און די ערשטע אויסשרייען:

— וואס־זשע, דו וועסט מיר אפשר אויסווארפען דעם ברודער דעם משומד? איך הויב מיר זיך גארניט אן צו שעהמען!... זאל ער מיר נאר מאריך ימים זיין און דער רבונו של עולם זאל מיר געבען די זכיה נאך אמאל צו זעהן איהם, איהם אנקוקען מיט מיינע אייגענע אויגען — און פלעגט דערביי פערגלאצען די אויגען צום רבונו של עולם.

און דאס שטעדטעל האט איהר שוין נאטירליך אויפגעהערט אויפצווא־ווארפען די חרפה.

פון חיים־הערש דעם לאנגען בעל־עגלה איז געווען אבגערעדט...

באלד ווי דער גענעראל איז אוועקגעפאהרען איז ער געקומען צו לויפען צום אלטען בעל־אכסניא מיט טענות, אלמאי מ'האט איהם פערטיילט מיט דער ירושה.

— וואס־זשע, איך בין דען ניט קיין אייגענער שוועסטער'ס א זוהן? — האט ער גע'טענה'ט מיט בעריל'ען.

בעריל האט צופיהרט מיט די הענט, האט פערריסען דעם קאפ מיט דער

באָרד און האָט איהם געזאָגט, אַז ער האָט נאָר געטהאָן וואָס מען האָט איהם געהייסען.

פונדעסטוועגען האָט ער דעם בעל־עגלה שטאַרק אָבגעראָטען פון שרייבען בריעף צום גענעראַל און צום אויסגעטראַכטען פעטער ניקאָלאַיעוו, ביז דער גענעראַל וועט ניט קומען צוריק. און ער האָט איהם צוגעזאָגט אַליין מיט איהם צו רעדען פון דעם פּלימעניק.

בעריל איז פּילייכט געווען אין שטעדטעל דער איינציגער איד, אויף וועלכען דער בויאַן האָט געלעגט גרויס כבוד, און ער האָט איהם געפאָלגט.

— אַז ר' בעריל הייסט, פאָלג איך און שאַ... ר' בעריל! אין פייער אריין... ווי איך בין אַ איד — האָט זיך געשוואָרען חיים־הערש, זיך בוכענדיג אין דער ברייטער ברוסט מיט אַ גרויסען קולאַק, ווי ער פלעגט זיך קלאַפּען על־חטא אין יום־כפור.

דערפאַר האָט ער ניט אויפגעהערט רעדען און בעריהמען זיך מיט'ן פעטער פאַר בעקאַנטע גוים און אידען; פאַר די ערשטע געוועהנליך מעהר ווי פאַר די לעצטע:

— אַ טשין פון אַ גענעראַל לייטענאַנט! דעם קיסר'ס אַ דאָקטאָר... לייב־מעדיק יעוואָ וועליטשעסטוואָ! איהר פערשטעהט? איך פערקויף די פערד מיט דער טאַראַטאַיקע און פאָהר אוועק צו איהם... גלייך קיין פעטערבורג. אוים בעל־עגלה! פע! וחלקלקות — האָט פערזיכערט חיים־הערש און פלעגט דערביי ווייט אויסשפייען צווישען די צייהן, ווי אַ גוי.

די קוה מיט די צוויי הונדערטערם האָט ער דער מוהמען זיינער פערגונען פון טיעפען האַרצען. און אַז ער האָט אָנגעגרייט היי פאַר זיינע פערד אויף ווינטער, האָט ער איין פוהרעל צוגעפיהרט פאַר דער קוה.

דעם פערשטאָרבענעם פעטער משה'ן האָט ער מעהר ליעב געהאַט ווי איהר, און פאַר זיינע יתומים איז דער בעל־עגלה געווען גרייט צו טהאָן אַלעס, און ער איז געווען מיט זיי צערטליכער ווי מיט זיינע אייגענע קינדער. זאָל זיך אימיצער געוועזען צו די קינדער צוריהרען מיט אַ פינגער, און ער האָט שוין גערדאַרפט אָבגעזעגענען זיך מיט די יאָהרען זיינע.

אַם מייסטען אָבער האָט ער זיי געדאַרפט שיצען פון דער פערביטערטער מוטער אַליין, וועלכע פלעגט זיי ניט זשאַלעווען קיין קלעפּ; און אַז שוין שלאָגען, פלעגט די בייזע אידענע שלאָגען צום טויט.

— וואָס טהוט מען, וואָס טהוט מען מיט דער מכשפה? — פלעגט זיך קלאָגען דער גרויסער בויאַן, וועלכער פלעגט אַליין קאָנען שלאָגען אַ צעהנדליג גוים, פאַר זיינע פּאַסאַזשירען, זיך כאַפּענדיג פאַר'ן קאָפּ — זי וועט זיי מיר דער'הרג'ענען, ווי איך בין אַ איד.

קיין וואונדער, אַז די קינדער, בעזונדערם די אינגלעך, פלעגען מעהר אָבליגען און נעכטיגען ביים פעטער און איבערהויפּט ביי זיינע פערד.

איינעם פון זיי, דעם עלטערען, האָט ער געמאַכט פאַר אַ סטאָליער, און ווי אָרעם ער אַליין איז ניט געווען, האָט ער אויסגעצאָהלט פאַר איהם אַ פופציגער לעהר־געלד.

די מלמדים האָבען זיך אויך געדונגען מיט איהם און ניט מיט דער מוטער. ימים־נוראים און ימים־טובים פלעגען די יתומים שטעהן ביים

פעטער'ס סטענדער און מוזען דאַווענען מיט דעמזעלבען פייער, ווי דער בעל־עגלה אַליין פלעגט דאַווענען, און זיך בוכען אין האַרצען דעם על־חטא.

און אַז דער גענעראַל איז געקומען, איז ער ניט געגאַנגען צו איהם אַליין. ער האָט געהייסען דער מוהמען זי זאָל זיך אַנטהאָן שבת'דיג און האָט זי מיטגענומען מיט זיך אין הויף אַריין.

דער וויזיט

עס איז נאָך געווען פריה.

אַז אַלטער לאַקיי, מיט צוויי גרויסע צוקעמטע באַקענבערד, האָט צוערשט בעטראַכט דאָס פּאַרעל פון קאָפּ ביז די פיס און האָט זיי געהייסען מיט אַ פערעכטליכער מינע וואַרטען אין גלעזערנעם קאָרידאָר.

— אַ זשיד און אַ זשידאָווקאַ ווילען זעהן אייער וויסאָקאַ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ — האָט ער געמעלדעט דעם גענעראַל, וועלכער איז שוין געזעסען ביי זיך אין קאַבינעט און האָט אויסגעהערט דעם ראַפּאָרט פון זיין עקאָנאָם דעם סובאָטניק.

פון דעם וואָרט „זשיד און זשידאָווקאַ" האָט ער אויפגעציטערט. אַן אונרוהע, ווי אַ בייזער ווינט, איז אַריין אין זיין נשמה.

די ערשטע ווערטער זיינען געווען:

— איך בין בעשעפטיגט!...

אַז דער לאַקיי האָט זיך אָבער פערבויגען און האָט געוואָלט אַרויסגעהן, האָט ער איהם געהייסען וואַרטען און האָט צוגעוואָרפען אַן אונבעהאָלפענעם בליק דעם סובאָטניק, אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט ביי איהם שוץ און ראַטה.

— געה נאָר אַרויס, מאַיסעי אַבראַמאָוויטש, און פרעג זיי וואָס זיי פערלאַנגען! — האָט ער מעהר געבעטען ווי בעפוילען דעם עקאָנאָם.

אַז דער עקאָנאָם מיט'ן לאַקיי זיינען אַרויסגעגאַנגען איז ער געוואָרען נאָך אונרוהיגער. ער האָט זיך שוין ניט געקאָנט איינהאַלטען, איז אַריינגעגאַנגען אין דער בילדער־גאַלערעע, וועלכע האָט געהאַט אַ פענסטער צום גלעזערנעם קאָרידאָר, האָט אויפגעהויבען אַ ווינקעל פון אַ שווערען פאָרהאַנג און האָט זיך איינגעקוקט.

דער לאַנגער בעל־עגלה מיט דער מיאוס'ער אידענע, וועלכע האָבען דאָן געפיהרט די געשאָנקענע קוה, האָבען איהם איבערגעשראָקען און אָבגעשלייַדערט פון פענסטער, ווי צוויי געשפּענסטער פון אַ פערגאַנגענער און שוין טויטער וועלט. ווי אַז אַבגרונד האָט זיך פּלוצלינג געעפענט די פערגאַנגענהייט... אַ שוואַרצער און דראָהענדער אַבגרונד...

ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער האָט זיך געריכט אַז זיי קאָנען קומען, האָט ער איצט מיט אַמאָל זיך דערפיהלט ווי ניט צוגעגרייט פאַר'ן בעזוך און מוטהלאָז. ער האָט זיך מיט אַמאָל אינגאַנצען פערלאָרען, און אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט זיין נשמה. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, צי ער זאָל זיי אויפנעהמען, אָדער איין מאָל פאַר אַלע מאָל פערשטעלען דעם וועג צו זיך אויף אייביג.

און די אַלע געפּיהלען, וועלכע האָבען איהם תמיד שטיל געצויגען אהער. צו דער וויגעלע פון זיין געבורט און יוגענד, זיינען מיט אמאָל אויסגעלאָשען געוואָרען. אויסגעלאָשען האָבען זיי די שוועסטער מיט דעם פלימעניק, וועלכע זיינען איצט איהם פאַרגעקומען ניט נאָר פרעמד, נאָר פיינדליך און שוידערהאַפט אָבשטויסענד.

אַן אויפגערעגטער און ציטערענדיגער מיט אַ שנעל קלאַפּענדען הארצען, האָט ער זיך ווי אַ פערפאָלגטער שנעל געלאָזט שפּאַנען הין און צוריק איבער'ן לאַנגען צימער, וועלכער איז געווען בעהאַנגען מיט טהייערע פּאָרטרעטען פון פּוילישע מלכים און מאַגנאַטען, מיט בילדער וועלכע האָבען פאַרגעשטעלט קאָראָנאַציעס און פערשידענע עפּיזאָדען פון דער פּוילישער געשיכטע.

פּלוצים האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז די פּוילישע גראַפען און פירסטען קוקען אויף איהם, דעם ברודער פון דער עקעלהאַפטער אידענע, מיט שפּאָט און בייזער פרייד...

ער האָט פּלוצים דערפּיהללט, אַז ער וועט אין דעם שעהנעם פּוילישען שלאָס, וועלכען ער האָט ניט אַנדערש געוואָלט אָפּקויפען ווי מיט דער בילדער־גאַלערעע צוזאַמען, אַז אין דעם פּאַלאַץ וועט ער די רוה, וואָס ער האָט געזוכט אויף דער עלטער, ניט געפונען; אַז ער אַליין האָט דעם עלטער זיינעם פער־פּלאָנטערט אין אַ נעץ.

און ווידער האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ חרטה אויף דער גאַנצער אוואַנטורע ווי דאָן איז דער אכסניא, ווען ער האָט געוואָלט פאַר בערל'ען ענטדעקען זיין לעבענס־סוד, אַ חרטה מיט אַן אַבערגלויבישען פחד...

און דער פחד האָט נאָך מעהר פּאַראַליזירט זיין ווילען און פערגרעסערט די אונענטשלאָסענהייט.

געדאַנקען וועגען ענטלויפען פון דעם פּלוצים און אומגעריכט אויסגע־וואַקסענעם פּלאָנטער, אָדער גאָר אַרויסגעהן צו זיי און מיט איין מוטהיגער האַנט־בעוועגונג איהם צוהאַקען און זיך בערוהיגען — האָבען זיך גענומען ראַנגלען אין זיין ברוסט.

פּלוצים האָט ער דערהערט פון קאָרידאָר די הילכענדע, בייזע און גראָבע שטימע פון זיין פרוי און דערנאָך פון נאַטאַשאַ'ן, און אַ קאַלטער שוויים האָט בעדעקט זיין שטערן...

ער איז צוריק צוגעלאָפען צום פענסטער און איז צוגעפאַלען מיט דעם שטערען צום קאַלטען גלאָז.

זיין ווייב די סטאַראָוויערקע האָט געשריען אויף די געסט און האָט זיי געטריבען; נאַטאַשאַ האָט זיך, מיט דער מוטער געקריגט פאַר זיי און זיי פערטיידיגט.

דער לאַנגער בעל־עגלה האָט געהאַלטען אין איין האַנט די שמויסענע היטעל זיינע, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעשטעקט אַ פערשמאַלצענער צורי־סענער אונטערשלאַק מיט ברודיגער וואַטע, און די אַנדערע האָט ער געהאַלטען צוגעטוליעט צו דער ברוסט און האָט זיך עפּעס געבעטען ביי דער גענעראַלשע מיט אַ הכנעה'דיגען, חניפה'דיגען און פערלעגענעם שמייכעל, וועלכער האָט אַזוי ניט געפּאַסט צום פנים פון דעם סאָלדאַט און בויאַן.

דער סובאָטניק איז געשטאַנען פון וויטענס, און שוין ניט קיין פער־

שעהמטער און רויטער ווי תמיד, נאָר אַז איבערגעשראָקענער ווי אַ קינד און אַ בלייכער.

די אידענע איז געשטאַנען צום גענעראַל מיט די פּלייצעס און ער האָט ניט געקאָנט זעהן איהר פּנים.

— איך וויל זיי, די זשידעס, אין די אויגען ניט אַנקוקען... איהר זאָלט ניט וואַגען צו געהן אַהער!... קיינער פון דעם שטעדטעל!... — האָט געשריען און געטופּעט מיט די פיס די סטאַראָוויערקע און איהר גאַנצער פעטער קערפּער האָט געציטערט פון פּאַטאַלאָגישען עקעל צום זשיד, וועלכען ער האָט אין איהר אַזוי גוט געקענט און וועלכער פלעגט אין די לעצטע יאָהרען איהם אויפרעגען ביז צום וואַהנזין, ווי אַ געשוואָונגענע בייטש איבער'ן קערפּער.

און דאָס פּאָרעל שטעהט ווי פערגליווערט און ריהרט זיך ניט פון אָרט. און באַלד האָט דער לאַקיי געעפענט די טהיר פון קאָרידאָר און האָט זיי אָנגעהויבען צו טרייבען.

אַ גרויסער שוואַרצער הונט, וואָס איז געבליבען פון סווינטשיצקי'ן און וועלכען ער האָט ערצויגען אין זיין האַס צו אידען, איז אַריין אין קאָרידאָר און אָנגעהויבען שפּרינגען און זיך וואַרפען אויף די געסט מיט אַ שרעקליכען בילען. דאַן האָט זיך דער הכנעה'דיגער שמייכעל אויף דעם בעל־עגלה'ס פּנים מיט אַמאָל אויסגעלאָשען. ער איז געוואָרען רויט פון כעס. דער גבר האָט געכאַפּט דעם הונט פאַר דער פעל פון האַלז און האָט איהם אָבגעשליידערט ווייט פון זיך, ווי אַ שפּענדעל.

דער פּלימעניק איז מיט אַמאָל דעם גענעראַל געפעלען געוואָרען.

דער הונט איז אָבגעפלויגען מיט אַ שרעקליכען קוויטש צו דער וואַנט, האָט זיך אָבער צוריק אַ וואָרף געטהאַן אויפ'ן בעל־עגלה און אויף דער אידענע מיט נאָך אַ גרעסערען וואוטה.

דאַן האָט איהם שוין נאַטאַשאַ אָבגעשליידערט מיט איהר קליין פיסעל אין דער אָפענער טהיר און זי צוריק פערמאַכט.

און ער שטעהט און קוקט דאָס אַלעס צו, אַ צוגעקאָוועטער צום פענסטער, ווי אין אַ קאָשמאַר, און קאָן ניט ריהרען מיט די גליעדער.

און זיין וויב שרייט און טופּעט מיט די פיס, שוין ניט אויף די פרעמדע, וועלכע לאָזען זיך אונענטשלאָסען געהן צו דער טהיר און עפענען זי צוריק, נאָר אויף זיין אייגענער טאָכטער און שלײדערט איהר בעליידיגונגען אין פּנים. ער הערט ניט איהרע ווערטער, ער זעהט עס אָבער פון דעם, ווי זיין טאָכטער פערדעקט זיך דאָס פּנים מיט די קליינע צאַרטע הענטלעך, גיט אָבער באַלד אַ שפּרונג, פערשטעלט די פרעמדע דעם וועג און שרייט: פּאַפּאַשאַ! פּאַפּאַשאַ!

דאָס וואָרט פּאַפּאַשאַ וועקט איהם אויף פון קאָשמאַר און ברענגט איהם צו זיך. ער לויפט צו צו דער וואַנט, וואו עס הענגען אַלטמאָדישע יאַגד־געוועהר, ער כאַפּט אַרונטער אין בלינדען וואוטה פון דאָרט אַ קאָזאַצקע נאַגאַיקע און לויפט מיט איהר אַרוים אין קאָרידאָר אַריין.

אַלעס ווערט מיט אַמאָל שטיל ביי זיין ערשיינען מיט דער נאַגאַיקע אין דער האַנט, פאַר זיין שרעקליכען געזיכט.

נאָר דער הונט לויפט צוריק אַריין און גיט אַ שפּרונג אויפ'ן נייעם בעל־

הבית זיינעם, כאַפּט אָבער אַ זעץ מיט דער נאַגאַיקע איבער'ן קאָפּ און שפּרינגט ווידער אָב מיט אַ שרעקליכען קוויטש.

אין דעם זעץ איז אַרוים זיין גאַנצער וואוטה, די בריהענדע עמפּערונג, און ער איז מיט אַמאָל צוריק ערשעפּט...

אַ לאַנגע שווערע פּויזע.

די אידענע קוקט אויף איהם אַ ווײַלע איבערגעשראָקען, מיט אַן אָפען מויל, פון וועלכען עס קוקען אַרוים איהרע גרויסע געלע צייהן. אַן אויסגעקרימט שרעקליך מויל, ווי ביים הונט, וועלכער דרעהט זיך אין ווינקעל און קוויטשעט פון וועהטאָג און בעליידיגונג. זי גיט זיך אָבער באַלד אַ ריס פון אָרט, כאַפּט זיין האַנט און דאָס מויל הויבט אַן קושען די האַנט מיט קאַלטע, שווידערענדע קושען...

ער שפּרינגט אָב פון איהר מיט אַ שרעק און מיט פּערקיהלטען בלוט אין די אָדערען, אַזוי ווי אַ קאַלטער און מיאוס'ער שרץ אָדער גיפטיגע שלאַנג וואָלט זיך צו איהם צוגעריהרט.

און ווי אַ מענש פאַר'ן אָבגרונד, רופט ער אָבער באַלד צוהילף אַלע זיינע כחות, בעוועלטיגט אַלע זיינע געפיהלען און דאָס שפּרינגענדע הארץ אין ברוסט מיט אַן איבערמענשליכער קראַפט. און ער זאָגט צו זיי:

— קומט צו מיר אין קאַבינעט אַריין.

די סטאַראָוויערקע בייט זיך אין געזיכט, פינטעלט מיט די אויגען און וואַרפט אויף איהם, אויף דער טאָכטער און אין אַלע זייטען פרעגענדע און עמפּערטע בליקען, בליקען פון אַ העכסט בעליידיגטער דאַמע.

— פּאַזשאַלויסטאַ! — זאָגט ער נאָך אַמאָל צום פּאָרעל, אָבער שוין שטרענג און בייז, און ווייזט זיי אַן מיט דער נאַגאַיקע אויף דער טהיר.

אין קאַבינעט

אַז ער איז געבליבען מיט זיי אַליין פערשלאָסען אין קאַבינעט, איז איהם מיט אַמאָל גרינגער געוואָרען און ער האָט פריי אויפגעאָטעמט.

דער פלאַנטער איז געווען צוהאַקט מיט איין טאָפּפּערער האַנט־בעוועגונג, און דאָס האָט איהם אָנגעפילט מיט שטאָלצער פרייד און רוה.

אפילו די מיאוס'ע אידענע איז איהם שוין איצט ניט פאָרגעקומען אַזוי מיאוס און אָבשטויסענד פרעמד ווי פריהער.

אַ וואָרים געפיהל, אַ רחמנות האָט זיך אָנגעצונדען אין זיין האַרץ צו איהר געקנייטשטען, פערזאָרגטען פּנים, אויף וועלכען דער ביטערער לעבענס־קאַמף האָט געלאָזט זיינע טיעף אויסגעטראָטענע און שווערע וועגען.

ער האָט זיי ביידען איינגעלאַדען צו זיצען.

זיי האָבען זיך אָבער דערפון אָבגעזאָגט.

— מיר קאָנען שטעהן, פּריץ... טהייערער פּריץ! — האָט געזאָגט די אידענע, און דער טאָן מיט וועלכען זי האָט עס אַרויסגעזאָגט האָט איהם אויפגעשוידערט.

עס איז ניט געווען דער געוועהנליכער הכנעה'דיגער, חניפה'דיגער טאָן, מיט וועלכען די אידען פון שטעדטעל האָבען צו איהם גערעדט. אַ טאָן פון אַ

ליעבענדער שוועסטער האָט געפּלאַצט אין דעם „טהייערען פּריץ" און האָט אין איהם אויפגעוועקט דעם שלאָפענדען ברודער...

עפּעס נייעס איז געווען אין דעם טאָג, אַזאַ ווארימעס און אנגענעהמעס, וואָס האָט זיך צוגאָסען איבער זיין הארץ, ווי אַ ווארימענדער געטראַנק אין די אָדערען פון אַ פערפראָרענעם קערפּער.

— פּריצ'ל! וואָס מאַכט עפּעס מיין טהייערער ברודער, זאָל ער מיר לע־בען? — האָט איהם געפרעגט די אידענע מיט אַזאַ ווארימען און צאַפּעלדיגען קלאַנג, און האָט אויסגעשטרעקט צו איהם, ווי אין אַ געבעט, איהרע פער־הארעוועטע הענט, וועלכע זיינען געווען בעדעקט מיט גראָבע, אָדערען, ווי בייטשען.

טרעהרען זיינען ביי איהם ארויסגעטראָטען אין די אויגען, פון דער האר־ציגער און צאַפּעלדיגער פראַגע.

דער מענש און ניט דער גענעראַל, וואָס איז פערשוואונדען אין דער רגע, האָט געוואָלט נעהמען די צו איהם אויסגעשטרעקטע גראָבע הענט אין זיינע, ווי אַ ברודער, און אויסשרייען:

„שוועסטער! אָט איז ער, דיין ברודער, פאר דיינע אויגען"

די הענט אָבער האָבען זיך געמוזט כאַפּען פאר'ן הארצען, אַזוי האָט עס זיך געוואָרפען, ווי אַן עוף צאַפּעלט און ווארפט זיך אונטער'ן חלף אין די הענט פון אַ שוחט.

ער האָט דערפילט, אַז נאָך אַ שטאַרקע אויפרעגונג און דאָס איבערגע־וואַקסענדע הארץ וועט ניט אויסהאַלטען און פּלאַצען... און ער האָט גערופען צו הילף די גאַנצע פּאָרזיכטיגקייט... זיין גאַנצען טאַפּפערען מוטה.

— דיין ברודער איז געזונט און האָט מיר געבעטען, אַז איך זאָל אייך אָלעמען דאָ איבערגעבען אַ הערצליכען גרוס — האָט איהר געענטפערט שוין דער גענעראַל אין איהם און דער פערשטעלטער מענש.

די אידענע האָט זיך איבערגעקוקט מיט'ן פלימעניק, וועלכער איז געשטאַ־נען די גאַנצע צייט אויסגעצויגען ווי אַ סאָלדאַט און האָט געשוויגען. אַ קינ־דערשע פרייד האָט זיך אָבגעשפּיעלט אויף זייערע פּנים'ער.

— לאַנג לעבען זאָלסטו, פּריצ'ל... הונדערט און צוואַנציג יאָהר, פאר'ן טהייערען, ליעבען גרוס — און זי האָט געמאַכט אַ בעוועגונג צו כאַפּען זיין האַנט און זי ווידער קושען. אָבער זיין שטרענגער, איבערגעשראָקענער בליק איבער די גאָלדענע ברילען האָט זי דערפון אָבגעהאַלטען.

— נו, ווי אַזוי איז די קוה? זי מעלקט זיך? — האָט זי געפרעגט דער גענעראַל.

— זי מעלקט זיך, פּריץ... זי מעלקט זיך שטאַרק... אַזאַ יאָהר אויף דיר און אויף אונז ביידען, ווי זי מעלקט זיך... און איך וויל עס איהם שרייבען, דעם ברודער... זאָל ער וויסען... יתומים'לעך — דאָס ביסעל מילך — וואָס איז דאָ בעסערס פון אַ ביסעל מילך פאר קליינע יתומים'לעך? דאָס ווילען מיר עס נעהמען ביי דיר זיין אָדרעס... דעם ברודער'ס הייסט עס... און איהם שריי־בען... דאַנקען הייסט עס—און זי האָט צוגעוואָרפען אַ בליק דעם פלימעניק.

— טאַק טאַטשנאַ, וואַשע וויסאָקאַ פּרעוואַסכאָדיטעלסטוואָ. — האָט פּאַטאַקעוועט דער געוועזענער סאָלדאַט חיים־הערש.

דער אַדרעס און דער קאַזאַרמע־ניגון פון סאָלדאַט האָבען איהם צוריק אויפגערודערט, פערקלעמט מיט אַ נאָגענדער אונרוה.

— אויב איהר ווילט איהם שרייבען, גיט מיר די בריעף און איך וועל זיי שוין איהם איבערשיקען... דער ברודער האָט אַזוי געהייסען. ער וויל ניט, אַז איהר זאָלט איהם שרייבען.

זייערע פּנים׳ער זיינען מיט אַמאָל פערענדערט געוואָרען... די קינדערשע פרייד האָט זיך ביי זיי אויסגעלאָשען און זיי האָבען שוין געקוקט ענטוישעט און געערגערטע, ווי מענשען וועלכע האָבען מיט אַמאָל צוריק פערלוירען זייער גליק.

און אום זיי צו טרייסטען האָט דער גענעראַל אָנגעהויבען זיי דערצעהלען, ווער זייער ברודער און זייער פריינד איז, וואָס פאַר אַ גרויסער מאַן און ווי רייך ער איז.

דער נסתר, וועלכער האָט דאָס גאַנצע לעבען געשפּיעלט פרעמדע ראָ־לען, איז אריין אין זיין ראָלע און דער אַקטיאָר אין איהם האָט זיך געפרעהט מיט זיין ערפאָלג, מיט דער ענטציקונג וואָס ער האָט אַרויסגערופען אויף די פּנים׳ער פון בעל־עגלה און דער אידענע, מיט זיין אייגענעם לעבענס־ערפאָלג און זיין גדולה...

דערנאָך האָט ער זיך גענומען אויספרעגען ביי זיי פון זייער לעבען, ווי דאָס שטעדטעל לעבט, ניט ווי קיין פרעמדער, נאָר ווי אַן אייגענער, וועלכער איז נאָך לאַנגע לעבענס־וואַנדערונגען געקומען צוריק אין זיין אַלטער היים.

אין די אויספראַגען האָבען זיך אַלע דריי פאַרגעסען; זיי, אַז זיי שטעהען פאַר אַזאַ גרויסען מאַן, און ער, אַז ער איז אַ גענעראַל אַדיוטאַנט... ביז דער לאַקיי האָט אָנגעקלאַפּט, אַז די פאַמיליע וואַרט שוין אויף איהם ביים טיש מיט׳ן פרישטיק.

מיט ציטערענדע הענט, כאַפּענדיג, האָט ער זיי אָנגעשריבען אַ פּאָר קוויטלעך אין עקאָנאָמיע אַריין אויף האָלץ, היי און האָבער, האָט זיי פער־שפּראָכען צו שרייבען פון אַלעם זיין פריינד, זייער ברודער און פעטער, און אַז ער וועט דעם ברודער׳ס תשובה צושיקען מיט׳ן עקאָנאָם. ער האָט זיי בעגלייט ביז צו דער טהיר פון קאָרידאָר.

ביים טיש

אַז ער האָט זיך געלאָזט געהן צוריק דורך דער לאַנגער בילדער־גאַלעריע אין עס־צימער, האָט איהם אויפ׳ן וועג אָנגכאַפּט דיזעלבע אונרוה, דיזעלבע געפיהלען, ווען ער האָט דורכ׳ן פענסטער דערזעהן דאָס פּאָרעל און זיין פרוי, וואָס האָט געשריען אויף זיי און זיי געטריבען.

ער האָט זיך דערפיהלט מיעד פון ליגען, וועלכען ער וועט מוזען פלעכטען ווייטער דאָרט, ביים טיש, פאַר זיין טאָכטער און פאַר דער בייזער גענעראַל־

שע, פון דעם ליגען, וואָס ער האָט ווי אַ נעץ געפלאָכטען אַרום זיך זיין גאַנ־צען לעבען.

שוין ביים שוועל פון עס־צימער האָט ער געוואָלט אַנטלויפען פון דעם ליגען, זיך הייסען ברענגען זיין פריהשטיק אין קאַבינעט אַריין.

ער האָט אינגאַנצען קיין אַפּעטיט ניט געהאַט און ניט געוואָלט עסען. דאָס האַרץ האָט זיך אַזוי אונרוהיג געוואָרפען און די פיס האָבען זיך געבויגען און האָבען ניט געקענט אויסהאַלטען דעם שווערען, ווי מיט בליי־אָנגעגאָסע־נעם קערפּער זיינעם.

די שטאָלצע, פּוילישע פּאָרטרעטען האָבען ווידער געקוקט אויף איהם מיט שפּאָט און פעראַכטונג פון די ווענט.

די טהיר האָט זיך געעפענט און נאַטאַשאַ איז אַרויף צו איהם אויפ׳ן האַלז ווי אַ שוואַלב און האָט זיך גענומען איהם קושען הייסער ווי תמיד, אַזוי ווי זי וואָלט איהם דערמיט געוואָלט אויסדריקען איהר דאַנק פאַר זיין מענש־ליך בעהאַנדלען פון די אידען.

און די טאָכטער, זיין איינציגער פרייד און גליק אין לעבען, האָט איהם ווידער אָנגעצונדען מיט מוטה און פרייד פון דער ערפילטער פליכט, מיט אַ צאַרטען שטאָלץ איבער איהר שעהנער נשמה.

אַ פרעהליכער און פעריונגטער איז ער, געאָרעמט מיט איהר, געגאַנגען צום טיש.

און ביים טיש האָט ער זיך גענומען פלעכטען דעמזעלבען ליעגען פון אַ פריינד פון דעם קאָנטאָניסט, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין דעמזעלבען שטעדטעל און וועלכער איז אַ ברודער פון דער אידענע און אַ פעטער פון דעם בעל־עגלה. דער פריינד האָט שוין געהייסען ניקאָלאַיוו און איז שוין ניט געווען קיין מיליטער־דאָקטאָר, נאָר אַ רייכער סוחר אין סיביר, וואו ער האָט 20 יאָהר געדיענט.

ער האָט דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען זיי דערצעהלט זיין אייגענע לעבענס־געשיכטע, האָט איצט נאָך אַמאָל איבערגעלעבט די עפּיזאָדען און האָט זיך געפרעהט מיט זיי...

דער אַקטיאָר האָט ווידער געשפּיעלט מיט דעמזעלבען גענוס, מיט וועלכען ער האָט זיין גאַנץ לעבען געשפּיעלט.

נאַטאַשאַ האָט איהם ענטציקט אויסגעהערט מיט אַן אָפען מויל און מיט לאַנגע פויזען אין מיטען עסען.

די סטאַראָווערקע, די גענעראַלשע, איז נאָך אָבער אַלץ געווען ברוגז און בעליידיגט און האָט בייז געקלאַפּט מיט די טעלער.

די שוועסטער זיינע מיט׳ן פּלימעניק זיינען אָבער געגאַנגען אהיים דורכ׳ן אַלטען, אין שנעע־געהילטען פּאַרק, שטומע און אומעטיגע, ווי מענשען מיט שווערע, ניט־אויסגערעדטע און ענטוישטע הערצער.

דער סובאָטניק

עס זיינען אוועקגעגאַנגען אַ פּאָר וואָכען, דאָס שטעדטעל האָט זיך באַלד דערוואָוסט פון חיים־הערשען דעם בעל עגלה, וואָס פאַר אַ קבלת פנים די

גענעראַלשע האָט איהם געגעבען און האָט שוין געוואוסט מיט וועמען עס האָט צו טהאָן און מען האָט זי אָנגעהויבען שעלטען ווי מען פלעגט שעלטען סווינט־שיצקי'ן ימח שמו.

פון דעסטוועגען זיינען די גוטע האָפנונגען אויף א נייער עפּאָכע ביי די אידען ניט פערשוואונדען געוואָרען. אין דער עקאָנאָמיע איז דער בעל־הבית געווען דער גוטער סובאָטניק, וועלכער פלעגט ארומגעהן דאָרט און איבער'ן שטעדטעל אין וואַלינקעס און אין א פּראָסטען גוי'שען פעלץ, אָבהיטען שבת און ליעבען אידען מיט דער גאַנצער נאַאיוועטעט און גוטער נשמה זיינער. אז אַ איד פלעגט פריהער אריינגעהן אין קאַנצעלאַריע וועגען אן עסק אָדער ברענגען אהין „טשינז” פאר זיין כאַטקע, פלעגט ער אָבשטעהן שעה'ענווייז ביי דער טהיר, אָהן א היטעל און אויסשטעהן חוזק און פיינליכע ערנידערונגען פון די פוילישע שרייבערלעך.

דאָס צאָהלען פון „טשינז”, די איינציגע בעציהונג, וועלכע איז נאָך געבליבען פון אַמאָל צווישען דעם הויף און שטעדטעל וואָס איז אויסגעוואקסען ארום הויף און מיט איהם צוזאמען, איז געוואָרען א ריין אָבקומעניש.

איצט האָט זיך מיט אמאָל אלעס פערענדערט.

די פוילישע שרייבערלעך און משרתים זיינען אלע מיט אמאָל פערשוואונדען. אפילו יאַן דער קוטשער, נאָכדעם ווי ער האָט געבראַכט דעם גענעראל פון דער סטאַנציע, האָט זיך אויך אָבגעזאָגט.

די רוסישע טראָיקע, מיט'ן רוסישען טואַלעט, וועלכען ער האָט בעקומען מיט'ן קבלת פנים פון די אידען; קורץ, אלע נייע פעראָרדנונגען, האָבען פערלעצט און בעליידיגט אין איהם דאָס געוויסען און דעם שטאָלץ פון א קאַטאָליק.

איצט האָט די קאַנצעליאַריע אויסגעזעהן ווי אן אָנגערויכערטער בית־המדרש, וואוהין אידען האָבען געקענט געהן אויף און אָב, ווען זייער הארץ האָט זיך פערגלוסט, האנדלען, וואַנדלען און סתם דולען אַ קאָפּ.

און אַ איד האָט איבערהויפּט ניט פיינט צו דולען זיך און יענעם, אַבי מען לאָזט איהם נאָר.

דער סובאָטניק אָבער, פלעגט יעדען אויסהערען מיט'ן גוטען שמייכעל אויפ'ן ברייטען, בעוואקסענעם פנים און מעהרסטענטיילס ענטפערען:

„טשטאָזש, מאָזשנאָ! מאָזשנאָ!” (מ'קען! מ'קען!).

אין שלימסטען פאַל, פלעגט ער זאָגען מיט א פערלעגענעם, זיך־בעטענדען שמייכעל, אז ער וועט „דאָלאָזשען יעווּאָ וויסאָקאָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ” (ער וועט איבעררעדען מיט'ן גענעראל).

די רעזאָלוציע פון גענעראל איז אָבער מעהרסטענטיילס געווען א גינסטיגע...

לוי דער פּראָצענטניק

צו קיין גרויסע געשעפטען אָבער ווי אן ארענדע אָדער א פּאסעסיע איז ניט געקומען.

דערצו האָט געפעהלט געלד דעם אָרעם שטעדטעל, וואָס האָט פערמאָגט נאָר איין און איינציגען גביר, לוי דעם פּראָצענטניק, דעמזעלבען, וועלכער האָט

דערלאנגט די טאץ מיט'ן ברויט און זאלץ ביים קבלת פנים.

דאס שטעדטעל האט מיט איהם אנגעהויבען צו טענה'ן, אז איצט איז דער שעת־הכושר צו מאכען געשעפט, אוועקנעהמען אלע פאסעסיעס מיט דער מיהל מיט'ן טייך, וואו סווינטשיצקי האט געפלאדעט טהייערע קארפען. וועלכע ער פלעגט אבער שיקען קיין ווארשא און ניט וועלען פערקויפען אין שטעדטעל אפילו אויף יום־טוב.

דער איד אבער איז געווען כל ימיו א פראצענטניק, ער האט גע'ירשנ'ט דאס געלד פון א מאמע א פראצענטניטשע, האט געציטערט פאר מסחרים און נאר ליעב געהאט פראצענט, א ווארט, וואס ער פלעגט ארויסריידען מיט זיין שיפעליאוועו לשון גאנץ אייגענארטיג: „פריצענט". און מיט א זיסען שמייכעל אין דערברייטער געלער באָרד, א שמייכעל אין וועלכען ער פלעגט אויסדריקען די גאנצע ליעבע זיינע צום „פריצענט". פונדעסטוועגען איז לוי דער פראצענטניק דערצו נאך געווען א איד א גדלן, און ס'האט איהם געשמייכעלט דאס, וואס די אידען האבען איהם אנגעהויבען ריידען און פארלייגען מסחרים. און ער האט יעדען בעזונדער געענטפערט:

„איהר קענט ריידען!"

און די אידען האבען גענומען ריידען און לויפען פון איהם צום סובאטניק און פון סובאטניק צום פראצענטניק, און האבען איהם פערקויפט בחצי חנם דעם גענעראל מיט אלע זיינע מאיאנטקעס, וועלכע ער האט געהאט טיעף אין רוסלאנד, און די, וועלכע האבען עקזיסטירט נאר אין דער פאנטאזיע פון שטעדטעל, וואס האט זיך גענומען פון גרוים ביז קליין פאר מעקלעריי, ווייל אליין איז דאס געווען שוין אזוי פעראָרעמט, אז עס האט שוין ניט געהאט מיט וואס אליין צו קויפען און צו האנדלען.

לוי דער פראצענטניק פלעגט זיך זעצען מיט דער זיידענער יארמעלקע ביים טיש, טרינקען מיט א פערשארטען און פערשוויצטען שמאלען שטערען פון אן אידיאט, טהעע, און אויסהערען אלע פארשלעגע און מציאות.

די מציאות זיינען אבער נאך ניט געווען גענוג קיין מציאות, און ער פלעגט זיך פון זיי אבזאגען און זיך הייסען ברייננגען אנדערע מציאות.

„עס מאכט ניט אויס! איהר קענט ריידען, וואס מאכט עס קאליע?" — פלעגט ער זאגען געלאסען, זיך גלעטענדיג די גרויסע אויסגעפוצטע באָרד, צום אידען, וועלכער האט שוין פון זיך געהאט ארויסגערעדט דאס הארץ מיט'ן געזונד.

„ווייסט איהר וואס, — פלעגט זאגען דער מעקלער, — וועל איך אייך פערקויפען 10,000 דעמבעס פון 6 ווערשקעס אן, בחצי חנם... גלויבט מיר, אז איהר וועט מאכען אן זיי א שלל מיט געלד... 100 רובעל א דעמב, א חוץ דעם אבפאל, און וואס א פוהר האלץ, א גאלאגאן קאסט היינט, ווייסט איהר דאך!"

„מהיכי תיתי, זעהט איהר א „סטיקעלע" וואלד וואלט איך טאקע א בעלן געווען, — פלעגט זאגען דער שיפעליאוועו גביר, וועלכער פלעגט ניט קענען אויסריידען קיין „ש", — יא, איהר קענט ריידען".

און דער איד איז געלאפען ווייטער ריידען פון „סטיקעלע" וואלד און פון די 10,000 דעמבעס, וועלכער דער גענעראל האט גאר ניט בדעה געהאט צו

פערקויפען, האָט אויסגעגעבען זיינע זעקס גילדען, האָט געדונגען ביי חיים הערש'ען א פערד און שליטעלע, און דער גביר האָט אָנגעטהאָן דעם שבת'דיגען טכוירענעם טולופ מיט א בורקע און נאָך מיט אַ שאַל אויף איהם און איז געפאָהרען מיט גדלות איבער'ן שטעדטעל אָנקוקען דאָס „סטיקעלע" וואַלד.

אָנגעקוקט, איז מען צוריק געפאָהרען שטיל, דער סוחר האָט שוין געשוויגען. און אויף דעם מעקלערס פראגע, וואָס ער דענקט פון מסחר, האָט ער גענענט־פערט מיט אַ געלאַסענעם, פערקלערטען שמייכעל:

„מיר וועלען זיך בעטראַכטען, וואָס־זשע, עפּעס אזוי טהוט זיך ווי עס רעדט זיך?".

און אז דער איד איז געקומען אין אַ פּאָר טעג ארום נאָך א תשובה:

„לאָם איך ווייסען, אז ניט איהר איז אן אנדערער, גלויבט מיר, איך דאַרף נאָר א פּיפּס טהאָן צו דעם און דעם, און ער וועט עס אויסכאַפּען. עס איז דאָך אַ שלל מיט געלד... בחצי חנם..."

האָט שוין דער גביר געמאַכט אַ לא עליכם'דיג פּנים און געזאָגט.

„לאָז סען זיין... איך האָב א סמאָל קעפּעלע צו מסחרים... ביי מיר איז פּריצענט טייערער... לאָז זיך יענער ברעכען דעם קאָפּ, פלעגט מיין מאמע עליה השלום זאָגען... און אז זי איז געווען א קלוגע אידענע, ווייסטו דאָך".

דאָן האָט דער איד שוין פערלאָרען זיין געדולד, האָט איהם צוערשט אויפגעוואָרפען, אז ער איז בס"ה אַ קבצן, און האָט קיין געלד, א פּאָרד, א גדל'ניק, איז פון די אייגענע ווערטער און זלזולים אריין אין נאָך אַ גרעסערען כעס, האָט איהם אָבגעצעהלט שוין עטליכע מאָל אין טאַטענס־טאַטען אריין, האָט א קלאַפּ געטהאָן מיט דער טהיר און איז אַוועק אויפ'ן מארק און אין בית־המדרש דערצעהלען ווער לוי דער „פּראָצענטניק" איז.

לוי דער „פּריצענטניק" אָבער האָט געזאָגט גאַנץ רוהיג צום ווייב:

„נו, ווי געפעהלט ער דיר דער „סייגעץ", אזאַ עזות־פּנים!"

ער און מלכה זיינען שוין געווען געוועהנט צו אזאַ כבוד פון שטעדטעל, — און ער האָט זיך גענומען רוהיג און געלאַסען ווייטער טרינקען זיין טהע.

די יוגענד חברים

אין דער צייט, ווען יעדער איד פון שטעדטעל האָט געזוכט צו ווערען עפּעס אַ מאַכער אין הויף ביים נייעם פּריץ, זיך אריינדרעהען אַלס מעקלער, פּאַדריאַטשיק אָדער סוחר, געפינען עפּעס אַ פּראָטעקציע אָדער שייכות צום גרויסען מאַיאָנטעק, איז בעריל דער בעל־אכסניא, צו אַלעמענס בעוואונדערונג, זיך געשטאַנען אינגאַנצען פון ווייטענס.

פאר דער גאַנצער צייט, זינט דער גענעראל איז געקומען און האָט זיך בעזעצט אין סווינטשיצקי'ס פּאַלאַץ, איז ער קיין איין מאָל אַהין ניט געגאַנגען און האָט דאָרט גאָרנישט געזוכט.

אַז אימיצער פון די שטעדטעלדיגע האָט איהם פערטרויט אין בית־המדרש אָדער ביי איהם אין דער היים עפּעס אַ פּראָיעקט פון אַ מסחר מיט'ן הויף, אָדער סתם עפּעס אַ געשעפט מיט'ן גענעראל'ס אַנדערע מאַיאָנטקעס, און האָט

איהם פֿאַרגעשלאָגען: „זיי מתוד, בעריל, עס איז אי"ה אַ געשעפֿט, און דו ביזט ביי איהם אַ חשוב" — פֿלעגט בעריל ניט ענטפֿערען, ניט יאָ, ניט ניין, און אָבשווייגען.

און ווען איינער האָט ניט געלאָזט מבטל זיין זיין פּראָיעקט מיט'ן שווייגען און האָט פֿערלאַנגט אַז דער בעל־אכסניא זאָל נעהמען אַ קלאָרע שטעלונג צו זיין פֿאָרשלאָג, פֿלעגט בעריל זיך אויסדרעהען מיט אַן ענטפֿער: „ס'איז ניט אין מיין האַנט... וואָס זאָל איך זיך און יענעם דולען אַ קאָפּ?"

און אַז יענער האָט פֿאָרגעשלאָגען, אַז ער זאָל אויסנוצען זיין חשיבות ביים פּריץ און זיין נאָר אַ מעקלער, פֿלעגט בעריל אַזוי ווי פֿערשעהמט אַרונ־טערלאָזען די אויגען און בעמערקען: „איך בין אויף מיין לעבען קיין מעקלער ניט געווען."

דער קליינשטעדטעלדיגער פּראָיעקטענמאַכער פֿון די יורדים האָט דעם אידען ניט געקאָנט פֿערשטעהן און פֿלעגט איהם בעטראַכטען פֿאַר נאָך אַ גרעסערען שלים־מזל'ניק, ווי ער האָט איהם געקענט ביז אַהער.

אַז בעריל מיידט אוים דעם הויף, און טאַקע נאָר צוליעב זיין חשיבות, האָט ד'ער איד זיך ניט געקאָנט פֿאַרשטעלען.

דער גענעראַל אָבער האָט אָן דעם בעל־אכסניא שוין גאָר ניט פֿערגעסען, און האָט איהם די גאַנצע צייט פֿון קאָפּ ניט אַרויסגעלאָזט.

ווייטער איז דעם אַלטען מאַן סתם באַלד לאַנגווייליג געוואָרען דאָס איינ־זאַמע לעבען אין גרויסען פּיעל־צימערדיגען פּאַלאַץ, אָהן אַ בעשעפֿטיגונג, וואו ער האָט, אחוץ מיט נאַטאַשאַן, מיט קיינעם ניט געקאָנט פֿערברענגען און שמועסען. ער האָט דערפֿאַר געטרוימט פֿון דעם אַלטען בעל־אכניא, ווי פֿון אַן אַנגענעהמער געזעלשאַפֿט, אין וועלכער ער וואָלט געקאָנט אַביסעל קירצען זיין ליידיגע צייט, פֿאַר וועלכער ער האָט אין ווינטער ניט געפֿונען קיין בע־שעפֿטיגונג און קיין אינטערעס אויפ'ן מאַיאָנטעק.

ער האָט דערפֿאַר אַרויסגעקוקט מיט אונגעדולד, אַז אָט וועט ער זיך צו איהם יאָווען, עפּעס פֿון איהם פֿערלאַנגען און בעטען.

און אַז עס איז אַוועק אַ חודש און בעריל איז צו איהם ניט געקומען, האָט ער געשיקט נאָך איהם דעם סובאָטניק מיט אַ פֿערד און שליטען.

געווען איז דאָס שוין אַרום ניין אַ זייגער ביינאַכט. דער בעל־אכסניא און זיין ווייב, ווי אויך דער רויטער משרת, זיינען פֿון דעם שליח נתפּעל געוואָרען. זיי האָבען אָבגעגעבען דעם סובאָטניק אַ גרויסען ברוך־הבא און האָבען ניט געוואוסט וואו איהם צו זעצען און מיט וואָס איהם מכבד צו זיין.

דער עקאָנאָם האָט געדאַנקט מיט זיין געוועהנליכען פֿערשעהמטען און גוטען שמייכעל, האָט זיך אָבגעזאָגט פֿון די אַלע כיבודים און האָט געזאָגט, אַז דער גענעראַל האָט איהם געשיקט נאָכ'ן בעל־אכסניא.

ביי בעריל'ען האָט זיך דאָס האַרץ אָבגעריסען פֿון דער בשורה. פּנים איז פֿריהער געוואָרען ווייס ווי קאַלך, און באַלד צוריק רויט.

שרה האָט עס בעמערקט און האָט זיך אויך איבערגעשראָקען.

— וואָס קאָן ער דיך דאַרפֿען אַזוי שפּעט? — האָט זי אַזוי ווי זיך אַליין געפֿרעגט.

בעריל האָט איהם צוגעוואָרפען אַ בייזען בליק און האָט זיך געהייסען אַרויסנעהמען פון דער שאַפע דעם שבת'דיגען טולופ.

אַז ער האָט זיך אַריינגעזעצט מיט'ן עקאָנאָם אין שליטעלע האָט איהם דער סובאָטניק געזאָגט, אַז דער גענעראַל איז איצט ניט אין פּאַלאַץ, נאָר ער וואַרט אויף איהם אין דער גראַלניע. „ער האָט דאָרט ליעב צו פערברענגען... ביים מאַשין הייסט עס" — האָט דער סובאָטניק אַזוי ווי פערענטפערט זיין האַרר.

בעריל האָט זיך דערפרעהט און עס איז איהם צוריק גרינג געוואָרען אויפ'ן האַרצען.

דער פּאַלאַץ מיט דער גענעראַלשע, וועלכע האָט שוין געהאַט אין שטעדטעל אַ שם פון אַ המנ'טע, די בייזע הינט און אַלעס צוזאַמען, האָט פריהער אָנגעיאָגט אויפ'ן אידען אַ געפיהל פון פערלעגענהייט און סתם אימה. אויסמיידען אָבער דאָס אַלעס און זיך זעהן מיט'ן גענעראַל אַליין, איז איהם געווען גרינג און אָנגענעהם.

טראָץ דעם האָט אַ זיסע און צוגלייך שרעקענדע ערוואַרטונג געוואָרפען דעם אידען'ס האַרץ און איז געלאָפען איבער זיין הויט ווי מוראַשקעס און איהם אויפגעשוידערט.

דעם גענעראַל האָבען זיי טאַקע געטראָפען ביים דאַמף־קעסעל. אַ גוי, מיט אַ פּנים אויסגעשמירט פון סאַזשע, דער הייצער פון קעסעל, האָט געשלעפּט פון פייער געבראָטענע קאַרטאָפעל און האָט זיי דערלאַנגט דעם גענעראַל אַדיוטאַנט גערשעלמאַן, און דער האָט זיך מיט זיי געקוויקט ווי מיט אַ לאַקעטקע.

— זדראַוו, בראַט! — האָט איהם איינפאַך בעגריסט דער גענעראַל, האָט איהם דערלאַנגט די האַנט און האָט איהם איינגעלאַדען זיך צו זעצען נעבען איהם:

— זעץ זיך ביים פייער און וואַרים זיך אָן, אַלטער, ווי איך! און דו קאָנסט זיך פאָהרען אַהיים, מאָיסעי אַבראַמאָוויטש — האָט ער זיך געווענדעט צום עקאָנאָם.

דער עקאָנאָם האָט געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז אַוועק.

די איינפאַכע און האַרצליכע בעגריסונג און איינלאַדונג, די געבראָטענע קאַרטאָפעל אויף דער הוילער באַנק, דער פריינדליך רופענדער און העל פלאַ־קערענדער פייער אין גרויסען קעסעל — קורץ, אַלעס צוזאַמען האָט געשאַפען אַן אַטמאָספערע, וואָס האָט באַלד אָבגעווישט דעם גאַנצען סאָציאַלען אונטער־שייד, וואָס האָט עקזיסטירט צווישען דעם איד און דעם גענעראַל. און די לעצטע שפּורען פון דער פערלעגענהייט, אין וועלכער עס האָט איהם געבראַכט די אונערוואַרטעטע איינלאַדונג און דער וויזיט, איז כמעט ווי פערשוואונדען.

דער בעל־אכסניא האָט זיך באַלד דערפיהלט פּונקט אַזוי היימיש און אונגעצוואונגען, ווי מיט אַ גלייכען, אַזוי ווי ער וואָלט געקומען ניט צו אַזאַ גרויסען מאַן, נאָר אין קלייזעל אַריין, צווישען אַ חברה אידען פאַר דער וואַרימער הרובע, אָדער אין באָד אויף דער אויבערשטער באַנק.

ווי אין קלייזעל האָט דער איד באַלד אַראָבגענומען פון זיך דעם טולופ, האָט צונומען און פערקאַשערט די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע, האָט זיך צוגע־זעצט אויף דער באַנק און האָט זיך גענומען רייבען די הענט פאַר'ן פייער און זיי וואַרימען.

דער גענעראַל האָט בעפוילען דעם גוי, אַז ער זאָל אַריינטראָגן זויערע אוגערקעס מיט קרויט און דערלאַנגען אַ קוואָרט בראַנפען.

— ווי אַלט ביזטו, אַלטער? — האָט ער זיך פּלוצים געווענדעט צום גאַסט, פיקסירענדיג איהם מיט די בליקען איבער די גאָלדענע ברילען, פּונקט ווי דאַן, ווען ער האָט איהם אין דער אכסניה דערצעהלט די אויסגעטראַכטע מעשה מיט אַ קאַנטאָניסט און אַ חבר ניקאָלאַיעוו.

און די פראַגע און די פיקסירענדע בליקען האָבען ביים אידען אויסגעלאָשען דעם לעצטען צווייפעל...

אַלע געפיהלען און געדאַנקען, די אַהנונג, וואָס האָבען זיך די גאַנצע צייט ביז אַהער אין איהם געראַנגעלט איינס מיט אַנאַנדער, צווישען צווייפעל און מעגליכקייט, זיינען מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען אין אַ זיכערהייט, אין אַן אמת...

און דער ערוואַרבענער אמת איז שוין געווען אַזוי פּשוט און נאַטירליך, אַז ער האָט איהם שוין ניט איבערראַשט און מעהר ניט געשווינדערט.

— פינף און זעכציג יאָהר — האָט איהם לאַקאָניש געענטפערט בעריל, האָט אָבער דאָך ניט געקאָנט אויסהאַלטען זיינע טאַפּענדע בליקען און האָט אַרונטערגעלאָזען די אויגען.

— דו זאָגסט אַ ליגען, אַלטער, ניין און זעכציג! — האָט אויסגעשריען דער גענעראַל, און האָט זיך הויך און טריאומפירענד צולאַכט.

האַ? יאָ, ריכטיג!... ניין און זעכציג!... — האָט זיך פערכאַפּט דער איד אַ צוטומעלטער, אַזוי ווי מען וואָלט איהם געכאַפּט ביי אַ גנבה.

— ביי מיר וועסטו ניט גנב'ענען! — האָט זיך בעריהמט דער גענעראַל, בלאָזענדיג אויף אַ שטיק הייסער קאַרטאָפּעל און לעגענדיג עס אין מויל.

דער גוי האָט געבראַכט אַ מעשענע קוואָרט פול מיט ספּירט און האָט עס אַוועקגעשטעלט אויף דער באַנק נעבען די קאַרטאָפליעס.

— ספּאַסיבאָ! — האָט איהם געדאַנקט דער גענעראַל — איצט, ברוי־דערקע, געה זיך דורך צו מיר אין הויף אַריין און זאָג דאָרט מיין טאָכטער, אַז איך וועל אַזוי גיך ניט קומען, אַז איך בין דאָ בעשעפטיגט מיט אַ קופּעץ! און אַז מען וועט דאַרפען האָלץ, וועל איך אַליין אונטערוואַרפען — האָט ער בעפוילען דעם הייצער, כדי פון איהם פּטור צו ווערען.

„אָט הויבט עס זיך אָן!" — האָט זיך אַ טראַכט געטאָן דער איד און זיין פּנים איז ווידער בלאַס געוואָרען פון אַ נאָגענדער ערוואַרטונג, אַזוי ווי ער וואָלט געפלויגען בארג אַראָב, אין אַן אַבגרונד.

דער הייצער איז געווען אַ תמ'עוואַטער און געלעהמטער גוי. עס האָט איהם גענומען לאַנג דער אָנטהאָן זיך, דאָס פערבינדען די שנירלעך פון די פּאַסטעלעס און דעם גאַרטעל, אַזוי ווי עס וואָלט פאַר איהם פאַרגעשטאַנען אַ ווייטע נסיעה, און ניט בלויז אַריבערלויפענדיג דעם פּאַרק.

דער גענעראַל האָט איהם פערפאָלגט מיט זיינע אויגען און איז געוואָרען אונגעדולדיג.

— נו, געהט שוין... געה שוין! — האָט ער אונטערגעטריבען דעם גוי.
און אַז דער הייצער איז אַרויסגעגאַנגען און די שווערע טהיר האָט אַ

גרילץ געטהאָן הינטער איהם און האָט זיך פערמאַכט, האָט דער גענעראַל זיך גענומען מכבד זיין זיין גאַסט.

און אַזוי זיינען זיי, די צוויי זקנים און אַמאָליגע יוגענד־חברים, געבליבען אַליין.

די קאַרטאָפעל, די אוגערקעס און די קרויט, די האַלב־הונקעלהייט פון דעם גרויסען און הויכען צימער, וואו זיי האָבען זיך געפונען, און דער העל פלאַ־קערענדער און אויף זיין הייס אָטעמענדער און פריינדליכער פייער אין גרויסען קעסעל — אַלעס צוזאַמען האָט סטיליזירט די ווייטע פערגאַנגענהייט, ווען די צוויי זקנים זיינען נאָך געווען אינגלעך־חברים.

דיפרימיטיווע אומגעבונג האָט מיט אַמאָל צוזאַמענגעקניפט די פער־גאַנגענהייט מיט דער געגענוואַרט... מיט דער עלטער...

דאָס פייער אין קעסעל האָט אויף דער עלטער געוואָרפען דעם מעלאַנ־כאָלישען גלאַנץ פון אַ שטילען און רוהיג־טרויעריגען זונענאונטערגאַנג.

אין דעם העלען ליכט וואָס איז געפאַלען פון קעסעל אויף די פנים׳ער פון די צוויי זקנים האָט זיי איצט די עלטער צוריק פעראייניגט. און דער גאַנ־צער לעבענס־וועג צווישען די צוויי ווייטע ענדע־פונקטען, וועלכער האָט זיי צו־שיידט, איז אַזוי ווי פערשוואונדען געוואָרען צווישען די שאָטענס פון דער האַלב־דונקעלהייט, וואָס האָבען געטאַנצט ארום דעם גרויסען קעסעל אויף דער דונקעלער הויכער סטעליע און אויף די פערשטויבטע ווענט.

אין דרויסען האָט זיי ביידע געהיט אַ שנעע־ווייסע און אויסגעשטערנטע ווינטער־נאַכט און אַ פראָסט.

און נאָכדעם ווי ביידע האָבען געמאַכט אַ „לחיים" און האָבען זיך גענו־מען פערבייסען מיט אַ פערפראָרענער אוגערקע, האָט דער גענעראַל־אַדיוטאַנט געפרעגט דעם איד פראָסט, שוין אָהן דער מינדעסטער אויפרעגונג, אין קליין־רוסיש :

— דו האָסט מיך דערקענט, בערקאָ ?

בעריל האָט דערויף געענטפערט מיט אַ פערלעגענעם שמייכעל און שטיל, מיט אַ טאָן פון אַ מאַן וואָס איז זיך מודה אין אַ פערברעכען :

— פיזנאַוו, נאַ פאַסלי (דערקענט, נאָר ערשט שפּעטער).

דאָן האָט דער גענעראַל אין איהם איינגעגראָבען די אויגען איבער די ברילען, אויגען פול מיט נחת און שטילער מעלאַנכאָלישער פרייד, און בערלען האָבען איצט די אויגען ניט נערווירט און ניט געשראָקען.

ביידע יוגענד־חברים האָבען זיך ארומגענומען, אָבער ניט מיט די הענד, נאָר מיט בליקען, אין אַ פעסטער און לאַנגער אומאַרמונג, פון צוויי נשמות וואָס האָבען זיך אין דער יוגענד צושיידט, געוואַנדערט אין פערשידענע וועגען און האָבען זיך געטראָפען ביים ענדע־פונקט פון דער לעבענס־וואַנדערונג, ביים קבר.

נאָך דער אומאַרמונג האָבען זיי ביידע זיך אָבגעווענדעט, פערקוקט אויפ׳ן פייער און אַנטשוויגען געוואָרען. זיי האָבען זיך שוין ניט געהאַט וואָס צו זאָגען נאָך דעם און רייד וואָלטען סתם געווען איבריג. פאַר זיי האָט גערעדט דאָס פייער אין קעסעל, זיינע פייערצונגען האָבען רוישיג און פאַטעטיש דער־צעהלט פון צרות, פרייד און נחת, פון קאַמפף און ליידענשאַפט, נידערלאַגע און ענטטוישונג : עס האָט דערצעהלט די געשיכטע פון אַ מענשען־לעבען.

איז אָבער אויך שנעל מיעד געוואָרען און האָט זיך אָנגעהויבען פערוואַנדלען אין אַש... קומען צום ענדפּונקט.

און די צוויי אַלטע לייט האָבען אויסגעהערט די געשיכטע שטומע און אונבעוועגליכע, אונבעוועגליך ווי זייערע צוויי שאָטענס אויף דער וואַנד אַנטקעגען, ביז דאָס פייער האָט ניט אָנגעהויבען צו פאַלען און אויסצוגעהן. דאַן האָט דער אַלטער און הויכער גענעראַל מיט די צוויי גרויסע באַקענבערד, אין וועלכען בעריל האָט איצט געזעהן אַזאַ עהנליכקייט צום פּלימעניק זיינעם, דעם בעל־עגלה, זיך אויפגעהויבען פון אָרט און האָט זיך גענומען אונטער־וואַרפען האָלץ אין קעסעל אַריין.

דאָס פייער האָט ארומגעכאַפּט די סאָסנאָווע שייטלעך האָלץ, די פייער־צונגען האָבען אָנגעהויבען צו שפּרינגען אַרום זיי, טאַנצען און טראַסקען פון אויפגעפלאַקערטער לעבענס־פרייד און די לעבענס־געשיכטע האָט זיך אָנגע־הויבען אויפס־ניי.

די צוויי זקנים האָבען זיך איבערגעקוקט און געשמייכעלט איינס צום אַנדערען מיט אַ נאַאיווען שמייכעל פון קינדער.

— גערענקסטו, ווי דער אַלטער גראַף סווינטשיצקי האָט אונז געשמיסען מיט קראָפּעווע ? — האָט זיך פּלוצים געווענדעט דער גענעראַל צו זיין יוגענד־חבר — מיר זיינען געקראָכען רייסען עפּעל און דער גערטנער האָט אונז גע־כאַפּט... מעהר ווי פופציג יאָהר און איך קען עס ניט פערגעסען ! — האָט אויסגעשריען דער גענעראַל מיט אַ קול פון נצחון און פון זיעגס־פרייד.

— אוי וועה איז מיר ! אַזוי ווי נעכטען וואָלט עס פּאַסירט — האָט זיך געכאַפּט דער בעל־אכסניא ביים קאָפּ און האָט זיך אַזש צוזאַמענגעדרעהט פון דער ערינערונג, ווי פון בויך־קרעמפּפען.

און פון דער ערינערונג האָט זיך ווי אַ קנויל אָנגעהויבען צואוויקלען דאָס גאַנצע לעבען פון גענעראַל. ער האָט דערצעהלט און זיין קליין־שטעדטעלדיגער יוגענד־פריינד האָט אויסגעהערט מיט שטראַהלענדע אויגען און מיט אַ פלאַ־קערענדען פּנים פון אַ קינד וואָס הערט אויס באָבע־מעשיות. און אַז דער קעסעל־הייצער איז שפּעט געקומען צוריק און האָט אונטערבראָכען די ער־צעהלונג, וועלכע וואָלט זיך געצויגען אַזוי לאַנג ווי דאָס לעבען, האָבען זיך די אַמאָליגע חברים מיט פערדרוס אָנגעטהאָן און זיינען אַרויסגעגאַנגען אין פּאַרק אַריין.

אין דעם מיט שנעע געהילטען פּאַרק און אונטער'ן בלייכען לבנה־שיין, וואָס האָט אויפ'ן ווייסען שנעע געבליאַסקעט מיט צעשיטע דימענטען, האָט זיך די לעבענס־קנויל נאָך בעסער צואוויקעלט.

אומגעאַרעמט ווי אין דער יוגענד האָבען זיך די אַמאָליגע צוויי חברים געלאָזט געהן איבער'ן שטילען פּאַרק און איינער פון זיי האָט פאָרטגעזעצט זיין מערקווירדיגע געשיכטע.

די הונדערט־יעריגע בוימער זיינען געשטאַנען אונטער'ן בלויען און מיט די שטערן בליאַסקענדען הימעל און האָבען זיך צוגעהערט ווי פער'כישופ'טע צום לעבענס־סוד פון אַלטען גענעראַל, אויפציטערענדיג פון צייט צו צייט און וואַרפענדיג פון זיך דעם שנעע ווי גרויסע טרעהרען... טרעהרען פון פרייד און

ענטציקונג און צוגלייך פון מעלאנכאלישען צער און ביטערער ענטטוישונג איבער'ן הבל־הבלים פון לעבען, פון גאנצען קיום...

און דער גענעראל האט זיך אין זיין יוגענד־חבר ניט אבגענארט.

דעם סוד האט דער בעל־אכסניא שפעטער בעהאלטען טיעף אין הארצען ווי א הייליגע'קמיע, אזוי ווי ער האט פריהער בעהאלטען זיין פערדאכט און די נאגענדע אהנונג און האט זיי קיינעם ניט פערטרויט, אפילו זיין ווייב.

דערפאר האט ער אנגעהויבען אפטער געהן אין הויף אריין און פערברענגען מיט'ן גענעראל אין זיין קאבינעט און איהם העלפען פערטרייבען די צייט.

המן דער מעקלער

המן דער מעקלער, וועלכער איז געווען א פראפעסיאנאל אין הלכות מעקלעריי, האט געוואוסט פון די אלע זאכען פון דעם ריידען און מעקלערען.

ער האט אבער גוט געקענט לוי דעם פראצענטניק און האט אין הארצען געלאכט פון די יאלדען און פריש־געבאקענע מעקלערס.

ער האט זיך געטאן זיין ארבייט שטילערהייד און ווען די גענעראלשע איז געווען אין קיעוו און ווען דער שנעע אויף די דעכער און אויף די פעלדער איז שוין געלעגען געל און קויטיג און די ווארעמע זון האט איהם געשמאלצען און אנגעפילט די וועגען און די ריוועס מיט שמוציגע קאלוזשעס, און מונטערקלינגענדע, אבער נאך פערשטעקט און פערבארגען לויפענדע וואסערען; ווען דער שליטוועגס איז שוין געלעגען א שווארצער, מיט געלע פלעקען, פון דעם צוגעפרארענעם פערדישען מיסט און אייניגע גוים זיינען שוין געפאהרען מיט וואגענס, דאן איז המן דער מעקלער דורכגעלאפען איבער'ן מארק מיט א גלאק און אין א ברייטען שליטען, געשפאנט מיט דעם שטעדטעל גוט בעקאנטע צוויי שווארצע פערד.

די פערד האבען געטראגען זייער בעל־הבית, פאני ראזענבערג, און זיינען מיט איהם און המן דער מעקלער אוועק גלייך אין הויף אריין.

ראזענבערג איז געווען א איד א סוחר, וועלכער האט געוואוינט אין זיין אייגענעם וואלד, א איד א גביר און א גרויסער ריזיקאנט און דרעה־קאפ.

דער שליטען האט באלד אויפגערודערט דאס שטעדטעל, ווי א פרעמדע פיינדליכע ארמעע. און ניט אומזיסט: שושן פורים האט מען זיך דערוואוסט, אז דער פרעמדער האט צוגענומען ביים גענעראל פינף פאסעסיעס און אז המן דער מעקלער האט פערדיענט גאנצע צוויי טויזענד רובל מעקלעריי. און איצט האט מען געשאלטען שוין ניט המן דעם מעקלער, נאר לוי דעם פראצענטניק, וועלכער האט ליעב „פריצענט" ווי דאס „חיות", ווי ער פלעגט זיך אליין בעריהמען, און האט ארויסגעלאזט פון די הענד אזא גאלדען פינגערל.

דער פריסטאוו

דער פריסטאוו, א גוי א רוצח, וועלכער האט ניט גענומען קיין כאבאר און האט, באלד ווי ער איז געקומען אין שטעדטעל, געגרינדעט א „שווארצע

מאה", האָט זיך באַלד דערוואוסט פון דער געשיכטע, און טאַקע פון די אידען אַליין.

ער האָט איבערהויפט אַלעם געוואוסט וואָס די אידען האָבען געטראַכט און גערעדט פון גענעראַל און דער גענעראַל איז איהם פון ערשטען טאָג אַן נאַטירליך ניט געפעלען געוואָרען, פון דעסטוועגען, אַז ער האָט זיך בעזעצט אין פּאַלאַץ, האָט ער געהאַלטען פאַר נויטיג צו פאָהרען צו איהם און איהם „פּאָזדראַווען".

צוגעפאָהרען איז ער ניט אַליין, נאָר מיט'ן גלח — אַן הויכען און פעטען כומר, וועלכער האָט געהאַט אַסטהמא, פלעגט אָטעמען שווער ווי אַ געקוילעטער אָקס, און רעדען מיט אַ גראָבער הייזעריגער שטימע פון אַן אָנגעשפּאָלטענעם גלאָק. דער גלח איז דאָס געווען דער פיהרער פון דער שוואַרצער מאה — אַ שונא־ישראל, ווי דער פּריסטאַוו, און דערצו נאָך אַ קלעפּטאָמאַניאַק. אַז ער פלעגט עפּעס קויפען אין אַ קראָם, פלעגט ער זעהן עפּעס תמיד צו צו'גנב'ענען. און האָט שוין געהאַט פיעל סקאַנדאַלען. ער און דער שרייבער פון דעם וואָלאָסט זיינען עס געווען די רוסישע אַריסטאָקראַטיע פון שטעדטעל און די עכט־רוסישע עלעמענטען.

דער גענעראַל האָט זיי עמפּפאַנגען פריינדליך, האָט זיי געדאַנקט פאַר'ן בעזוך מיט דעם צוואווינשען און האָט זיי אייַנגעלאַדען צום וואַרעמעס.

אַז דער פּריסטאַוו האָט איהם אָבער ביים טיש פאָרגעשלאָגען אַז ער זאָל נעהמען אונטער זיין פּראָטעקטאַריאַט די שוואַרצע מאה און די עכט־רוסישע עלעמענטען, איז ער געוואָרען רויט פון כעס ווי אַ בעליידיגטער, האָט זיי געזאָגט, אַז ער טיילט ניט זייערע אַנזיכטען אויף דער אידענפראַגע און אויף אידען, און אַז ער האָט דערפאַר פיינד געקראָגען סווינטשיצקי'ן.

די גראָבע גענעראַלשע האָט אָנגעהויבען איבעררױשט און עמפּערט צו פינטלען מיט די אויגען און בייז קלאַפּען מיט די טעלער :

— און מיין זוהן, דער פּראָקוראָר, האָט פיינד די אידען ווי אַ פּעסט — האָט זי זיך גענומען בעריהמען פאַר'ן גלח און פּריסטאַוו און דערצעהלען ווער איהר זוהן איז.

דער גענעראַל האָט שוין געציטערט פון אויפרעגונג און אַז זי האָט איהם צוגעוואָרפען, אַזוי ווי זיך רייצענדיג מיט איהם : „וואָט אָנאָ שטשטאָ !" אַזוי איז דאָס !) — איז ער אויפגעשפּרונגען פון טיש אַזוי ווי אַן אָבגעבריהטער מיט אַ צוגליהטען אייזען, און האָט איהר צוגעוואָרפען :

— אַ קאַריערי'סט איז דיין זוהן, מאַטושקאַ ; אַ פּראָכוואָסט און אַ מענש אָהן אַ סאָוועסט אין האַרצען — און איז אַוועק פון טיש, לאָזענדיג דעם גלח מיט'ן פּריסטאַוו אַליין ווי אָבגעשמיסענע.

דער כומר איז געוואָרען נאָך רויטער און פערשוויצטער ווי פריהער, און האָט געכראָפּעט מיט'ן הייזעריגען האַלז, אַזוי ווי אַ ביין וואָלט דאָרט געשטעקט און ער קען איהם ניט אַרונטערשלינגען.

מען האָט דעם וואַרעמעס געענדיגט שוין פערלעגען און שטיל און די געסט זיינען באַלד אָפּגעפאָהרען.

אין דערדזועלבער נאַכט האָט דער פּריסטאַוו פון דעם גאַנצען אינצידענט

קאנפידענציעל געמעלדעט דעם גובערנאטאר. דער גלח האט פון דעסטוועגען דעם דאנאס ניט געוואלט חתמ'ענען. איצט, אז דער פריסטאוו האט זיך דערוואוסט, אז דער גענעראל האט פערדונגען א אידען די פאסעסיעס, א זאך וואס דאס רוסישע געזעץ האט שטרענג פערבאטען, האט ער אנגעשריבען אויפ'ן גענעראל א צווייטען דאנאס צום גובערנאטאר און האט שוין אגב אורחא דערצעהלט ווי ער באלעוועט די אידען פון שטעדטעל; אז ער איז צו ווייהנאכטען ניט געגאנגען אין קלויסטער אריין, און אז ער האט פערוואנדעלט דאס שטעדטעל אין אן עכט אידישער מלוכה, צום גרויסען פערדרוס און ערגער פון די עכט־רוסישע עלעמענטען, און טרייע אונטערטאנען פון באטיושקא צאר.

דער גובערנאטאר

אין עטליכע טעג ארום איז דער גובערנאטאר, א גרויסער כוליגאן און פאגראמשטשיק, געקומען צום גענעראל מיט א וויזיט, ווי דער דרך־ארץ האט פערלאנגט פון בעל־הבית פון א גובערניע צו אן אלטען רוסישען גענעראל מיט גרויסע מיליטערישע פערדיענסטען און א רייכען גוטסבעזיצער פון דער גובערניע.

דער גובערנאטאר האט אבער ביי דעם וויזיט ניט ארויסגעגעבען זיין שנאה צו אידען און האט איבערהויפט אויסגעמידען צו רעדען פון פאליטיק. ער האט פערבראכט אין שלאס א מעת־לעת ווי א העפליכער גאסט און דזשענטעלמאן, אלס נאך א יונגער קאוואליער, מעהר אין נאטאשא'ס געזעלשאפט. אלס א גוט־בעזיצער, האט ער זיך מעהר פון אלעם אינטערעסירט מיט דער ווירטשאפט און נאטאשא האט איהם געוויזען דעם מאיאנטעק. ער האט אויך שטארק געלויבט און בעוואונדערט די בילדער־גאלערעע און נאטאשא'ס מוזיק, האט ניט אויפגעהערט ביים ווארעמעס צו לויבען דעם יונגען פראקוראר גערשעלמאן, וועלכען ער האט פערשפראכען א גלענצענדע קאריערע און אין גיכען דעם פאסטען פון יוסטיץ מיניסטער.

די גענעראלשע האט ער מיט קאמפלימענטען איינפאך בעצויבערט און זי האט שוין ניט אויפגעהערט די גאנצע צייט צו רעדען און דערצעהלען די שבחים פון איהר זוהן, ווי אזוי ער איז בעליעבט אין די הויכע ספערען.

דער גענעראל מיט נאטאשא'ן האבען אליין אבגעפיהרט דעם יונגען גובערנאטאר צו דער סטאנציע, האבען זיך מיט איהם פריינדליך געזעגנט און פערשפראכען איהם באלד צו בעזוכען.

צוריקוועגס אבער האבען זיי אויסגעמיעדען פון איהם צו רעדען. און אז די גענעראלשע האט ביים טיש זיך גענומען איהם לויבען און האט זיך אויסגערעדט: „אט אזא מאן... ווען גאט בעשערט מיר פאר מיין טאכטער!" — האבען זיך טאכטער און פאטער איבערגעקוקט מיט לאנגע, שטומע בליקען...

דעם גענעראַל'ס בנים

פערטער קאַפּיטעל

ערב פסח

צוויי וואָכען פאַר פסח, ווען דער שנעע איז שוין געווען אינגאַנצען פערשוואונדען פון די דעכער און דער ברייטער פיערעקיגער מאַרקפּלאַץ האָט אויסגעזעהן ווי אַן אָזיערע פון שיטערע בלאָטע, וועלכע האָט זיך פון די העלע פריהלינגס־שטראַהלען געלויכטען מיט'ן גלאַנץ פון שטאָהל, האָט זיך אויפ'ן מאַרק בעוויזען רייטענדיג דער גענעראַל גערשעלמאַן...

דער פערד האָט געשטעלט ברייטע טריט, אַזוי ווי ער וואָלט געבראָדיעט איבער אַ ברייט וואַסער און וואָלט זיך געאיילט עס איבערצוקומען.

די שפּריצענדע בלאָטע האָט איהם נערווירט און דאָס זויבערע אַריסטאָקראַטישע פערד האָט געציטערט אונטער'ן רייטער ווי פון עקעל... דער רייטער אָבער איז זיך געזעסען רוהיג און זאָטעל טיעף אין זאָטעל און געוואָרפען אַרום זיך, דורך די גאָלדענע ברילען, בליקען פון אַ גענעראַל, וועלכער קוקט אויס אַ פּאָזיציע.

ער האָט זיך לאַנגזאַם געלאָזט פאָהרען פאַרביי די קראָמען. די קרעמערס זיינען פון דאָרט אַרויס און שטום איהם בעגריסט מיט די היטלען. דער גענעראַל האָט אויף יעדען גרוס געענטפערט מיליטעריש און פריינדליך.

פון אַ געסעל איז אַרויס אַ טרעגער מיט אַ וויעגעל פון פריש־געבאַקענע מצות אויפ'ן קאָפּ. אַז דער איד האָט דערזעהן דעם רייטער, האָט ער זיך אָבגעשטעלט אין מיטען דער בלאָטיגער אָזיערע און פערריסען דעם קאָפּ פון אונטער'ן וויגעל... דער ריח פון די פריש־געבאַקענע מצות האָט אויך אָבגעשטעלט דעם גענעראַל.

פון אַ נידריג הייזעל האָט זיך געטראָגען דער ערב־פסח'דיגער ליאַרעם פון אַ „ווערסטאַט", וואו די מצות האָבען זיך געבאַקען.

דער רייטער האָט זיך אַ ווייל צוגעהערט, ווי מען הערט זיך צו צו אַ פערגעסענער אָבער בעקאַנטען מאָטיוו.

דער פערד האָט אויך אָנגעהויבען צו וואַרפען מיט'ן קאָפּ און זיך ציהען צו די פריש־געבאַקענע מצות.

— וואס איז דאס? מצות? — האט ער געפרעגט דעם טרעגער.
— יא, מצות... מצות... — האט איהם שנעל געענטפערט דער איד.

דער גענעראל האט זיך אנגעבויגען פון פערד, האט ארויסגענומען פון וויעגעל א מצה און זיך גענומען זי בעטראכטען.

פון אלע זייטען האבען שוין אויף איהם געקוקט נייגיעריגע און פער־וואונדערטע אידישע אויגען. א ווײלע האט ער געהאלטען אין איין האנד די פרישע מצה, וועלכע האט געקיצעלט זיין געשמאק, און זיך פערטראכט אזוי ווי אין א ישוב־הדעת זי צו פערזוכען, און מיט דער אנדערער האנט האט ער צוגעהאלטען דאס פערד, וואס האט זיך געצויגען צום וויעגעל און געוואָרפען מיט די אויערען. דערנאך האט ער אוועקגעלעגט די מצה צוריק און האט זיך געלאזט פאהרען צו בעריל'ס אכסניא, איז דארט אראבגעשפרונגען פון פערד, האט עס צוגעבונדען צום סטויב און איז אריין אין אכסניא.

דער טרעגער מיט'ן וויעגעל מצות האט איהם לאנג נאכגעקוקט און האט זיך אונענטשלאסען און ענטוישט געלאזט בראדיען מיט זיין לאסט אויפ'ן קאפ דורכ'ן בלאטיגען מארק־פלאץ.

נאכגעקוקט דעם גענעראל האבען אויך די קרעמער און די ווייבער פון מארק און האבען זיך גענומען הויך רעדען צווישען זיך ווי א סטאדע אויפ־גערודערטע גענז.

און אין דעמזעלבען אָוונד איז געווען ביים רב אן אסיפה פון עטליכע פון די חשוב'סטע בעלי־בתים מיט דעם עלטען בעריל בראש און אויף דער אסיפה האט מען געמאכט א רשימה פון די גרעסטע ארימע לייט פון שטעדטעל און מען האט צווישען זיי צוטיילט דעם גענעראל'ס 200 רובעל מעות חטים און 100קערץ קארטאפליעס וואס ער האט געשענקט.

אויפ'ן אנדערען טאג האט שוין דערפון געוואוסט דער פריסטאוו און דער שרייבער פון וואלאסט. דער פריסטאוו איז באלד צוגעפאהרען און האט עס דערצעהלט דעם גלח און דער גלח'טע. דער כומר איז געווארען רויט פון עמפערונג און בעליידיגונג. די גלח'טע האט אויסגעשריען: „ניעטשיסטאיא סילא ס'נאמי!” (אן אונריינער גייסט איז מיט אונז!) און האט זיך שנעל איבערגע'צלמ'ט.

און אין דעמזעלבען אבענד איז אוועקגעשיקט געווארען צום גובערנאטאר אא נייער דאנאס אויפ'ן בעל־הבית פון שטעדטעל, אונטער וועלכען עס האט זיך שוין גע'חתמ'עט דער כומר אויך.

דער ארעסט

און אזוי ווי דעם גענעראל אויף צו להכעיס, האט זיך דער צורר דער פריסטאוו גענומען נאך שטארקער פערפאלגען דאס שטעדטעל. אלע „טאינע” שענקלעך, פון וועלכע עס האבען געלעבט עטליכע אידישע פאמיליעס, זיינען שוין געווען אויסגערוימט, עטליכע אידען זיינען שוין געזעסען אין טורמע און איצט האט ער פלוצים זיך גענומען אין דעם בלאטיגען און ארימען שטעד־טעל שאפען פאר פסח „טשיסטאטו” (ריינקייט).

צוערשט האָט ער געמאַכט פּראַטאָקאָלען אַלע קצבים און פּונקט ערב פּסח האָט ער פאַרמאַכט דאָס אידישע שעכט־הויז. דעם שטעדטעל איז אויס־געקומען צו בלייבען אָהן פליישׁ אויף פּסח און די גזירה איז געווען אַ ביטערע.

דער בעל־טאַקסע מיט אַ פּאָר קצבים זיינען אַוועק צו איהם אַהיים, האָבען איהם געבעטען רחמים אויף די קניע און איהם אַריינגעשטופּט צוויי הונדער־טערס אין די האַליעוועס פון די שטיוועל.

דער צורר האָט עס ערוואַרט און האָט שוין דערויף אַרויסגעקוקט.

אין צווייטען צימער זיינען שוין געווען אָנגעגרייט עדות, וועלכע ער האָט אַריינגערופען, און זיי געוויזען אַז די אידען האָבען איהם געוואָלט אונ־טערקויפען. ער האָט די דריי אידען באַלד געשמיעדט אין קייטען ווי שווערע פאַרברעכער און האָט זיי אַוועקגעשיקט אויף פּסח אין דער אויעזדנער טורמע „זאַ פּאָדקופּ נאַטשאַלסטוואַ" (פאַר געבען האַבאַר).

אין שטעדטעל איז געוואָרען אַ מהומה און אַ חורבן.

מען האָט באַלד אָבגעהאַלטען ביי בעריל דעם בעל־אכסניה אַן אסיפה. די ווייבער פון די אַרעסטירטע זיינען געקומען צולויפען צו דער אסיפה מיט אַ גוואַלד און אַ געוויין.

איין מיטעל איז געבליבען: געהן צום גענעראַל דעם אוהב ישראל און בעטען, אַז ער זאָל זיך אַריינמישען, ער זאָל זעהן אַז מען זאָל אַרויסלאָזען די אידען אויף „פּאָרוקע". פון שעכט־הויז האָט מען שוין ניט געטראַכט.

און באַלד איז צוגעפאָהרען צו בעריל'ס אכסניא חיים הערש דער בעל־עגלה. בעריל, דער רב און לוי דער פּראַצענטניק האָבען זיך אַריינגעזעצט אין זיין טאַראַטאַיקע און זיינען צוגעפאָהרען צוערשט אין דער עקאָנאָמיע, צום סו־באָטניק, און באַלד זיינען זיי מיט'ן סובאָטניק צוזאַמען געפאָהרען צוריק אי־בער'ן שטעדטעל אין הויף אַריין.

עס איז געווען אַ וואַרימער פריהלינג־טאָג. דער גענעראַל האָט שוין גע־אַרבייט ביי דער אַראַנזשעריי און האָט עמפּפאַנגען די דעפּוטאַציע אין פּאַרק.

די געשיכטע האָט איהם אויף דאָס אויסערסטע אויפגערעגט.

— געה ברענג איהם מיר, דעם ניעגאָדיאַי! — האָט ער בעפוילען דעם סובאָטניק און האָט געהייסען די אידען זיך בערוהיגען און פאָהרען אַהיים. און אַליין איז ער אַוועק צו זיך, האָט אַריינגערופען נאַטאַשאַ'ן און האָט איהר דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע.

אַז דער סובאָטניק איז צוגעפאָהרען צום „סטאַן" און האָט איבערגעגעבען דעם פּריסטאַוו דעם גענעראַל'ס איינלאַדונג באַלד צו קומען אין הויף אַריין, האָט דער כוליגאַן פאַרשטאַנען דעם זין פון דער איינלאַדונג און האָט זיך אי־בערגעשראָקען.

דער גענעראַל אַדיוטאַנט גערשעלמאַן איז געווען אַ צו מעכטיגע פּער־זענליכקייט, מעכטיגער פון גוברנאַטאָר, וועלכער האָט איהם פּראַטעזשירט, און ער האָט שוין חרטה געקראָגען אויף דער גאַנצער קאַשע וואָס ער האָט פאַרקאָכט.

— ווייסט איהר ניט צו וואָס ער דאַרף מיך אַזוי דרינגליך? — האָט ער געפרעגט דעם סובאָטניק.

— ניע מאָגים זנאַטס (מיר קענען ניט וויסען) — האָט איהם געענטפערט דער עקאָנאָם.

דער ערנסטער, כמעט בייזער טאָן פון דעם תמיד שמייכלענדען עקאָנאָם האָט ביי איהם ניט איבערגעלאָזט קיין צווייפעל, אז ער וועט שוין אויסכאַפּען א פּסק. קיין חזיר האָט מען אָבער ניט געקענט זיין און ער האָט זיך אריינגעזעצט אין עקאָנאָם'ס שאַראַבאַן און איז מיט איהם אַבגעפאָהרען אין פּאַלאַץ.

עמפּפאַנגען האָט איהם דער גענעראַל שוין ניט אזוי ווי דאַן, ווען ער איז געקומען מיט'ן גלח איהם צואווינשען. ער האָט איהם אפילו ניט איינגעלאַדען זיך צו זעצען און אזוי ווי ער האָט איבערגעטראָטען די שוועל פון זיין קאַבינעט, האָט ער איהם בעגעגענט מיט די הענד, פערלעגט אויפ'ן רוקען און מיט אַן אויסגעסטאַרטשעטע ברוסט, אויף וועלכער עס האָבען זיך בעוועגט פון אויפרעגונג א פּאָר בריליאַנטענע צלמים:

— טשטאָ עטאָ ווי קוראַליעסיטע טוט וו מעסטיעטשקע? (וואָס קאָמאַנדעוועט איהר דאָ אין שטעדטעל?)

זיין שטימע האָט געציטערט פון כעס און קוים בעוועלטיגטער עמפּערונג. דער האַלז זיינער און דער פּנים זיינען געווען רויטליך בלוי.

— זיי האָבען מיך געוואַלט אונטערקויפען... „פּאַדקופּ נאַטשאַלסטוואַ"...

— האָט אָנגעהויבען דער איבערגעשראָקענער פּריסטאַוו מיט א גלעהמטער, שטאַמלענדען צונג.

— איהר זאָלט זיי באַלד בעפרייען! — האָט איהם בעפוילען דער גענעראַל, איהם שוועך אַטהעמענדיג גלייך אין פּנים אריין.

— „זאַקאַן... פּאָדקופּ נאַטשאַלסטוואַ" — האָט שוין געבאַלמעטשקעט דער פּריסטאַוו, אַן אויסגעצויגענער ווי א סאָלדאַט פאַר'ן גענעראַל.

דער געדאַנק אָבער אז ער האָט געטהאַן דאָס וואָס דאָס געזעץ בעפעהלט, און אַז ער איז אין בעסטער אָרדנונג, האָט איהם באַלד אומגעקעהרט די זיכערהייט און אויף זיין פּנים האָט זיך בעוויזען א רוהיגער, כמעט פרעכער שמייכעל.

דעם גענעראַל האָט דער שמייכעל נאָך מעהר אויפגערעגט. ער האָט אָנגעהויבען צו וואַרפען אויף איהם שנעלע בליקען, איהם שנעל בעקוקען פון קאָפּ ביז די פיס.

— וויפיעל האָבען זיי אייך געגעבען? — האָט ער געפרעגט.

— צוויי הונדערט רובעל, וואַשע וויסאָקאָפּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ.

— איז דאָס געווען ווייניג? — האָט איהם געפרעגט דער גענעראַל מיט א בייזען סאַרקאַזם.

— איך נעהם נישט קיין חאַבאַר... איך בין דעם צאַר באַטיושקאַ טריי און איבערגעגעבען — האָט איהם מיט א רוהיגען און שטאָלצען טאָן געענטפערט דער פּריסטאַוו.

דער טאָן האָט בעוועגט דעם גענעראַל צו בעוועלטיגען דעם ברויזענדען כעס, וואָס האָט שוין צוזאַמענגעדריקט זיינע פינגער אין א פעסטען קולאַק. וועלכער איז געווען גרייט אריינצופאָהרען דעם כוליגאַן אין פּנים אריין.

— חאַראַשאָ! פּאַסמאָטרים! — האָט געזאָגט דער גענעראַל, שוין רוהיג און בעהערשט — מאָיסעי אַבראַמאָוויטש! — האָט ער זיך געווענדעט

צום עקאָנאָם — היים מיר איינשפאַנען די פערד... איך פאָהר צום גובער־נאַטאָר... סטופּאיטע! — האָט ער מיט אַ דונערנדער שטימע בעפוילען דעם פריסטאַוו — איך וועל אייך שוין ווייזען וואָס זאָקאָן הייסט.

דער פריסטאַוו האָט זיך אויסגעדרעהט מיליטעריש און האָט פערלאָזען דעם קאַבינעט ווי אַן אָבגעשמיסענער.

דער גענעראַל פאָהרט צום וגבערנאַטאָר

פאַרנאַכט איז דער גענעראַל געפאָהרען מיט נאַטאַשאַ'ן צו דער סטאַנציע און פון דאָרטען מיט דער באַהן אין דער גובערנסקי שטאָדט אָבגעבען דעם גובערנאַטאָר זיין וויזיט.

דער סעקרעטאָר פון גובערנאַטאָר'ס קאַנצעלאַריע איז געווען אַ יונגער פירשט שאַכאָווסקאָי, נאַטאַשאַ'ס אַ פערעהרער און איהר ברודער'ס אַ שוהל־חבר. פון איהם האָט זי זיך דערוואוסט בסוד פון אַלע דאָנאָסען וואָס דער פריסטאַוו האָט געשיקט אויף'ן גענעראַל. זי האָט עס ניט איבערגעגעבען דעם פאָטער און האָט זיך ביים טיש, ביים וואַרמעס, וואָס דער בעל־הבית פון דער גובערניע האָט געפּראַוועט פאַר די געסט, און צו וועלכען ער האָט איינגעלאַדען דעם „גובערנסקי פּרעדוואָדיטעל דוואָריאַנסטוואָ״ (דעם מאַרשאַל) און נאָך אַ פּאָר הויכע טשינאָווניקעס פון דער גובערניע, זיך געווענדעט גלייך צום גו־בערנאַטאָר:

— און איהר, גאָספּאָדין גובערנאַטאָר, קריעגט דאָנאָסען אויף אונז? דער וויפיעלטער דאָנאָס איז דאָס שוין?

דער גובערנאַטאָר איז געוואָרען רויט און פערשעהמט. רויט איז אויך געוואָרען דער פירשט שאַכאָווסקאָי, וועלכער האָט עס איהר דערצעהלט בסוד.

און אַז נאַטאַשאַ האָט געהייסען נאָך'ן וואַרמעס, ביים קאַפע, דעם גו־בערנאַטאָר צונעהמען פון שטעדטעל דעם פריסטאַוו, וועלכער שרייבט אויף זיי דאָנאָסען, בעפרייען די אידען און עפענען צוריק דאָס פערמאַכטע שעכט־הויז, האָט דער העפליכער קאַוואַליער איהר קיין וואָרט ניט געענטפערט און געפאָלגט דעם בעפעהל פון דער שעהנער, קליינער דאַמע, מיט דער גרעסטער ברייטוויליגקייט.

ער האָט צוגערופען דעם פירסט שאַכאָווסקאָי און האָט איהם אָבגעגעבען די נויטיגע בעפעהלען.

אין דעמזעלבען טאָג האָט דער פירסט שאַכאָווסקאָי געגעבען דעם פּרי־סטאַוו אַ טעלעגראַפישען בעפעהל צו עפענען דאָס שעכטהויז און זיך אַליין נעהמען אַ „פערעוואָד״. גלייכצייטיג האָט ער טעלעגראַפיש בעפרייט פון דער אויעזדנער טורמע דעם בעל־טאַקסע מיט די צוויי קצבים.

די אידען פון שטעדטעל האָבען געפּראַוועט אַ פרעהליכען פּסח. צו יציאת מצרים איז צוגעקומען אַ נייער נס. געוועהנליך האָבען זיי געמאַכט יום־טוב דעם גענעראַל מי שברך'ס אין די בתי־מדרשים און געלויבט דעם אויבערשטען פאַר'ן נייעם נס.

דער פריסטאַוו אָבער האָט קיין פערעוואָד שוין ניט דערלעבט צו נעהמען.

אז זיין ממלא מקומו איז פלוצים געקומען איבערנעהמען דעם סטאַן האָט גע־פעהלט טויזענד רובעל פון די קאַזיאָנע געלדער.

ווי אַ פער׳סם׳טער האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן צום כומר, אַז ער זאָל איהם אויסלייען טויזענד רובעל צו פערלייגען די קאַסע.

דער כומר אָבער האָט זיך פון איהם אָבגעשאָקעלט און האָט געזאָגט, אַז ער קען איהם ניט העלפען.

דאַן איז ער געקומען צולויפען צו בעריל דעם בעל־אכסניא.

דעם צורר איז ניט געווען צו דערקענען. שטיל בנעימות האָט ער גערעדט, ווי אַן עני בפסח, האָט פאַרגעשלאָגען צו צורייבען די דיעלע פונ׳ם כאַבאַר. אָבי די אידען זאָלען איהם לייען טויזענד רובעל אויף אַ וועקסעל.

בעריל האָט אויף איהם רחמנות געהאַט, האָט זיך גענומען קנעטען די בלאַטע מיט זיינע אַלטע, קראַנקע פיס און ריידען מיט די חשוב׳סטע בעלי־בתים.

מען האָט ווידער געמאַכט אַן אספה, זיך גע׳עצה׳ט צי יאָ געבען, ניט געבען. אַ סך און בעריל בראשם האָבען היים גע׳טענה׳ט, אַז מען זאָל דעם גוי ניט לאָזען פאַלען.

— ראשית איז ער אַ צורר — האָט געזאָגט בעריל. — מען דאַרף מורא האָבען פאַר אַ צורר... צווייטענס, אַז אַ גוי בעט אַ קערבעל גיט איהם צוויי.

המן דער מעקלער האָט געשריען, אַז ער האָט איהם אין דער ערד.

דער סוף האָט שפּעטער בעוויזען, אַז דער אַלטער בעריל האָט געהאַט אַ חוש און בעסער וואָלט געווען מען זאָל געווען העלפען דעם גוי.

געבליבען איז אָבער צו פרעגען דורכ׳ן עקאָנאָם ביי דעם גענעראַל.

דער גענעראַל האָט ניט געהייסען לייען קיין קאָפּיקע און דער כוליגאַן איז איינגאַנצען אַראָב פון ביינקעל.

דער נייער פּריסטאַוו האָט שוין גענומען אַ קערבעל און דאָס שטעדטעל האָט פון איהם געקוואַלען, ווי פון אַ טייערען „גויעץ".

— ער נעהמט! ווי אַ פּראָסט נעהמט ער! אַ טייערער גויעץ! — האָבען זיך גליקליך בעריהמט די, ביי וועלכע דאָס טייער גויעלע האָט גענומען.

ער האָט גענומען ניט נאָר ביי די אידען, נאָר אַפילו אין דער עקאָנאָמיע אַליין. דער גענעראַל האָט בעפוילען דעם סובאָטניק איהם צו געבען העי און האָבער פאַר זיינע פערד און האַלץ וויפיעל ער וועט פערלאַנגען.

און דער פּריסטאַוו האָט זיך ניט געשעהמט צו פערלאַנגען...

דעם שטעדטעל׳ס נקמה

אַז דער פּריסטאַוו איז געקומען צום גובערנאַטאָר זוכען ביי איהם גערעכ־טיגקייט און חסד, ווי אַ שוואַרצ׳מאַה׳ניק ביי אַ שוואַרצ׳מאַה׳ניק, האָט זיך דער באַלעבאָס פון דער גובערניע ענטזאָגט איהם צו עמפּפאַנגען.

ער אַליין איז געווען אַ יונגער קאַריעריסט און ער האָט מורא געהאַט פאַר אַזאַ מאַן, ווי דער גענעראַל גערשעלמאַן, וועלכער האָט געהאַט מעכטיגע פּער־

בינדונגען איןביידע רוסישע הויפּט־שטעדט און האָט איהם געקענט אַ קראַץ טהאָן, אַז ער זאָל עס האָבען צו געדענקען.

ווייטער האָט דאָך דער פּריסטאַוו פּערנומען „קאַזיאָנע געלט". וועלכעס ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו פּערלייגען, און ער האָט געהאַלטען פאַר נויטיג איהם שנעל איבערצוגעבען אין די הענט פון דער יוסטיץ, אַבי פון איהם פּטור צו ווערען.

דער פּראָקוראָר האָט געמאַכט אַ „דיעלע זאַ ראַסטראַטו" (אַ משפּט פאַר פּערלירען שטאַטס־געלט) און דער פּריסטאַוו איז שוין אַרונטער „פּאָד סוד".

און באַלד האָבען די אידען פון שטעדטעל דערלעבט די נקמה איהם צו זעהן אליין טרייבען אויפ'ן זונטאַגדיגען מאַרק אַ גרויסען, פעטען חזיר אויף אַ שטריקעל. אפילו נאָך אין די בגדים פון אַ פּריסטאַוו, אָבער שוין אָהן אַ קלינ־געל און אָהן עפּאָליעטען.

מיט דיזעלבע געפיהלען האָבען זיי מסתמא בעגלייט המנ'ען צו דער תליה.

דאָס קאַזיאָנע געלט האָט ער פּערשפּיעלט אין קלוב, ווען ער האָט עס אָבגעפיהרט אין „גובערנסקע קאַזנאַטשייסטווע". און דער גרויסער חזיר איז געווען זיין לעצטעס פּערמעגען.

מיט די 50 רובעל, וואָס ער האָט גענומען פאַר'ן חזיר, האָט ער בעזעצט די פּריסטאַווּשע מיט די קינדער אויפ'ן דאָרף אין אַ גוי'איש שטיבעל פאַר 10 רובעל אַ יאָהר, און אליין איז ער אַוועק קיין פּעטערבורג זוכען דאָרט גע־רעכטיגקייט און גליק...

און באַלד האָט די גראָבע און שטאָלצע פּריסטאַווּשע מיט 7 קליינע קינ־דער אָנגעהויבען פּוכנען אויפ'ן דאָרף פון הונגער, און אָשר, דער איינציגער אידישער סאַטסקי אין שטעדטעל, האָט אָנגעהויבען קלייבען אין מאַרק פאַר איהר אויף ברויט.

און די אידען האָבען גערען געגעבען מיט אַ געפיהל פון רחמנות און נקמה. געהאָלפען האָט איהר אויך אָפּט דער סובאָטניק, דער עקאָנאָם, וועל־כער פלעגט איהר יעדען טאָג געבען מילך פאַר די קינדער און האָט צוגעשיקט אַ פאָר קערץ קאַרטאָפלעס.

פון דעסטוועגען איז איהר מאַנ'ס ערשטע ארבייט אין פּעטערבורג געווען באַלד צו דערלאַנגען דעם מיניסטער אליין אַ דאָנאָס אויפ'ן אידען ראָזענ־בערג, וואָס האַלט ביים גענעראַל גערשעלמאַן די פּאַססיעס, אויפ'ן גענעראַל און שוין צוגלייך אויפ'ן גובערנאַטאָר אליין, וועלכער האָט זיין דאָנאָס אונ־טערגעשלאָגען.

דער אינערן־מיניסטער איז דאַן געווען דער גרעסטער כוליגאַן און צורר־היהודים אין רוסלאַנד. ער האָט קיין אויספאָרשונג ניט געמאַכט און האָט אויפ'ן דאָנאָס פון פּריסטאַוו נאָר אויפמערקזאַם געמאַכט דעם יונגען פּראָ־קוראָר מיט וועלכען ער פלעגט זיך אַלע פרייטאָג באַגעגענען אין אַ פּאָליטישען סאַלאָן פון אַ געוויסער גרעפין.

דער מיניסטער האָט פאַר איהם אויסגעדריקט די גרעסטע בעוואונדערונג וואָס אַ פּראַוואָסלאַוונער גענעראַל אין רוסישען דיענסט האָט אידישע סימ־

פאַטיען און איז מקריב פון דיזע סימפּאַטיען דאָס רוסישע געזעץ און די עכט־רוסישע אינטערעסען פון לאַנד.
דער יונגער פּראָקוראָר איז בלייך געוואָרען פון דעם פּאַרוואורף. ער האָט איהם אָבער דערויף קיין וואָרט ניט געענטפערט, האָט וועגען דעם קיין וואָרט ניט געשריבען דעם פאָטער, ער האָט נאָר גענומען אורלויב אויף אַ וואָך און איז אונערוואַרטעט געקומען צו בעזוכ אין נייעם מאַיאָנטעק.

פּראָקוראָר גערשעלמאַן

געוועזן איז דאָס שוין אין די ערשטע טעג יאָן. דער אַלטער סאַד האָט שוין אָראָפּגעוואָרפען זיינע ערשטע בליהטען און אויף די ביימער האָבען זיך שוין בעוויזן קליינע גרינע פרוכטען.
שטיל און רוהיג איז זיך געשטאַנען דער פּאַרק, אַזוי ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צו די שטראָמען פון זאַפט, וועלכע האָבען זיך געצויגען פון דעם טיעפען ערד־שוים און אָנגעפילט די שטאַמען און צווייגען מיט לעבען און זיסען דופט.
שטיל און רוהיג איז געווען אין דער נשמה פון דעם אַלטען גענעראַל. דער שלאָף איז ביי איהם די לעצטע צייט געוואָרען בעסער און דאָס האַרץ רוהיגער. פון צייט צו צייט פלעגט איהם געלינגען צו בלייבען אויג אויף אויג פאַר אַ שמועס מיט זיין יוגענד־פריינד, דעם בעל־אכסניא אין פּאַלאַץ אָדער אין קאַנצעלאַריע פון דער עקאָנאָמיע, אַ לאַנגען און האַרצליכען שמועס פון אַ בעזונדערען טעם פאַר זיי ביידע...
די גענעראַלשע האָט גאַנצע טעג געפּרעגעלט איינגעמאַכצען, געמאַרינירט שוועמעלעך. וויי־טער האָט נאַטאַשאַ שוין בעזעסען די קונסט צו איזאָלירען גייסטיג דעם פאָטער פון דער מוטער, איהם אָפּהיטען פון קאָנפליקטען מיט איהר און איהם שאַפען די נויטיגע רוה פאַר די עטליכע יאָהר וועלכע זיינען איהם נאָך געבליבען צו לעבען. און דער גענעראַל האָט געגלויבט, אַז ער האָט די רוה געפונען. מיט אַ וואַכענד אויג האָט ער פון זיין פּלאַץ אויפ׳ן באַרג געקוקט אויפ׳ן אָרימען שטעדטעל אין טהאָל, געוואוסט וואָס דאָרט טהוט זיך, וואו די נויט איז אַם דרינגענדסטען און האָט שוין געזעהן, אַז דורך בעריל׳ס האַנד זאָל די נויט געלינדערט ווערען. און דאָס האָט בערוהיגט זיין געוויסען.
און אין מיטען אָט דעם רוהיגען לעבען איז אָנגעקומען די טעלעגראַמע פון זוהן, אַז מען זאָל איהם אַרויסשיקען פערד צו דער סטאַנציע.
די גענעראַלשע האָט אָנגעהויבען קוויטשען פון משוגע׳נער פרייד און קושען די טעלעגראַמע ווי אַ וואָהנזיניגע.
דער פאָטער האָט זיך איבערגעשראָקען און אָנגעכמורעט. נאַטאַשאַ האָט זיי ביידע פערפאָלגט מיט שטומע און פאָרשענדע בליקען, וועלכע האָבען געזוכט וואָס פאַר אַ פּאָזיציע זי זאָל נעהמען.
געקומען איז דער יונגער גערשעלמאַן פון דער סטאַנציע ביינאַכט מיט דער מוטער, וועלכע איז געפאָהרען איהם בעגעגענען. דער גענעראַל און

נאטאשא זיינען שוין געשלאָפען.

ניט געזעהן האָבען זיך פאָטער און זוהן זייט די ערשטע טעג פון פראָ־קוראָר'ס גלענצענדער קאריערע, וועלכע האָט זיך ביי איהם אָנגעהויבען דער־מיט, וואָס ער האָט מיט א סאָטניע קאָזאַקען אויסגעשמיסען אין כארקאָוועד גובערניע א גאַנצען דאָרף מיט גוים, וועלכע האָבען זיך געבונטעוועט און אויס־געהאקט דעם וואלד ביי זייער פריץ.

דאַן איז ער געווען נאָר א סליעדאָוואטעל און ערשט אָרונטער פון דער אוניווערזיטעט באַנק. פונדעסטוועגען האָט ער די רעדעלפיהרערס פון בונט פערקנוטעוועט מיט די קאָזאַצקע נאַגאַיקעס ביז צום טויט און די איבעריגע אזוי צוקאַליעטשעט, אז מען האָט זיי געדאַרפט פערנעהמען אין די שפּיטעלער.

די געשיכטע האָט אויפגערודערט די ראַדיקאַלע רוסישע פּרעסע און די פּראָגרעסיווע רוסישע געזעלשאַפט. דער נאָמען פון יונגען גערשעלמאַן איז געוואָרען א שווידער און האָט אָבגעשליידערט פון איהם דעם אייגענעם פאָטער און די שוועסטער, וועלכע איז דאַן נאָך געווען אין לעצטען קלאַס פון אריס־טאָקראַטישען אינסטיטוט.

דער יונגער סליעדאָוואטעל האָט אָבער דערפאַר באַלד בעקומען דעם פּאָסטען פון א געהילפס־פּראָקוראָר אין פּעטערבורג, און באַלד האָט זיך דאָרט אָנגעהויבען זיין טהעטיגקייט אַלס רעאַקציאָנער און שוואַרץ־מאה'ניק און זיין אוננאַטירליכער ראָמאַן מיט א בעריהמטער אַלטער גרעפין, וועלכע האָט געפיהרט אין פּעטראָגראַד דעם איינפלוסרייכסטען און רעאַקציאָנערסטען פּאָ־ליטישען סאַלאָן, וואו רעליגיאָן און פּאָליטישע אינטריגען האָבען זיך צוזאַמענ־געגאָסען מיט געשלעכטליכע וואַקכאַנאַליעס און אין מעססען צום שוואַרצען טייוועל, א סאַלאָן פון פינסטערלינגע, וועלכער האָט געשאַפען און געשטירצט מיניסטאָרען און רעגירט מיט רוסלאַנד.

פון דעם ראָמאַן מיט דער אויסגעלאַסענסטער אַלטער אַריסטאָקראַטקע האָט באַלד געדעדט גאַנץ פּעטערבורג און מאָסקווע. און דער יונגער יוריסט האָט זיך ניט געשעהמט מיט איהם, נאָר איהם אָפישירט און שטאָלצירט מיט איהם פאַר דער מוטער.

ער האָט געזוכט מאכט און דעם פּאָסטען פון א מיניסטער, און דער אונ־נאַטירליכער בונד מיט דער אַלטער גרעפין איז געווען דער זיכערסטער וועג צו זיין ציעל, און האָט דערפאַר אַרויסגערופען די טיעפסטע קנאה פון נאָך אזוינע יונגע קאַריעריסטען און חברים.

די נאַכט איז דער אַלטער מאַן ווידער שוין ניט געשלאָפען. ער האָט געהערט ווי דער זוהן איז געקומען, ווי די גענעראַלשע האָט איהם ביינאַכט געפיהרט איבער די צימערען פון שלאָס, און אז זייערע טריט און זייערע שטימען האָבען זיך דערנעהנטערט צו זיין שלאָפצימער, האָט איהם אַרומגע־כאַפּט א גרויל מיט אַן אונבעגרייפליכען אָבערגלויבערישען פּחד.

דער געדאַנק אז ער וועט זיך בעגעגענען מיט זיין אייגענעם זוהן, האָט איהם געשווינדערט אויף זיין געלעגער.

זיין פּלוצלינגער קומען איז איהם ניט געפעלען געוואָרען. ער האָט זיך ווידער דערפיהלט ווי פערפּלאָנטערט אין א נעץ פון פערשידענע געפיהלען און געדאַנקען, וועלכע ער האָט שוין ניט געקאָנט פונאַנדערוויקלען.

ער האט זיך פּלוצים גענומען גראָבען אין זיין צוזאמענלעבען מיט דער גענעראַלשע און האט זיך געכאַפּט ביים געדאַנק, אז ווען עמיצער בעווייזט איהם, אז דער יונגער פּראָקוראָר איז ניט זיין זוהן, וואָלט ער זיך שטאַרק דערפרעהט. און אז דער פערמאַטערטער מוח זיינער האט פארטאָג אנגעהויבען איינצושלאָפען, האט זיך דער נעץ פערפּלאָנטערט אין אַ שווערען קאָשמאַר, וועלכער האט אָבגעשפּיגעלט דאס גאַנצע לעבען זיינס.

פון איין זייט די פרעמדע, לאַנגע און שמוציגע אידענע מיט די פערדישע צייהן, וועלכע איז געווען זיין שוועסטער און פון דער אַנדערער זייט דער פרעמדער פּראָקוראָר, וועלכער איז געווען זיין אייגענער זוהן. און ער אַליין האט זיך אין דעם קאָשמאַר צושפּאַלטען אין צווייען, אויף צוויי פרעמדע און פיינדליכע וועלטען, וועלכע האבען געקעמפּט און זיך געראַנגעלט אין אַן אונ־רוהיגען און האַלב־וואַכענדען שלאָף...

און באַלד האט די אידענע שוין געקעמפּט און געביסען מיט איהרע צייהן דעם זוהן דעם פּראָקוראָר, ביז אַלעס, דאָס גאַנצע לאַנגע פּאַסירונגס־רייכע און רוישיגע לעבען האט זיך אויסגעמישט אין אַן אומגעלומפּערטען קאָשמאַר, אין אַ ווילדען טייוועלשען טאַנץ: און אַז דער קאָשמאַר האט אַנגעהויבען איהם צו דריקען אונטער זיך ווי אַ טויזענד־פונטיגע לאַסט, ווי אַ שווערער באַרג, האט ער זיך אויפגעכאַפּט אין אַ טויט־שוויים און מיט אַ האַרץ, וואָס האט זיך געוואָרפען אין ברוסט ווי אַ ניט־דערקוילעטעם עוף, און ער איז אַרויסגע־שפּרונגען פון בעט...

ער האט שנעל פונאַנדערגענומען די שווערע גאַרדינען פון פענסטער, האט אויף זיך אַרויפגעוואָרפען דעם מאָרגענראָק און איז אַרוים אויף דער ווערענדאַ, וועלכע איז שוין געלעגען אין העלען ליכט פון אויפגעהענדען און פרישען זומער־טאָג.

אונבעוועגליך און שטיל זיינען געשטאַנען די הויכע הונדערט־יעהריגע טאָפּאָליעס פון פּאַרק, ווי פערגליווערטע ריעזען אין אַ מאָרגען־געבעט. שטיל און אונזיכער האבען נאָך געצוויטשערט די פויגעלעך צווישען די בוימער, וועלכע האבען געוואָרפען פון זיך גרויסע און צאַפּעלדיגע טהוי־טראָפּענס ווי שטילע טרערען.

די פרישע מאָרגענלופט האט גענומען פּלאַטערען און טוליען זיך צו זיין ענטבלויזטער האָריגער ברוסט, זי טרייסטען און בערוהיגען, און דער גענעראַל האט זי געשלונגען מיט שנעלע און טיעפע אָטעמציגע.

ווי אַן ערלייזטער האט ער זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קניע אין אַ שטילער און דאַנקענדער תפלה צום „הימעל”.

דאָס צוויטשערען פון די פויגעלעך איז געוואָרען מונטערער און העכער. באַלד האבען די ערשטע זונענשטראַהלען געשפּרונגען אויף די שפּיצען פון די הונדערט־יעהריגע טאָפּאָליעס, ווי מונטערע גאָלדענע פויגלען, און דער אויפ־געוואַכטער, אין טהוי אויסגעוואַשענער און גלענצענדער פּאַרק, האט זיי בעגריסט מיט זיין מאָרגען־שירה.

נאָכ'ן מאָרגענ־געבעט, אַ בערוהיגטער און שטילער, האט דער גענעראַל אויפגעוועקט דעם לאָקיי, האט זיך געהייסען אָנטהאָן און דערלאַנגען קאָפּע.

נאָכ'ן קאָפּע איז ער רייטענדיג אַוועק איבער'ן מאַיאָנטעק.

פּאַטער און זוהן

בעגעגענט האָבען זיך פּאַטער און זוהן ערשט ביים וואַרמעס אויף דער וועראַנדאַ.

די גענעראַלשע איז געווען אויפגערעגט און נערוועז, און איהר פּנים איז געווען רויטער ווי תמיד. נאַטאַשאַ איז געזעסען אין אַ ווינקעל אין אַ טיעפען שאַקעל־שטוהל, געבויגען איבער אַ בוך. דער לאַקיי איז געשטאַנען אין דער טהיר מיט אַ סערוועטקע אונטער'ן אָרעם, פערגליווערט אין אַ דיענסט־פּאַרטיגער פּאָזע.

— זדראַוווסטוואויי, גאָספּאָדין פּראַקוראָר! — האָט דער פּאַטער בע־גריסט דעם זוהן סאַרקאַסטיש, האָט זיך אָבער באַלד בייז אַנגעכמורעט פון זיין אייגענעם סאַרקאַזם.

דער זוהן האָט איהם אַרומגענומען און זיי האָבען זיך צוקושט, אָבער קאַלט און גלייכגילטיג, ווי אויף אַ בעפעהל.

נאַטאַשאַ האָט אויפגעהויבען די אויגען פון בוך.

די גענעראַלשע האָט אַנגעהויבען שנעל פּינטלען מיט די אויגען, ווי תמיד ווען זי האָט זיך געפיהלט בעליידיגט, און האָט זיך גענומען נערוועז קלינגען מיט די טעלער.

זי האָט בעפוילען דעם לאַקיי דערלאַנגען דאָס עסען, און מען איז שטום געגאַנגען צום טיש.

דער זוהן האָט זיך גענומען אויספרעגען ביים פּאַטער מיט אַ גלעטענדער, כמעט חניפה'דיגער שטימע, מיט אַ געמאַכטער און פאַלשער הערצליכקייט, וועגען זיין געזונט, ווי אַזוי ער פיהלט זיך און ווי אַזוי ער שלאָפט די לעצטע צייט. דער גענעראַל האָט איהם געענטפערט אונגערן און קורץ, ווי אַ געלאַנג־ווייל־טער, און דער געשפּרעך האָט זיך ניט געקלעפּט.

דאַן האָט ער זיך גענומען מאַכען קאָמפּלימענטען דער שוועסטער, אַז זי בליהט איינפאַך ווי אַ ראָזע, און זי חנפ'ענען אין אַ לייכט־איראָנישען טאָן פון אַן אונגעצוואונגענעם סאַלאָנען־העלד.

— איז דאָס אַ פּאַררעדע צו אַ ליעבעס־ערקלערונג? — האָט איהם סאַרקאַסטיש געפרעגט נאַטאַשאַ.

— עס קאָן זיין! — האָט איהר געענטפערט דער ברודער מיט אַן איראָ־נישען שמייכעל.

נאַטאַשאַ האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אין זיין אוננאַטירליכען ראָמאַן מיט דער אַלטער גרעפין, ווענען זי האָט געקענט און וועלכע האָט אויסגעזעהן ווי אַ געפאַרבטע און באַלזאַמירטע מומיע, און זי איז מיט אַמאָל רויט געוואָרען פון איהר אַבזיכטלאָזער, אונשולדיגער פראַגע און פון זיין ענטפער. אַן אומ־היימליכער שאַנד־געפיהל האָט זי לייכט אויפגעשוידערט און זי האָט אַרונטער־געלאָזט די אויגען אין טעלער...

דער ברודער האָט פערפאָלגט די פּלעצליכע ענדערונג אין איהר, דעם לויף פון איהרע געדאַנקען אויפ'ן פּנים. זיינע גרינע אויגען האָבען אַנגעהויבען צו וואַרפען בייזע און פרעכע פונקען... די פערלעגענהייט ביים טיש איז געוואָרען גרעסער און דריקענדער. די גענעראַלשע האָט ניט אויפגעהערט צו

פינטלען בעליידיגט מיט די אויגען און האט זיך גענומען בעדיענען דעם זוהן. איהם אונטערוואַרפען אין טעלער אריין א שטיקעל נאך א שטיקעל און איהם צערטליך אונטערטרייבען, אז ער זאל עסען וואס מעהר, אזוי ווי זי וואלט זיך בעמיהט מיט די צערטליכקייטען צו פערגלעטען די אונפריינדליכע שטימונג פון פערלעגענהייט, וואס האט ביים טיש געדריקט ווי א שטומע, בייזע לאסט.

די צודרינגליכקייט פון דער מוטער האט איהם אנגעהויבען צו דערעסען. און דער אויסגעמאטערטער און אבגעוועלקטער פנים פון יונגען פראקוראר. אויף וועלכען דאס אויסגעלאסענע פעטערבורגער לעבען האט געלאזט זיינע טיעפע שפורען, איז מיט אמאל געווארען מיעד און פערשפיצט מיט א בייזען, כמעט גרויזאמען אויסדרוק פון א געלאנגווייליטען אריסטאקראט און שלעכטען מענשען.

דער אויסדרוק האט איבערגעשראקען די גענעראלשע. די רויטקייט פון איהר פנים איז פערשוואונדען, זי איז פלוצים בלייך געווארען, און האט זיך ווי פערלארען.

דאן האט זיך דער זוהן בעוועלטיגט ; ער האט ארויפגעצויגען אויפ'ן פנים א קאלטען פעטערבורגער שמייכעל, און האט זיך גענומען מיט דעם שמייכעל איבערגעבען נייעסען פון די הויכע ספערען, דערצעהלען פון זיינע דיענסט-ערפאלגען און גלענצענדע אויסזיכטען אין דער צוקונפט.

די מוטער האט אויפגעשטראהלט. איהרע אויגען האבען אויפגעהערט בעליידיגט צו פינטלען און אנשטאט דעם האט זי אנגעהויבען צו ווארפען אויפ'ן פאטער און אויף דער שוועסטער גליקליכע בליקען פון א שטאלצער מוטער, האט איהם אויסגעהערט מיט בעוואונדערונג און אז אפענעם מויל, און האט דערביי שנעל געשאקעלט מיט'ן קאפ.

דער פאטער און די שוועסטער, ווי זיי וואלטען געהאט אבגערעדט צווישען זיך, זיינען אבער געבליבען קאלט און גלייכגילטיג צום פראקוראר'ס ערפאלגען. אזוי ווי ער וואלט זיי געווען פאלשטענדיג פרעמד, און האבען איהם אונטער-געהאלטען מיט קארגע און קאלטע רעפליקען.

דעם פראקוראר איז ניט געלונגען צו בעלעבען די שווערע שטימונג און מען איז זיך שטום צוגאנגען פון טיש, ווי בעפרייטע און ערלייזטע.

דער אידישער פאסעסאר

דער זוהן האט זיך פארלויפיג ניט געאיילט צו זאגען, ניט דעם פאטער און ניט דער מוטער, וועגען דעם צוועק וואס האט איהם פלוצים געבראכט צו זיי צוגאסט. דער פאטער האט איהם ווייטער ניט געפרעגט, די מוטער האט דעם בעזוך פון גאסט געהאלטען פאר נאטירליך און איז געווען צופרידען. אז דער מאן האט אבגעגעבען זיינע פאסעסיעס א אידען, האט זי נאך אליין ניט געוואוסט. ווייטער האט זי אויסגעמידען צו רעדען מיט'ן זוהן פון דעם נייעם מאיאנטעק וועגען אן אנדער אורזאך. ער איז געווען געקויפט קעגען איהר ווילען אויף נאטאשא'ס נאמען, און זי האט געציטערט פאר א פאמיליען-קאנפליקט, אז דער עלטסטער יורש זאל זיך דעריבער ניט עמפערען און איהר ליעבלינג זאל זיך פון איהר דערפאר אינגאנצען ניט אבווענדען

זיי האָבען געהאַט נאָך אַ זוהן, אָבער שוין ניט אַזאַ געראָטענער ווי דער פּראָקוראָר און דער האָט איהר ווייניג וואָס געקימערט. פון גימנאַזיע האָט מען איהם שוין אַרויסגעוואָרפען אַלס אַן אונפעהיגען און איצט איז ער געווען אַ קאַדעט און איז שוין דאָס צווייטע יאָהר געזעסען אין איין קלאָס און האָט געזאָלט בלייבען אויפ'ן דריטען יאָהר. איהר גאַנצער נחת און מוטערליכער שטאָלץ איז געהאַנגען אויף דעם יונגען פּראָקוראָר און צוקונפטיגען מיניסטער.

די אונפריינדליכע, קאַלטע אויפנאַהמע פון פאָטער האָט ווייטער דעם זוהן ניט געגעבען דעם מוט באַלד מיט איהם צו ריידען וועגען זיין אונגעזעצליכער האַנדלונג, וועלכע האָט איהם, דעם פּראָקוראָר און אַנטיסעמיט, העכסט אויפגעבראַכט און האָט קאָמפּראָמעטירט זייער פאַמיליע אין די הויכע פּעטערבורגער ספערען און געקענט שאַדען זיין קאַריערע. ער האָט דערפאַר אָבגעוואַרט און געזוכט אַ פּאַסענדע געלעגענהייט.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט דער פּראָקוראָר געהייסען דעם עקאָנאָם, אַז ער זאָל איהם פיהרען און ווייזען דעם מאַיאָנטעק. אויף אַ טייק האָט ער בעגעגענט אַן אַלטען גרייז־גרויען חסיד'ישען אידען אין אַ לאַנגער ליסטרינער קאַפּאָטע, מיט אַ זיידענער שפּיציגער יאַרמעלקע אויפ'ן פערשאַרטען הויכען שטערען, מיט אַ לאַנגען טלית־קטן, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון אונטער אַ סאַמעטענער וועסט, אויף וועלכער עס איז געהאַנגען אַ שווערע גאָלדענע קייט.

מיט די הענד אין די קעשענעס איז זיך דער איד אַרומגעגאַנגען איבער'ן טייך אין בעגלייטונג פון צוויי גרויסע פאַראָבקעס, און ווי אַ מלך האָט ער זיי געגעבען זיינע בעפעהלען ווי אַזוי און וואָס צו טהאָן.

ווען דער פּראָקוראָר האָט דערזעהען דעם חסיד האָט זיך דאָס בלוט אָנגעצונדען אין זיינע אָדערען.

— ווער איז דער זשיד? — האָט ער געפרעגט ביים סובאָטניק מיט געשלאָסענע צייהן.

— דאָס איז אונזער פּאָסעסאָר, גאָספּאָדין ראָזענבערג — האָט איהם געענטפערט דער עקאָנאָם און איז פערשעהמט רויט געוואָרען.

דער שטאָלצער חסיד האָט זיך כמעט ניט אומגעקוקט אויף די אָנגעקומענע און האָט ניט אויפגעהערט צו קאָמאַנדעווען מיט די פאַרובקעס.

דער פּראָקוראָר איז דאַן צוגעגאַנגען גלייך צום פּאָסעסאָר און האָט ביי איהם געפרעגט:

— אויף וואָס פאַר'אַ גרונד אַרענדעוועט איהר ערד?

דער חסיד האָט ניט אַרויסגענומען די הענט פון די קעשענעס, האָט געוואָרפען אויפ'ן פרעגענדען אַ ניינגעריגען, כמעט קאַלטען בליק און האָט איהם געענטפערט מיט אַ רוהיגען שמייכעל:

— אויף וואָס פאַר'אַ גרונד? אויפ'ן גרונד פון אַ קאָנטראַקט מיט'ן גענעראַל־אַדיוטאַנט גערשעלמאַן.

דער ווינט האָט אַ שאָקעל געטהאָן דעם חסיד'ס לאַנגע ציצית. די ציצית און דער רוהיגער, כמעט אַרויסרופענדער שמייכעל פונ'ם זשיד אין דער יאַרמולקע און מיט די הענט אין די קעשענעס; זיין שטאָלצער ענטפער, וועלכער איז דעם פּראָקוראָר פאָרגעקומען פרעך, האָט איהם צום איבריגען אויפגעריסען.

א ווילדער בראַנד פון פּאַטאָלאָגישער, כמעט מענשענפרעסערישער שנאה צום אידען האָט זיך אָנגעצונדען אין זיין ברוסט און איז באַלד פון דאָרט אַרי־בערגעשפרונגען צום מוח, געברענט דעם גאַרגעל, דאָס פערגיפטעטע בלוט און צוזאַמענגעדריקט די הענט אין פעסטע וויטענדע קולאַקעס.

— ווייסט איהר, אַז דער קאָנטראַקט איז אַן אונגעזעצליכער אַקט? אַז דער גענעראַל־אַדיוטאַנט גערשעלמאַן האָט ניט געהאַט קיין רעכט אייך אַרויס־צוגעבען אַזאַ קאָנטראַקט? — האָט ער געפרעגט ביי דעם פּאַסעסאָר כמעט אַ גרינער פון כעס און זידענדען האַס.

— איך ווייס! — האָט געענטפערט דער איד קאַלטבלוטיג און מיט דעמזעלבען שמייכעל.

— איהר ווייסט? ! — האָט אַ ברום־געטהאָן דער פּראָקוראָר און האָט איהם דורכגעלעכערט מיט זיינע צוויי גרינע און בייזע אויגען. — און ווייסט איהר וואָס אייך קומט דערפאַר? אַ?

— וואָס אַ שטייגער? — האָט געפרעגט גלייכגילטיג דער חסיד מיט׳ן לאַנגען טלית־קטן און נאָך אַלץ ניט אַרויסנעהמענדיג די הענט פון די קעש־ענעס.

— רוקי פּאַשוואָס, זשיד! ווען אַ פּראָקוראָר רעדט צו דיר זאָלסטו ניט האַלטען די הענט אין די קעשענעס! — האָט דער יונגער גערשעלמאַן געוואָלט אויסשרייען אין בלינדער זידענדער וואוטה, אָבער ער האָט זיך איינגע־האַלטען.

— אַ וויסילקע פון צעהן גובערניעס! קיין אַרכאַנגעלסק! — האָט אויס־געשריען דער פערטרעטער פונ׳ם געזעץ.

— עט! — האָט זיך אָנגערופען דער איד מיט אַ גלייכגילטיגען בטול.

— וואָס־זשע, גלויבסט ניט? — האָט איהם געפרעגט דער פּראָקוראָר.

— ניין! — האָט געענטפערט דער פּאַסעסאָר שוין ערנסט, מיט אַ קאַטע־גאָרישען טאָן.

— וואָרום? ווער וועט עס דיך אַזוי פּראָטעזשירען? וואָס־זשע, איהר אידען שטעהט שוין אפשר העכער פונ׳ם געזעץ?

— און דער גענעראַל איז עפּעס אַ הונט? אַ גענעראַל, אַ גלאַוונאַקאָמאַנ־דיוושטשי, עפּעס דעם קייסער׳ס אַדיוטאַנט, ער איז עפּעס אַ גאַרנישט? אַ? איך גלויב, אַז ער וועט עס ניט דערלאָזען — האָט איהם בערוהיגט דער פּאַסעסאָר.

דער פּראָקוראָר האָט דערהערט אין דעם חסיד׳ס שטימע אַ בייזען און פרעכען שפּאָט.

— אַזוי? הם... הם... — האָט געזאָגט גערשעלמאַן צווישען די צייהן. — נו, אויב יאָ אַזוי, זאָגט דיר דעם גענעראַל׳ס אייגענער זוהן און דער פּראָקוראָר פון פּעטערבורגער אָקרוזשנאַי סוד, אַז דו זאָלסט אָוועקוואַרפען די געשיכטע, און אויב ניט גיב איך דיר אַליין אַ וויסילקע קיין אַרכאַנגעלסק. איך אַליין!

דער פּאַסעסאָר איז מיט אַמאָל בלייך געוואָרען.

— אָה, ביזטו הייסט עס, פריץ, דעם גענעראַל׳ס זוהן... זעהר פיין... זעהר אַנגענעהם, כ׳לעבען. ווייסטו אָבער, פריץ, אַז אויב דו גיסט מיר אַ וויסילקע, דאַרף מיר דיין פאָטער בעצאָהלען אַ „ניעאַסטאַיקע" פון פערציג טויזענד רו־

בעל? איך האָב מיך שוין אַזוי בעוואָרענט אין קאָנטראַקט. דער גאַנצער אחריות איז זיינער.

— וואָס? — האָט אויסגעשריען דער פּראָקוראָר.

— וואָס דו הערסט, פּריץ! — האָט ניט אויפגעגעבען דער פּאַסעסאָר זיין רוהיגען טאָן און ניט אַרויסגענומען די הענד פון די קעשענעס.

— פּאַסמאַטרים! — האָט איהם צוגעוואָרפען דער פּראָקוראָר, און האָט זיך אויסגעדרעהט צו איהם און האָט זיך געלאָזט געהן פון טאַיק.

דער עקאָנאָם האָט זיך אַזוי ווי געשעהמט אויצוהויבען דעם קאָפּ און איז איהם נאָכגעגאַנגען ווי אַ פעראורטיילטער.

דער סאַדעגורער חסיד

ראָזענבערג איז געווען אַ סאַדעגורער חסיד, מיט אַן אייזערנעם בטחון פריהער אין גאָט און נאָכדעם אין רבי׳ן, און דערצו נאָך אַ איד אַ גביר און אַ נצחן. ער איז געבליבען אויף׳ן טאַיק מיט די הענד אין די קעשענעס און האָט ווייטער געקאָמאַנדעוועט ווי אַ מלך.

פונדעסטוועגען האָט דער פּאַסעסאָר באַלד פערלוירען זיין רוהיגע און קאַלטבלוטיגע שטימונג. דעם פּראָקוראָר׳ס ווערטער האָבען ווי אַ גיפט אָנגע־הויבען באַלד צו ווירקען גלייך ווי ער איז אָבגעפאָהרען. ער האָט געהייסען איינ־שפּאַנען זיינע פערד, וועלכע האָבען געקאָסט מעהר פון גענעראַל׳ס שפּאַן און איז אַוועק אין הויף אריין, וועלכער איז געווען 7 וויאָרסט ווייט פון דעם טאַיק, וואו עס האָט איהם געטראָפען דער פּראָקוראָר.

די גענעראַלשע האָט דערזעהן דעם אידישען פּאַסעסאָר איהרען צום ער־שטען מאָל. ווען דער גענעראַל האָט איהם פערדונגען די פּאַסעסיעס איז זי גראַד געווען אין דער נאָהענטער גרויסער שטאָדט, וואוהין זי איז געפאָהרען איינקויפען פערשיעדענע זאַכען. המן דער מעקלער האָט געטשאַטעוועט און אָבגעוואָרט דעם טאָג און האָט באַלד געבראַכט דעם פּאַסעסאָר און מ׳האָט שנעל אָבגעשלאָסען דאָס געשעפט אויף אַ פשוט רוסיש שלים־צעטעל.

ראָזענבערג אַליין איז געווען אַ גוטס־בעזיצער, דער לעצטער אידישער „פּאָמיעשטשיק" אין דער גובערניע, און די אידען האָבען איהם געשאַצט אין אַ האַלבען מיליאָן רובעל. זיין קרעדיט אין די בענק איז געווען אונבעשרענקט און גערדרעהט האָט דער סאַדוגערער חסיד געשעפטען אויף סומען, וועלכע ער האָט אַליין שוין ניט געקענט אויסרעכענען. געקענט האָבען איהם אַלע פּריצים פון ווייט אַרום אויסער די גרענעצען פון דער גובערניע. געהאַקט האָט ער וואַלד בשותפות מיט׳ן גענעראַל־גובערנאַטאָר אַליין, און דער חסיד מיט׳ן לאַנ־גען טלית־קטן פלעגט ניט נתפעל ווערען פאַר קיין גראַף און פאַר קיין קניאַז. די יונגע גרעפין פאָן־מעק, וועלכע האָט געהאַט מאַיאָנטקעס אין דער גובערניע און געשעפטען מיט דעם חסיד, איז געווען זיין כפרה. זי פלעג זיך מיט איהם כסדר עצה׳ן און זיך בערימען פאַר איהרע בעקאַנטע אַריסטאָקראַטען, אַז זי איז פאַרליעבט אין דעם אַלטען אידען. דער חסיד פלעגט דערפאַר אריינפאָה־רען אין גרעסטען הויף מיט ווענינער יראת הכבוד ווי צום סאַדעגורער

רבי'ן. אזוי איז ער איצט אויך צוגעפאָהרען צום גענעראל, וועלכען ער האָט געטראָפען אויף דער וועראַנדע.

ווי אַ יונגער מאַן איז דער געפוצטער איד טשעפּקע ארויסגעשפּרונגען פון פייעטאָן, ארויפגעגאַנגען אויף דער ווערא‏נדע און האָט דערלאַנגט דעם גענע־ראל די האַנד.

אַז די גענעראלשע האָט דערזעהן פאַר איהרע אויגען דעם זשיד, וועלכער האָט אַליין אויסגעזעהן ווי אַ רבי, זיין אונגעצוואונגענעם אויפטריט און דאָס גרוסען זיך מיט איהר מאַן ביי די הענד, האָט זיך אין איהר אַנגעצונדען אַ העללישׁ פייער.

ווי־כסדר, האָט זי אַנגעהויבען ווארפען ארום זיך פרעגענדע און עמפּערטע בליקען, און שנעל פינטלען מיט די רויטע אויגען. דער גענעראל אָבער האָט זיך ניט געלאָזט ריידען אויף דער ווערא‏נדע און האָט באַלד איינגעלאַדען דעם פּאַ־סעסאָר צו זיך אין קאַבינעט אריין.

— ווער איז דער זשיד ? — האָט זי געפרעגט די טאָכטער, וועלכע איז געזעסען איבער אַ בוך.

נאַטאַשאַ האָט אויף איהר אויפגעהויבען די אויגען — אויגען פון אַ טיי־גער־צוימערין.

— איך ווייס ניט ! — האָט זי איהר בייז געענטפערט. זי האָט זיך אויפ־געהויבען און איז מיט'ן בוך אַבגעגאַנגען אין פּאַרק אריין.

ראָזענבערג האָט דערצעהלט דעם פאָטער פון זיין בעגעגעניש מיט זיין זוהן און פון דער וויסילקע מיט וועלכער יענער האָט איהם געשראָקען.

דער גענעראל האָט געקוקט אויף איהם ווי אויף אַ פּעררוקטען. זיינע יאָה־רען האָט ער פערבראַכט אין סיביר און אין קאַווקאַז, ווייט פון אידען, און דער אַלטער סאָלדאַט האָט געהאַט אַ שלעכטען בעגריף פון די אַלע בעשרענקונ־גען און גזירות, וועלכע עקזיסטירען אין רוסלאַנד בנוגע די אידען.

— ווער קען מיר פערביטען אָבצוגעבען מיין מאַיאָנטעק, מיינע פּאָסע־סיעס וועמען איך וויל ? — האָט ער געפרעגט דעם פּאָסעסאָר.

ראָזענבערג האָט זיך גענומען, מיט אַ שמייכעל, איהם אויפקלעהרען וואָס פאַר אַ ווערטה עס האָט אין רוסלאַנד אַ איד.

דעם גענעראל האָט דאָס זעהר אויפגעבראַכט, און ער האָט שוין מעהר ניט געקענט רעדען פון אויפרעגונג.

— טשעפּוכאַ ! — האָט ער ווי אויסגעשפּיגען דעם אידען אין פּנים אריין. אַזוי ווי דער איד וואָלט געווען פעראַנטוואָרטליך פאַר דער „טשעפּוכאַ”. — איהר האָט דאָ צו טהאָן מיט מיר ! מיט'ן גענעראל־אַדיוטאַנט גערשעלמאַן ! — און ער האָט איהם געהייסען זיך ניט זאָרגען און איבערנעהמען אַלע פּינף טייקען.

ראָזענבערג האָט באַלד פערלאָזען דעם גענעראל'ס קאַבינעט. אויף דער ווערא‏נדע איז שוין געווען דער יונגער גערשעלמאַן, וועלכער האָט אויפגערעגט דערצעהלט דער עמפּערטער גראָבער קאַצאַפּקע, וואָס דער פאָטער האָט אָב־געטהאָן דעם געזעץ און פערזענליך איהם, זיין זוהן.

דער חסיד און דער צורר היהודים האָבען זיך איבערגעקוקט, דער ער־

שטער מיט אַן אַרויסרופֿענדען שמייכלענדען בליק, דער צווייטער מיט אַ בליק פֿול מיט פֿערניכטענדען האַס און פּאַטאַלאָגישען עקעל.

אַז דער חסיד איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויף'ן שעהנעם, ווי אַ ליאַלקע אויס־געפּוצטען, פּייעטאַנדעל און האָט שטעהענדיג, ווי אַ אידישער פּרינץ, אַ געשריי געטהאָן צום קוטשער: „טראָגאַי!” און דער רייכער שפּאַן האָט זיך אַ ריס געטהאָן פֿון אָרט, האָט די גענעראַלשע אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד און אויסגעשריען צום זוהן אין העכסטער בעליידיגונג און עמפּערונג:

— ווי געפֿעהלט עס דיר?

— ווי פֿערד ער איז, דער זשיד! — האָט אויסגערופֿען דער פּראָקוראָר כמעט מיט צייהן־קריצעניש.

— דו ביזט דאָך אָבער אַ פּראָקוראָר! — האָט זיך געווענדעט צו איהם די מוטער מיט אויסגעשטרעקטע הענד, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געווענדעט צום פּראָקוראָר פֿאַר געזעצליכען שוץ געגען דער אידישער פֿרעכהייט, און ער וואָלט געקענט פֿערבּיטען דעם אידען צו זיין פֿערד.

דער שטורם

דער גענעראַל איז אין דערזעלבער צייט אַרומגעגאַנגען אויפֿגערעגט היך־און־צוריק איבער'ן קאַבינעט און האָט זיך געגרייט צום שטורם, וועלכער האָט שוין אויף איהם געוואַרט אויף דער וועראַנדע.

זיין מיליטערישער טעמפּעראַמענט איז אָבער תמיד געווען מעהר נוטה צו אַטאַקירען ווי צו פֿערטיידיגען זיך. אויך איצט איז ער אַרויס אויף דער וועראַנדע פֿאַר אַן אַטאַקע.

— טשטאָזש עטאָ, גאָספּאָדין פּראָקוראָר! איהר זענט עס געקומען צום טאַטען אויף אַ רעוויזע? — האָט ער זיך געווענדעט צום זוהן מיט אַן אויס־געשטרעקטער ציטערענדער ברוסט.

דער זוהן האָט אויסגעהאַלטען די בייזע בליקען פֿון פֿאָטער.

— יאָ, איך האָב זיך מיט מיינע אייגענע אויגען געוואָלט איבערצייגען אין דעם אונגלויבליכען, אונגעהערטען פֿאַקט, ווי אַזוי אַ גענעראַל־אַדיוטאַנט פֿון רוסישען דיענסט, אַן אַלטער פּראַוואָסלאַוונער גענעראַל מיט גרויסע מילי־טערישע פֿערדיענסטען, איבערטרעט דאָס רוסישע געזעץ און דעם ווילען פֿונ'ם רוסישען אימפּעראַטאָר, וועלכער האָט איהם בעשאָטען מיט זיינע חסדים, און גיט איבער די רוסישע ערד, וועלכע איז אָנגעזעטיגט מיט רוסישען בלוט און רוסישען שוויים, אין די וואוכערשע הענד פֿון אַ זשיד, וועלכער טראַכט נאָר פֿון געלד און פֿערדיענסטען און וועט נאָר זוכען די ערד אויסצוזויגען — האָט איהם פּאַטעטיש געענטפֿערט דער פֿערטרעטער און דער שומר פֿון רוסישען געזעץ.

די פּאַטעטישע מליצה פֿון פּראָקוראָר האָט מיט אַמאָל פֿערצוימט דעם גאַנצען אימפּעט פֿון גענעראַל'ס ברויזענדער אויפֿרעגונג מיט וועלכער ער איז אַרויס אויף דער וועראַנדאַ.

זיין ברוסט האָט זיך שנעל בערועגט. אַ ווייל'ע האָבען זיי זיך אָנגעקוקט

ניט ווי פֿאָטער און זוהן, נאָר ווי צוויי פֿיינדליכע און פֿערביטערטע וועלטען. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען וואַרפֿען בליקען אויף דער עמפּערטער קאַצאַפּקע, וועלכע האָט געקוקט אויף איהם מיט פֿינקלענדע, פֿערניכטענדע אויגען און צוריק אויפ׳ן זוהן.

קיין מאָל אין לעבען איז איהם די גראָבע פֿרוי ניט געוועזען אַזוי פֿרעמד, פֿיינדליך און אָבשטויסענד. ער האָט זיך אָבער מיט אַמאָל דערפֿיהלט בע־זיעגט און שוואַך פֿון דער פֿרעמדער און פֿיינדליכער וועלט און האָט נאָר גע־קענט אויסרעדען זיין געוועהנליכעס: „טשעפּוכאַ”! און האָט זיך געלאָזט שפּאַנען הין און צוריק.

דער זוהן האָט זיך הויך און בייז צולאַכט:

— שעהן! פֿיין! דאָס געזעץ און דעם צאַר׳ס ווילען טשעפּוכאַ!

די גענעראַלשע האָט אָנגעהויבען פֿערצווייפֿעלט צו ברעכען די הענד. אַזוי ווי דער גענעראַל וואָלט בעגאַנגען דעם גרעסטען חלול־הקודש.

— טשטאָ עטאָ? קרעסטאַ נאַ טעביע ניעט? (וואָס איז מיט דיר? דו טראָגסט ניט קיין צלם?) — האָט זי געפֿרעגט דעם מאַן, און אַזוי ווי ער האָט איהר ניט געענטפֿערט, האָט זי זיך ווידער געווענדעט צום זוהן:

— אַ פּראָקוראָר ביזטו צי ניין?

דאָ האָט ער שוין ניט אויסגעהאַלטען. דער כעס האָט איהם גענומען וואַרגען און שטיקען.

— איך שפּיי אויף דיר און אויף דיין פּראָקוראָר! — האָט דער אַלטער מאַן אויסגעשריען און אַזוי ווי איהר אָנגעשפּיגען גלייך אין פּנים אַריין, און איז אַוועק פֿון דער וועראַנדע.

די גענעראַלשע האָט אויסגעשריען ווי אַ פֿערוואונדעטע און איז ווי אַ גע׳חלש׳טע געפֿאַלען אין אַ שטוהל.

דער זוהן האָט זי אין זיין עמפּערטער בעליידיגונג געלאָזט חלש׳ען און האָט זיך ניט געריהרט פֿון אָרט.

אַ וויילע האָט געהערשט אַ טויטעס שווייגען. אין עטליכע מינוט אַרום איז דער גענעראַל ווידער אַרויסגעלאָפֿען אויף דער וועראַנדע, אָבער שוין אָנ־געטהאָן אין אַ גאָלדענעם פּאַראַד־מונדיר, וועלכער איז געוועזען בעהאַנגען מיט אַ לאַנגער שורה פֿון בריליאַנטענע, אויף דער ברוסט ציטערענדע צלמים און מעדאַלען. אין דער זייט פֿון גאָלדענעם מונדיר איז געהאַנגען אַ שווערד מיט בריליאַנטען, וועלכע ער האָט געקראָגען פֿונ׳ם צאַר אין לעצטען קריעג.

דער גענעראַל אַדיוטאַנט האָט זיך אויסגעצויגען פֿאַר׳ן זוהן ווי פֿאַר׳ן צאַר, אין דעם גאַנצען גלאַנץ פֿון זיין גלענצענדער מיליטערישער קאַריערע און האָט זיך געווענדעט צו איהם מיט די ווערטער:

— און איך וועל פֿרעגען דעם צאַר, אויב אַ גענעראַל פֿון מיינע מילי־טערישע פֿערדיענסטען האָט ניט קיין רעכט צו באַלעבאַטעווען אין זיין איי־גענעם מאַיאָנטעק ווי אַזוי זיין האַרץ וויל, ווי אַזוי ער האַלט עס פֿאַר נוציליך.

דער פּראָקוראָר האָט זיך צולאַכט איהם גלייך אין פּנים אַריין בייז און שפּאָטיש, ווי מען לאַכט פֿון אַ נאַר.

— רוסלאַנד ווערט רעגיערט אויפ׳ן גרונד פֿון פֿעסטע און בעשטימטע געזעצען, וועלכע זיינען הייליג פֿאַר יעדען, אפֿילו פֿאַר׳ן צאַר. אפֿילו דער

רוסישער אימפּעראַטאָר געהאַרכט דעם געזעץ, וועלכער מאַכט קיין אויסנאַהמען מיט קיינעם — האָט איהם געענטפערט דער פּראָקוראָר מיט אַ בעלעהרענדען טאָן, ווי מען לערנט אַ נאַאיוו קינד.

זיינע גרינע אויגען זיינען שוין אָבער געשפּרונגען פון זייערע לעכער פון אויפרעגונג.

— און בעסער וועט זיין זיך צו רעכענען מיט'ן זשיד און ניט שענדען דעם אַלטען קאָפּ אייערען און מיך... איהר וואָלט פון מיין קאַריערע אויך בעדאַרפט אַ טראַכט טהאָן — האָט בייז געענדיגט דער פּראָקוראָר.

וואָהנזיניג איז געוואָרען דער אַלטער קראַנקער מאַן, אַז ער האָט דער־הערט דאָס וואָרט „קאַריערע".

— אַ ליגען ! — האָט ער אויסגעשריען און אַ טופּע געטהאָן מיט די פיס — רוסלאַנד ווערט רעגיערט ניט פון פעסטע געזעצען, נאָר פון יונגע און אַלטע קאַריעריסטען ווי דו, וועלכע שמייסען און קנוטעווען פּויערים ביז צום טויט, פיהרען ראָמאַנען מיט אַלטע עקעלהאַפטע שליאַכעס ווי דיין גרעפין איז און שטעלען זיך צוליעב זייער קאַריערע פאַר קיין זאַך ניט אָפּ... דעם איי־גענעם פאָטער וועלען זיי זיך ניט אָפּשטעלען צו הענגען...

די מוטער פון בעליידיגטען זוהן האָט ווידער אויסגעשריען אַזוי ווי מען וואָלט איהר דערלאַנגט מיט אַ האַק איבער'ן קאָפּ, און אַלע זיינען מיט אַמאָל שטיל געוואָרען.

דער פאָטער אַליין האָט זיך איבערגעשראָקען פון זיינע ווערטער און איז געפאַלען ערשעפּט אין שטוהל. דאָס הארץ האָט זיך אָבגעשטעלט און דער טויט האָט איהם פּלוצים אריינגעקוקט אין פּנים אריין אַזוי נאָהענט, אַז ער האָט דערפיהלט אויף זיך זיין אָטעם. ער האָט זיך אָבער איצט ניט איבערגע־שראָקען פאַר איהם און האָט איהם ערוואַרט מיט אַ מין נייגיעריגקייט... גלייכ־גילטיג געוואַרט, ווי אויף אַן ערלייזונג פון דער פיינדליכער, פינסטערער וועלט, פון וועלכער ער איז אַנטלאָפען און וועלכע איז איהם נאָכגעלאָפען און האָט איהם ניט געוואָלט אַרויסלאָזען פון איהרע גרויזאַמע הענד.

מ ל כ ה

צווישען די אַקאַציעס איז ערשיענען מלכה די לאַנגע.

די אידענע האָט אַרויפגעקוקט אויף דער וועראַנדע צום גענעראַל מיט אַן אויסגעקרימטע בעטענדען מויל, פון וועלכען עס האָבען אַרויסגעקוקט איהרע גרויסע, קרומע צייהן, ווי ביי אַ בעטענדען און געשלאָגענעם הונד.

די גענעראַלשע האָט אויפגעוואַכט, האָט אָנגעהויבען לויפען איבער דער וועראַנדע און רופען די לאַקייען און דיענער.

ווי אין אַ חלום האָט דער קראַנקער, פון טויט שוין פּערקלעמטער ברודער צוגעקוקט ווי אַזוי פּעטרושאַ דער גערטנער איז אַרויסגעלאָפען מיט אַ בעזים פון דער אָראַנזשעריע און האָט זיך גענומען שלאָגען די אָרימע אידענע איבער'ן קאָפּ, ווי אַזוי די גראָבע קאַצאַפּקע האָט געוואָרפען פון דער וועראַנדע מיט די הענד ווי אין אַ ווילדען טאַנץ און האָט געשריען :

— שטאַרקער ! שטאַרקער ! זאָל זי מעהר ניט קריכען, די פּאַרכאַטע זשידאָווקאַ !

אַרונטערגעשריען האָט אויך פון דער ווערענדע מיט אַ ווילדער און פרעמ־דער שטימע דער פּערטרעטער פון רוסישען געזעץ.

דער גענעראַל האָט געוואָלט אויסשרייען, אַרונטערלויפען און זי שיצען. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט ריהרען פון אָרט, ווי אַ געלעהמטער און גע־שמיעדטער, ווי ביי דער נאַכט ווען דער זוהן איז אַנגעקומען, ווען דער קאַש־מאַר האָט צוגעדריקט זיין ברוסט ווי אַ באַרג.

ווי דאַן אין קאַשמאַר האָט דאָס לאַנגע לעבען אַנגעהויבען לויפען פאַר זיינע אויגען אין אַ ווילדען און שנעלען טאַנץ. פון איין זייט די פרעמדע געשלאַגענע אידענע, זיין אייגענע שוועסטער ; פון דער אַנדערער זייט דער פרעמדער פּראָקוראָר — אַן אייגענער זוהן, מיט אַ פּנים, אויסגעקרימט פון פּאַ־טאָלאָגישען עקעל און צוגלייך מיט אַ ברוטאַלער, סאַדיסטישער פרייד איבער'ן פּאַנישען שרעק, אין וועלכער די אידענע האָט זיך געדרעהט אונטער פּעט־רושקע'ס שטעקענס.

— לופּי ! לופּי יעיאַ, זשידאָווסקויו סוואָלאַטש ! — האָט געשריען דער פּראָקוראָר אין בייזען און ווילדען עקסטאַז און האָט זי שיער ניט דער־וואָרגען מיט'ן פרייד און פערגעניגען.

פּלוצים איז ווי אַ שוואַלב, ביי וועלכער מען האָט צוראַבעוועט די נעסט, פון ערגעץ אַרונטערגעפלויגען נאַטאַשאַ, אַ קליינע, אָבער אַזאַ ווילדע און עמפּערט שרייענדע, אַז איהר געשריי האָט דעם פאָטער צושפּאָלטען דאָס האַרץ מיט'ן מח.

זי האָט אַרויסגעכאַפּט פון פּעטרושאַ'ס האַנד דעם בעזים און האָט אָנ־געהויבען שלאָגען דעם גערטנער איבער'ן קאָפּ מיט אַ ווילדערוואוטה.

פּעטרושקאַ איז אָבגעשפּרונגען אַ דערשראָקענער און איז אוועק.

דערנאָך האָט זי אָנגעהויבען צו פּאָכען מיט'ן בעזים און שרייען אויפ'ן ברודער און דער מוטער.

ביידע זיינען געבליבען שטעהן געלעהמטע, שטומע און טויט־בלייכע.

דער הונד איז אָנגעלאָפען מיט אַ ווילדען בילען און נאַטאַשאַ האָט איהם דערלאַנגט מיט'ן בעזים איבער'ן קאָפּ און דער הונד האָט געשפּאָלטען די לופט מיט זיין קלאַגענדען ליאַרעם. נאַטאַשאַ האָט אָנגעכאַפּט די אונגליק־ליכע אידענע ביי די הענד, האָט זי געגלעט, פון זיך אַרונטערגעכאַפּט דאָס זייגערל, די פינגערלעך פון איהרע פינגער און געשטופּט דער אידענע אין די הענד און זי געטרייסט און געבעטען אום פערצייהונג.

די אידענע האָט געקוקט איבער איהר קאָפּ צו איהם, צום גענעראַל, מיט צוויי בעטענדע און רופענדע אויגען, אַזוינע פיינליכע און ברענענדע אויגען, וועלכע שרעקען מעהר ווי די אויגען פון וואַרטענדען טויט.

צוגעקאַוועט צו זיין שטוהל מיט'ן טויט'ס בליקען אויף זיך, האָט ער זיך אָבער ווי אין חלום ניט געקענט ריהרען פון אָרט. די גאַנצע שנעל און ווילד־לויפענדע ווירקליכקייט געהט איבער אין חלום ווי אין אַ ווילדען קאַשמאַר, וועלכער ציהט זיך לאַנג ווי דאָס לעבען... דויערט אַ אייביגקייט... ער זעהט אָבער אין חלום די ווירקליכקייט, פיהלט אויף זיך איהר לעבעדיגען און בריהענ־

דען אָטעם, קען זיך אָבער ניט ריהרען פֿון אָרט, דאָס קראַנקע האַרץ האָט זיך שוין אָבגעשטעלט און איז טויט...

דערפֿיהלט האָט ער צוריק זיין שוואַכעס און מיעדעס קלאַפּען ערשט אין בעט, איבער וועלכען עס איז שוין געשטאַנען אַ אידישער יונגער מאַן, דער דאָקטאָר פֿון שטעדטעל, און נאַטאַשאַ, מיט צוויי פֿערוויינטע און פֿערצווייפֿעלטע אויגען...

נאַטאַשאַ׳ס האַרץ

דער גענעראַל האָט זיך נאָכ׳ן האַרצשלאַג ערהאָלט. דער אַנפֿאַל איז געוועזן אַ לייכטער. דער סקלעראָז האָט אָבער פּראָגרעסירט און געטהאָן נאָך אַ שריט אַנטקעגען דעם טויט. מען האָט געקענט ערוואַרטען אַ צווייטען אַנפֿאַל און שוין דעם לעצטען. דער דאָקטאָר האָט עס פֿון נאַטאַשאַ׳ן ניט בעהאַלטען און זי האָט עס אַליין גוט פֿערשטאַנען.

און דער געדאַנק האָט נאַטאַשאַ׳ס נשמה אַריינגעשליידערט אין אַ טויט־פּאַניק. צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען האָט זי דערפֿיהלט, אַז נאָכ׳ן פֿאָטער׳ס טויט בלייבט זי איינזאַם און אין אַ פֿיינדליכער און פֿרעמדער וועלט, אונבעשיצט און בעדראָהט, און די וועלט, בעזונדערס דער ברודער, וועט אויף איהר ניט האָבען קיין רחמנות.

דער אינצידענט מיט דער געשלאָגענער אידענע און פֿריהעריגע פֿערדעכטיגע אינצידענטען, וועלכע האָבען זיך געזאַמעלט אין די טיעפֿענישען פֿון אונבעוואוסטזיין; דעם פֿאָטער׳ס זינלאָזע ווערטער, וועלכע האָבען זיך ביי איהם אַרויסגעריסען אין זיין גייסטיגער און קערפּערליכער גסיסה, ווען ער איז געלעגען אין בעט, אַלעס צוזאַמען האָט פּלוצים געוואָרפֿען אַ נייעם שיין אויף די לעצטע צוויי יאָהרען פֿון זיין פֿאַמיליען־לעבען, וואָס איז געוועזן פֿול מיט קריעג און דראַמאַטישע עפּיזאָדען און סצענעס. ביי דעם שיין, ווי ביים צאַנקען פֿון אַ בייזער און דונקעלער אַהנונג האָט זי מיט אַמאָל דערזעהן דעם אָבגרונד, פֿאַר וועלכען דער אַלטער מאַן איז איצט געשטאַנען... אַ בליץ פֿון זיין זעעלען־טראַגעדיע האָט בעלויכטען און מיט אַ טויט־שרעק צושפּאָלטען איהר מח... די אַהנונג איז אָבער צוריק אַנטלאָפֿען אין די טיפֿעניש פֿון אונבעוואוסטען, זיך דערשראָקען פֿערשטעקט אין די טיעפֿע קעלערען פֿון איהר נשמה...

דער אָבגרונד איז געוועזן אַזוי שרעקליך, אַזוי אומגעלומפּערט גרויזאַם און אונמעגליך, הויפּטזעכליך אונגלויבליך, אַז דער שיין וועלכער האָט איהם אויף אַ מאָמענט בעלויכטען פֿאַר נאַטאַשאַ׳ס אויגען, איז אַליין אַנטלאָפֿען פֿון איהם פֿון שרעק... אַזוי אַנטלויפֿט דערשראָקען און פֿערשווינדעט דער בליץ, וואָס צושפּאַלט די פֿינסטערע נאַכט...

און די פֿינסטערע נאַכט האָט צוריק אַרומגעכאַפּט נאַטאַשאַ׳ס מח, איהר נשמה... זי האָט ווייטער ניט געוואוסט וואָס עס טהוט זיך אַרום איהר, וואוהין זאָל זי געהן...

די פֿיינדליכע געשטאַלטען זיינען שוין אָבער געוואַקסען פֿון אַלע זייטען, געדראָהט און געלויערט אין יעדען ווינקעל... איהרע אויגען האָבען זיך גע־

גראַבען אין דער ארומיגער פּינסטערניש... דאָס פּערציטערטע הארץ האָט ער־ווארט דעם אָנפאַל פון יעדער זייט און האָט ניט געוואוסט פון וואַנען דער פיינד וועט זי איבערפאַלען מיט א טויט־קלאַפּ.

בעוועגט פון זעלבסטשוץ האָט זי געוואָלט נעהמען דעם אַלטען מאַן און אַנטלויפען מיט איהם פון דער פינסטערער און דראָהענדער וועלט, רעטען זיך און איהם. זי האָט מיט איהם ווידער געוואָלט פאָהרען קיין אויסלאַנד, צו די גרויסע פּראָפעסאָרען, קיין איטאַליען. דער אַלטער האָט זיך אָבער דערפון הארטנעקיג אָבגעזאָגט און האָט ניט געוואָלט פערלאָזען זיין בעט און דאָס צימער.

— איך וויל ניט שטאַרבען אין וואַנגאַן אָדער אין א האָטעל — האָט ער געזאָגט צום דאָקטאָר, וועלכער האָט איהם געהייסען פאָהרען קיין אויסלאַנד.

דער זוהן איז נאָך געווען, צום פאָטער אָבער איז ער ניט אריינגעגאַנגען. פון דער פרוי פלעגט זיך דער מאַן אויסדרעהען צו דער וואַנד מיט א קאַנ־וואולסיוועז ציטער און זי האָט זיך אויך בעליידיגט און אויפגעהערט אריינ־צוגעהן אין זיין צימער און געקוקט אויף דער טאָכטער מיט א גרעסערען האַס ווי פריהער.

און דער פּאַרק איז געשטאַנען הינטער די פענסטער אין דער גאַנצער גלענצענדער פראַכט פון זיין זומער־שעהנקייט, אזא רוהיגער און זיכערער, און האָט גערופען און געלאָקט מיט דער דופּטענדער מוזיק פון זיין סודות'דיגען לעבען, וועלכעס האָט מיט מיליאָנען בעשעפּענישען געווימעלט צווישען זיינע צווייגרייכע הונדערט־יאָהריגע בוימער צווישען די פּעטע, מיט זאַפט־געזע־טיגטע גראָזען, געצוויטשערט און געזונגען פון זאַטער לעבענס־פרייד און לע־בענסלוסט.

ביינאַכט פלעגט דער געזאַנג מיט'ן פּעטען דופט זיך גיסען דורך די אָפענע פענסטער, אַנפילען און ווארפען ביידע הערצער, דאָס אַלטע און דאָס יונגע פון דער טאָכטער, וועלכע פלעגט ניט ווערען אָפּטרעטען פון זיין בעט, אין איין קלעמענדען און אונרוהיגען ציטער.

דער פאָטער פלעגט זיך אָבער ניט לאָזען ארויספיהרען פון צימער. ווי א געיאָגטע חיה פערשטעקט זיך אין א לאָך, האָט ער זיך דאָרט בעהאַלטען פון זיינע פערפאָלגער און נאַטאַשאַ האָט געוואוסט, אז כל־זמן די פערפאָלגער: די מוטער און דער זוהן וועלען בלייבען אין שלאָס, וועט ער פון דאָרט ניט ארויס.

דער פּאָסעסאָר צורעכענט זיך

אין א פּאָר טעג ארום איז דער פירשט שאַכאָווסקאָי געקומען צו גאַסט צו זיין יוגענד־קאַמעראַד, צום פּראָקוראָר.

דעמזעלבען אָוונד האָט זי דער ברודער איינגעלאַדען אויף א געשפּרעך.

— דער מאָיאָנטעק איז דיינער, שוועסטער'ל... איך האָב גאָרניט גע־וואוסט — זיינען געווען זיינע ערשטע ווערטער.

ער האָט געוואָלט א שמייכעל טהאָן דערביי, דער שמייכעל אָבער איז ארויס א קרומער און אָבשטויסענד־שלעכטער. די ווערטער האָבען זיך אָב־געריסען מיט אזא גיפטיג־בייזען און דראָהענדען טאָן: זיין געלבער, שווין

אָבגעלעבטער און פאַר דער צייט געעלטערטער פּנים האָט אָבגעשפּיגעלט אַזאַ קאָכענדע, מיט גרויס מיה דערשטיקטע האַס צו איהר, אַז דאָס בלוט איז פערגליווערט געוואָרען אין די אָדערען פון דער גוטער נאַטאַשאַ.

אַזוי ווי זי וואָלט דערזעהן פאַר זיך ניט קיין ברודער, נאָר דעם מלאך־המות אַליין.

ערשט איצט האָט זי דערפיהלט די בעדייטונג פון דעם, וואָס דער פאַטער האָט געקויפט דעם מאַיאָנטעק אויף איהר נאָמען: זי האָט עס ביז אַהער אויפגעפאַסט נאָר אַלס אַ פאָרמאַליטעט, אַ פאַקט אָהן אַ וויכטיגען אינהאַלט.

ווי אַ בליץ צורייסט די פינסטערע נאַכט, אַזוי האָט דער פאַקט ווידער מיט אַמאָל צוריסען און בעלויכטען דעם פּלאָנטער פון פאַטער'ס לעבען, זיינע טראַגישע פאַמיליען־פערהעלטניסע. דיזעלבע בייזע אַהנונג האָט ווידער געוואָרפען אַ שיין אויף זיין לעבען און ביי דעם שיין האָט זי נאָך אַמאָל דערזעהן דעם שרעקליכען אָבגרונד און זי האָט אויפגעשוידערט און דער צונג האָט ניט געקענט זיך בעוועגען פון שרעק און ענטפערען.

דעם ברודער אָבער איז איהר איבערגעשראָקען געזיכט געפעלען געוואָרען.

דער בייזער, אָבגעלעבטער פּנים זיינער, די גרינע, קאַצישע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט דעם פערגעניגען פון אַ פייניגער, מיט אַ פרייד פון אַ בייזען טייוועל.

— דערפון וועלען מיר ריידען אַ אַנדערש מאָל... איך וועל ריידען מיט'ן אַלטען אַליין... זאָל דער אַלטער אַביסעל קומען צו זיך... איך גלויב, אַז פון דעם געלד געהערט אַ גרויסער טייל דער מוטער און מען האָט זי אויך בעדאַרפט פרעגען. מיר זיינען צוויי ברידער. אַליאָשאַ דאַרף ערשט לערנען און מאַכען אַ קאַריערע... יאָ, דערפון וועלען מיר ריידען אַ אַנדערש מאָל. פאָלויפיג בעפעהל איך דיר, אַלס דער עלטסטער אין דער פאַמיליע, אַז דו זאָלסט זיך צורעכענען מיט'ן זשיד דעם פאַסעסאָר, איהם אָבגעבען זיין געלד און איהם הייסען געהן פון דאַנען. פאַר'ן איבריגען וועל איך שוין זאָרגען. ער וועט ביי מיר געהן אַהין וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. צופוס וועט ער שוין געהן מיט'ן עטאַפּ און וועט שוין ביי מיר ניט פאָהרען אין קיין פאַיעטאָן געשפּאַנט מיט טויזענד רובעלדיגע שוואַרצע פערד.

די קליינע נאַטאַשאַ איז געקומען צו זיך און האָט זיך אויסגעצויגען אַזאַ מעכטיגע אין איהר טראָץ.

— יאָ, דער מאַיאָנטעק איז מיינער און איך בין די באַלעבאָסטע פון איהם. און אַלס די באַלעבאָסטע פון דעם שלאָס, אין וועלכען איהר, הערר פּראָקוראָר, זייט נאָר מיין גאַסט, בעט איך אייך צו פערלאָזען איהם און אומקעהרען זיך צוריק קיין פּעטערבורג מאַכען ווייטער אייער גלענצענדע קאַריערע. ווען איהר וועט אָוועקפאָהרען וועט דער אַלטער קראַנקער מאַן וועניגסטענס קענען אַרויסגעהן פון זיין צימער און כאַפּען אַ פרישען אָטהעם־צוג.

ער האָט אויפגעהויבען די האַנט גרייט זי צו שלאָגען אין בלינדער וואוטה. זיין פּנים איז געוועזן ווילד אויסגעקרימט, ווי ביי אַ תלין...

נאַטאַשאַ האָט זיך ניט אָפּגעווענדט.

— איך וואָלט עס געוואָלט זעהן — האָט זי געזאָגט רוהיג און בעוועלטיגט און האָט צוגערוקט נעהענטער איהר פּנים. און די בעוועגונג, דער דרייסטער

קוק פון דער קליינער שוועסטער, האָט געלעהמט די אויפגעהויבענע האַנד, וועלכע איז געבליבען אונבעוועגליך הענגען אין דער לופט פאַר איהר פּנים.

— פּאַסמאַטרים! — האָט ער ווי אַ בייזער שלאַנג איהר שטיל צוגע־וואָרפען צווישען די געשלאָסענע צייהן און האָט זיך פון איהר אָפּגעווענדט.

אויף׳ן צווייטען טאָג האָט דער פירסט שאַכאָווסקאָי גערופען צו זיך אין שלאָס דעם פּאַסעסאָר און האָט איהם אין נאָמען פון גובערנאַטאָר געהייסען זיך אויסצורעכענען מיט דער גוטס־בעזיצערין און אויפגעבען די פּאַסעסיע.

און ראָזענבערג דער נצחן האָט באַלד געפאָלגט און האָט זיך צורעכענט.

אויף׳ן צווייטען טאָג איז דער גאַסט מיט׳ן ברודער אוועקגעפאָהרען פון מאַיאַנטעק. די געגנעראַלשע האָט, אַ בעליידיגטע, זיך אויך גענומען פּאַקעווען און גרייטען זיך אין וועג אַריין קיין סאַראַטאָוו, וואו זי האָט געהאַט אַן איי־גענעם מאַיאַנטעק.

דער מיזינעק סעריאָזשע

אַז דער פּראָקוראָר איז אוועקגעפאָהרען האָט דער אַלטער קראַנקער מאַן צוריק אויפגעלעבט.

דער געדאַנק, אַז ער וועט בלייבען צוריק מיט נאַטאַשאַ׳ן אַליין אין שלאָס, אַז דאָס לעבען זיינס וועט ווערען צוריק איינזאַם און רוהיג, האָט איהם אַנגעפיהלט מיט דער זיסער און מונטערער פרייד פון בעפרייאונג.

און באַלד האָט ער ווידער אָנגעהויבען צו שפּאַצירען אין פּאַרק, אַרומ־פּאָהרען איבער זיינע דערפער און זיך צוריק אינטערעסירען מיט׳ן באַלעבאַ־טישקייט.

די ערד איז צוריק איבערגעגאַנגען צו איהם פון דעם אידישען פּאַסעסאָר, וואָס האָט זיך געמוזט צורעכענען, און דער מאַיאַנטעק האָט איהם איצט ווידער געגעבען בעשעפטיגונג און זאָרגען.

ער פלעגט אָבער אָפּרוהען אויף די קינדער־עראינערונגען, וואָס פלעגען אויף איהם לויערן און וואַרטען אין שטעדטעל, אין אומעטום, וואוהין ער איז נאָר געקומען. די עראינערונגען פלעגען פאַר איהם אויסוואַקסען אויף יעדען שריט, אַזעלכע פרישע און לעבעדיגע, אַזוי ווי זיי וואָלטען פּאַסירט ערשט ניט לאַנג, און פלעגען קלעמען דאָס קראַנקע האַרץ מיט אַ זיסער און מעלאַנכאָלי־שער פרייד, מיט אַ שוידערנדער איבערראַשונג.

באַלד אָבער איז אונגעריכט געקומען צו גאַסט דער צווייטער זוהן, דער קאַדעט סעריאָזשאַ.

צוליעב דעם גאַסט, וועלכער איז געקומען אויף וואַקאַציעס, איז שוין די מוטער אויך פערבליבען אויף אַן אונבעשטימטער צייט, כאָטש זי האָט ניט אויפגעהערט צו סטראַשען, אַז זי וועט אוועקפאָהרען אויף אייביג, און ניט זי און ניט די זיהן וועלען דעם זשידאָווסקען פערפלוכטען מאַיאַנטעק מעהר אָנקוקען.

סעריאָזשאַ איז געווען די מוטער מיט די ביינער...

דאָס איז געווען אַ הויכער און ברייט־פּלייציגער 19־יאָהריגער שייגעץ, מיט אַ ברייטער עכט־רוסישער צופּלעטשעטער נאָז אויף אַ ברייטען פּנים.

וואָס איז געווען איינגעטונקט אין גרויסע געלע פלעקען, מיט צוויי קליינע קאַלעמוטנע אויגעלעך, וועלכע האָבען תמיד געפינטעלט, ווי ביי דער מוטער.

דערצו איז ער נאָך געווען אַ רויטער און אַ האָריגער, מיט אַ פּאָר געדיכט בעוואַקסענע הענט, ברייטע ווי לאָפּעטשעס, מיט אַ שמאָלען און קורצען שטערען, וועלכער האָט זיך פון זיין ברייטען פּנים באַלד געוואָרפען אין די אויגען.

די רויטע האָר האָבען זיך ביי איהם אָנגעהויבען נידעריג אויפ'ן שמאָלען שטערען; און שיטער און קורץ געשאָרען, האָבען זיי ביי איהם געסטאַרטשעט ווי רויטע חזיר־האָר.

דעם פּאָטער האָט ער בעגעגענט ערשט אויפ'ן צווייטען טאָג, אויף דער וועראַנדאַ.

ער איז ניט צוגעגאַנגען צו איהם און האָט איהם ניט בעגריסט, ווי אַ קינד צו אַ פּאָטער, נאָר ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבען פון אָרט און האָט זיך פאַר איהם אויסגעצויגען, ווי אַ סאָלדאַט פאַר אַ גענעראַל.

נאַטאַשאַ האָט זיך הויך און הערצליך צולאַכט, און דער פּאָטער האָט איהם צוגעוואָרפען אַ גוטמוטיגען: „דוראַק״!

זיין פּנים איז געוואָרען נאָך רויטער און פערשעהמטער, ער האָט אָנגע־הויבען שנעל צו פינטלען מיט די אויגען, איז צוגעלאָפען צום פּאָטער און האָט איהם אַ קוש געטהאָן אין דער האַנט.

— ביזט אַריבער אין העכערען קלאַס? — האָט איהם געפרעגט דער פּאָטער כלומרשט מיט אַ שטרענגען טאָן.

— מען ווייס נאָך ניט... מען קאָן נאָך ניט וויסען, פּאַפּאַשאַ! — האָט איהם שנעל געענטפערט דער קאַדעט.

— וואָרום?

— וואָרום? וואָרום? מען קאָן נאָך ניט וויסען!... איך וועל עס וויסען אין סעפּטעמבער... אין סעפּטעמבער וועל איך עס וויסען, פּאַפּאַשאַ! — האָט איהם אין דער העכסטער פערלעגענהייט שנעל און מיט אַ סאָלדאַטסקער אונ־טערטעניגקייט פערזיכערט דער קאַדעט.

— אָה, סעפּטעמבער! איך פערשטעה שוין — און דער פּאָטער האָט אויף איהם אָנגעשטעלט אַ פּאָר שטרענגע אויגען איבער די ברילען.

דער זוהן האָט ווידער אויסגעצויגען די הענט אין דער לענג פון גרויסען קערפּער זיינעם, און איז פערגליווערט געוואָרען אין דער פּאָזע פון אַ סאָלדאַט, ביז דער גענעראַל האָט איהם ניט בעפוילען:

— סטופּאַי!

דאָן האָט ער זיך מיליטעריש אויסגעדרעהט און איז מיט איין שפּרונג אַראָב פון דער טעראַסע אין פּאַרק אריין.

אַזוי האָבען זיך בעגעגענט פּאָטער און זוהן.

ביידע, דער פּאָטער און די שוועסטער, האָבען אַזוי ווי אויסגעמיטען פון איהם אַ וואָרט צו רעדען. איבעריגענס איז שוין פון איהם לאַנג געווען אָבגע־רעדט, און די גאַנצע פאַמיליע, אפילו די מוטער, האָט שוין פון איהם וועניג וואָס ערוואַרט.

און דער קאַדעט האָט גוט געוואוסט זיין אָרט אין דער פאַמיליע און האָט זיך ניט געוואָרפען אין די אויגען...

מיט'ן ביקס אויף די פּלייצעס און מיט צוויי יאַגד־הינט האָט ער באַלד אַנגעהויבען פערשווינדען אויף גאַנצע טעג אין וואַלד און אין די זומפּען.

און באַלד האָט ער געקענט יעדער ווינקעלע אין דעם גרויסען מאַיאַנטעק און האָט ענטדעקט אַ רייכטום פון ווילדע קאַטשקעס און „ריאַבטשיקעס". ווי אַז עכטער יעגער האָט ער ערקלערט דער מוטער, אַז ער וועט מיט איהר שוין קיין סאַראַטאָוו ניט פאָהרען און ער וועט פערברענגען די וואַקאַציעס דאָ אויף דער יאַגד.

ווי עשו האָט ער דעם ערשטען רויב זיינעם געבראַכט דעם פאָטער אַלס אַ מתנה, און האָט בעגייסטערט אַנגעהויבען צו דערצעהלען און בעשרייבען די ענטדעקטע וועלט און איהם מיט נאָטאַשאַ'ן איינגעלאַדען מיט זיך אויף דער יאַגד.

— ניעפּרעמעננאַ, איהר מוזט מיט מיר געהן, פּאַפּאַשאַ! — האָט ער זיך געבעטען ביי דעם פאָטער און ביי דער שוועסטער.

און אַז זיי האָבען זיך ניט אָבגערופען אויף זיין יעגערשער בעגייסטערונג, האָט ער אַנגעהויבען צו זוכען אויפ'ן דאָרף אַנדערע חברים. און באַלד האָט ער זיך בעקענט מיט'ן פּריסטאַוו, מיט'ן שרייבער פון וואָלאָסט און מיט'ן גלח'ס זוהנדעל, אַ סעמינאַריסט.

עס האָט זיך אַנגעהויבען אַ לוסטיג לעבען פון יאַגט, פון הוליאַנקעס אויפ'ן דאָרף, מיט שיקסעס און וועטשערינקעס. ער האָט אויפגעהערט צו קומען נעכטיגען אין שלאָס, און די מוטער האָט איהם אויפגעהערט צו זעהן גאַנצע טעג אין די אויגען.

איבעריגענס האָט זיך קיינער, אַחוץ איהר, וועגען איהם ניט געקימערט. די מוטער אָבער איז געוואָרען אונרוהיג, האָט געשיקט דעם עקאָנאָם איהם זוכען, און דער סובאָטניק האָט איהם נאָך אַ שכור'ער נאַכט געפונען אין דאָרף אויף אַ בוידעם, אַ ווילד צופּאַטעלטען און אָבגעריסענעם, מיט אַן אַנגעשוואָלע־נעם פּנים פון לאַנגער שכרות און שלאָפלאָזע נעכט.

אָהיים אין שלאָס אַריין האָט דער סובאָטניק איהם שוין אין אַזאַ ווילדען צושטאַנד ניט געקאָנט ברענגען, און ער האָט איהם געבראַכט צו זיך אין דער עקאָנאָמיע אַריין...

אָבער באַלד האָט זיך דערפון דערוואוסט פּעטרושקאַ דער גערטנער, און האָט דאָס דערצעהלט דער גענעראַלשע.

זי האָט געהייסען איינשפּאַנען די פערד און איז צוגעפאָהרען אויפ'ן טאָק, וועלכער האָט זיך געפונען פון דער צווייטער זייט שטעדטעל.

דעם זוהן האָט זי געטראָפען זיצענדיג דרויסען, אַ שלוקערצדיגען און נאָך ניט אויסגעניכטערטען, מיט צוויי פערגאָסענע און ווילד איבערגעקעהרטע אויגען, מיט וועלכע ער האָט זיך גענומען קוקען אויף דער מוטער ווי אויף אַ פרעמדער, אַזוי ווי ער וואָלט זי ניט דערקענט...

די גענעראַלשע האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, האָט נאָר אַרויסגעכאַפּט פון קוטשער די בייטש און האָט זיך גענומען שמייסען דעם קאַדעט, מיט ווילדען

און שטומע וואוטה, איבער'ן קאפ און איבער'ן פנים, וואו זי האט נאר געטראפען.

א ווײַלע האט זיך נאר געהערט דאס פייפען פון דער בייטש און דער הייזעריגער כריפ פון דעם געשמיסענעם, וועלכער האט געפרובט מיט א שוועדער און ווי א געלעהמטער האנט כאפען די בייטש און האט עס ניט געקאנט.

און אז ער האט זי ענדליך געכאפט, האט ער די בייטש אויסגעריסען פון איהר האנט, זי גלייכגילטיג, פאוואליע און אהן כעס צובראכען, ווייט אוועקגעווארפען פון זיך און איז מיט וואקלענדע שכור'ע טריט אבגעגאנגען אן א זייט, האט זיך צוגעזעצט אויף א קלאץ, האט אנגעבויגען דעם קאפ אויף די הענט און האט זיך ערשט דאן צוואוויינט ווי א קליין בעליידיגט קינד.

די מוטער האט איהם נאך אביסעל געסטראשעט מיט'ן ברודער דעם פראקוראר, אז ער וועט איהם פערשיקען קיין סיביר, האט זיך אויפגעזעצט און איז אוועקגעפאהרען.

דער קוטשער האט אויף'ן וועג ניט אויפגעהערט, בעדויערענדיג צו בעטראכטען די צובראכענע בייטש, וועלכע ער האט אויפגעהויבען, און וועלכע האט איהם ווי עס ווייזט אויס שטארק באנג געטהאן.

דער קאדעט אבער האט נאך די בייטשען אויפגעהערט צו געהן אויפ'ן דארף. ער האט זיך גענומען פאר די ביכלעך און האט אנגעהויבען נעהמען פראנצויזישע שטונדען ביי דער שוועסטער.

צוליעב די שטונדען איז די מוטער שוין געבליבען אויף ווייטער און האט פונאנדערגעפאקט איהרע זאכען.

אין שיינק.

די רוה איז אבער דעם אלטען מאן שוין ניט בעשערט געוועז...
לאנג האט דער קאדעט ניט געסטאטקעוועט.

דאס בלוט פון יעגער און סתם רוצח האט אין איהם געקאכט און ניט געלאזט איהם רוהען. ער האט זיך ווידער אויסגעבעטען ביי דער מוטער נאר אויף א פאאר טעג, האט ווידער געכאפט די ביקס מיט די הינט, און איז ווידער אוועק אין די זומפען שיסען ווילדע קאטשקעס.

געשווארען האט ער דער מוטער, אז ער וועט געהן אליין. אויפ'ן דארף אבער האט שוין אויף איהם געווארט זיין קאמפאניע: דעם גלח'ס זוהנדעל, דער שרייבער פון וואלאסט, דער אוריאדניק, און די גאנצע קאמפאניע איז אוועק אויף דער יאגט.

אויפ'ן אנדערען טאג איז ער אהיים שוין ווידער ניט געקומען. די מוטער איז ווידער געווארען אונרוהיג און האט ארויסגעשיקט דעם סובאטניק איהם זוכען.

אין דער צייט וואס דער סובאטניק איז ארומגעריטען איבער'ן ווייטען צעווארפענעם דארף און די זומפען און האט איהם געזוכט, איז די גאנצע קאמפאניע שוין געזעסען נאך דער יאגט ביים טשעד אין שיינק און געטרונקען און פערביסען מיט ווילדע קאטשקעס, וועלכע עס האט פאר זיי געבראטען פאניא מאריא, דעם טשעכ'ס ווייב אליין.

דער ביער־שענק איז געשטאַנען אין מיטען מאַרק, און דער שכור'ער טומעל פון דער אונעווהנליכער קאָמפּאַניע האָט זיך ווייט געטראָגען פון די אָפּענע פענסטער.

אַרום דעם שיינק פלעגען זיך כסדר אַבשטעלען פוהרען, שכורים פלעגען זיך דאָרט, ניט נאָר אין מאַרק־טעג, נאָר אפילו אין מיטען דער וואָך, כסדר טומלען. די אידען זיינען שוין געווען געוועהנט צו דעם שכור'ען טומעל און פלעגען זיך דערויף ניט אומקוקען. באַלד אָבער האָבען זיך די מאַרק־מענשען דערוואוסט ווער די קאָמפּאַניע איז, אַז צווישען זיי שכור'ט דעם גענעראַל'ס זוהנדעל אליין. דאָס שטעדטעל האָט שוין געהערט ווער דער תכשיט איז און איז געוואָרען נייגעריג. אידען און אינגלעך האָבען זיך אָנגעהויבען צו דרעהען אַרום טשעך און כאַפּען אַ קוק דורך די אָפּענע פענסטער.

באַלד האָט זיך פון דער מערקווירדיגער קאָמפּאַניע דערוואוסט חיים־הערש דער בעל־עגלה און איז אויך געקומען צו לויפען. ער אָבער האָט שוין ניט ווי די אידען פאַרזיכטיג געקוקט דורכ'ן פענסטער, נאָר איז אַריין אין שיינק ווי צו זיך אַהיים...

דער לאַנגער בעל־עגלה איז געווען איינער פון דעם טשעכ'ס שטענדיגע חסידים, אַ פערזענליכער גוטער פריינד זיינער און סתם אַ גוטער טרינקער. פאַר זיין געלד פלעגט ער געוועהנליך זעהר זעלטען טרינקען. ער האָט שוין אָבער זיך גע'חבר'ט מיט אַלע שררות פון דאָרף, און די פלעגען איהם כסדר טראַק־טירען, און חיים־הערש פלעגט שוין דערביי זעהן, אַז דער טשעך זאָל לייזען וואָס מעהר.

ניט איין מאָל פלעגט מען זיך צושלאָגען, און דאַן איז דער מדבר בראש געווען שוין חיים־הערש אַליין. אַ בויאַן און אַ גבר, פלעגט ער אַליין אַ שכור'ער קענען שלאָגען צעהן גוים מיט אַמאָל, זיי שלעפּען ביי די טשופּרינעס און וואַרפען פון שיינק ווי שפּענדלעך. ניט זעלטען פלעגט אַזאַ געשלעג אַנגעהמען די פאָרם פון אַן אמת'ער שלאַכט, מיט געשפּאַלטענע קעפּ און צובלוטיגטע שכור'ע מאָרדעס.

זיין קליין, דאַר און גרין ווייבעל פלעגט דאַן קומען צו לויפען ניט טויט ניט לעבעדיג, מיט איין קינד אויף די הענט און מיט די איבעריגע אַנגעשעפּעט אַרום קליידעל, אָבער צוגעהן צו איהם האָט זי דאַן ניט געוואַגט. זי און די קינדער האָבען דאַן געשפּיעלט מיט'ן לעבען.

זי פלעגט שטעהן פון וויטען, ברעכען די הענט און בעטען:

— אידען, האָט אויף מיר רחמנות, וואָס שטעהט איהר?...

די קינדערלעך פלעגען וויינען און זיך נאָך פעסטער טוליען צו דער מוטער'ס פאַרטוך.

און די אידען פלעגען זיך אָברוקען נאָך ווייטער פון שיינק און גלייכצייטיג צוקוקען

דאַן פלעגט דאָס אונגליקליכע ווייבעל אָנהויבען שילטען און שרייען, אַז עס איז ניט קיין אידיש שטעדטעל, נאָר סדום, און עס אַרט קיינעם ניט, אַז מען וועט דער'הרג'ענען אַ טאַטען פון פינף קליינע קינדער.

— איך בעט דיך, מ'שיקט איהם דען שלאָגען זיך? ווער הייסט איהם?

האסט געהערט א מעשה ! — פלעגט מיט איהר טענה'ן אימיצער פון די גלייכ־גילטיגע צוקוקער.

און אז איינער פלעגט שוין וואגען און צוגעהן צו איהם נעהנטער און איהם בעטען, אז ער זאל רחמנות האבען אויף זיין ווייב מיט די קינדערלעך, אויב ער האט שוין מיט זיך אליין קיין רחמנות ניט, פלעגט יענער כאפען א טעלעבענדע, אז ער פלעגט זיך איבערקעהרען.

— לאזט מיך ! איך מוז זיי אלע אויס'הרג'ענען... קיין שריד ופליט וועט ביי מיר ניט בלייבען פון עשו הרשע — האט געשריען דער בויאן, ווארפענדיג וויט מיט די לאנגע הענט, און פלעגט זיך כאפען פאר עשו'ס טשופרינעס מיט נאך א גרעסערן וואוטה, ארויסרייסען, גרינג ווי א פאדים, א ברעט פון טשעכ'ס פארקען און שלאגען מיט איהר דעם גאנצען מארק גוים. און בערוהיגען פלעגט איהם קענען אמאל נאר דעם טשעכ'ס ווייב, פאנא מאריא ; גיכער אבער א יתומ'ל, דער לאנגער מלכה'ס א קינד. ניט זיינס א קינד, נאר דעם פעטער משה'ס א יתומ'ל, האט געדארפט זיך צוואוויינען און איהם בעטען :

— פעטער ! קום אהיים... איך בעט דיך.

און די ווילדע רציחה פון דעם גבר און בויאן פלעגט מיט אמאל אויסגע־לאשען ווערען. דער רחמנות מיט דעם וויינענדיגען יתומ'ל פלעגט דעם גרויסען און צוואווילדעטען בער צוימען... ער פלעגט אליין ווערען א קינד און פלעגט דעם יתום נאכגעהן, זיך ווישענדיג דאס בלוט פון פנים און פון קאפ, אבער נאך אלץ דראהען און זיך בעריהמען, זיך בוכצענדיג מיט'ן קולאק אין דער ברוסט :

— איך בין טאקע יעקב, אבער עשו זאל ציטערען !... אימת מות ציטערען פאר חיים־הערש'ן דעם בעל־עגלה. ני טאזוי, אידען ?

— געווים ! — פלעגט אימיצער פון די אידען איהם אונטערגעבען חשק, וועלענדיג אין הארצען, אז דאס געשלעג זאל נאך געדויערען.

די מארק־ווייבער אבער פלעגען ניט קאנען צוקוקען דאס בלוט, וואס פלעגט פון איהם רינען און דעם ווייבעל'ס טרערען. זיי פלעגען איהם מוסר'ן :

— נו, דארפסטו עס האבען ? א איד זאל זיך שלאגען. פע ! א בזיון.

— עשו'ן שלאגען איז א בזיון ? — פלעגט צוריק אויפברויזען דער בעל־עגלה. — איז דען דא א גרעסערע מצוה, הא ? ציטערען זאל עשו ! אימת מות פאר א אידען ! — פלעג הויך שרייען דער שכור'ער גבר איבער'ן גאנצען מארק. און עשו, דער גאנצער דארף גוים, האט טאקע פאר איהם געציטערט.

דער בונט

צוגעגאנגען איז ער איצט צו דער קאמפאניע, ווי ער פלעגט צוגעהן צו יעדער קאמפאניע שכורים אין שיינק, און האט זיך פארגעשטעלט. מיט'ן שרייבער פון וואלאסט און מיט'ן אוריאדניק איז ער געווען אלטע גוטע ברידער, און זיי האבען איהם פארגעשטעלט פאר דעם קאדעט און דעם כומר'ס זוהנדעל דעם סעמינאריסט.

דעם קאדעט האט חיים־הערש, דער געוועזענער ארטילעריסט, בעגריסט

מיליטעריש, האָט איהם אָבגעגעבען „טשעסט", מיט דער האַנט ביים דאַשעק, ווי דער סאָלדאַטשקער שולחן־ערוך האָט געלערענט.

דער צוקינפּטיגער אָפיצער האָט געהאַלטען פאַר נויטיג זיך אויפצוהויבען פון אָרט און איהם אויך צו ענטפערען „פאַ וואַיענו".

דער איך דער גבר איז איהם געפעלען געוואָרען, און ער האָט איהם באַלד איינגעלאַדען צום טיש: „וויפּיט זאַ קאָמפּאַניו".

חיים־הערש האָט זיך ניט געלאָזט בעטען, האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און אויסגעצויגען זיינע לאַנגע פיס.

מען האָט געהייסען דערלאַנגען נאָך אַ פּאָר טוץ ביער מיט פערביסען, און דער שכור'ער עולם האָט זיך גענומען מיט'ן גאַסט טרינקען גוט־ברודער־שאַפט אויף דאַ סניי.

דער מאַרק האָט זיך באַלד דערוואוסט, אַז חיים־הערש טרינקט שוין מיט'ן גענעראַל'ס תכשיט אינאיינעם, און די נייגיריגקייט איז געוואָרען גרעסער.

אַרום שיינק האָט זיך באַלד שוין געדרעהט אַ היבש רעדעל פון אידען און אינגלעך. די מוטהיגערע האָבען אַריינגעקוקט אין די פענסטער און איבערגע־געבען דעם עולם די איינדריקע ווי אַזוי חיים־הערש טרינקט.

און דאָס מאָל האָט חיים־הערש געטרונקען געלאָסען און פּאָליטישנע, ווי עס דאַרף צו זיין אין אַזאַ געזעלשאַפט; האָט דערצעהלט דעם קאַדעט ווי אַזוי ער האָט געדיענט און זיך אויסגעצייכענט אין דיענסט, און דער אוריאַדניק האָט ניט אויפגעהערט איהם צו לויבען און רעקאָמענדירען דעם גענעראַל'ס זוהן:

— כאַראָשי זשידאָק! דער בעסטער אין שטעדטעל! עסט חזיר גלייך מיט אונז! איך האָב איהם ליעב — און ער האָט אוים ליעבשאַפט געטרונקען אַ נייעם לחיים מיט'ן „בעסטען זשידאָק פון שטעדטעל".

באַלד איז צו דער קאָמפּאַניע צוגעשטאַנען דער אָרגאַניסט פון קאָסט...., אויך אַן אָפטער גאַסט ביים טשעד, און נאָך עפּעס אַ פּאַליאַק, מיט לאַנגע און דינע וואָנצעס פון אַ פּריים.

די קאָמפּאַניע איז געוואָרען אינטערנאַציאָנאַל.

פּאַנאַ מאַריאַ האָט דערלאַנגט נאָך אַ פּריש געפּרעגעלטע קאַטשקע, און דער עולם האָט געטרונקען אפילו רוישיג, אָבער געמיטהליך, ביז עס איז ערשינען פּעטרושאַ דער גערטנער.

ער איז פון ערגעץ געגאַנגען, און די אידען האָבען איהם אַ וואונק געטהאָן, אַז ביים טשעד זיצט דעם גענעראַל'ס זוהנדעל און טרינקט מיט ניט אַזאַ פויגעל־דיגער קאָמפּאַניע, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַזאַ פּערזענליכקייט.

אַז דער קאַדעט האָט איהם דערזעהן, איז ער צוערשט מבולבל געוואָרען און האָט זיך פערלעגען און פערשעהמט אויפגעהויבען פון אָרט.

— שעהמען וואָלט איהר זיך געמעגט... אַ גענעראַל'ס אַ זוהן, אַ קאַדעט און אַ צוקינפּטיגער אָפיציר... אַ רוסישער דוואָריאַנין טרינקט אין אַזאַ קאָמ־פּאַניע — האָט אָנגעהויבען איהם צו שטראָפען דער גערטנער, וועלכער איז געוועזען העכסט עמפּערט און בעליידיגט פון דער קאָמפּאַניע.

די קאמפאניע האט זיך בעליידיגט און האט אנגעהויבן צו פראטעסטירען, אז זי שטעהט גאר ניט אזוי נידעריג.

— און איך בין א פוילישער דוואריאנין. איז דען א פוילישער דוואריאנין נידריגער פון א רוסישען? — האט פראטעסטירט דער ארגאניסט, א לאנגער פאליאק, מיט א קנאפ אויפ׳ן לאנגען דארען האלז.

דער צווייטער פאליאק האט זיך אויך אויפגעהויבען פון זיין ארט און האט אנגעהויבען שנעל און דראהענד צו דרעהען זיינע וואנצעס.

— א פוילישער דוואריאנין טרינקט ניט אין קאמפאניע מיט זשידעס — האט איהם פארגעווארפען פעטרושא.

דאן האט זיך דער עולם, בעזאנדערס דער אוריאדניק, אנגענומען פאר חיים־הערש׳ן און האט אנגעהויבען מיט א שכור׳ען און געלעהמטען צונג בעווייזען, אז חיים־הערש איז א סאלדאט, דעם צאר׳ס א טרייער דיענער און ניט ווי אלע זשידעס; א ראיה, אז ער עסט חזיר גלייך מיט אלע גוים.

דער רוסישער דוואריאנין און קאדעט איז געקומען צו זיך און האט אויך געפונען פאר נויטיג אנצונעהמען זיך פאר חיים־הערש׳ן און פאר דער גאנצער בעליידיגטער קאמפאניע, איז צו צום גערטנער, האט איהם געהייסען געהן אהיים צום טייוועל; און אז יענער האט נאך ניט געוואלט און געזאגט נאך א ווארט, האט ער איהם שוין דערלאנגט א הילכיגען טראסק איבער׳ן פנים.

דער אוריאדניק, אלס דער שומר פון ארדנונג, איז ארייך צווישעןביידען און האט פערשטעלט דעם גערטנער פון ווייטערע קלעפ. דעם בעל־עגלה האט עם פערדראסען למאי ער פערטיידיגט איהם און האט אבגעשליידערט דעם שכור׳ען אוריאדניק צו דער וואנט, ווי א שפענדעל.

— זאג נאר מיר, מיט וואס איז דאס א זשיד ערגער פון א גוי? — האט ער געפרעגט פעטרושא׳ן, און האט איהם שוין גענומען פעסט ביי די לאצען.

דער אוריאדניק איז ווידער צו און האט אבגעריסען דעם בעל־עגלה. פעטרושא האט געזעהן, אז ער דארף זיך אבטראגען, און וואס שנעלער אלץ בעסער, און ער האט זיך אבגערוקט, דראהענדיג שוין צו שיקען דעם גענעראל אליין.

דער עולם איז געבליבען לא־עליכם׳דיג... דער קאדעט האט זיך אבער אנגענומען מיט מוטה און האט געהייסען דערלאנגען נייע זעקס טוצען ביער.

באלד אבער האט זיך חיים־הערש דערמאנט, אז דערזעלבער פעטרושא האט געשלאגען זיין מוהמע׳ן, און אז ער קוקט שוין אייגענטליך לאנג אויף איהם ארוים און מוז איהם איצט דערצעהלען די מעשה שוין פאר אלעמען.

מיט איין שפרונג איז ער ארוים פון שיינק.

פעטרושא איז געשטאנען צווישען א רעדעל אידען און האט זיי געסטראשעט, אזוי ווי די אידען וואלטען געווען שולדיג אין דעם וואס דער קאדעט שכור׳ט.

חיים־הערש האט מיטביידע עלענבויגענס פונאנדערגעשטופט דעם עולם און האט מיט זיין פעסטען אייזערנעם קולאק דערלאנגט פעטרושא׳ן איבער׳ן קאפ. פעטרושא האט זיך שנעל אומגעדרעהט און האט געכאפט דעם צווייטען קולאק אין פנים, אזוי אז דאס בלוט האט זיך פון דער נאז און פון מויל א גאס געטהאן ווי פון א צאפען.

דאס רעדעל אידען האט אויפגעשווידערט און איז אבגעשפרונגען.

פעטרושא האט זיך גענומען שטום ראנגלען מיט׳ן בעל־עגלה. איצט אבער

האָט דער בעל־עגלה געשלאָגן ניט אַבי וועמען, וואָס מען קאָן צוקוקן נאָר מיט נייגעריגקייט, נאָר דעם גענעראַל׳ס גערטנער, און אַ סקאַרבאָוואַן מענשען אַליין. דאָס געשלעג האָט געקאָנט ברענגען צו אומגליק פאַר׳ן גאַנצען שטעדטעל.

אימיצער האָט דעם געדאַנק אויסגעשריען, און אַלע אידען ווי איין מענש האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ׳ן בויאַן, אום אַרויסצורייסען דעם גערטנער פון זיינע הענט.

אַ קנויל פון לעבעדיגע און זיך ראַנגלענדיגע מענשען האָבען זיך גענומען דרעהען און שפּאַרען אַרום די צוויי מענשען.

די שכור׳ע קאָמפּאַניע מיט׳ן אוריאַדניק בראש האָבען דערהערט דאָס געשלעג און זיינען אָהן היטלען, מיט רויטע און פערשוויצטע שכור׳ע מאָרדעס, אַרויס פון שיינק.

דער אוריאַדניק האָט זיך גענומען שאַפען אָרדנונג, פונאַנדערנעהמען דעם קנויל, די שכור׳ע קאָמפּאַניע האָט איהם גענומען העלפען, און אַזוי איז דער קנויל און דער לעבעדיגער פּלאָנטער געוואָרען גרעסער און ס׳איז געוואָרען אַ גאַנצע בהלה.

אין דער בהלה האָט מען זיך שוין געשלאָגען אַלע אינאַיינעם, אָהן אַ פאַר־וואָס. שונאים און פריינד האָבען זיך אויסגעמישט; וועה עם האָט געכאַפּט אַ קלאַפּ האָט אין זעלבסטשוץ געזוכט איהם אָבצוגעבען צוריק וועמען עס איז. אַ פריינד אָדער אַ שונא, ווייל קיינער האָט ניט געוואוסט ווער איז אין דעם לעבעדיגען קנויל דער פריינד און ווער איז דער שונא.

הויפּטועכליך האָט דער שכור׳ער חיים־הערש אַליין, אין זיין ווילדען וואוטה, שוין ניט געוואוסט ווער איז פאַר איהם און ווער איז נעגען איהם. און אַזוי האָט דער בעל־עגלה באַלד זיך גענומען שלאָגען דעם אוריאַדניק אַליין, וועלכער האָט נאָר געוואָלט שאַפען אָרדנונג און פונאַנדערנעהמען דאָס געשלעג, פּאַטשען די גאַנצע קאָמפּאַניע מיט וועלכער ער האָט געטרונקען און וועלכע האָט געגלויבט, אַז די אידען זיינען עס בעפאַלען אייגענטליך דעם בעסטען זשידאָק פון שטעדטעל און האָט געוואָלט איהם פערטיידיגען.

אַז דער קאָדעט האָט אָבער דערזעהן צווישען דעם קנויל זיין אייגענעם גערטנער אַ צובלוטיגטען און שרייענדיגען, האָט ער אויך געמיינט, אַז דאָס האָבען איהם צובלוטיגט די אידען און ניט חיים־הערש. דער פער׳שכור׳טער מוח זיינער איז איבערהויפּט ניט געווען אימשטאַנד צו פערשטעהן וואָס דאָ קומט פאָר. דאָס בלוט פון גערטנער האָט אָנגעצונדען זיין אייגען בלוט, זיין ווילדע רציחה, און מיט אַ ווילדען געשריי: „פּראַוואָסלאַוונע מענשען, פאַר די געוועהר!” איז ער אַריין צוריק אין שיינק פאַר געוועהר...

דעם גלח׳ס זוהן און דער שרייבער פון וואָלאָסט זיינען איהם נאָכגעלאָפען און באַלד זיינען זיי אַרויס צוריק אויפ׳ן גאַניק מיט געלאָדענע ביקסען. דער קאָדעט האָט אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן: „פּלי!” און דריי ביקסען האָבען מיט אַמאָל אָבגעפּייערט אַ זאַלפּ אויף דעם לעבעדיגען קנויל מענשען.

די גאַנצע געשיכטע האָט געדויערט איין אויגענבליק.

ווי אַ שטורעם וואָלט זיך דורכגעטראָגען איבער׳ן מאַרק. אין אַ ווילדען שרעק און פּאַניק איז זיך דאָס רעדעל צולאָפען אין אַלע זייטען, מיט חיים־הערש׳ן אינאַיינעם. די קרעמערס און ווייבער האָבען אָנגעהויבען צו שליסען

די קלייטען און לויפען מיט ווילדע געשרייען: „פּאָגראָם! פּאָגראָם!"

אין איין הרף־עין איז דער פּלאַץ אַרום טשעד געווען ווי אויסגעקעהרט מיט אַ בעזים. נאָר צוויי אידען זיינען געלעגען אין בלוט און האָבען געקרעכצט, און איבער זיי איז געשטאַנען געבויגען דער אוריאַדניק מיט'ן גערטנער.

אַז די שיסערס האָבען עס דערזעהן, זיינען זיי אויך אין ווילדען פּאַניק אַריין מיט זייערע ביקסען אין שיינק, און פון דאָרט זיינען זיי דורך דער הינטער־טהיר אין ווילדען געלאָף אַוועק פון שטעדטעל אין דער ריכטונג צום וואַלד.

די נייע צרה

ביים אוריאַדניק איז מאָמענטאַן אַרויס דער ביער מיט'ן בראַנפען פון קאָפּ.

די צוויי פערוואונדעטע אידען האָבען איהם באַלד אויסגעניכטערט און ער האָט פערשטאַנען, אַז די גאַנצע פעראַנטוואָרטליכקייט פאַלט איצט אויף איהם, דעם שומר פון אָרדנונג.

ער מיט'ן טשעד האָבען אַריינגעטראָגען די פערוואונדעטע אידען אין שיינק אַריין און ער האָט געשיקט דעם טשעד נאָכ'ן פּריסטאַוו און נאָכ'ן דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר פון שטעדטעל איז שוין אַליין געלאָפען אַ פּערסאָפּעטער און אַ טויט־בלאַסער. מיט אַ פערטעל שטונדע שפּעטער איז אָנגעלאָפען רייטענדיג דער פּריסטאַוו, אין דער בעגלייטונג פון אַ גאַנצער מחנה סטראַזשניקעס אויף פערד.

דער דאָקטאָר האָט זיך גענומען בעטראַכטען די פערוואונדעטע.

איינער פון זיי איז געווען משה'קע דער קצב, וועלכער האָט צוגעשטעלט טריפ'ע פלייש אין הויף אַריין, און ער האָט דערפאַר געהאַלטען פאַר אַ חוב זיך אַנצונעהמען פאַר'ן גערטנער; דער צווייטער איז געווען חיים־יוסי דער משרת פון בעריל'ס איינפאַהר, אויך אַ גרויסער פריינד פונ'ם גענעראַל און פון „סקאָרב".

בשעת דער דאָקטאָר האָט זיי בעטראַכט, האָט דער פּריסטאַוו זיך גענומען צוואָגען דעם אוריאַדניק, טופּען אויף איהם און שרייען, אַז ער וועט איהם אָפּגעבען „פּאָד סוד".

דער אוריאַדניק איז געשטאַנען פאַר איהם אויסגעצויגען, ניט טויט ניט לעבעדיג.

דאָס שטעדטעל האָט זיך באַלד בערוהיגט פון דעם פּאַניק, די קרעמערס האָבען זיך גענומען עפענען צוריק די קלייטען, און באַלד איז צוריק אַרום שיינק געשטאַנען נאָך אַ גרעסערער רעדעל ווי פריהער.

עס איז אָנגעלאָפען בעריל דער בעל־אכסניא, די ווייבער און קרובים פון די פערוואונדעטע, עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ געוויין מיט אַ ליאַרם.

דער דאָקטאָר האָט געפונען די וואונדען ניט לעבענס־געפעהרליך, ער האָט די פערוואונדעטע פערבאַנדאַזשירט, בערוהיגט די וויינענדיגע ווייבער און האָט זיי געהייסען פיהרען די מענער קיין קיעוו.

דאָס וואָרט קיעוו האָט אָבער אַרויסגערופען ביי די ווייבער אַ גרעסערען געוויין און ליאַרם.

דער פּריסטאַוו אָבער האָט געקוקט אויף דער גאַנצער געשיכטע פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט און ער האָט בעפוילען זיי ניט צו פיהרען קיין קיעוו נאָר אין דער זעמסקער באָלניצע, אַלס פערוואונדעטע אַרעסטאַנטען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַן אויספאָרשונג.

צוערשט האָט ער גענומען אויף „דאָפּראָס" דעם צעבלוטיגטען גערטנער, דערנאָך דעם טשעד אַליין, פאַנאַ מאַריאַ'ן און די איבעריגע געבליבענע עדות פון דעם געשלעג. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ „דיעלאָ" און דער פּריסטאַוו האָט קודם כל בעפוילען די סטראַזשניקעס באַלד צו אַרעסטירען דעם בעל־עגלה דעם בויאַן, וועלכער האָט איהם שוין לאַנג פאַרשאַפט פיעל צרות און אויף וועלכען ער האָט שוין לאַנג געשאַרפט די צייהן.

און באַלד האָבען איהם די סטראַזשניקעס געבראַכט צופיהרען, נאָך אַ צובלוטיגטען און צוקיילטען. עס האָט זיך פערקאַכט אַ מיאוס'ע קאַשע און דאָס שטעדטעל האָט געקאָכט און געזודערט ווי אַ ביהנשטאָק.

דער איינציגער, וועלכער האָט ניט פאַרלאָרען דעם קאָפּ, איז געווען דער אַלטער בעריל. און אַז עס איז אָנגעלאָפען רייטענדיג דער סובאָטניק, האָט ער איהם אַריינגעפיהרט אין אַ צווייטען צימער און האָט מיט איהם איבער־גערעדט אַ פּאָר ווערטער

באַלד האָט דער סובאָטניק אַהין אַריינגערופען אויך דעם פּריסטאַוו, און מען האָט זיך געהאַלטען אַז עצה שוין אין דרייען.

דער סוף איז געווען, אַז מען האָט געשיקט דעם סובאָטניק נאָך נאַטאַשאַ'ן, און ער האָט זי געבראַכט, אָבער שוין ניט אין שיינק אַריין, נאָר צו בעריל'ען אין דער אכסניא. אַהין איז אויך באַלד געקומען דער פּריסטאַוו. אויף דער קאָנפערענץ מיט נאַטאַשאַ'ן איז געבליבען, אַז מען זאָל דעם עסק פעררייבען און קיינעם ניט אַרעסטירען; אַז די פערוואונדעטע צוויי מענשען זאָל מען פיהרען סיין קיעוו און נאַטאַשאַ האָט פערשפּראָכען צו געבען דערויף אַלע הוצאות.

אַהיים אָבער איז זי געגאַנגען אַן ערשיטערטע און אַ ציטערענדע, ווי אין אַ פּיבער. בייזע אַהנונגען האָבען ווי שלאַנגען זיך געוויקעלט אַרום איהר האַרצען... ווייטער האָט זי געציטערט, אַז דער פאָטער זאָל זיך ניט דערוויסען פון דער גאַנצער געשיכטע און אַז עס זאָל ניט ווירקען אויף זיין שוואַכען גע־זונד. איהר ערשטער געדאַנק איז דערפאַר געווען אַלעס צו בעוואָרענען, אַז עס זאָל צו איהם גאָרנישט ניט קומען.

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט.

דער צובלוטיגטער גערטנער איז געקומען פאַר איהר און האָט אָבגעגעבען דער גענעראַלשע זיין רעפּאָרט.

געוועהנליך האָט ער אין אַלעם בעשולדיגט דעם בעל־עגלה און די אידען, וועלכע האָבען געמאַכט אַ בונט און געשלאָגען איהם און דעם פּאַניטש.

אַ בראַנד האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער קאַצאַפּקע... און איידער נאַ־טאַשאַ איז געקומען האָט זי געהייסען איינשפּאַנען די פערד און איז אוועק

אויפ'ן דאָרף אין „סטאַן" אַריין און האָט דאָרט געמאַכט אַ גוואַלד און זיך גענומען דראָהען מיט'ן זוהן דעם פּראָקוראָר און מיט פּעטערבורג אַליין.

דער גוואַלד איהרער האָט אַריינגעוואָרפען אין שרעק דעם שרייבער פון סטאַן און די פּריסטאַווּשע. און אַז דער פּריסטאַוו איז געקומען פון שטעדטעל צוריק מיט די סטראַזשניקעס, האָט ער געכאַפּט פון איהר אַזאַ גאַב, אַז ער האָט זיך איבערגעשראָקען פאַר זיין שטעלע.

קיין וואָרט האָט זי איהם ניט געלאָזט אויסרעדען, און האָט געטופּעט אויף איהם און האָט געשריען:

— אַרעסטאָוואַט! אַלע זשידעס! דאָס גאַנצע שטעדטעל זאָלט איהר אַרעסטירען... זאָנסט וועל איך באַלד טעלעגראַפירען דעם גובערנאַטאָר, מיין זוהן דעם פּראָקוראָר קיין פּעטערבורג... דעם מיניסטער אַליין וועל איך טע־לעגראַפירען!

אום זי צו בערוהיגען האָט דער פּריסטאַוו באַלד געמוזט שיקען די סטראַזשניקעס נאָך אַמאָל צו אַרעסטירען דעם בעל־עגלה און ער האָט די גענע־ראַלשע פערזיכערט, אַז ער וועט מאַכען אַ „דיעלאָ" און אַלע שולדיגע וועלען שטרענג בעשטראָפט ווערען לויט דעם געזעץ.

און ער האָט געמאַכט אַ „דיעלאָ".

די צוויי פערוואונדעטע אידען האָט ער אַוועקגעשיקט טאַקע אין דער זעמסקי באָלניצע, חיים־הערש'ען האָט ער געקאָוועט אין קייטען און איהם אַוועקגעשיקט דעמזעלבען טאָג אין דער „אויעזדנער" טורמע.

דאָס שטעדטעל

אַ כמאַרע האָט זיך אָנגערוקט אויפ'ן שטעדטעל.

עס האָבען זיך אָנגעהויבען אסיפות מיט לאַנגע בעראַטונגען. צוערשט זיינען געלעגען אין שפּיטאָל צוויי אידען מיט קוילען אין די קערפּערס. דער דאָקטאָר האָט אַפילו געזאָגט, אַז די קוילען ליעגען ניט אין געפעהרליכע ער־טער, אַז זיי קענען מיט די קוילען אַרומגעהן דאָס לעבענסלאַנג און אַז קיעוו וועט זיי לייכט אַרויסנעהמען. האָבען אָבער די ווייבער ניט געגלויבט, און האָבען געוואַלדעוועט און געליאַרעמט.

ווייטער האָט מען דאָך בעדאַרפט זעהן, אַז מען זאָל די אידען קענען אַרויסנעהמען פון די שפּיטאַלען, וואו זיי זיינען געלעגען ווי אַרעסטאַנטען, און זיי ברענגען קיין קיעוו.

פאַר'ן בעל־עגלה דעם בויאַן האָט זיך קיינער ניט געזאָרגט, ווייל ער איז דאָך געווען שולדיג אין דער גאַנצער בהלה. זיין ווייבעל אָבער מיט כּלכּה'ן, די מוהמע זיינע, האָבען אויך געוואַלדעוועט און פערלאַנגט, אַז קהל זאָל עפּעס טהאָן פאַר איהם און אידען רחמנים בני רחמנים האָבען געמוזט אויך פאַר איהם עפּעס טהאָן, ניט קוקענדיג דערויף וואָס מען האָט איהם גע־שאָלטען מיט טויטע קללות.

דאָס ערשטע איז געווען, ווי כסדר, צונויפנעהמען ביים אָרעם שטעדטעל עטליכע רובעל און בעשמירען דעם פּריסטאַוו מיט'ן אוראַדניק אין איינעם.

דער פּריסטאַוו האָט גענומען 200 רובעל און האָט געזאָגט דערביי, אַז נעהמען נעהמט ער, ווייל ער קען דאָס שטעדטעל ניט אַבזאָגען, טהאָן אָבער קען ער גאָרנישט פאַר זיי, ווייל ער ציטערט פאַר דער גענעראַלשע. פון דעסט־וועגען זיינען בעריל דער בעל־אכסניא און לוי דער פּראַצענטניק אוועק־געגאַנגען פון איהם העכסט צופריעדען, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט כאָטש גע־נומען...

אַז מען איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער שליחות, האָט מען אָנגעהויבען טראַכטען וועגען צווייטען, ווי זעהט מען זיך מיט'ן גענעראַל. פאַר בעריל'ען איז קיין ספק ניט געווען, אַז ער דאַרף נאָר מיט איהם ריידען אַ פאָר ווער־טער און דער גאַנצער עסק וועט צוריבען ווערען... איז אָבער ביי איהם אויס־געוואַקסען די פראַגע ווי אַזוי זעהט מען זיך מיט'ן גענעראַל, ווען די גענע־ראַלשע איז אין הויף, צוליעב איהר האָט שוין בעריל אויך אויסגעמידען צו געהן אין הויף אריין.

געקענט האָט מען זי און געציטערט האָט פאַר איהר שוין דאָס גאַנצע שטעד־טעל. און אַזוי ווי זי איז געווען די פיינדליכע האַנד, וועלכע האָט ארעסטירט דעם בעל־עגלה, די פערוואונדעטע אידען און האָט פערקאַכט די קאַשע, איז דאָס שליחות אין הויף אריין געווען איינפאַך אונמעגליך. אפילו בעריל האָט זיך ניט געקענט אונטערנעהמען געהן אהין. מען האָט ווידער געבראַכט אין אכסניא אריין דעם סובאָטניק און זיך מיט איהם גע'עצה'ט. דער סובאָטניק אָבער איז שוין אַליין געווען אין אַ גרויסער פערלעגענהייט און האָט ניט גע־וואוסט וואָס זיי צו זאָגען, וואָס פאַר אַ שטאַדפּונקט ער זאָל נעהמען.

עס קען זיין, אַז ער האָט אויך אָנגעהויבען צו גלויבען דעם גערטנער און דער גענעראַלשע, אַז די אידען זיינען בעפאַלען איהם און דעם פאַניטש, וועל־כער האָט איהם געוואָלט פערטיידיגען און דער קאָדעט האָט אין זעלבסטשוץ גע־מוזט שיסען.

און אַזוי ווי די חשוב'סטע בעלי־בתים זיינען געזעסען ביי בערלען און האָבען זיך גע'עצה'ט, האָט זיך דערהערט אַ גלאָק און איבער'ן מאַרק־פּלאַץ איז דורכגעלאָפען אין דער ריכטונג פון „סטאַן" דער איספּראַווניק מיט'ן סליע־דאָוואַטעל, וועלכע זיינען פלוצלונג געקומען אויף אַ „דאָזנאַניע" (אויספאָר־שונג). אַז מען האָט דערזעהן וואָס פאַר אַן ערנסטע ווענדונג די געשיכטע האָט גענומען, האָט מען שוין קיין מינוט ניט געקענט וואַרטען און אָפּלעגען.

בעריל האָט אָנגעטהאָן די שבת'דיגע קאַפאָטע, האָט מיטגענומען מיט זיך לוי דעם פּראַצענטניק מיט דער שעהנער און אויסגעקעמטער באָרד און ביידע זיינען אוועק, ווי מ'זאָגט, „על קידוש השם" אין הויף אריין.

על קידוש השם

מען האָט דעם טאָג גראָדע געבראַכט אַ נייעם קעסעל אין גאָראַלניע אריין און דער גענעראַל מיט נאַטאַשאַ'ן זיינען געווען דאָרט און האָבען צוגע־קוקט ווי מען הויבט דעם קעסעל און מען שטעלט איהם אַריין.

די צוויי אידען האבען געטראפען אין הויף נאך דער גענעראלשע. אז זי האט די דעפּוטאציע דערזעהן נאך פון וויטענס, איז זי איהר שוין געלאפען אנטקעגען.

— וואס דארפט איהר דא? — האט זי געפרעגט די צוויי אידען מיט אזא טאָן, אז דער צונג האט זיך ביים אלטען בעריל שוין צוגעקלעפּט צום גומען און ער האט איהר ניט געקענט ענטפערען.

א ווײַלע האבען זיי זיך אנגעקוקט, די אידען פערלעגענע און צוטומעלטע; די קאצאפּקע — מיט בייז־טאנצענדע דראהענדע בליקען.

— מיר דארפען זיך זעהן מיט'ן גענעראל — האט איהר געזאגט בעריל, שוין אין דער יארמעלקע, האלטענדיג דעם קאשקעט אין דער האנד. לוי דער פּראצענטניק האט אויך ארונטערגענומען זיין פעלענע היטעל און האט אבגעוועגען דער פּריצ'ע א נידעריגע, צוויי־גארענדיגע קאפּ־פערבויגונג.

די אונטערטעניגקייט פון די אידען האט זי ניט ווייכער געמאכט און זי האט דעם קאפּ איהרען פערוואָרפען נאך שטאָלצער און דראהענדער און זיך אונטערגעגארטעלט מיט די הענד.

— מיט'ן גענעראל דארפט איהר זיך זעהן? ווער זייט איהר דאס אזעלכע, וואס איהר דארפט זיך זעהן מיט'ן גענעראל? ווי ערלויבט איהר זיך עס? א? וויפיעל מאל האב איך אייך בעפעהלען אין שטעדטעל אריין אז איהר זשידעס זאלט זיך איבערהויפּט ניט ערלויבען בעטרעטען דעם פּארק? איהר בונטאָוושטשיקעס!

— פּריצ'ע! גענעראלשע! באַריניא! גאָט איז מיט דיר! מיר בונטאָוושטשיקעס? — האבען אנגעהויבען צו שטאמלען די צוויי אידען, איינער פאר'ן צווייטען.

די קאצאפּקע האט זיך שוין אבער ניט געלאזט ריידען, אזוי ווי די אידען וואלטען מיט זייער עקזיסטענץ אליין זי בעליידיגט און מיט זייער אטעם פערפעסטעט די לופט ארום איהר.

די שנאה, דער פּאטאלאגישער עקעל צו אידען האט די סטאראָוויערקע שוין געשטיקט און געווארגען. דאס בלוט האט אין איהר געקאכט און געזאטען. זי האט זיך גענומען שרייען און טופּען אויף זיי, זידלען און טרייבען. איהרע געשרייען האבען געווירקט אויף איהר אליין ווי בוימעל ווירקט אויפ'ן פייער און זי איז געוואָרען פון איהרע אייגענע קולות נאך מעהר אויפגערעגט און ווילדער און אזוי האט זי געשריען ביז די צוויי אידען האבען זיך מיט געבויגענע קעפּ ווי געשמיסענע, אויסגעדרעהט און זיינען פערשוואונדען צוריק צווישען די בוימער פון דער אלעע, וואס האט געפיהרט צום ארויסגאנג.

שטום איז די דעפּוטאציע געגאנגען אהיים. די צוויי אידען האבען זיך געשעהמט קוקען איינער דעם צווייטען אין פּנים אריין. ערשט ביים שטעדטעל, האט לוי דער פּראצענטניק אויפגעהויבען דעם קאפּ און האט געוואלט ווי שטענדיג, אביסעל בעווייזען זיין לומדות:

— ווי שטעהט ביי אונז, ר' בעריל? ווי זאגט די גמרא... כל המיצר לישראל, נעשה ראש — האט ער געזאגט מיט א קרעכץ, פערבייטענדיג די „שין" אויף א „סמך".

בעריל האט אזוי פערקרימט דאס פנים, אז דער פראצענטניק האט פער־לארען די לוסט און איז צוריק שטיל געווארען.

ביים שטעדטעל האבען זיי בעגעגענט דעם איספראווניק מיט׳ן סליעדראָוואטעל, וועלכע זיינען געפאהרען אין הויף אריין און די צוויי אידען האבען זיי לאנג נאכגעקוקט ווי פערשטיינערטע.

דער איספראווניק מיט׳ן סליעדראָוואטעל

די גענעראלשע האט זיי עמפאנגען ווי ערלייזער, וועלכע זיינען געקומען זי אויסצולייזען פון אידישער הערשאפט.

דער כעס און עקעל צו די אידען איז נאך ביי איהר ניט געווען אויסגע־לאשען און זי האט זיך פאר די צוויי פראוואסלאוונע מענשען, ווי פאר אייגענע, גענומען קלאגען, אז די אידען האבען איהר דאס לעבען פערדארבען און לאזען זי ניט רוהיג איינזיצען אין שלאס און אין דעם מאיאנטעק.

— מיט מיינע אויגען וואלט איך איהם ניט אנגעקוקט. נאך א האלבען מיליאן האט מען געדארפט איבערצאהלען פאר דעם גליק!״ — און זי האט זיך גענומען דערצעהלען די צוויי פרעמדע טשינאווניקעס, וועלכע זיינען נאך אלץ געשטאנען, ווי אזוי דער מאן האט איבערגעצאהלט, און ווי אזוי זי איז געווען קעגען דעם גאנצען געשעפט.

און אז זי האט צו זיי, אזוי אויפגערעגט, אבגערעדט א גאנצע האלבע שטונדע, האט זי זיך ערשט דערמאנט, אז זי האט זיי נאך ניט איינגעלאדען צו זיצען.

דאן ערשט האט זי זיי געבעטען זיצען און האט געפרעגט, מיט וואס זי זאל זיי טראקטירען.

דער איספראווניק און דער סליעדראָוואטעל האבען זיך אבגעזאגט.

אין דער גענעראלשע אבער האט זיך דערוועקט די עכט־רוסישע גאסט־פריינדשאפט. נאך די צוויי אידען זיינען איהר די צוויי פרעמדע פראוואַ־סלאוונע געווארען בעזאנדערס טהייער, ובפרט אז זיי האבען איהר נאך דער־צעהלט, אז זיי זיינען געקומען אויספארשען דעם „זשידאָווסקי בונט״.

— בונט! אן עכטער בונט! — האט געשריען די גענעראלשע און האט בעפוילען די לאקייען גרייטען צום טיש פאר די טייערע פראוואסלאוונע געסט.

— ענדליך האב איך א פאר פראוואסלאוונע מענשען דערזעהן! — האט זי אנגעקוואלען פון די געסט.

די געסט האבען זיך דערוויל געהייסען ברענגען דעם גערטנער און דעם קאדעט, און האבען זיך צולעגט מיט די פאפירען.

די סטאראוויערקע איז געקומען אין פערלעגענהייט און איז צוטומעלט געווארען. די געסט זיינען געקומען אונערווארט, און זי האט נאך ניט געהאט קיין צייט איבערצורעדען מיט די צוויי עדות פון בונט.

דער זוהנדעלע איז זייט דער געשיכטע נאך אלץ געלעגען פערשפארט אין די פעצינעס, וואו די הויפמענשען האבען געלעבט, און האט מורא געהאט זיך צו ווייזען אהיים, פאר די עלטערען. זי האט זיך דאן אליין ארויסגערופען

צו ברענגען די עדות און האָט אויף אַ ווײַלע פֿערלאָזען די געסט, ניט קוקענדיג אויף זייער פּראָטעסט און אויף זייער פֿערזיכערונג, אַז עס איז ניט אַזוי דרינגענד, און אַז מען קאָן עמיצען שיקען נאָך זיי.

פּעטרושאַ'ן האָט די גענעראַלשע לאַנג ניט גענדאַרפֿט לערנען, וואָס ער האָט צו זאָגען און צו טהאָן.

— זנאַיעם, באַרינאַ! (מיר ווייסען, בעל־הבית'טע!) — האָט צוגעשמייכעלט פּעטרושאַ.

פֿון דער אָראַנזשעריע איז זי אַוועק צום זוהנדעל אין די פּעציִנעם, וועלכע האָבען זיך געפֿונען אין אַן אַנדער ווינקעל פֿון פּאַרק, ווייט פֿון שלאָס.

מ ל כ ה ' ס ס ו ף

נאָכדעם ווי מען האָט מלכה'ן דאָן אָנגעשלאָגען און געטריבען פֿון פּאַרק, האָט עס דער אידענע ערשט אָנגעהויבען אַהין צו ציהען.

אַ טיעפֿע בענקעניש, אַ נאָגעניש איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען אין האַרצען פֿון דער אידענע, וואָס פֿלעגט נאָגען אין איהר ברוסט און זי זויגען ווי אַ זשאַבע.

געצויגען האָט עס זי צום אַלטען מאָן אין מונדיר מיט די גאָלדענע עפּאָלעטען, ווי עס ציהט אַ מאַגנעט. די פּאָזע זיינע, דעם בליק פֿון זיינע אויגען בעת מען האָט זי געשלאָגען, האָט זי ניט געקאָנט פֿערגעסען. דער אַלטער מאָן פֿלעגט פֿאַר איהר אויסוואַקסען אין די נעכט, פֿאַר איהר אָרים און שמוציג געלעגער, אַזאַ גוטער און ליעבער, כמעט אַן אייגענער, און טרייבען דעם שלאָף פֿון איהרע אויגען.

זי האָט אָנגעהויבען צו פֿערנאַכלעסיגען איהרע אָרימע מסחרים, דאָס הויז, און גאַנצע טעג פֿלעגט זי היטען די וועגען, וואו זי האָט געהאָפֿט איהם צו בעגעגענען, איהם אָנקוקען כאָטש פֿון ווייטענס.

זי וואָלט זיך אַליין ניט געקענט אָבגעבען קיין חשבון אין די מאָטיווען, וועלכע האָבען איהר געטריבען צו איהם.

געוואָלט האָט זי פֿרעגען וועגען ברודער דעם משומד, נעהמען ביי איהם זיין אַדרעס. אַזוי האָט זי וועניגסטענס געמיינט. געגאַרט האָט זי אָבער אין דער טיעפֿען פֿון איהר אונבעוואוסטזיין צו כאַפּען אויף איהם אַליין אַ קוק, נאָך אַמאָל אַ קוש טהאָן די האַנט פֿון דעם גוטען מאָן.

אין דיזעלבע דונקעלע טיעפֿען איז געוואַקסען אַ נייע אַהנונג. עס האָט זיך דאָרט געוועבט אַ נעבעלהאַפֿטער טרוים, וועלכען זי האָט ניט פֿערשטאַנען, וועלכער האָט אָבער איהר צייטענווייז געשווינדערט ווי אַן אונבעשטימטע וואַרטונג, ווי אַ משוגענע האָפֿנונג.

און די דונקעלע האָפֿנונג האָט אָנגעהויבען צייטענווייז צורייסען די פֿינסטערע טיעפֿען פֿון אונבעוואוסטזיין: אַ ציטערענדער שיין פֿלעגט מינוטענווייז בעלייכטען דאָס אונבעוואוסטזיין און ביי איהר אָברייסען דאָס האַרץ, ווי אַ גוטע און זיסע בשורה.

עס איז געווען דערזעלבער שיין, וועלכער האָט אָנגעהויבען צו בעלייכטען מינוטענווייז אויך נאַטאַשאַ'ס געמיהט און בעוואוסטזיין.

דער שיין אָבער איז געווען אַזוי פאַנטאַסטיש און ווייט פון דער אידע־נע'ס אָרימערווירקליכקייט, אַז ער פלעגט ווי אַ איבערגעשראָקענער אַליין לויפן און זיך בעהאַלטען פון איהר.

די האָפנונג פלעגט צוריק אויסגלאָשען ווערען און אַלעס איז געווען צו־ריק פינסטער ווי פריהער.

און זי פלעגט געהן אַהיים אַ דערשלאָגענע און טרויעריגע, אַזוי ווי זי וואָלט דעם טייערסטען און ליעבסטען בעגראָבען.

דעם גענעראַל האָט זי אין ערגעץ ניט געקענט זעהן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פון איהר אומיסטנע אויסבעהאַלטען.

דעם פּאַרק האָט זי שוין מורא געהאַט צו בעטרעטען. און דאָס בייגקע־ניש אין דער היים איז געוואָרען גרעסער, אונרוהיגער און קלעמענדער.

זי פלעגט זיך קיין אָרט ניט געפינען, אַזוי ווי זי וואָלט געווען פערליעבט אין דעם אַלטען, גוטען פּריץ.

ווען מען האָט אַרעסטירט דעם פּלימעניק איהרען איז דער דראַנג איהם צו זעהן געוואָרען גרעסער.

ביים וועכטער פון טויער, וועלכער איז געווען אַ פּראָסטער און גוטער גוי און כמעט אַ אידיאָט, האָט זי זיך דערוואוסט, אַז דער גענעראַל איז אין גע־ראַלנע, און אַז מען שטעלט אַ נייעם קעסעל.

זי האָט גוט געקענט די וועגען און סטעזשקעס פון פּאַרק נאָך פון קינדווייז.

מיט אַ ווייטען אומוועג פון עטליכע וויאָרסט דורכ'ן דאָרף איז זי אַריין אין פּאַרק און האָט זיך בעהאַלטען צווישען די בוימער ביי דער סטעזשקע, וועלכע האָט געפיהרט פון שלאָס אין גראַלנע אַריין און האָט זיך גענומען אויף איהם וואַרטען.

שטונדען זיינען געלאָפען, לאַנגע און מיעדע ווי אַן אייביגקייט, די פיס איהרע זיינען מיעד געוואָרען און האָבען אָנגעהויבען צו ציהען און ברעכען. ווי אין אַ רעוומאַטישען אָנפאַל, הונגער און פערשמאַכטקייט האָבען פיעלע מאָל ווי בייזע הונגעריגע ווערים זיך גענומען טאַטשען און זויגען דאָס האַרץ און זיי־נען צוריק איינגעשלאָפען.

זי איז אָבער אַלץ ניט אַרויסגעגאַנגען פון איהר בעהעלטעניש און איז גע־בליבען אָנגעשפּאַרט אָן אַן אַלטען באַרען־בוים און האָט זיך ניט געקענט אָבריי־סען, ווי אַ געגאַנגעלטע און צוגעקאָוועטע פון דעם נאָגענדען בייגקעניש.

פּלוצים האָט זי דערהערט טריט און האָט דערזעהן דורך די צווייגען די גענעראַלשע.

דאָס האַרץ האָט זיך אָבגעשטעלט און זי איז צוגעפאַלען מיט אַ פער־כאַפּטען אָטעם צום אַלטען בוים, אַזוי ווי זוכענדיג שוץ ביי איהם פון אַ חיה.

די טריט זיינען שוין לאַנג פערשוואונדען און פערשטומט געוואָרען, און די אידענע איז נאָך אַלץ געשטאַנען, ווי אַ געלעהמטע פון פחד, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס אַ ניי געפיהל, אַ שרעקליכער טויט־אַנגסט האָט איהר גענומען טרייבען און האָט איהר געהייסען לויפען פון דער בעהעלטעניש.

אימעצער האָט דערצעהלט דעם גענעראַל וועגען די געסט, וועלכע זיי־נען געקומען אין שלאָס אַריין און נאַטאַשאַ, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געהיט, אַז קיינער זאָל איהם ניט דערצעהלען וועגען דער טראַגישער געשיכטע.

וועלכע איז געווען דאָס ווערק פון איהר ברודער, האָט איצט געמוזט איהם אַלעם מיטטיילען.

דעם פּאַטער׳ס פּנים איז אין איין מינוט געוואָרען וויסט פון עגמת נפש און אויפרעגונג, און האָט אָנגענומען אַ דונקעלען אַש־קאָליר.

מיט שלעכטע, קלעמענדע פאַרגעפיהלען האָבען זיך פּאַטער און טאָכטער געלאָזט געהן אין שלאָס.

און אַזוי ווי זיי זיינען ביידע געגאַנגען, פערטראַכטע און שטומע, איז ווי אַ בייזע און דראָהענדע מכשפה־געשטאַלט אַרויסגעשפּרונגען אויף דער סטעזשקע פון צווישען די געדיכטע בוימער די לאַנגע אידענע און איז געפאַלען פאַר זיי אויף די קניע, אָבער אַזוי שנעל און אונערוואַרטעט, אַזוי ווי זי וואָלט מיט אַמאָל פון דער ערד אויסגעוואַקסען.

דער גענעראַל איז אָבגעשפּרונגען פון איהר, ווי פון מלאך־המות, וועלכער וואָלט פּלוצים אויפגעוואַקסען פאַר זיינע אויגען און וואָלט אויסגעשטרעקט די הענד נאָך זיין לעבען.

אַ טויט־בלייכע איז אויך געווען נאַטאַשאַ.

אַ ווײַלע האָבען זיי ביידע איבערגעשראָקען געקוקט אויף דער שטום־קניענדער געשטאַלט מיט אַן אויסגעקרימטע בעטענדען פּנים. אַזאַ מיאוס און אונמענשליך פּנים! די גרויסע אויסגעקרימטע געל־גרינע און אונמענשליכע צייהן, וועלכע האָבען, ווי ביי אַ הונד, אַרויסגעשטעקט פון׳ם אָפענעם מויל; די צוויי פערגרעבטע און מיט גראָבע אָדערען בעדעקטע הענד, וועלכע זי האָט בעטענד אויסגעשטרעקט צו זיי, האָבען אַזוי ניט געפּאַסט צו דעם בעטענדען אויסדרוק פון דער אידענע׳ס פּנים, זיינען געשטאַנען מיט איהם אין אַזאַ שאַרפען און אָבשטויסענדען קאָנטראַסט, אַז דער אויסדרוק האָט געקענט אפילו אַ טייוועל אויפשוידערען.

און איידער דער פּאַטער און די טאָכטער האָבען געהאַט צייט צו קומען צו זיך, האָבען זיך דערהערט פון וויטענ׳ס טריט און די ווייט־הילכענדע שטימען פון דער גענעראַלשע און פון קאָדעט, וועלכע האָבען זיך שנעל דער־נעהנטערט צו זיי.

אַזוי ווי אַ טויט־שרעק וואָלט אויפגעשוידערט די דריי פערגליווערטע געשטאַלטען, דעם גענעראַל מיט דער טאָכטער און די געשטאַלט פון דער אי־דענע, וועלכע איז אַזוי ווי פערשטיינערט געוואָרען אין איהר קניהענדען געבעט. זי איז ווי אין טויט־שרעק דאַן אויפגעשפּרונגען פון אָרט, איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען אין דער גאַנצער לאַנגער און דראָהענדער געשטאַלט איהרער און האָט אָנגעהויבען וואַרפען אַרום זיך איבערגעשראָקענע, שויץ־זוכענדע בליקען.

עס איז אָבער ניט געווען קיין צייט צו זוכען און וואַרטען. מיט ציטע־רענדע ווי אין אַ קדחת הענד האָט דער טויט־בלייכער גענעראַל אַרויסגעכאַפּט זיין טייסטער, האָט אַרויסגעוואָרפען דער אידענע דאָס גאַנצע געלד וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך, האָט געכאַפּט נאַטאַשאַ׳ן אונטער׳ן אָרעם, ווי ער וואָלט געזוכט שויץ ביי איהר, און האָט זיך גענומען מיט איהר שטום און שנעל דערווייטערען ווי פון אַ מלאך־המות, פון וועלכען ער וואָלט זיך אויסגעקויפט מיט געלד.

אזוי ווי א האמער וואלט זיך אראפגעלאזט איבער דער אידענע'ס קאפ און וואלט פריטשמעליעט איהר בעוואוסטזיין, אזוי איז זי געבליבען שטעהן מיט דעם פאפירענעם געלד אין די הענד און האט מיט ווילדע אויגען נאכגע־קוקט די אנטלויפענדע געשטאלטען.

דאס געלד האט ווי א בעליידיגונג געבריהט איהרע ציטערענדע הענד. זי האט געוואלט זיך א ריס טהאן פון ארט, זיי נאכלויפען, אויסשרייען, אז זי וויל ניט קיין געלד, אז זי איז ניט געקומען נאכ'ן געלד, און נאך עפּעס אזוינס האט זיך איהר געוואלט אויסשרייען, אזוינס אונגלויבליכעס און אונ־מעגליכעס, וואס האט שוין ארויסגעשטעקט דעם קאפּ פון דונקעלען בעוואוסט־זיין און האט איהר געשריען: „ברודער! ברודער! איך בין דיין שוועס־טער!" און האט זי געשווידערט ווי אין א אומגעלומפּערט ווילדען חלום.

איז שוין אבער פאר איהר פנים געשטאנען די גענעראלשע מיט א רויטען פנים, מיט צוויי גרויסע און מיט בלוט־אנגעגאסענע אויגען — אזא ווילדע און אזא שרעקליכע און מיט איהר דער קאדעט מיט דער ביקס אויף די פּלייצעס.

ווי א בייזער רויטער טייוועל האט געקוקט אויף איהר דער קאדעט און זי איז ווידער צוגעקאוועט און קען זיך ניט ריהרען פון ארט פון טויט־שרעק...

אז די גענעראלשע האט דערזעהן אין איהר האנד לאנגע און פרישע הונ־דערטערס און צווישען די בוימער האסטיג שפּאנענדע און פערשוואונדענע געשטאלטען פון מאן און טאכטער, האט זי אויסגעשריען ווי א פערוואונדעטע.

דער געשריי האט געבראכט די אידענע צו זיך, האט אין איהר אומגע־קעהרט דאס בעוואוסטזיין פון איהר געפאהר, און ווי מען רייסט זיך ארויס פון טויט, האט זי זיך א ריס געטהאן פון ארט און האט אנגעהויבען לויפען מיט'ן געלד אין דער האנד.

איהרע צוויי לאנגע פיס האבען איהר געטראגען ווי א געיאגטע בריאה, ווי א פערפאלגטע חיה. דער געשריי: „סטאי! סטאי!" פון דער גענע־ראלשע און דעם קאדעט האבען זי ארייגעווארפען אין א גרעסערען פּאניק און זי ווי געשמיסען מיט בייטשען.

הינד האבען אנגעהויבען איהר נאכצולויפען מיט א ווילדען בילען... זי האט אויך אנגעהויבען ווילד צו שרייען, איהר אייגענער אונמענשליכער קול האט איהר נאך מעהר געשראקען און אלעס אינאיינעם האט זיך אויסגעמישט מיט א שאס, וועלכער האט זיך צוטראגען ווייט איבער'ן פּארק מיט א בייזען און טויט־ברענגענדען ווידער־קול.

אזוי ווי א האמער וואלט איהר דערלאנגט פון הינטען איבער'ן קאפּ.

זי איז געפאלען, זיך ווידער אויפגעהויבען, געלאפען נאך עטליכע טריט און ווידער געפאלען.

די ערד, די בוימער דרעהען זיך פאר איהרע אויגען... מען לויפט פון אלע זייטען... זי זעהט אויך איהם... דעם ברודער, לויפען, אין גאלדענעם בליאסק פון זיינע עפּאלעטען, מיט נאטאשא'ן... זי שטרעקט נאך אויס צו זיי ביידע הענד מיט'ן געלד... זי דארף ניט קיין געלד... זי וויל עס צוריק אפּגעבען... אבער אלעס שווינדעלט פאר די אויגען... לויפט ערגעץ טיעף, טיעף ווי בארג אראפּ, און פערשווינדט צוזאמען מיט איהר בעוואוסטזיין ווי אין א טיעפען, פינסטערען אבגרונד...

דער ברודער אַנטלויפֿט

און אין שווערסטען מאָמענט פון זיין לעבען, ווען ער האָט גערופען דעם טויט ווי אַן ערלעזער, איז דערזעלבער טויט, וועלכער פלעגט איהם אַזוי אָפט קוקען אין פנים אריין, ניט געקומען...

ווי אַ געיאָגטע חיה האָט זיך דער אַלטער מאַן פערשלאָסען אין זיין צי־מער און האָט קיינעם צו זיך ניט צוגעלאָזט, אפילו נאַטאַשאַ'ן.

און זי האָט איהם געלאָזט אַליין.

איצט איז איהר אַלעס מיט אַמאָל קלאָר געוואָרען. דער בליץ פון שאָס האָט איהר בעלויכטען דעם אַבגרונד, דעם פּלאָנטער פון פאָטער'ס לעבען...

זי האָט ניט געקענט אַפּרייסען איהרע אויגען פון דער צואוויקעלטער טראַגעדיע. מוטיג און דרייסט האָט זי אריינגעקוקט אין דעם אַבגרונד מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם... דער מח האָט שנעל געאַרבייט, איהר מוט און ווילען זיינען אָבער געוואַקסען און זיינען דרייסט און טאַפּפער געלאָפען אַנטקעגען אַלע פאָלגען און קאָנסעקווענצען.

און ווען אַלע זיינען זיך ווי פאַרברעכער צולאָפען פון טויטען קערפער, וועלכער איז געלעגען מיט די לאַנגע גליעדער צוואָרפען אויפ'ן גראָז ווי אַ דרשאָסענע חיה, האָט נאַטאַשאַ גערופען אין שלאָס אריין דעם אַלטען בעריל, וועלכער איז געבליבען לאַנג ביי איהר אין צימער.

מיט בערל'ען צוזאַמען האָט זי צוגעדעקט דעם קערפער מיט אַ שווארצען טוך און ביידע זיינען געשטאַנען איבער'ן מת ביז מען האָט געבראַכט די חברה קדישא.

צונעהמען דעם קערפער האָבען נאַטשאַלסטוואָ ניט געלאָזט און האָבען נאָר ערלויבט אַז אידען זאָלען איהם היטען. ארום פאַרק איז געשטאַנען דאָס שטעדטעל, גרויס און קליין, אָבער שטומע און פערגליווערטע, נאָר די יתומים האָבען געוויינט און געליאַרעמט, זיך רייסענדיג אין פאַרק אריין. דער פּרי־סטאַוו און די סטראַזשניקעס האָבען אָבער געהיט די טויערען און האָבען קיי־נעם ניט צוגעלאָזט.

די אויספאָרשונג פון „בונט" איז אַבגעגאַנגען אין הינטערגרונד, פער־שטעלט פון דעם נייעם פערברעכען.

דער פערברעכער האָט זיך אויך פערשלאָסען ביי זיך אין צימער, האָט קיינעם צו זיך ניט צוגעלאָזט און האָט געדראָהט זיך צו פערטיידיגען מיט דערזעלבער ביקס מיט וועלכער ער האָט דערשאָסען די אידענע.

נאַטשאַלסטוואָ איז געקומען אין אַ גרויסער פערלעגענהייט און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, וואָס פאַר אַ שטעלונג צו נעהמען. דער איספּראַווניק האָט זיך פערמאַכט מיט דער גענעראַלשע און זיך מיט איהר אויך לאַנג גע־עצה'ט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מען האָט טעלעגראַפירט נאָכ'ן זוהן דעם פּראָקוראָר, וועלכער איז דעמזעלבען טאָג ארויסגעפאָהרען פון פּעטערבורג מיט'ן ערשטען שנעל־צוג.

און אין דער נאַכט ווען ער האָט בעדאַרפט אָנקומען און דער הרוג איז נאָך געלעגען ווי אַ שוואַרצער שרעק אויפ'ן גראָז צווישען די בוימער, געהיט פון צוויי אידען, האָט דער גענעראַל מיט נאַטאַשאַ'ן אונבעמערקט און פאַר־

זיכטיג פערלאָזען דעם שלאָס, ווי מען גנב'עט זיך ארויס פון א תפיסה.

א פּאָאר שטונדען האָבען זיי פערבראַכט אין א לאַנגער בעראַטונג מיט בערלען אין זיין אכסניא. קיין מענש האָט ניט געוואוסט פון דעם וואָס צווישען זיי איז גערעדט געוואָרען אין דער נאַכט. ביינאַכט איז דערזעלבער אַלטער בעריל אַוועק אויפ'ן דאָרף, האָט זיי געבראַכט א גוי'איש פוהרעל און דאָס פוהרעל האָט זיי אָבגעפיהרט צו דער באַהן.

די אידענע האָט מען אויפ'ן דריטען טאָג געפּאַלמעסט און בעגראָבען מיט א גרויסער לויה פון א הרוג מלכות.

דער אפּטרופּוס פון די יתומים איז געוואָרען דער אַלטער בעריל.

אויפ'ן פּראָקוראָר'ס וואונק האָט מען די געשיכטע מיט'ן „בונט" צוריבען און בעפרייט דעם בעל־עגלה. אַלע זיינען באַלד אָבגעפּאָהרען פון מאַיאָנטעק, אפילו דער סובאָטניק, און זיין אָרט האָט פערנומען א דייטש פון קורלאַנד.

דער דייטש האָט באַלד איינגעפיהרט אין הויף דיזעלבע שטרענגע פּאַריאַדקעס, וועלכע האָבען עקזיסטירט פאַר'ן גראַף סווינטשיצקי, און אַלע האָפנונגען, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסען ביים שטעדטעל, ווען דער גענעראַל האָט עס אָבגעקויפט פון זיינע הענד, זיינען מיט אַמאָל צוריק אָבגעשטאָרבען.

בעגראָבען אין טהאָל איז דאָס שטעדטעל צוריק געלעגען צו די פיס פון שלאָס אויפ'ן באַרג, ווי א בעטלער, שפּל'דיג און דערשלאָגען אין זיין אָרימקייט און האָט ווייטער געשלעפּט די לאַסט פון דער האָפנונגסלאָזער גרויער עקזיסטענץ פון אַן אָרים שטעדטעל.

דער בלוט־בלבול

פינפטער קאפיטעל.

דער נייער פערוואלטער

עס איז געווען א עיבור־יאהר.

דער ווינטער האט זיך געצויגען לאנג, ווי אן אייביגקייט, און פורים־צייט איז דאס שטעדטעל נאך געלעגען אין טהאל, ווי בעגראבען, אין טיעפען שנעע. צוזאמענגעדרעהט פון ביטערער קעלט און האפנונגסלאזער ארימקייט איז דאס געלעגען ביי די פיס פון בארג מיט'ן פרעכטיגען מאגנאטען־שלאס, נאך שפל'דיגער און עלענדער ווי פריהער. דער אלטער, אין שנעע־בעפוצטער פארק, מיט זיינע הונדערט־יעהריגע שלאנקע טאפאליעס האט געקוקט דערויף מיט מעהר שטאלץ און פעראכטונג ווי פריהער. דער נייער פערוואלטער פון גוט האט פערמאכט דעם וואלד און דער יקרות אויף האלץ איז געווארען נאך גרעסער. די איינגעהויקערטע הייזלעך האבען זיך גענומען הייצען מיט שטרוי און אפילו שטרוי האט זיך דאס שטעדטעל ניט געקענט דערקויפען.

דאס וואס די עקאנאמיע האט ניט פערקויפט קיין האלץ, איז געווען איינ־פאך אן אונערטרעגליכע גזירה. צוואנציג ווארסט ארום איז ניט געווען קיין אנדער וואלד, אחוץ דעם וואס האט בעלאנגט צום גענעראל, און דאס שטעדטעל האט איהם איצט דערמאנט אפטער און מיט א טיעפערען קרעכץ ווי פריהער.

זיין ארט האט שוין אבער פערנומען א געלערענטער אגראנאם, אן עסט־לאנדער דייטש, פאן־באך, א גרעסערער שונא־ישראל ווי סווינטשיצקי, און ער האט שוין קיין אידען אויף די אויגען ניט געלאזט.

מען האט געמאכט אסיפות און געקליבען זיך שרייבען צום גענעראל, בע־טען איהם אז ער זאל כאטש פערקויפען האלץ אין שטעדטעל אריין. דער גענעראל מיט נאטאשא'ן זיינען שוין אבער געווען ערגעץ ווייט — מען האט געזאגט אז אין אויסלאנד — און מען האט ניט געהאט זיין אדרעס. אפילו בעריל האט ניט געוואוסט וואוהין איהם צו שרייבען, כאטש ער האט איצט אין בית־המדרש, וואו מען האט ניט אויפגעהערט צו רעדען פון איהם און זיך דערמאנען אין דער קורצער אבער גוטער ממשלה זיינער, געשמייכעלט געהיימ־ניספולער ווי פריהער.

דערזעלבער בעריל פלעגט אבער אויסהאלטען מלכה'ס יתומים פון דעם געלד, וואס דער גענעראל האט איהם געלאזט אין דער נאכט פאר זיין אב־

פאַהרען. אויך חיים־הירש דער בעל־עגלה האָט בעקומען אַ נייעם שפּאַן פאַר צוויי הונדערט רובעל און האָט זיך צושיידט מיט זיינע נבלות.

טראָץ דעם האָט דער לאַנגער בעל־עגלה ניט אויפגעהערט צו פערלאַנגען פון בערל׳ען דעם אַדרעס פון פעטער דעם לייב־מעדיק און דראָהען, אַז ער וועט פערקויפען דעם שפּאַן און וועט פאַהרען קיין פּעטערבורג איהם אויפזוכען, און פערלאַנגען גערעכטיגקייט פאַר דער מוהמע מלכה עליה השלום.

דער סליעדראַוואַטעל איז נאָך אַ פּאָר מאָל געקומען אין שטעדטעל אַריין וועגען דעם בונט ביים שענק. די „דיעלאָ” איז אָבער בטל געוואָרען. אויך איז בטל געוואָרען די הריגה פון דער אידענע. מען האָט עס געמאַכט אַזוי, אַז די קויל פון קאַדעט האָט זי געטראָפען אונגערן, ציעלענדיג אין אַ פויגעל אויפ׳ן בוים, אונטער וועלכען די אידענע איז געשטאַנען.

דער אַלטער פּריסטאַוו

ארום פּורים־צייט איז ערשינען אין שטעדטעל צוריק דער אַלטער פּריס־טאַוו, וואָס דער גענעראַל האָט אַראָבגעזעצט פון בענקעל, און אין וועלכען דאָס שטעדטעל האָט שוין כמעט פערגעסען.

זיין ווייב האָט נאָך אַלץ געוואוינט אויפ׳ן דאָרף אין אַ קליין גוי׳איש הייזעל.

און באַלד האָבען זיי ביידע צוזאַמען אָנגעהויבען צו געהן צווישען די קלייטען און איינקויפען ביד רחבה, זי אין אַ רייכער פּליושענער רעטאַנדע אויף פוטער און ער אין אַ האָזענעם טולופּ און מיט אַ מאָדנער קאָקאַרדע אויף אַ רויטער היטעל פון אַ מאַרשאַלעק, וועלכע מען האָט געקאָנט זעהן נאָר אין די גרויסע שטעדט.

זיי האָבען געקויפט און זיך ניט געדונגען, ווי רייכע און שטאָלצע פּריצים. בעזונדערס שטאָלץ האָט זיך בענומען די פּריסטאַווּשע, וועלכע האָט אַ גאַנצען יאָהר געפּעכגעט פון הונגער, אַזוי ווי זי וואָלט דערמיט געוואָלט בעווייזען די אידען, אַז זי איז צוריק אַ פּריצ׳טע, און נאָך גרעסער פון אַ פּריסטאַווּשע.

נאָכגעטראָגען האָבען איהר די פּעקלעך צוויי אונטערטעניגע דיענער, דער גוי פּאַכאָם, ביי וועלכען זי האָט געוואוינט אין שכנות און אשר דער סטאָסקי, איהר טרייער מענש און בן־בית, וועלכער פּלעגט פריהער ארומלויפען באַרגען פאַר איהר ערגעץ אין אַ קלייטעל אַ פונט צוקער. דער פּריסטאַוו האָט מיט אַ נאַכלעסיגען שטאָלץ געוואָרפען די פּאַפּירלעך די פּולען פון פולען טייסטער, האָט ניט געצעהלט דעם רעשט, וואָס דער קרעמער האָט איהם געגעבען, האָט אָבער חוזק געמאַכט פון איהם און פון אידען בכלל, גיפטיגער ווי פריהער, ווען ער איז געוועזן פּריסטאַוו און מלך אין שטעדטעל. איבעריגענס איז ער געווען גאַנץ גוטמוטיג געשטימט, ווי אַ טריאומפאַטאָר, וועלכער קומט אין זיין צוריק געוואונענער מלוכה.

מעהר פון איהם האָט נאָך טריאומפירט די גראָבע פּריסטאַווּשע, וועלכע האָט אַלע מאָל צוזאַמענגעצויגען אויף זיך די נייע רעטאַנדע, ווי איינער זאָגט:
„זעהט ווער איך בין איצט!”

די קרעמער האָבען איהר אָבגעגעבען דעם אמת'ן כבוד : „וועט די טייערע באַרינאַ נאָך לאַנג וואוינען ביי אונז ?" — האָט זי כמעט יעדערער געפרעגט מיט אַ חניפה'דיג אונטערטהעניגען שמייכל, און די באַרינע האָט געענטפערט :

— וואָס נאָך וועט איהר אויסטראַכטען ? אָט וועל איך בלייבען דאָ, אין דעם פאַרכאַטי זשידאָווסקי שטעדטעל... כאַ־כאַ־כאַ ! איך גלויב, אַז פעטערבורג איז אַביסעל אינטערעסאַנטער און שעהנער פון דער בלאָטע — און האָט דערביי צוגעוואונקען צום מאַן, אַז ער זאָל עס בעשטעטיגען.

דער קרעמער האָט צוגעגעבען, אַז פעטערבורג איז אינטרעסאַנטער און האָט אויסגעדריקט זיין בעדויערען וואָס דאָס שטעדטעל געהט פערלירען אַזאַ „טייערע באַרינאַ".

טראָטץ דעם האָבען זיי דאָס „פאַרכאַטע זשידאָווסקע שטעדטעל" אַזוי גיך ניט פערלאָזען.

שבת הגדול

באַלד האָבען די מאַרצאָווע ווינטען גענומען שמעלצען און עסען דעם שנעע. די קעלט איז אָבער ניט פערקלענערט געוואָרען און די פרעסט פלעגען ביי נאַכט צוזאַמענקאָוועו די אָנגעשמאָלצענע וואַסערען פון טאָג. אָהן שנעע האָבען די דעכער אויף די הייזלעך שוין אויסגעזעהן ווי אָבגעגאָלטע, נאַקעטע קעפ. טראָטץ דעם האָט דאָס שטעדטעל אויפגעלעבט, האָט זיך גע־נומען כשר'ען, וואַשען און שמירען און זיך געגרייט צו עמפאַנגען דעם פסח.

שבת־הגדול איז דאָס שטעדטעל אויפגערודערט געוואָרען ווי אַ קופּע מור־ראַשקעס. דער שבת־גוי איז פּלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל הייצען די הרובעס און וואַרעמען דאָס געקעכטס. די ווייבער זיינען אַרומגעגאַנגען, געקלאַפּט אין די פענסטער און זיך נאָכגעפרעגט איינער ביים צווייטען צי „קאַליסטראַט" איז דאָרט ניטאָ.

קאַליסטראַט איז געווען אַ דרייצעהן־יאָהריגער שגץ, וועלכער האָט גע'־ירש'עט דאָס אַמט פון שבת־גוי פון זיין מוטער „אַפקע", די שיכור'טע, וועלכע האָט פערנומען אין שטעדטעל אַ וויכטיגען און נויטיגען פּלאַץ, כמעט פון אַ כלי־קודש. זי פלעגט שמירען פאַר פסח די הייזער און אין מיטען יאָהר אַראָפּנעהמען די לייכטער פון טיש און הייצען די הרובעס. נעכטיגען פלעגט זי אין באָד און העלפען דערפאַר דער טוקערקע. ווי אַ שבת־גוי'ע פלעגט זי רעדען גוט אידיש, ניט געהן אין קלויסטער אריין און שילטען די „חזרים", די גוים, ווי אַלע אידען. קאַליסטראַט איז אויסגעוואַקסען צווישען אידישע קינ־דער און איז אויך געווען גאַנץ פעראידישט ווי זיין מוטער.

געזוכט האָט מען קאַליסטראַט'ן ביז מען איז געגאַנגען פון די שוהלען. און אַז עס איז געוואָרען שפּעט און דאָס עסען איז נאָך אַלץ געווען קאַלט, זיינען שוין בעלי־בתים געלאָפען אויפ'ן דאָרף נאָך שבת־גוים. עס איז אָבער געווען אַ חגא און עס איז דערפאַר געווען שווער צו קריגען אַ גוי פאַר אַזאַ אַרבייט. און אַז עמיצער האָט מיט גרויסע צרות שוין געפּאַקט אַ גוי אָדער אַ

שיקסעל, האָט מען זיך גענומען דערפאַר שלאָגן אויפ׳ן מאַרק פּלאַץ און מען האָט עס שיער ניט צוריסען. די סעודה האָט מען שוין געגעסען גאַנץ שפּעט און דער שבת־הגדול איז געווען אַ פאַרשטערטער.

דער בר-מינן

שבת־צו־נאַכטס איז געווען אַ בר־מינן אין שטעדטעל, אַ קימפּעט־קינד ביי אַן אָרימען שניידער, וואָס האָט בעקומען די שווערע קרענק און איז געשטאָרבען.

נאָך הבדלה איז געקומען פּיצי דער קברן, אַן אַלטער האַרבאַטער איד מיט אַ גרויסער, רויטליך־בלויער און פרישטשעוואַטער נאָז און מיט צוויי אונגע־וועהנליך לאַנגע הענד, האָט עס פערנומען אין דער פּאַלע און איז אַוועק מיט דעם אויפ׳ן הייליגען אָרט, בעגלייטעט פון זיין איידעם, וועלכער האָט געזאָלט ירש׳ענען די חזקה פון קברות־מאַן. דער שווער האָט איהם שוין אָנגעהויבען מיטצונעהמען און לערנען בעצייטענס, כדי די חזקה זאָל זיין נאָך שטאַרקער.

דאָס הייליג אָרט איז געלעגען צוויי וויאָרסט פון שטעדטעל, פון יענער זייט דאָרף. דער ווינד האָט באַלד פערלאָשען די לאַמטערן אין איידעמ׳ס הענד און האָט שוין האַרטנעקיג ניט געלאָזט איהם אָנצינדען צוריק, און די צוויי מענשען האָבען זיך געלאָזט וואַנדערען מיט זייער טויטער משא אין דער אונהיימליכער פינסטערניש.

אין שטיבעל פון קברות־מאַן האָבען זיי צוריק אָנגעצונדען די לאַמטערען, מיטגענומען דאָס געצייג און זיינען אַרויסגעגאַנגען אויפ׳ן הייליגען אָרט גראָבען אַ קבר.

און אַזוי ווי דער קברן האָט אַוועקגעלעגט אויף דר׳ערד דעם קליינעם מת און האָט זיך גענומען מיט דער האַק האַקען די נאָך פערפראָרענע ערד, האָט זיך פון צווישען די בוימער אויפגעהויבען אַ שטאַרקער ווינד, וועלכער האָט ווידער פערלאָשען די לאַמטערן, און האָט זיך גענומען וואַרפען און טרייס־לען די בוימער מיט אַזאַ בייזען וואוט און אימפּעט, אַזוי ווי ער וואָלט זיי געוואָלט אויסרייסען מיט די וואָרצלען.

די נאַקעטע, שוואַרצע בוימער האָבען זיך גענומען אונטער דעם שטור־מישען אָנלויף קאַרטשען, קרעכצען און וואָיען, און באַלד האָט דער גאַנצער בית־עולם געקרעכצט און געקלאָגט, אַזוי ווי דער קבר וואָלט מיט זיין האַק אויפגעוועקט פון זייער אייביגען שלאָף אַלע מתים, אַ גאַנצע טויטע וועלט און זי וואָלט זיך גענומען דערצעהלען און בעקלאָגען אויף די יסורים פון גיהנום.

אפילו ביים אַלטען צוגעוועהנטען קברן איז געוואָרען קאַלעמוטנע אויפ׳ן האַרצען, און מוראשקעס האָבען גענומען לויפען איבער זיין לייב אונטער דער אַלטער וואַטאָווער קאַפּאָטע זיינער.

— צינד אָן צוריק די לאַמטערן! — האָט ער בעפעהלען דעם איידעם מיט אַן אונהיימליכער און ציטערענדער שטימע.

דער איידעם האָט זיך גענומען רייבען אַ שוועבעלע נאָך אַ שוועבעלע. די שוועבעלעך אָבער האָבען זיך אויסגעלאָשען באַלד ווי זיי האָבען זיך אָנגע־צונדען.

פּלוצים האָט דער איידעם אויסגעשריען אַזוי הויך און שרעקליך, אַז אַפילו די בוימער זיינען מיט אַמאָל פערשטומט און פערגליווערט געוואָרען פון שרעק. און איידער דער קברן האָט געהאַט צייט צו פרעגען וואָס איז מיט איהם, זיך אַרומקוקען, איז זיין יונגער תלמיד שוין געלאָפען צום פּלויט, לאָזענדיג הינטער זיך אין דער אויפגערודערטער און ערשיטערטער נאַכט־לופט דאָס ווילדע ווידער־קול פון אַ שרייענדער טויט־פּאַניק.

געיאָגט פון דעם טויט־פּאַניק, האָט זיך דער יונגערמאַן שוין ניט גע־קענט אָפּשטעלען. ער איז אַריבערגעשפּרונגען דעם פּאַרקאַן און איז שוין אַזוי געלאָפען ביז צום ערשטען גוי'יש הייזעל פון דאָרף, האָט נאָך געהאַט כח אַנצוקלאַפּען און איז מיט אַ צוריסען האַרץ פון שרעק געפאַלען אַ טויטער.

דער קברן אָבער איז געבליבען איבערגעשראָקען נאָר אַ ווייליע. דער מאַן איז שוין געווען געוועהנט מיט'ן טויט און מיט מתים און האָט זיך באַלד בעהערשט.

זיין ערשטע בעוועגונג איז געווען אַרויסצונעהמען פון דער בוזעם־קעשענע די פלאַש בראַנפען, מיט וועלכער ער פלעגט זיך ניט צושיידען ווען ער פלעגט טהאָן זיין טויטע מלאכה, און גענומען אַ גוטע כוס'ע. דער בריהענ־דער בראַנפען איז באַלד אַריין אין זיין קאָפּ, פון קאָפּ זיך אַראָבגעגליטשט צום האַרצען, האָט עס אָבגעבריהט און האָט פון דאָרט מאָמענטאַן אַרויסגעטריבען דעם טויט־פּחד און איהם פאַלשטענדיג בערוהיגט. דאַן האָט ער געפונען אַ שוועבעלע אין קעשענע, האָט פאַוואָלינקע אָנגעצונדען צוריק די לאַמטערן, האָט איהר אויפגעהויבען און זיך איינגעקוקט אין דער פינסטערער נאַכט.

צווישען די בוימער, אויף אַ צווייג, איז געהאַנגען אַ מענש, וועלכען דער ווינד האָט געשאָקעלט הין און צוריק ווי אַ גרויסען שוואַרצען פענדעל פון אַ זייגער.

דער מענש האָט דאָס אַ פליה געטהאָן דעם יונגען קברן אין פּנים אַריין און האָט עס איהם אַזוי דערשראָקען.

דער קברן האָט אויפגעהויבען נאָך העכער די לאַמטערן און האָט זיך נאָך בעסער איינגעקוקט. אויפ'ן בוים איז געהאַנגען דער שגץ קאָליסטראַט, אַפּקע'ס זוהן, וועלכער האָט אַזוי אויפגערודערט דאָס שטעדטעל.

דער קברן האָט זיך גוט אויסגעשאָלטען, שוין נישט ווי קיין איד, נאָר ווי אַ גוי, און האָט זיך גענומען בעגראָבען דעם בר־מינן.

ביי זיך אין קברות־שטיבעל האָט ער דעם איידעם ניט געטראָפען. דער אָנגעשראָקענער איד איז געוואָרען מיט אַמאָל מרה־שחורה'דיג און האָט זיך געלאָזט שוין שפּעט אין דער נאַכט געהן אין שטעדטעל אַריין צו דער טאָכטער, זעהן וואָס עס טהוט זיך מיט איהר מאַן. דאָרט אָבער האָט ער שוין געטראָ־פען אַ נייעם בר־מינן, וועלכען די גוים פון דאָרף האָבען געבראַכט אַהיים.

דער נייער שרעק

און דער שרעק פון דער שוואַרצער נאַכט האָט זיך אָנגערוקט אויפ'ן אָרימען שטעדטעל און האָט עס שוין לאַנג ניט אַרויסגעלאָזט פון זיינע נעגעל.

פערשפרייט איבער די אָרימע איינגעהויקערטע הייזלעך האָט ער זיך פון דאָרטען, פון דעם שגיץ, וועלכער איז נאָך געלעגען אויפ'ן בית־הקברות.

עס איז נעבען איהם געשטאַנען אַ שטרענגע שמירה פון סטראַזשניקעס.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז מען האָט איהם פריהער געקוילעט און דערנאָך אויפגעהאַנגען. דער פריסטאַוו האָט באַלד טעלעגראַפירט דעם איס־פּראַווניק און פּראָקוראָר, און איידער די זיינען נאָך געקומען, האָט דער גלח שוין בעשטימט דעם שיקזאַל פון שטעדטעל...

זונטאָג נאָכ'ן דאַווענען האָט ער געהאַלטען אַ רעדע אין קלויסטער און האָט אַרויסגעלאָזט דאָס שרעקליכע וואָרט:

— די זשידעס האָבען געקוילעט דאָס קריסטליכע אינגעל צוליעב בלוט אויף פּסח!

מעהר האָט מען ניט בעדאַרפט. די קייט פון לאַנג־יעהריגע און גוטע שכנ'ישע בעציהונגען, וועלכע האָט צוזאַמענגעבונדען דאָס שטעדטעל מיט'ן דאָרף, האָט זיך מיט אַמאָל צוריסען פון די זינלאָזע, פערלוימדערישע ווערטער.

די אידען האָבען עס באַלד דערקענט אין די אויגען פון די גוים וואָס זיינען געקומען אויפ'ן מאַרק. אַ בייזער פלאַם האָט שוין געלויערט אין די אויגען פון דעמזעלבען סטעפּאַן און איוואַן, מיט וועלכען די מאַרק־מענשען האָבען זיך געקענט פון קינדוויז אָן. אַ בייזער און דראָהענדער שמייכעל האָט זיך שוין געלעגט אויף די פּראָסטע כאַכלאַצקע פּנים'ער, אַ שמייכעל, וועלכער וויל עפּעס פערדעקען און רעדט אָבער מעהר ווי מען בעדאַרף.

גערעדט האָט אָבער דאָס דאָרף גאָרנישט, ניט וועגען דער געשיכטע און ניט וועגען גלח'ס פּירוש אויף איהר. די גוים האָבען שוין געשוויגען ווי פערשווערער און קאָנספּיראַטאָרס. דראָהענד געשוויגען, אָבער פיעל־זאָגענד גע־שמייכעלט...

— וואַרט! מיר וועלען אייך ווייזען! — האָט געזאָגט דער בייזער שמייכעל.

נאָר דער אַלטער פריסטאַוו האָט זיך ניט איינגעהאַלטען. ער איז דעם טאָג ווידער אַרומגעגאַנגען מיט זיין ווייב איינקויפען איבער די קלייטען און די ערשטע ווערטער זיינע זיינען געווען אין יעדער קראָם: „געקוילעט אַ אינגעל אויף פּסח? וואָס? גיעב, זשיד, אַ האַלב פונט טהעע", אָדער ער האָט פערלאַנגט עפּעס אַנדערש. און דער „זשיד" איז שוין געבליבען שטעהן ווי אַ פּריטשמעליעטער און טויט־בלייכער ביי דער סטאָיקע, אַזוי ווי דער הוליגאַן וואָלט איהם דערלאַנגט מיט אַ האַק איבער'ן קאָפּ און ביי איהם צוגע־נומען אַלע חושים.

דער הוליגאַן מיט דער חוליגאַנקע פלעגען שטעהן און קוקען דעם טויט־בלייכען אידען אין פּנים אַריין מיט אַזאַ טייפעלשען פערגעניגען, מיט אַזאַ בלו־טיגער פרייד!...

— נו, שרעק זיך ניט, זשיד! די מצות מיט'ן בלוט וועט מען דיר לאָזען אויפעסען, אָבער נאָך פּסח — אין קוטשעמענט אריין... כי־כי־כי... אָדער גאָר מאַכען חיק אין גערגעלע? אַ, מאַשקע? מאַכען חיק און ניטאַ בלוט, ווי אין דער זשידאָווסקי תורה שטעהט: אָז אויג פאַר אָז אויג... דו טרינק גוי'איש בלוט, גוי טרינק דיין בלוט... כי־כי־כי...

און דער פּריסטאַוו פיהרט הין און צוריק מיט אַזאַ בייזער פרייד זיין האַנד איבער'ן אייגענעם גאָרגעל, צו ווייזען מאַשקע'ן ווי אַזוי מען וועט איהם „מאַכען חיק אין גערגעלע" און פרעגעלט זיך אין גיפט פון זיין פערגעניגען, און די גראָבע פּריסטאַווושע טרייסעלט זיך אַזש אין דער רעטאַנדע פון געלעכטער.

— שאַ! גיט זיך אַ כאַפּ מיט אַ געמאַכטען ערנסט דער פּריסטאַוו — זאָג נאָר, מאַשקע, און אין דער טהעע דיינער איז ניטאָ קיין גוי'יש בלוט? אַ? — און ער נעהמט זיך גאַנץ ערנסט טאַפּען די טהעע, און די פּריסטאַוושע לאַכט שוין היסטעריש און מיט אַ ווילדען קוויטש.

די סצענע האָט זיך ווידערהאָלט אין אַ פּאָאר קלייטען. פאַרנאַכט האָט מען שוין געזעהן אַ פּאָר פרעמדע און אונבעקאַנטע סוביעקטען אויפ'ן מאַרק, מיט טריפה'נע און שטומפּע מאָרדעס פון „סיסטשיקעס", און רעדלעך פון גוים אַרום די סוביעקטען.

די קראַנקע אידישע פאַנטאַזיע האָט געאַרבייט שנעל, ווי אין אַ פיבער. דראָהענדע שרעק־געשטאַלטען האָבען שוין געלויערט אויף יעדען שריט און טריט. דאָך איז דער מאַרק אָבגעלאָפען בשלום און אָהן אינצידענטען. אפילו ביים טשעך אין שענק האָט מען זיך דעם זונטאג ניט געשלאָגען, וואָס איז געווען אַ זעלטענע ערשיינונג. מען האָט זיך אַזוי ווי אָבגערעדט, אַז אַלעס זאָל פאַרלויפיג בלייבען רוהיג און שטיל. די רוהיגע שטילקייט אָבער האָט נאָך מעהר געדראָהט און געשראָקען און די קרעמערס האָבען פערמאַכט די קראָמען און זיינען געגאַנגען אַהיים מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ, געבויגענע און צוגעדריקטע אונטער דער שווערער לאַסט פון אַ נייער זאָרג, פון אַן אונזיכערען מאָרגען...

דער בלוט-בלבול

מאָנטאָג איז שוין געקומען דער איספּראַווניק מיט'ן סליעדאָוואַטעל פון דער אויעזדנער שטאָדט, און דער פּראָקוראָר פון דער גובערסקער שטאָדט. מיט דעם פּראָקוראָר זיינען אויך געקומען אַ דאָקטאָר און סיסטשיקעס מיט הינט.

אַלע מיט אַמאָל זיינען זיי זיך צונויפגעקומען אויף דער סטאַנציע, און פון דאָרט האָט זיי די זעמסקי פּאָטשט געבראַכט אין שטעדטעל אַריין.

די נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך אָבער אין ערגעץ ניט אָבגעשטעלט, און בעגלייט פון דעם נייעם פּריסטאַוו זיינען זיי גלייך אַוועק אויפ'ן הייליגען אָרט, וואו דער שגץ איז שוין געלעגען צווישען די בוימער אַ געפראָרענער און שטייפער, ווי אַ האַרטער און גרויזאַמער שטיין, געהיט פון זעקס סטראַזשניקעס, וועלכע האָבען זיך געביטען אַלע אַכט שטונדען.

און אַזוי האָט זיך גענומען וועבען אַ בלוט־בלבול!

געוועבט האָט מען איהם מיט די אוראַלטע פּאָדים, גענעהט האָט מען דאָס געוועב מיט גרויסע און אומגעלומפּערטע תכריכים־שטעך, אַזוי, אַז די ווייסע פּאָדים האָט אַרויסגעשטעקט און זיך געזעהן פון אַלע זייטען...

די אוראַלטע געשיכטע האָט זיך ווידערהאָלט ווי אַמאָל אין די אַלטע צייטען. דאָס שטעדטעל האָט עס דערזעהן פון דעם ערשטען מאָמענט, ווי אַזוי נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך גענומען פאַר דער אויספאָרשונג. די פּאָליציי

האָט באַלד געבראַכט אויף דעם הייליגן אָרט דעם אַלטן רב, בעריל דעם בעל־אכסניא, דעם גבאי פון דער חברה־קדישא און נאָך אַ פּאָר פון די חשוב׳סטע בעלי־בתים.

דעם שגץ האָט מען איבערגעטראָגן אין קברות־שטיבעל, וואו מען האָט איהם געזאָלט פּאַלמעסן. געדרעהט האָבן זיך אַרום דער נאַטשאַלסטוואָ שוין פּרעמדע סוביעקטן, וועלכע מען האָט געזעהן זונטאָג אויפ׳ן מאַרק, דער גראָבער גלח, וועלכער האָט בייז געסאָפּעט אין זיין אַסטמאַ ווי אַ דאַמפּענדער לאָקאָמאָטיוו.

דער פּראָקוהאָר האָט צוגעוואָרפן די אידן נאָר אַ לאַנגן, פאַרשענדן בליק, פון וועלכן דאָס בלוט איז פּערקיהלט געוואָרן ביי אַלעמען אין די אָדערן. ער האָט זיי אָבער געלאָזט שטעהן אין דרויסן און פריהרן אין דער נאָך גענוג קאַלטער לופט, און איז אָבגעגאַנגען צוריק אין קברות־שטיבעל.

און נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך לאַנג בעשעפטיגט מיט דעם אויספאָרשן און פאָטאָגראַפירן די וואונדן, וואָס מען האָט געפונען אויפ׳ן שגץ׳ס קער־פער, און דערנאָך שוין מיט׳ן פּאַלמעסן.

לאַנג זיינען געשטאַנען די עטליכע אידן, שטומע און ערנידעריגטע, ווי מענשען צוגענאָגעלט צום שאַנד־קלאָץ.

שפּעט פאַרנאַכט, ווען די זון, אַ אונפריינדליכע און בייזע, האָט זיך שוין גענומען אַרונטערלאָזן הינטער די בוימער פון אַלטן בית־הקברות, זיינען אַרויסגעגאַנגען צוויי סיסטשיקעס און האָבן גראָב, ווי שוין פּראַאורטיילטע מערדער, אָבגעפיהרט די אידן אָן אַ זייט און האָבן זיי אויסגעשטעלט ביים פּלויט, ווי מענשען וואָס מען געהט דערשיסן...

דערנאָך איז אַרויסגעקומען די גאַנצע נאַטשאַלסטוואָ מיט׳ן פּראָקוראָר אָן דער שפּיץ, וועלכער האָט געטראָגן אַ גרויסן בריליאַנטענעם צלם אויפ׳ן האַלז, און אַלע זיינען געבליבן שטעהן פון ווייטענס. אַ אַנדער סיסטשיק האָט אַרויסגעפיהרט צוויי גרויסע הינט אויף אַ קייט און איז מיט זיי אַוועק צו דעם בוים, וואו מען האָט געפונען דעם שגץ הענגענדיג. דאָרט האָט ער זיי אָבגעלאָזט. די הינט האָבער אַרומגעשמעקט די קברים, די בוימער נעבען דעם אָרט און זיינען אַוועק, שמעקענדיג די ערד און דעם גלעזן, שוין צושמאַלצענעם און קויטיגן שנעע, פּערביי דער נאַטשאַלסטוואָ און די אידן.

אַז דער סיסטשיק האָט דאָס דערזעהן, האָט ער די הינט צוריקגערופן און זיי אָנגעכאַפּט ביי די האַלזבענדער. ער האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר ענ־טוישטע און פרעגענדע אויגען אויפ׳ן פּראָקוראָר.

דער פּראָקוראָר האָט אַ רגע געטראַכט און האָט געהייסן זיי צופיהרן צו די אידן. דער סיסטשיק האָט זיי כמעט צוגעשלעפּט, די הינט אָבער האָבן זיי לייכט, אַזוי ווי אונגערן בעשמעקט און זיינען ווי ענטוישטע אָבגע־גאַנגען צוריק אָן אַ זייט.

נאַטשאַלסטוואָ איז אויך געבליבן ענטוישט.

שטום זיינען זיי אַלע נאָכגעגאַנגען דעם פּראָקוראָר צוריק אין קברות־שטיבעל אַריין.

אין עטליכע מינוטען ארום איז ארויסגעקומען דער פריסטאוו און האט געהייסען די אידען געהן אהיים.

פון יענער זייט פלויט האט שוין שטום געווארט אויף זיי א מחנה בלייכע, און אזוי ווי זיי אליין דערשלאגענע און געשענדעטע מענשען. שטום האבען זיך אלע אומגעקעהרט אין שטעדטעל אריין, ווי פון א לויה.

דער פיינדליכער דארף האט זיך שוין געהילט אין די דראהענדע שאטענס פון אן אנהויב־חדש׳דיגער נאכט מיט א קארגען לבנה־שיין. דער דינער אייז איבער די לייכט־פערצויגענע פריהלינגס־וואסערען האט זיך מיט א בייזען און פיינדליכען רויש געבראכען אונטער דער עדה׳ס פיס...

געבראכען האט זיך אויך די ארימע, אבער פון קיינעם ביז אהער ניט געשטערטע, עקזיסטענץ פון שטעדטעל.

דער ארעסט פון קברן

טראץ דעם האט מען ארעסטירט דעם אלטען הארבאטען קברן און איהם מיט א גוטער שמירה אוועקגעשיקט אין אויעזדנע טורמע. געבראכט האבען צו זיין טאכטער׳ס הייזעל די הינט מיט דיזעלבע שפורען, וואס דער איד האט געלאזט הינטער זיך, געהענדיג פון געהאנגענעם געוואויר ווערען זיין איידים. מען האט איהם אבער ניט געקאוועט אין קייטען, ווי מען האט געקאנט ערווארטען ,ווייזט אויס, אז נאטשאלסטווא אליין האט סקעפטיש געקוקט אויף דעם פערברעכען, אדער האט איהם געהאלטען פאר א ווייניג וויכטיגען און געניגענדען קרבן.

דינסטאג ביינאכט איז די גאנצע נאטשאלסטווא אבגעפאהרען, איבערלאזענדיג די אנגסט און די שרעק פאר דער צוקונפט.

דער פסח איז שוין געשטאנען ביים טהיר, דער אידישער ווי דער גוי׳אישער. דער דארף אבער האט דראהענט געשוויגען און געהיימניספול און בייז געשמייכעלט... באלד האט זיך א גוי צושלאגען מיט א קרעמער איבער א הערינג און האט געדראהט, אז אלעס וועט באלד זיין זייערס. דער געוועזענער פריסטאוו האט נאך אלץ געלעבט אויפ׳ן דארף און איז ניט אבגעפאהרען. אשר דער סאטסקי פלעגט שוין צו איהם ניט געהן. די בארינא האט שוין איצט אין איהם זיך ניט גענויטיגט און האט איהם מיט אמאל ארויסגעטריבען.

טראטץ דעם האבען די אידען געפיהלט און געוואוסט, אז אויפ׳ן דארף טהוט זיך עפעס; אז דער רוסישער סאיוז, וועלכער איז מיט׳ן פריסטאוו׳ס אבפאהרען אבגעשטארבען, איז פון איהם צוריק אויפגעלעבט געווארען; אז ביים גלח אין הויז קומען פאר פערזאמלונגען. דער שווארצער שרעק פון דער פאגראם־געפאהר איז געוואקסען און האט שוין פערשפרייט זיינע שווארצע פליגעל איבער׳ן שטעדטעל און איבער׳ן פסח.

די אידישע געשיכטע ווידערהאלט זיך.

מען האט צונויפגענומען גאנצע 500 רובעל, פון רייכען און פון ארימ־

סטען, און מען האט זיי אוועקגעטראגן צום פּריסטאוו. דער פּריסטאוו האט פארזיכערט, אז ער וועט צו קיין פּאגראם ניט צולאזן און דאס שטעדטעל קאן רוהיג פייערן זיין יום־טוב...

און דער פּסח איז אריבער רוהיג, אהן אינצידענטען...

די ערשטע אספה

חול־המועד פּסח, אז די ערשטע שרעק פאר א פּאגראם איז אריבער, האט דאס שטעדטעל געהאט די ערשטע אספה.

אפיציעל איז דער בלוט־בלבול נאך ניט פּראקלאמירט געווארען, ער איז שוין אבער געהאנגען אין דער לופטען. דער דארף, געפיהרט פון גלח און פון עטליכע געבראטענע שווארץ־מאה'ניקעס, האט שוין דערפון גערעדט אפען. דער געוועזענער פּריסטאוו איז אויך באלד פערשוואונדען געווארען. דאס שטעדטעל אבער איז שוין געווען פעסט איבערצייגט, אז די ארבייט איז זיינע... וויי־טער איז אן אונשולדיגע־ איך שוין געזעסען אין תפיסה און מען האט ניט געקאנט ווארטען. און אין דעמזעלבען טאג איז א דעפּוטאציע פון רב, רב בערל'ען און לוי דעם פּראצענטניק אוועקגעפאהרען אין גובערניע אריין זיך האלטען אן עצה מיט די אידישע כלל־טהוערס. פערפאהרען זיינען די אידען גלייך צום גובערנסקי ראבינער. דער ראבינער האט שוין געוואוסט פון דער געשיכטע, פון דער שווארץ־מאה'דיג בלעטעל וואס די „גובערנסקיע פּראוו־לעניע” פלעגט ארויסגעבען. אבער אפילו די צייטונג האט נאך ניט געוואגט אפען צו רעדען פון א ריטואל־מארד. נאטשאלסטווא אליין האט זיך נאך געוואקעלט.

די אנגעשראקענע אידישע פאנטאזיע איז דאס מאל, ווי תמיד, געלאפען פאראויס. פונדעסטוועגען האט דער ראבינער באלד פעררופען צו זיך אן אספה פון די פראמינענטסטע מענער און גבירים אין שטאדט, צווישען וועלכע עס איז געווען א ווייט־בעריהמטער אידישער אדוואקאט און א יוגענד־פריינד פון פּראקוראר, מיט וועלכען ער האט צוזאמען שטודירט.

דער אדוואקאט האט בערוהיגט די קליינשטעדטעלדיגע דעפּוטאציע און די אספה. אזוי ווי די ידיעה פון געפינען א הרוג אויפ'ן אידישען בית־הקברות איז ערשינען אין דער לאקאלער צייטונג, האט ער געהאט א געשפּרעך וועגען דעם מיט'ן פּראקוראר און האט זיך פון געשפּרעך מיט איהם איבערצייגט, אז ער איז ווייט פון א ריטואלער אויפפאסונג און גלויבט ניט אין עקזיס־טענץ פון ריטואל־מארדען ביי אידען בכלל.

— מיין פריינד איז צו פּראגרעסיוו און ליבעראל, האט הינטער זיך א זויבערע קאריערע פון א צו עהרליכען יוריסט, אז ער זאל זיך וועלען שמוצען מיט א בלוט־בלבול. וואס דעם קברות־מאן אנבעלאנגט, ערלויבען ניט די פּראצעדור און געזעצליכע פאָרמאליטעטען איהם באלד צו בעפרייען. איך וועל אבער זעהן, אז מען זאל איהם קאנען ארויסנעהמען אויף פּארוקע. פּאהרט אהיים און גרייט־צו א פּארוקע, אם וועניגסטענס פון צעהן טויזענד רובעל.

גליקליך און בערוהיגט איז די דעפּוטאציע בייגאכט געפאהרען אהיים און האט געבראכט דעם שטעדטעל די גוטע בשורה. א נייער נס האט פּאסירט

מיט די אידען און זיי האבען דעם פסח געשמאקער און מיט א מעלאנכאלישער פרעהליכקייט געזאגט הלל אין די שוהלען און געדאנקט דערפאר דעם אויבער־שטען. צו די צווייטע טעג האט שוין איבער'ן שטעדטעל געשיינט א מילדע און ווארימע פריהלינגס־זון און האט געלאשטשעט די איינגעהויקערטע ארימע הייזלעך און זיי אזוי ווי בערוהיגט אין זייער ענגסטליכען שרעק.

און די אידען האבען רוהיג און פרעהליך געענדיגט זייער יום־טוב.

ל"ג בעומר האט מען אוועקגעפיהרט די פארוקע און מען האט צוריק געבראכט אין שטעדטעל אריין דעם בעפרייטען קברות־מאן. דער סליעדא־וואטעל האט אנגעהויבען פאהרען און זוכען די מערדער אין א ריכטונג, וועלכע איז געלעגען אויסער דער שטעדטעל. דאס שטעדטעל האט איהם געהאלפען און האט זיך פאלשטענדיג בערוהיגט. אפילו דער גלח האט שוין מעהר ניט גערעדט פון א ריטואל־מארד...

דער סיגנאל

קורץ נאכדעם ווי מען האט ארויסגעלאזט דעם קברות־מאן אויף פארוקע, האט א גרויסע אנטיסעמיטישע צייטונג אין פעטערבורג אבגעדרוקט א שאר־פען און פייערדיגען ארטיקעל וועגען דער גע'הרג'עטען קריסטליכען אינגעל אויף א בית־הקברות פון א אידיש שטעדטעל און האט אפען בעשולדיגט די אידען אין ריטואלען מארד און פערקלאגט פאר'ן יוסטיץ־מיניסטער דעם פרא־קוראר און די לאקאלע אדמיניסטראציע אין נאכלעסיגקייט, אז זיי זיינען געקויפט פון אידישע אינטערעסען.

דאס איז געוועזען א סיגנאל!

דאס קליינע שווארץ־מאה'דיגע בלעטעל פון דער גובערנסקי שטאדט, און מיט איהר די איבעריגע קליינע און גרויסע שווארצע צייטונגען פון לאנד האבען אויפגעכאפט דעם ארטיקעל און האבען אנגעהויבען צו גוואלדעווען און צו בילען אויפ'ן גאנצען אידישען פאלק.

די ליבעראלע פרעסע האט זיך אויך דערויף געמוזט שנעל אברופען. געוועהנליך האט זי פראטעסטירט געגען בלוט־בלבול און געווארענט די אדמי־ניסטראציע און די רוסישע יוסטיץ, זיי זאלען זיך ניט לאזען פערפיהרען פון דעם הינטישען בילען.

די ליבעראלע אידענפריינדליכע שטימע איז אבער פערטויבט געווארען פון דער מחנה בייזע כלבים, וועלכע האבען זיך אבגעריסען פון זייערע קייטען.

דער יוסטיץ־מיניסטער האט זיך צו איהר ניט צוגעהערט און האט זיך בעסער געאיילט צו פערענטפערען פאר דער שווארצער פרעסע פון לאנד און

מודיע געווען, אַז דער לאָקאַלער פּראָקוראָר איז בעזייטיגט פון דער אונטער־זוכונג, אַז זי איז אַרויסגענומען געוואָרען פון זיינע הענט און איבערגעגעבען געוואָרען אין די זיכערע הענט פון אַן עכט־רוסישען יוסטיץ־פּערטרעטער, וועלכער האָט מיט זיין גלענצענדער און שנעלער קאַריערע בעוויזען, אַז ער קאָן שטעהן אויף דער וואַך פון גערעכטיגקייט און די אידעאַלען פון עכט־רוסישער שטאַאטמאַנשאַפט.

דער יוסטיץ־פּערטרעטער איז דער פּראָקוראָר פון פּעטערבורגער אָק־רוזשנאָי סוד און דער זוהן פון בעריהמטען רוסישען גענעראַל גערשעלמאַן אַליין, און ער ווערט די טעג געשיקט אויף׳ן אָרט פון פּערברעכען, אין בעגליי־טונג פון די פעהיגסטע און בעסטע אַגענטען פון דער פּעטערבורגער געהיים־פּאָליציי.

קיין בעסערע גאַראַנטיען, אַז זייער וואונש וועט ערפילט ווערען, האָט די שוואַרצע פּרעסע ניט געקאָנט קריגען, און זי האָט אַפּלאָדירט דעם מיניסטער און צוגלייך דעם יונגען פּראָקוראָר, בעגלייטענדיג איהם אין וועג אַריין מיט עצות, וועלכע האָבען מעהר געקלונגען ווי אינסטרוקציעס, און ווינשענדיג איהם ערפאָלג.

שבועות, ווען די אידען האָבען געפייערט מתן־תורה, איז דער יונגער פּראָקוראָר מיט אַ מחנה סיסטשיקעס און פּאָליציי אָנגעקומען אין שטעדטעל אַריין, האָט באַלד אַרומגערינגעלט די שוהל, וואו דער רב האָט געדאַווענט. האָט אַרעסטירט איהם, דעם סבאַרשטשיק און נאָך אַ צעהנדליג חשוב׳ע בעלי־בתים, וועלכע ער האָט שוין געהאַט אויפ׳ן צעטעל, האָט פער׳חתמ׳עט דעם אַרון־קודש, די שאַפּעס מיט ספרים אין שוהל און אין אנדערע צוויי בתי־מדרשים, און האָט זיי געהייסען אַבפיהרען פאָרלויפיג אונטער אַ שטרענגער וואַך אויפ׳ן דאָרף אין וואָלאָסט אַריין, און זיי פערשפּאַרען אין כאָלאָדנע. ער האָט בעפוילען אויסגראָבען צוריק פון צווינטער דעם גע׳הרג׳עטען שגץ און האָט גענומען אַ קוואַרטיר פאַר זיך און פאַר זיינע מיטאַרבייטער אין זיין פּאַטער׳ס שלאָס.

די געדיכטע שוואַרצע וואָלקענס האָבען זיך צוריק אָנגערוקט אויפ׳ן אָרימען שטעדטעל, פינסטערער ווי פריהער.

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז אָבער אָנגעלאָפען דער אַלטער גענעראַל און נאַטאַשאַ. ווי אַ ווינט האָט זיי די רוסישע טראָיקע דורכגעטראָגען איבער׳ן שטעדטעל, אַזוי ווי עס וואָלט געשטאַנען אין פלאַמען און זיי וואָלטען מורא געהאַט זיך אָבצושטעלען.

אַ שטראַהל פון האָפנונג האָט צוריסען די שוואַרצע וואָלקענס און האָט אַ שמייכעל געטהאָן צו דער קליינער, דערשלאָגענער און אין טהאָל בעגראָבענער עדה.

ווי אַ בליץ האָט זיך די בשורה צוטראָגען פון הייזעל צו הייזעל. אַלע, גרויס און קליין, זיינען אַרויסגעשפּרונגען ווי פון פלאַמען און האָבען אין אַ שטומער איבערראַשונג און פרייד לאַנג נאָכגעקוקט דעם וואָלקען שטויב, וועלכער איז נאָכגעלאָפען דער טראָיקע מיט די געסט.

די פערשטיינערטע הערצער האָבען צוריק אָנגעהויבען קלאַפּען מיט האָפּנונג, אַז דער גרויסער מאַן און גוטער מענש וועט בעפרייען דאָס שטעדטעל פון בלבול און וועט אַוועקנעהמען די אויפגעהויבענע האַנט פון תליון.

אין ארץ-ישראל

דאָס גאַנצע יאָהר האָט נאַטאַשאַ מיט'ן פּאָטער געררייזט אין אויסלאַנד. זיי האָבען בעזוכט פראַנקרייך, געלעבט אַ צייט אין ניצאַ, אין איטאַליען.
אויף פּסח זיינען זיי געפאָהרען קיין ירושלים.

דעם געדאַנק האָט געגעבען נאַטאַשאַ. זיי האָבען בעזוכט אַלע ערטער, וועלכע זיינען הייליג פאַר אידען און פאַר קריסטען, בייגעוואוינט דעם גאָטעסדיענסט אין קלויסטער אויף יעזוס'עס קבר, בעזוכט דעם כותל־מערבי, אַלע אידישע קאָלאָניעס.

אָהן ווערטער, ווי שטומע מרגלים האָבען זיי אַלעס בעזוכט און אָנגעקוקט. נאַטאַשאַ פלעגט נאָר ניט אַראָבנעהמען איהרע פאַרשענדע אָבער פאַרזיכטיגע און שוואַרצע אידישע אויגען פון פּאָטער'ס פּנים, געשפּאַנט נאָכגעפאָלגט דעם זיך בייטענדען אויסדרוק פון זיין געזיכט, די שאָטענס פון זיינע געדאַנקען און געפיהלען, וועלכע זיינען איבער איהם שנעל געלאָפען...

זי האָט זיי דורשטיג פערפאָלגט און פערשטאַנען. דעם שליסעל צו דעם פּאָטער'ס נשמה האָט זי שוין לאַנג געהאַט. דאָס פערזיגעלטע בוך איז איצט געלעגען פאַר איהר אָפען און זי האָט עס געליינט מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם און קלאַפּענדען הארצען. און וואָס מעהר זי האָט געליינט, אַלץ טהייערער איז איהר דער פּאָטער געוואָרען. ער האָט איצט שוין ניט געטראָגען זיינע מיליטערישע קליידער, צו וועלכע ער איז געווען געוועהנט פון קינדווייז אָן. זי האָט איהם אָבער איצט געקליידט אין אַן אַנדער קלייד, געשאַפען פון איהר פאַנטאַזיע, אַ קלייד פון ראָמאַנטישען גלאַנץ און פון אַ נסתר, געוועבט מיט'ן הייליגען שימער פון אַ מאַרטירער.

אויפ'ן הר־הזיתים האָט דער אַלטער מאַן פּלוצים ארומגענומען די קליינע טאָכטער און האָט זי לאַנג און שטום געפרעסט צו זיין קראַנקער ברוסט, ווי אַ היילענדען טרייסט, ווי אַ בעסטע און איינציגע נחמה.

און אין דעם שטומען דרוק האָט ער אויסגעדריקט אַלעס, וואָס ער ליידט און פיהלט, און וואָס זי איז פאַר איהם... און די קליינע, מונטערע און פלאַמערענדע שוואַלב האָט צוגעטוליעט דאָס קעפּעל צום פּאָטער'ס ברוסט און האָט געוואַרט מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם און מיט אַ זיסען און קאַלטען שוידער אויף אַ וואָרט, וואָס זאָל צורייסען דעם סוד, וועלכער איז געלעגען צווישען זיי און האָט זיי נאָך צוטיילט;: אַז ער זאָל איהר שענקען דאָס גרויסע פערטרויען, דאָס גרויסע ערוואַרטעטע גליק, וואָס זאָל עפענען די צוויי שווייגענדע און פערשלאָסענע הערצער, זיי עפענען און דערנאָך זיי צוריק צוזאַמענשמידען אויף אייביג אין דעמזעלבען זיסען און שוידערענדען סוד.

שוין לאַנג האָט זי געוואָרט אויף דעם וואָרט, ווי אַ פרויען־האַרץ וואַרט אויפ'ן ערשטען און זיסען וואָרט פון דער ליעבע...

אַלע אירהע נשמה־אוצרות האָט זי געזאַמעלט און אָנגעגרייט פאַר דעם מאָמענט. דער שטאָלצער און ווירדיגער ענטפער האָט שוין געוואָרט אויף איה־רע ליפּען, צוזאַמען מיט'ן הייסען און ברענענדען קוש, וועלכער זאָל בעווייזען איהם, דעם אַלטען טהייערען מאַן, ווי שטאָלץ זי איז מיט דעם פּערטרויען און ווי דאָפּעלט טהייערער ער איז איהר געוואָרען.

דער שוידער פון דער זיסער וואַרטונג לויפט הין־און־צוריק איבער איהר לייב און דאָס וואָרט קומט אָבער ניט... אַנשטאַט דעם האָט ער איהר שטיל צוגעפּליסטערט, אַריינקוקענדיג איהר טיעף אין פּנים און אין די שוואַרצע אידישע אויגען:

— מיר וועלען פאָהרען אַהיים, נאַטאַשאַ!

און דאָס קלאַפּענדע האַרץ האָט זיך מיט אַמאָל אָבגעשטעלט, אַזוי ווי עס וואָלט זיך אָבגעריסען פון לעבענס־נערוו. און זיי זיינען געפאָהרען אַהיים.

אין אַדעם האָבען זיי די רוסישע צייטונגען געבראַכט די ידיעה וועגען דעם בלוט־בלבול און וועגען דער ראָלע, וואָס דער יונגער פּראָקוראָר געהט שפּיעלען אין דער געשיכטע פון דעם אָרעמען שטעדטעל. מיט'ן ערשטען שנעל־צוג זיי־נען זיי אָבגעפאָהרען אַהיים.

צוריק אין שלאָס

אז דער גענעראַל מיט נאַטאַשאַ'ן זיינען געקומען אין שלאָס אַריין, האָבען זיי קיינעם אַ חוץ דער דיענערשאַפט דאָרט ניט געטראָפען. דער יונגער פּראָ־קוראָר און זיין סוויטע זיינען געווען אויפ'ן אידישען בית עולם, וואו מען האָט געפאָרשט, געמאָסטען און געזוכט.

דערווייל האָט זיך געגרייט אַ וואַרעמעס פאַר 15 פּאַרשוין, פאַר דער גאַנ־צער סלעדסטווענע קאָמיסיע, און די דיענערשאַפט האָט געדעקט אַ לאַנגען טיש אויף דער ווערענדאַ און האָט זיך געטומעלט. דאָס אָנקומען פונ'ם גענעראַל און דער באַלעבאָסטע פון מאַיאָנטעק האָט געמאַכט דעם טומעל גרעסער, כאָטש מען האָט זיך געריכט אויף זיי און מען האָט נאָך זיי אַרויסגעשיקט פערד.

דער געדאַנק אָבער, אז דער שלאָס און אַלע צימערען זיינען בעזעצט און פאַרפּעסטעט פון פּאָליציי און סיסטשיקעס און אז די גאַנצע געזעלשאַפט וועט זיך באַלד צונויפקומען און מען וועט זיך דאַרפען בעגעגענען מיט איהר, האָט אָנגעהויבען נערווירען נאַטאַשאַ'ן און שוידערען דעם אַלטען מאַן ווי אַ פיעבער.

באַלד איז אָנגעלאָפען דער פּערוואַלטער פאַן באַך, אַ גרויסער דייטש ווי אַן אָקס, מיט העלע פלאַקסענע האָר, ברעמען און וואָנצעס און מיט קעלבערנע אויגען. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר די נייע בעלי־בתים וועלכע ער האָט נאָך ניט געקענט. ער האָט אָבער באַלד געהאַפּט אַ שטרענגען אויסרייד פון גענעראַל, פאַרוואָס ער האָט געלאָזט פאַרפּעסטען דעם פּאַלאַץ.

— ביי מיר איז ניט קיין קאַזאַרמע און ניט קיין פּאָליציייסקי אופּראַוולע־ניע! צוזעצט זיי, די סוואָלאָטשעס, ערגעץ אַנדערש. עס איז דאָ גענוג ערטער

אין דער עקאָנאָמיע. צום אבענד וויל איך, אז דער שלאָס זאָל זיין אָבגערייניגט פון דער פּאָליצייסקי שוואָל! — האָט שטרענג בעפוילען דער גענעראל.

— נאָך סיסטשיקעס פּעהלען דאָ! — האָט נאַטאַשא געזאָגט מיט עקעל און שוידער, ווי שטשורעס וואָלטען פערפּלייצט איהר הויז און געלאָפען איבער איהר קערפּער.

פּאַן באָד׳ס ווייסער און קעלבערנער פּנים איז געוואָרען רויט. ער האָט זיך געוואָלט ענטשולדיגען, עפּעס ערקלערען און פּארשפּרעכען. זיין געבראָכענע און הילפלאָזע רוסישע שפּראַך האָט איהם אָבער געבראַכט אין אַ גרעסערער פּערלעגענהייט און ער איז געוואָרען נאָך רויטער.

זיצען האָבען איהם די בעלי־בתים ניט איינגעלאַדען און זיי אַליין זיינען געשטאַנען, אזוי ווי זיי וואָלטען קיין צייט ניט געהאַט און זיך ערגיץ־וואו גע־איילט. פּאַן באָד האָט זיך פערבויגען און האָט פערלאָזען דעם קאַבינעט.

באַלד זענען צוגעפאָהרען צו דער וועראַנדע עטליכע עקיפּאַזשען און עס האָבען זיך גענומען פון זיי ארויסקריכען דער פּראָקוראָר און זיין סוויטע, פּאָ־ליציי און סטראַזשניקעס. נאַטאַשא און דער גענעראַל האָבען געקוקט אויף דער מחנה פון פענסטער פון קאַבינעט. די קולות און דער הויכער געלעכטער פון דער באַנדע, וועלכער האָט רוישיג פאַרנעהמען די וועראַנדע און די ערטער ארום געגרייטען טיש, האָבען זיך צו זיי געטראָגען ווי אַ זיגעס־טומעל פון אַ פיינדליכער אַרמעע, וועלכע האָט איינגענומען און בעזעצט זייער שלאָס.

— קום פון דאַנעט! — האָט פיבערהאַפט געזאָגט דער פאָטער צו דער טאָכטער און ביידע זיינען מיט אַן הינטער־גאַנג ארוים אין פּאַרק אריין און זיינען מיט אַ סטעזשקע אַוועק מיט שנעלע טריט, ווי פערפאָלגטע, אין גראַל־ני אריין און זיינען שוין דאָרט געבליבען ביים „ווינאָקור" ביז זייער הויז איז ניט אָבגעריייניגט געוואָרען פון די סיסטשיקעס. דאָרט האָבען זיי זיך געהייסען געבען עפּעס עסען און דער גענעראַל האָט געשיקט אַ פּאָרובאָק, אַז ער זאָל איהם אהין באַלד ברענגען פון שטעדטעל בעריל דעם בעל־אכסניא.

דאָס ווידערזעהן

ווידער האָבען זיך די יוגענד־פריינד בעגעגענט אין זייער לעבען ביים סוף פון זייער לעבענס־וועג.

מיט אַן אָבגרונד האָט זיך געענדיגט דער לאַנגער וועג און ביידע זיינען געקומען צו דעם אָבגרונד פון פערשיעדענע זייטען — איינער מיט׳ן וועג פון רוהם און בונטרייכער קאַריערע פון אַ גענעראַל־אַדיוטאַנט; דער צווייטער איז געקומען צו דעמזעלבען אָבגרונד מיט׳ן וועג פון אַ קליין־שטעטעלדיגען אָרעמען אידישען לעבען.

און ביידע זענען געשטאַנען אונטער דער שווערע לאַסט פון זייערע יאָה־רען, גלייך געבויגען און צוזאַמענגעדרעהט פון אונגליק און אונבעשרייבליכען וועהטאָג. איין וועהטאָג און איין בריהענדער פּיין אין ביידענס ברוסט!

ביידע האָבען גלייך געפיהלט די בריהענדע בעליידיגונג פון בלוט־בלבול, איין מאַכטלאָזען צאָרן האָט זיי ביידע גלייך געצונדען. ביידע זענען איצט גע־

ווען גלייכע אידען: דער גענעראל מיט די צלמים פון גאלד און דימענטען אויף דער ברוסט, און דער איד אין לוסטרענען כאלאטעל און שיך און זאקען.

די לעצטע שפורען פון זייער סאציאלען אונטערשיעד זיינען פערשוואונדען נאך דער הריגה פון דער לאנגער מלכה אין פארק.

דער מערדערישער אינצידענט האט איהם פאלשטענדיג אבגעשליידערט פון זיין פאמיליע און פון דער סביבה וואו ער האט פארבראכט זיין לעבען. דאס לעבען איז איצט געווען אין פולער ליקווידאציאן. און פלוצים איז אנגעלאפען דער בלוט-בלבול ווי א נייע און צווייטע ווארנונג פון שיקזאל.

בעגעגענט האבען זיך די צוויי פריינד שטום און אהן א בעגריסונג אויף די ליפען, אזוי ווי מענשען בעגעגענען זיך ביי א מת.

נאטאשא האט פארזיכטיג און אונבעמערקט פערלאזען דאס צימער און האט זיי געלאזט אליין.

ווען דער גענעראל האט זיך גוט איינגעקוקט אין זיין געבויגענעם און שטארק-געעלטערטען פריינד, אזוי ווי ער וואלט אין־איין יאהר דורכגעלעבט גאנצע צוואנציג, האט ער זיך אויסגעגלייכט. דער קלאנג פון זיינע שפארען, אונטער וועלכע ער האט זיך גענומען שפאנען הין־און־צוריק, האט אין איהם דערמאנט, אז ער איז נאך א גרויסער שררה און איהם מיט אמאל געמאכט מונטער און ענטשלאסען. ער האט אין איהם דערוועקט דער אלטען, טאפפערען קריגער, דעם קעמפפער.

דאס לעבען האט פלוצלינג בעקומען א ציעל און א ווערטה. ער וועט דעם קריעג צווישען די צוויי פיינדליכע וועלטען אויסקעמפפען פאר זיך און פאר זיין אלטען און צוזאמענגעבראכענעם יוגענד-פריינד. ער האט איהם געוואלט ארומנעהמען, צודריקען צו זיך און איהם טרייסטען. דער קריגער אין איהם האט זיך אבער געווערט געגען די ווייבליך־צארטע געפיהלען, און ער האט איהם געפרעגט שטרענג מיט א שטייפער און אזוי ווי געפרווירענער שטימע.

— ווי אזוי האט עס פאסירט?

בעריל האט אויפגעשוידערט, אזוי ווי מען וואלט איהם אויפגעוועקט פון זיינע טרויעריגע געדאנקען, און האט זיך גענומען אלעס דערצעהלען. דאס פלוצליכע ערשיינען פון פריסטאוו און פון שטעדטעל'ס פערדאכט אויף איהם.

דער גענעראל האט געשפאנט און האט איהם אויסגעהערט, ניט קוקענדיג איהם אין פנים אריין, אזוי ווי ער וואלט זיך געשעהמט פאר'ן פריסטאוו און פאר'ן זוהן.

בערעל האט שוין לאנג געענדיגט זיין ערצעהלונג און דער גענעראל שפאנט נאך אלץ, אבער שנעלער און פיבערהאפטער ווי פריהער. ביי בערלען ציהען די פיס אויף צו חלש'ען, ער וואגט אבער ניט זיך צו זעצען, ווען דער גרויסער מאן שפאנט ארום. פלוצים שטעלט ער זיך פאר איהם אב, קוקט איהם אן פארשענד דורך די גאלדענע ברילען לאנג אין פנים אריין און פרעגט איהם שטיל:

— זאג מיר, בערקא, ווי האט ביי מיר געקענט געבוירען ווערען אזא אויסוואורף, אזא זוהנ'דעל ווי דער קאריעריסט איז?

בערעל האט פון אנפאנג ניט פערשטאנען די פראגע און האט אויף איהם אויפגעהויבען א פאאר צוטומעלטע און פרעגענדע אויגען.

— איך גלויב, אַז ס׳מוז זיין אין אייערע הייליגע ספרים... ס׳מוז דאָרט ערגעץ ערקלערט זיין... עס איז ניט מעהר ווי אַ שטראָף פון גאָט — האָט געזאָגט דער גענעראַל מיט אַ טיעפען קרעכץ, וועלכער האָט ארויסגעגעבען די גאַנצע גסיסה פון זיין נשמה.

און ווידער שטעהט ער געבויגען און צוזאַמענגעדרעהט אונטער דער שווערער לאַסט פון דער גרויסער שטראָף, אָהן ווערטער, אין דערזעלבער פערצווייפלונג ווי בעריל.

די טהיר האָט זיך שטיל און פאַרזיכטיג געעפענט און נאַטאשא איז ערשינען. דער פאָטער האָט אויפגעשוידערט און האָט זיך צוריק אויסגעגלייכט.

— געה אַהיים און בערוהיג זיי אַלע אין שטעדטעל! כל־זמן איך לעב וועל איך אייך שיצען און ניט לאָזען „אַבידיען"!

ווי אַ טרייסטענדע טויב איז נאַטאשאַ צוגעלאָפען צום פאָטער און איז איהם ארויף אויף׳ן האַלז און האָט איהם דאַנקבאַר געקושט. גערירהרט פון דער לאַשצענדער פרייד האָבען ביידע אַלטע מענער זיך שיער ניט צואוויינט.

אַז בערעל איז געגאַנגען אַהיים, האָבען איהם אויף׳ן וועג איבערגענומען צוויי סיסטשיקעס און האָבען איהם גענומען אויספרעגען, וואָס ער האָט געטהאָן ביים גענעראַל. אַהיים איז ער שוין ניט געקומען. זיי האָבען איהם אָבגעפיהרט אויף׳ן דאָרף און פערשפּאַרט אין כאַלאָדנע מיט די איבעריגע אידען.

ב י י נ אַ כ ט

באַגעגענט האָבען זיך פאָטער און זוהן ביינאַכט אויף דער וועראַנדע. נאַטאַשאַ איז געווען מיעד פון וועג און איז שוין פון לאַנג געשלאָפען. דער גענעראַל האָט לאַנג ניט געוואָגט ארויסצוגעהן אויף דער וועראַנדע, וואו דער זוהן איז געזעסען געבויגען ביי אַ לאָמפּ מיט אַ ברייטען יאַפּאַנישען אַבאַזשור און האָט פערטיעפט געשריעבען דעם פּראָטאָקאָל פון דער אויספאָרשונג, געשריעבען דעם נייעם בלוט־בלבול אויף׳ן אידישען פאָלק.

אונמעגליך איז געווען דעם אַלטען מאַן צו ערשיינען פאַר זיין זוהן און איהם ארייַנקוקען אין פּנים אריין, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו דערזעהן אין דעם פּנים זיין אייגענע שאַנדע, זיין אייגען פערברעכען. ער איז עטליכע מאָל צוגעגאַנגען מיט׳ן גראָז צו דער וועראַנדע און האָט זיך אַ געהילטער און אונבעמערקטער פון דער נאַכט־דונקעלהייט גענומען זיך איינקוקען אין דעם פאַרגליווערטען פּראָפיל אונטער׳ן אַבאַזשור, איהם אויפס׳ניי שטודירען, אַזוי ווי ער וואָלט געווען פאַר איהם פרעמד און האָט עפּעס פיינליך געזוכט אַן ערקלערונג, אַן ענטפער אויף זיינע פּלאָגענדע פראַגען.

ווי אַ שטומע און אונבעוועגליכע מאַסקע איז דער פּראָפיל געבליבען פאַרגליווערט איבער די פּאַפּיערען אין איין אויסגוס, אין איין אויסדרוק. אַן אויסדרוק פון אַ פּאַטאָלאָגישער שנאה, פון ליידענשאַפטליכער, סאַדיסטישער פרייד און נקמה — אַן אויסדרוק פון אַן אינקוויזיטאָר. פון צייט צו צייט האָט דער פּראָקוראָר פעסט און צאָרנדיג געשלאָסען דאָס מויל און געקריצט מיט די ציינער, אַזוי ווי ער וואָלט געזעהן פאַר זיך ניט קיין פּאַפּירען, נאָר שוין צופלייש־

טע און געקרייציגטע קערפּערס פון זיינע פּערמאַטערטע קרבנות, דאָס צאַפּלענדע פרישע בלוט פון געמוטשעטע און געפּייניגטע, ווי דאָס וואָלט פאַר איהם געוועזן ווייניג און דער אונערזעטליכער אינקוויזיטאָר וואָלט פערלאַנגט מעהר. מעהר ענוים, מעהר צרות פאַר די מאַרטירער.

און וואָס מעהר דער פּאָטער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם פּנים, אַלץ מעהר איז ער איהם געוואָרען אַבשטויסענדער און טיעפער איז געלאָפען דער שוידער איבער זיין ליב, און ער איז אָבגעגאַנגען צוריק אין דונקעלען פּאַרק מיט דערשטיקטע טריט אין סאַמעט־ווייכען טעפּיך פון גראָז, און האָט ווייטער געוואַנדערט צווישען די אַלעען. ווי אַ פאַרשאָלטענער האָט ער געוואַנדערט און געלוישט דאָס האַמערען פון זיין קראַנקע האַרץ.

איבער זיין קאָפּ איז געהאַנגען דערזעלבער הימעל וואָס אין קינדהייט, דיזעלבע לבנה, דיזעלבע סודות׳דיגע לאַסטשענדע און ווינקענדע שטערען. גע־הילט אין נאַכט־שאָטענס איז דער דופּטענדער פּאַרק געשטאַנען פער׳כשופ׳ט ווי דאַן, ווען ער איז געוועזן אַ אידיש אינגעל — ווי אַ געהיימניס און אַ רעטעניש, וואָס רייצט, לאָקט, פערשפּרעכט און נאַרט... אַלעס איז ווי דאַן, און עס האָט זיך אויף אַ האָאַר ניט געענדערט... צוועקלאָז און נוצלאָז איז געוועזן דער גאַנצער טומעל פון לאַנגען לעבען, ער האָט גאָרניט דערגרייכט, גאָרניט ערוואָרבען... דאָס לעבען איז געבליבען אַ רעטעניש ווי דאַן, אַ רעטעניש אָהן אַ פּתרון. ער האָט נאָר געמאַכט אַ גרויסען קרייז און איז געקומען צום זעלבען פּונקט, פון וועלכער ער איז אויסגעגאַנגען צוריק מיט 60 יאָהר. ער איז נאָר צוגעקומען דער פרעמדער פּראָקוראָר דאָרט אויף דער וועראַנדע מיט דער פּער־פּראָרענער מאַסקע פון אַן אינקוויזיטאָר, וועלכער זיצט און שרייבט אַ דאָנאָס אויף זיין פאָלק און אויף איהם אַליין, און אַזוי ווי די פּען דאָרט אויף דער וועראַנדע וואָלט דערלאַנגט און געשטאָכען זיין האַרץ, אַ שטאָך נאָך אַ שטאָך...

דער וועהטאָג ווערט אַלץ גרעסער און ער איז גרייט צו שרייען פון וואָהנ־זין... עס אַרט איהם שוין ניט דאָס אָבגענאַרטע לעבען, ער וויל עס ניט און דאַרף עס ניט... מיט אַ רעוואָלווער־שאָס וועט ער זיך דערפון מונטער און טאָפּפער בעפרייען... ער וויל נאָר ניט שטאַרבען אַזוי אָנגערעכט אַנטקעגען זיי, דעם אָרימען שטעדטעל, אין טהאָל, וואָס איז איהם איצט אַזוי טייער, עס אַזוי פּערדעטעריש פערלאָזען און שטאַרבען...

און ער געהט צוריק צו דער וועראַנעע און קוקט זיך ווידער איין און טאַפּט מיט זיינע פיבערהאַפּט־אָנגעשטרענגטע אויגען דעם פּנים פון זוהן, שטודירט זיינע געזיכטסציגע און פערגלייכט זיי מיט זיינע זכרונות, מיט די פּנים׳ער פון די בעקאַנטע און פריינד, וועלכע האָבען פערקעהרט אין זיין הויז, וועלכע האָבען זיך גע׳חבר׳ט מיט דער פערפלוכטער קאַצאַפּקע, זיין ווייב.

ווי ערלייזט און גליקליך וואָלט ער געווען, ווען ער איבערצייגט זיך, אַז ער איז ניט זיין זוהן, נאָר אַ ממזר... די נאָז אָבער — די נאָז... מיט׳ן קליי־נעם האָרב — איז אידיש... עכט אידיש. זיין נאָז, און אויך דער אויער... דער לינקער אויער, איז זיינער... וואָרום־זשע איז ער אַזוי גרויזאַם, אַזוי אינ־קוויזיטאָריש — פרעגט זיך דער אַלטער, געפּלאָגטער פּאָטער — וואָרום איז נאַטאַשאַ אַזוי גוט? אַזוי האַרציג?

פלוצים איז איהם אַריין אין קאָפּ אַ געדאַנק אַרויפצוגעהן און איהם דערצעהלען זיין לעבענס־סוד, אַז אויך די מאַמע זיינע איז געווען אַן עהרליכע פרוי און ער איז זיין זוהן און עס רינט אין זיינע אָדערען אידיש בלוט... און דאָס וואָס ביז איצט איז פאָרגעקומען ווי אַן אונמעגליכקייט, וואָס ער האָט מורא געהאַט צו אַנטפּלעקען אפילו דער געליעבטער טאָכטער, אויס מורא, אַז ער זאָל ניט פערליערען איהר ליעבע, ניט פערגיפטען איהר לעבען מיט דעם פאַטאָלאָגישען עקעל צו אידען, וועלכען ער פלעגט תמיד זעהן אין זיינע אייגענע און אין זיין סביבה, דאָס וואָס עס פלעגט ביז איצט פאַר איהם ערשיינען ווי אַ שרעקליכער פאַנטאָם — איז איהם איצט פאָרגעקומען פאַר אַ לייכטע און גרינגע זאַך, פאַר אַ נויטהווענדיגקייט, פאַר אַן ערלייזונג.

און אַ טייוועל איז שוין געשטאַנען איבער איהם, האָט איהם געשעפּטשעט אויפ'ן אויער און איהם געשטופּט אַרויפצוגעהן און עס זאָגען דעם פּראָקוראָר.

אַ בייזע פרייד האָט זיך צוגאָסען איבער זיינע אברים און האָט אויסגעלאָשען דעם בריהענדיג פיין פון זיינע געדאַנקען... ער האָט שוין געזעהן פאַר זיך ווי די מאַסקע פון אינקוויזיטאָר בייט זיך, ווי די סאַדיסטישע פרייד אַנטלויפט און איהר אָרט פאַרנעהמט דער שרעק, דערזעלבער שרעק וואָס ער האָט אָנגעיאָגט אויפ'ן אָרימען שטעדטעל...

און מיט די געפיהלען איז ער אַרויף אויף דער וועראַנדע און איז אויסגעוואַקסען פון דער נאַכט־דונקעלהייט פאַר'ן זוהנ'ס אויגען ווי אַ ווילדע נאַכט־געשטאַלט.

אַ בייזער אונגעדולדיגער וואָלקען איז דורכגעלאָפען איבער'ן פּראָקוראָר'ס פּנים... ער איז אָבער באַלד פערשוואונדען. ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבען פון אָרט מיט אַ געצוואונגענעם זיסען און פריינדליכען שמייכעל, וועלכער האָט געמאַכט זיין פּנים נאָך שטייפער און ווי אויסגעהאַקט פון האָלץ, און אַבשטויסענד...

ער האָט געוואָלט מאַכען אַ בעוועגונג צו אומאַרמען דעם פאָטער, דער פאָטער האָט זיך אָבער אינסטינקטיוו פון איהם אָבגעווענדעט.

פון טיש האָט אויפ'ן פאָטער דראָהענט אַ בליאַסקע געטהאָן דאָס קאַלטע שטאָהל פון אַ רעוואָלווער... דער דראָהענדער בליאַסק פון רעוואָלווער און דער הילצערנער אויסדרוק פונ'ם זוהנ'ס פּנים האָבען מיט אַמאָל אויסגעלאָשען די ענטשלאָסענהייט, מיט וועלכער ער איז אַרויף אויף דער וועראַנדע...

דער געדאַנק איהם צו אַנטפּלעקען זיין לעבענס־סוד איז איהם ווידער פאָרגעקומען אונמעגליך, ווייט און שרעקליך... אַ פּשוט'ער זאָאָלאָגישער פּחד האָט איהם פערשלאָסען דאָס מויל. אַ שרעק האָט ווי דער טויט געקוקט פון קאַלטען רעוואָלווער. דער גענעראַל איז געווען זיכער, אַז דער אינקוויזיטאָר וועט איהם באַלד דערשיסען פון עקעל, פון גרויל... דער טאַפּפערער סאָלדאַט האָט מיט אַמאָל פערלאָרען זיין מוטה. איבער זיין לייב איז שוין די טויט־אַנגסט געלאָפען מיט אַ קאַלטען שוידער און האָט עס בעדעקט מיט אַ קאַלטען טויט־שוויים... ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ שטוהל און האָט געפרעגט מיט אַ טאָן, וועלכער האָט אין זיינע אייגענע אויערען זיך אָפּגערופען אַזוי פרעמד, אַזוי ווי אַז אַנדערער און ניט ער וואָלט דאָס געזאָגט:

— וואס ? מיר מאכען קאריערע ? א ?

דער זוהן האט עס אויפגעפאסט אין זין פון א פאמיליאריטעט פון א פאטער מיט א קינד. א ציניש שמייכעלע פון א קאריעריסט האט אויסגע־קרימט זיין בייז און שטייף פנים. ער האט זיך אבער באלד געכאפט און האט דערשטיקט דאס ציניש שמייכעלע.

— פארדאן, פאפאשא ! מיר שיצען די אינטערעסען פון דער יוסטיץ און פון שטאאט — האט בעמערקט דער פראקוראר שטרענג מיט א טאן פון פארוואורף.

— וואט קאק ! לאווקא ! — האט אויסגעשריען דער פאטער.

ביידע האבען זיך איינגעקוקט מיט טיפע, איינגעגראבענע בליקען.

ווי קעמפפער האבען זיך די בליקען ארומגעכאפט, גרייט זיך צו ראנגלען...

א בייזער און אונהיימליכער פלאם האט אויפגעפלאקערט איןביידענ'ס אויגען... דער זוהן האט ניט געדולדעט דעם פאטער'ס איראנישען שפאט אי־בער זיין קאריעריזם און ער פלעגט איהם תמיד נערווירען, אזוי ווי ער וואלט זיך צו איהם צוגעריהרט מיט א גליהענדען אייזען — און אויך איצט...

פון פאטער'ס עמפערונג איבער דעם בלוט־בלבול האט ער קיין אהנונג ניט געהאט. אזוי נאטירליך איז דאס געוועזען אין די הויכע קרייזען, צו וועלכער עס האט געהערט ער און אויך דער פאטער.

און דער גענעראל האט זיך בעמיהט צו בעוועלטיגען און צו ריידען רוהיג.

ער דארף ניט מאכען קיין פאלשע טריט, ארויסגעבען און אויפדעקען זיינע קארטען. מיט אזא הונט מוז מען זיין פארזיכטיג.

ער האט דערזעהן אויפ'ן טיש א שאכטעל מיט פאפיראסען און האט פעררויכערט, כאטש ער פלעגט גארניט רויכערען, נאר אבצוואווענדען דעם כעס, בערוהיגען דאס ברויזענדע בלוט, די ווילד־שפרינגענדע געדאנקען און דאס הארץ. ער מוז זיך צוימען און בעהערשען...

דער דופטענדער פאפיראס איז איהם שטארק געפעלען געווארען. ער האט איהם דערמאנט אין די פריהערע יאהרען, ווען ער איז געווען א יונגער אפיציער און האט גערויכערט און געטרונקען.

— וואו האסטו געקויפט אזוינע גוטע פאפיראסען ? — האט ער פלור־צים געפרעגט דעם זוהן, שיקענדיג אין דער דונקעלער נאכט א וואלקען רויך.

— זיי געפעלען אייך ? איך האב מיט זיך א טוזענד. איך קען אייך געבען פינף הונדערט... וויגאוואט ! איך האב גאר פערגעסען, אז די דאק־טוירים האבען אייך פערבאטען צו רויכערען — האט זיך געכאפט דער זוהן מיט א פערזארגטען טאן, וועלכער האט זיך אבגערופען אין פאטער'ס אויערען אזוי פאלש, כמעט ווי א בייזער שפאט.

דער גענעראל האט אויסגעצויגען זיינע פיס אין די לאקירענע שטיוועל.

— אמאל א פאפיראס מאכט ניט אויס... עס פערטומעלט די געדאנקען — האט ער געזאגט מיט א קרומען שמייכעל, האט ווידער אנגעשטעלט די טאפענדע און פארשענדע בליקען אויפ'ן פראקוראר. — „איצט בין איך רוהיג, פאלשטענדיג רוהיג און גרייט" — איז ביי איהם דורכגעלאפען א געדאנק.

— זאג מיר נאר, אילױשא ! — ער האט איהם אומיסטנע אנגערופען

ביים פערצויגענעם נאמען, ווי א קינד, אום איינצושלאפען אין איהם די וואכענדע פארזיכט — און דו גלויבסט טאקע אין ריטואל... אז די אידען דארפען בלוט אויף פסח ? — האט איהם קאלטבלוטיג געפרעגט דער פאטער און האט אומיסטנע זיך נאך טיעפער פערצויגען מיט'ן פאפיראס און צולעגט אין שטוהל.

איליושא האט זיך הויך צולאכט, ווי מען לאכט איבער א קינדיש נאאיווער פראגע... די שטומע נאכט און דער איינגעשלאפענער פארק האבען זיך אפגערופען אויף דעם געלעכטער מיט אן אונהיימליכען ווידער־קול... אזוי ווי א טייוועל וואלט דארט שפאטיש געלאכט גלייך מיט'ן פראקורור...

ער איז אבער באלד צוריק געווארען ערנסט. דער פנים האט זיך אויסגעצויגען און איז פערגליווערט געווארען אין א פרומען און פערקלערטען אויסדרוק פון אן אינקוויזיטאר, וועלכער טהוט זיין טרויעריגע אבער הייליגע פליכט.

— מיר, יוריסטען, רעדען ניט פון גלויבען. מיר באזירען אלעס אויף פאקטען, אויף טהאטזאכען — האט ער בעמערקט שטרענג, מיט א טאן פון א נאטאציע.

— הם... פאקטען... דאס איז לויבענסווערטה — האט בעמערקט דער פאטער און די ווינקלען פון זיינע ליפען האבען געגען זיין ווילען געמאכט א קנייטש פון א איראנישען שמייכעל — און די פאקטען ? דו האסט זיי ?

— מעהר וויפיעל מען דארף ! — האט ענערגיש אויסגעשריען דער פראקורור, האט אויך פעררויכערט א פאפיראס און האט זיך אנגעשפארט אויפ'ן ווענטעל פון שטוהל — אט מאך איך װעגען זיי אן אויספיהרליכען רעפארט צום יוסטיץ מיניסטער... איך וועל מוזען די גאנצע נאכט ארבייטען... דער רעפארט מוז מארגען אבגעהן. פעטערבורג און די רוסישע געזעלשאפטליכע מיינונג ווארט אויף איהם מיט אונגעדולד. גאנץ רוסלאנד איז פערראינטערעסירט אין דער מערקווירדיגער געשיכטע. אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט זאל פארקומען אזא זאך ! די האר שטעלען זיך דאך קאפויר ! אויף אזא אופן זיינען מיר קריסטען דאך מיט אונזער לעבען ניט זיכער.

דער פראקורור האט זיך שנעל אויפגעהויבען פון ארט און האט זיך גענומען אין טיעפער עמפערונג פון דער „מערקווירדיגער געשיכטע", אויפגערעגט שפאנען היז און צוריק איבער דער ווערצנדע.

„נאר רוהיג... בעוועלטיג דיך" — האט צוגעשעפטשעט דעם גענעראל אן אינווענינגסטע שטימע, און ער האט אומיסנע צוגעגעבען:

— יא, עס איז שרעקליך... שרעקליך — און איז אנטשוויגען געווארען אויף א ווייל. — און וואס זיינען די בעווייזע, אז דער מארד איז בעגאנגען געווארען פון אידען און איז א ריטואלער ? — האט ער כלומרשט רוהיג און נייגעריג געפרעגט דעם זוהן.

— וואס זיינען די בעווייזע ? כא־כא־כא ! — האט זיך ווידער בייז און הויך צולאכט דער פראקורור, און דער טייוועל האט ווידער זיך ווי ער צולאכט פון דונקעלען און לויערענדען פארק — בעווייזע מיט פאקטען האבען מיר גענוג, כא־כא־כא ! מיר האבען זיי געפאקט. דאס געזעץ אבער בעפעהלט אונז, אז די פאקטען פון דער אונטערזוכונג זאלען בלייבען בסוד. דאס געזעץ ערלויבט זיי ניט צו פערעפענטליכען... נאר דער יוסטיץ־מיניסטער האט א רעכט זיי צו

וויסען — האט געענדיגט דער פּראָקוראָר מיט אַ יעזואיטיש שמייכעלע און האט פרום פערגלאָצט די אויגען צום הימעל ווי אין אַ תפילה.

דאס געזעץ אויף די ליפען פון דעם קאַריעריסט און אינקוויזיטאָר און דער יעזואיטיש פרומער שמייכעל האט זיך צוגעריהרט צום גענעראל ווי אַ צוגליה־טער אייזען צום לייב.

ער איז אויך אויפגעשפרונגען פון אָרט. בריהענדע ווערטער האבען איהם געוואָרגען און זיך געריסען פון געשטיקטען האלז.

„קאַריעריסט! פּראָבוואָסט! דו און דיין געזעץ זיינען צוויי פּראָר־וואָסטען און לומפּען!" האט ער איהם געוואלט אויסשפייען גלייך אין פּנים אריין. דאס בליאסקענדע שטאל פון רעוואָלווער אויף'ן טיש האבען אָבער ווי־דער געדראָהט און בעפוילען צו זיין פאַרזיכטיג. און די ווערטער זיינען פאַר־קיהלט געוואָרען אויף די ליפען, און ער האט נאָר ווי אויסגעשפּיגען פון זיך דאס געוועהנליכע וואָרט זיינס. „טשעפּוכאַ"! ענערגישער און ווייטער אויס־געשפּיגען ווי תמיד.

דער זוהן האט אויסגעצויגען דעם קאָפּ אויפ'ן לאנגען, דינעם האלז, ווי אַ בייזע און גיפטיגע שלאַנג פאַר'ן ביס.

— וואס? — האט ער געפרעגט דעם פאָטער מיט צוויי אויסגעסטאַרט־שעטע, פינקעלדיגע, אינקוויזיטאָרישע אויגען.

דער פאָטער האט זיך פאַר איהם אָבגעשטעלט, אַ ברוסט פאַר אַ ברוסט. ווי אַ קעמפּפער פאַר אַ קעמפּפער.

— איך גלויב ניט אין דער לעגענדע און אין דיינע פאַקטען. עס איז אַ פאַרלאָג! אַ פאַלסיפיקאַציע! — און ער האט צוזאַמענגעבאַלט די פויסטען אין די הויזען־קעשענעס.

אַ ווייל האבען זיי זיך אנגעקוקט. דערנאָך האט זיך דער פּראָקוראָר ווי־דער הויך און בייז צולאַכט. פאַלש צולאַכט. אין דעם געלעכטער האט זיך גע־הערט דאס קאָכען און ברויזען פון זיין קראַנקען, מיט פּאַטאָלאָגישען אידען־האס פערפּעסטעטען בלוט.

— איהר גלויבט ניט? וואס? וועל איך אייך באַלד בעווייזען. — און ער איז אריינגעלאָפען צו זיך אין צימער אריין און האט באַלד פון דאָרט ארויס־געטראָגען אַ פּאַק אידישע ספרים.

מיט'ן זעלבען יעזואיטישען און פרומען שמייכעלע האט ער זיי צובונדען, האט ארויסגענומען איין ספר, אין אַן אַלטען און צוריסענעם באַנד פון לעדער, האט איהם געעפענט און איהם צוגעטראָגען צום פאָטער.

— און וואס איז דאס? האַ? — לייענט נאָר איבער. תלמוד וואַווי־לאָנסקי, טראַקטאַט פּסחים. אָט האט איהר דעם גאַנצען ריטואַל זייער'ן... און דאָ האט איהר בלוט, מענשליכעס בלוט... אויף דעם בלאַט. און נאָך אַ בלאַט... און אָט האט איהר אַ דריטע בלאַט. כאַ־כאַ־כאַ! דאס וועלען מיר אַנאַליזי־רען, כאַ־כאַ־כאַ! עקספּערטען וועלען אונז שוין בעווייזען דעם כאַראַקטער פון דעם בלוט. כאַ־כאַ־כאַ! פריהער האבען זיי דאס אינגעל געקוילעט אויף זייער בית־הקברות, אויסגעצאַפּט דאס בלוט... דערנאָך געהאַנגען. כאַ־כאַ־כאַ! זנאַיעם מי איך, מאַשניקאָוו! (מיר קענען זיי די שווינדלער!) — און דער

פראקוראר האט זיך גענומען צוּאוויקלען פאר'ן פאטער די גאנצע נעץ, וואס ער האט שוין אויסגעשפּינט אין זיין קראנקען, סאדיסטישען מח מיט דער ליידענשאפטליכער סאפיסטישער בערעדזאמקייט פון א געשיקטען פּראקוראר און מיט א בייזער ברוּיזענדער פרייד פון א צורר היהודים, פון אן אייביגען און אונשטערבליכען המן.

און דער פאטער איז געשטאנען בלייך ווי דער טויט און האט איהם אויסגעהערט. שוין ניט אילישא, זיין אייגענער און גוט־בעקאנטער זוהן איז געשטאנען פאר איהם. א טייוועל מיט גרינע קעצישע אויגען איז אויסגעוואקסען אויף דער וועראנדע פון דער דונקעלער נאכט־שוים און ער רעדט און שפּריצט אויף איהם מיט דער גאל פון א פעררייקטע און פאטאלאגישע שנאה צו א גאנץ פאלק. דער פליכעוואטער און גלאנצענדיגער שארבען אויף'ן קליין, פארשפּיצט קעפעל, דער דארער, לאנגער האלז מיט א גרויסען קנאפ, וואס שפּארט אונטער דאס קעפעל — אלעס איז פון א טייוועל און ניט פון קיין מענשען. און די ווערטער פון דעם טייוועל אטהעמען און בריהען איהם דעם פנים ווי די גלוטה פון גהינום.

ניט דעם זוהנ'ס האנד שוועבט פאר דעם פנים און שווינגט מיט דעם אלטען ספר אין דער לופטען. א שליח פון גיהנום דראהט עס איהם מיט דעם אלטען ספר, פון וועלכען עס טראגט זיך א טוכלער, פערלעגערטער קעלער־ריח פון אלטע זאכען. און ער וויל זיך דערמאהנען אין דעם גוט־בעקאנטען און צוגלייך פרעמדען ריח. ער שטרענגט אן אלע זיינע כחות, זוכט אין זכרון פיבערהאפט שנעל און געפינט עס.

אז אלטער אבער גוט בעקאנטער ריח!... און די יוגענד, די קינדערשע יאהרען וואקסען אויס נעבען דעם טייוועל אזוי בולט, אזוי פריש... דער בית־המדרש, די אלטע ספרים פארפלעקטע פון צייט און בלוט... דער מלמד... די קלעפּ, די פעטש, וואס ער פלעג געבען איבער'ן פנים, איבער דער נאז...

„וואס איז דאס? א חלום? א ווירקליכקייט? ניין! עס איז גאט'ס שטראף! און דער טייוועל איז זיין שליח!" און ער רוקט זיך אב פון איהם צו דער וואנד א שריט נאך א שריט. דער טייוועל אבער געהט איהם נאך, רעדט איבער איהם אין זיין פיבערהאפטען וואהנזין און טיטשעט איהם מיט'ן ספר אין פנים אריין, אין דער נאז.

דער גענעראל האט דורכגעפיהרט מיט דער האנד איבער זיין נאקעטען שארבען ווי א מאן, וועלכער טרייבט אב פון די אויגען א מארד־געשפּענסט, און איז געקומען צו זיך. דער טוכלער קעלער־ריח פון אלטען ספר האט איהם געבראכט צוריק צו דער ווירקליכקייט און האט אין איהם אנגעצונדען א געדאנק. א בייזען געדאנק.

איצט איז ער ווידער געווען גרייט אויפצונעהמען דעם קאמפף מיט דעם טייוועל, וועלכער איז זיין אייגענער זוהן. ער וועט שוין זיין דער עקספּערט און וועט שוין ערקלערען דעם כאראקטער פון דעם בלוט אויף דער גמרא. זיין אייגענע לעבענס־געשיכטע וועט ער דערצעהלען אין געריכט. ער וועט די נעץ פון דעם וואהנזיניגען פּראקוראר צורייסען און פון זיין בעשולדיגונגס־אקט וועט בלייבען נאר צוריסענע שפּין־וועב — א געלעכטער און א חוזק...

ער וועט אויפטרעטען אלס פערטיידיגער פון די אידען געגען דעם זוהן דעם בעשולדיגער. ער נעהמט אויף דעם קאמפף!

מיט אמאל האט ער זיך דערפיהלט צוריק רוהיג און מונטער, ווי ער פלעג זיך פיהלען פאר א שלאכט, פאר א דועל, וועלכע ער האט געהאט פיעל אין זיין לעבען. דער רעוואלווער אויף'ן טיש האט איהם איצט שוין ניט געשראקען מיט'ן דראהענדען קאלטען בליאסק פון קאלטען שטאל. ער קוקט אויף דעם רעוואלווער און לאכט פון איהם אין הארצען, און זיין פיקסירטער בליק בעוועגט דעם פראקוראר אויך צו כאפען א קוק אויף'ן רעוואלווער. אינסטינקטיוו דרעהט ער זיך אום צום טיש און צוריק צום פאטער און זייערע אויגען בעגעגענען זיך ווייטער און כאפען זיך ארום אין א שטילען און דראהענדען קאמפף.

און אין היץ פון דעם קאמפף כאפען זיך ביים פאטער ארויס פאלגענדע ווערטער:

— טשעפוכא, גאספאדין פראקוראר! דאס אינגעל האט גע'הרג'עט דער פריסטאוו, וועלכער איז ספעציעל געקומען אהער פון פעטערבורג. דער מארד איז געפלאנעוועט געווארען דארט, אין דעפארטמענט פון אונזער פאליציי, אדער אין די פינסטערע קעלערען פון א שווארצע מאה'דיגען עכט־רוסישען פערבאנד. דער בלוט־בלבול איז נויטיג פאר אייך, פעטערבורגער טשינאווניקעס. אין מוטנע וואסער וועט איהר כאפען פיש און מאכען אייער קאריערע. די גאנצע געשיכטע איז גענעהט מיט ווייסע פאדעם און נאר א דוראק זעהט עס ניט. איך שטעה אבער שוין פאר'ן קבר און קען היינט־מארגען שטארבען. מיין קאריערע איז שוין געמאכט, גאספאדין פראקוראר! און איך וועל ניט און קען ניט שטארבען און רוהיג ליגען אין דר'ערד, ווען איך וועל עס צולאזען. איך וועל ניט און קען ניט גלייכגילטיג צוקוקען ווי איהר ברייגנט אן אונגליק אויף אן ארעם און אונשולדיג שטעדטעל, א פערלוימדונג אויף א גאנץ אונשולדיג פאלק. איך וועל עס ניט ערלויבען — האט שוין געטופעט און געשריען אין דער שטילער נאכט דער אלטער מאן. — טהוט עס וואו איהר ווילט, אבער ניט אין מיין שטעדטעל... איך וועל פאהרען קיין פעטערבורג, אויפטרעטען אין געריכט... איך וועל אייער טייוולישׁ ווערק צושטערען! סיידען איך וועל ניט לעבען! גוטע נאכט, גאספאדין פראקוראר! — און דער גענעראל האט מיט די ווערטער פערלאזען די וועראנדע.

ווי דער'הרג'עט פון א דונער איז געבליבען שטעהן אין מיטען דער וועראנדע דער פראקוראר און האט מיט איבערגעקעהרטע אויגען פון שרעק לאנג געקוקט אויף דער טהיר, וואוהין דער פאטער איז שוין פון לאנג פערשוואונדען.

איין קלאפ און אלעס איז צושמעטערט, אלעס פאלט און צושיט זיך, ווי א קארטען־שטיבעל.

אן אונגעריכטער קלאפ!...

חלום און ווירקליכקייט

ווען דער אלטער מאן איז ענדליך איינגעשלאפען, האט א ווילדער און שווערער קאשמאר, שווער ווי א בארג ווידער צוגעדריקט זיין ברוסט.

ווי אַן אַבגרונד האָט זיך דאָס לעבען אונטער איהם געעפענט.

צוערשט איז פון דאָרט אויפגעשטאַנען פון איהר קבר די שוועסטער, די לאַנגע מיאוס'ע אידענע, מיט די אויסגעקרימטע גרויסע צייהן פון אַ פאַנטער. דער טויט און דער קבר האָבען זי געמאַכט נאָך מיאוס'ער און ווילדער. אַ שמוציגע און טויט־געלבע האָט זי, ווי אַ ווילדע מכשפה, זיך געוואָרפען אויף איהם, געשמיסען איהם דאָס געלד אין פנים אַריין, געשריען, געוויינט און זיך געריסען די צושויבערטע און שטייפע האָר פון קאָפּ...

און ער לויפט פון איהר ווילדען וואוטה... לויפט אָהן אַ סוף איבער בערג און טהאָלען. ער פיהלט, אַז דער אָטעם שפּאַרט די ברוסט און וועט זי באַלד צורייסען... ער קאָן זיך אַבער ניט אָבשטעלען, זיך אויסדרעהען... שוין ניט זי נאָר דער טויט לויפט הינטער איהם ,שילט און דראָהט און קלינגט אַזוי שרעקליך מיט די ביינער...

און ער כאַפּט אַרויס זיין רעוואָלווער און שיסט אין געשפּענסט, פייערט אָהן אַ סוף, און אַז דער ווינט צוטראָגט דעם רויך ליגט ווידער אויפ'ן גראָז די פרעמדע אידענע, מיט צוואָוואָרפענע גליעדער פון אַ דערשאָסענער פאַר־היסטאָרישער חיה און מיט אַ פנים אויסגעקרימט פון שרעק און וואוטה...

און אידען לויפען פון אַלע זייטען פון פאַרק ,ווי אונטערערדישע געשטאַל־טען, ווילדע לויפען זיי, ווי צולאָפענע חיות פון אַ טהיערגאָרטען, וואַרפען זיך אויף איהם, ווי אַ לעבעדיגער באַרג, דריקען איהם און שטיקען... און ער ראַנגעלט זיך מיט דעם לעבעדיגען קנויל, דרעהט זיך און בייסט זיך אַזוי לאַנג, ביז דער פּראָקוראָר קומט צו לויפען — ער, דאָס ווייב און דער רויטער קאָדעט מיט דער ביקס...

און מען שלאָגט זיך און מען בייסט זיך שוין אַלע אינאיינעם. צוויי פיינדליכע קרעפטען און וועלטען דרעהען זיך אין אַן אוראַגאַן פון טהיערישען וואוטה... ווי אַ מחנה פון פערהונגערטע און וואהנזיניגע וועלף שפּרינגען זיי איינע אויף די אַנדערע און בייסען זיך די בלוטענדע לעבעדיגע גאָרגלען. ער וויל זיי צונעהמען, שרייט און ערוואַכט...

אין אַ ים פון קאַלטען טויט־שוויים ערוואַכט ער...

זיין ערשטער געדאַנק איז געווען — צוגעהן צום פענסטער און זעהן, צי דער פּראָקוראָר שרייבט נאָך זיין בלוטיגע פערלוימדונג אויפ'ן אידישען פאָלק.

מיט שווערע, ווי מיט בליי אָנגעגאָסענע טריט האָט ער זיך צוגעשלעפּט צום פענסטער און האָט אויפגעהויבען דעם שווערען פאָרהאַנג.

אויף דער וועראַנדאַ איז שוין געווען פינסטער. דאָס ערשטע מאָרגענ־ליכט האָט זיך גערוקט פון מזרח־זייט, אַ גרויעס און אַן אונזיכערעס ליכט, און האָט זיך געראַנגעלט מיט די נאַכט־שאָטענס. די ביימער זיינען געשטאַנען ווי פערגליווערטע אונטער דעם אונהיימליכען, שטילען אַבער האַרטנעקיגען קאַמף פון טאָג און נאַכט, פון ליכט און פינסטערניש...

גרויע און אומעטיגע זיינען זיי געשטאַנען, ווי שוין פעראורטיילטע צום טויט...

דער גענעראַל האָט געעפענט דעם פענסטער און האָט זיך אַרונטער־

געלאָזט אין אַ שטוהל, אָטעמענדיג די פרישע לופט מיט ברייטע און שווערע שלונגען.

די לופט אָבער האָט איהם ניט דערפרישט און ניט געלינדערט.

צוגלייך מיט איהר האָט זיך אין ברוסט געגאָסען דער אומעט פון גרויען מאָרגען, פון גרויזאמען קאמף צווישען ליכט און פינסטערניש... אַזא פייכטער און געדיכטער אומעט. ווי אַ שמוציגער און גיפטיגער קליי האָט ער אַנגעפילט די ברוסט און זי געשפּאַרט און געדריקט פון אַלע זייטען... און זיך געוויקעלט ארום האַלז ווי אַן עקלהאַפטער שלאַנג.

און עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער וועט דעם זונענאויפגאַנג שוין ניט זעהן, אַז דער גרויער, זיך קלעפּענדער שלאַנג וועט איהר דערווערגען ביים פענסטער...

געטריבען פון דער ניט גוטקייט פון אַ גסיסה האָט ער אַנגעצונדען אַ ליכט און זיך געלאָזט געהן צום צימער, וואו דער זוהן איז געשלאָפען.

עס איז געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַ נודנער און אומעדיגער, ווי דאָס קאַלעמוטנע און אונזיכער ציטערענדע מאָרגענליכט, אַ פערצווייפעלטע און לעצטע האָפנונג פון אַ גוסס.

ער וועט אויפוועקען דעם זוהן, איהם אַלעס דערצעהלען און איהם נאָר בעטען, אַז ער זאָל איהם לאָזען רוהיג שטאַרבען...

נאָר שטאַרבען און מעהר גאָר ניט! און געריהרט צו טרעהרען פון רחמנות צו זיך אַליין, מיט זיין גרויזאמען שיקזאַל, האָט ער געגלויבט, אַז דער זוהן וועט מיט איהם אויך רחמנות האָבען און וועט אויפגעבען דעם בלוט־בלבול...

„איז ער דען קיין מענש ניט? ער מוז דאָך האָבען אַ מענשליך הארץ און האָבען רחמנות מיט אַ פאָטער!" — האָט געפּרואווט זיך אַליין פערזיכערען דער מאַן אין זיין גסיסה און האָט מוטהיג געעפענט די טהיר פון צימער.

דער פּראָקוראָר איז געלעגען אויף אַ ברייטען טערקישען דיוואַן מיט אַ נאַקעטער האָריגער ברוסט, מיט איין פוס פעררוסען און אַ שטאָלץ פערוואָרפּע־נעם קאָפּ.

דער פאָטער האָט אויפגעהויבען די ליכט איבער זיין געלעגער און האָט זיך איבער איהם אַנגעבויגען... צווישען די ווי מאָך־געדיכטע האָר איז געלעגען אַ צלם, פון וועלכען ס'האָט זיך געצויגען אַ שוואַרץ שנירעל ארום זיין דינעם און לאַנגען האַלז.

דער צלם האָט דעם פאָטער אויפגעשוידערט ווי עפּעס מאוס'עס און אונ־היימליכעס... ער האָט געוואוסט, אַז אין די סטודענטען־יאָהרען האָט ער ניט געטראָגען קיין צלם.

„איז ער אַזוי פרום געוואָרען? אָדער דאָס איז נאָר צביעות און פאַלש־קייט?"

ער האָט פאַרשענד איינגעגראָבען זיינע בליקען אין דעם פערוואָרפען־לי־גענדען פנים, אַזוי ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט אַן ענטפער אויף זיין פראַגע. און דער פנים מיט'ן בייז־געשלאָסענעם מויל און מיט זיינע שאַרף־אויסגעצוי־גענע און פערשפּיצטע געזיכטסציגע האָט געקוקט אויף איהם נאָך גרויזאַמער ווי נעכטען, ווען ער האָט געוועבט פאַר איהם די נעץ פון בלוט־בלבול, פון זיין פאָלק'ס אונגליק. און ווי האָפנונגסלאָז איז איהם איצט פאָרגעקומען דער

שטייפער און בייזער פנים און דער צלם אויפ'ן ברוסט ! ווי דער פנים פון א תליון האט ער געקוקט אויף איהם אונבויגזאם און ענטשלאסען אין זיין בייזען, מערדערישען ווילען... און ווידער האבען די פיבערהאפטע בליקען געטאפט די שטייפע ליניען פון פנים, געזוכט און געבלעטערט אין זכרון און פערגליכען...

„אין וועמען ? אין וועמען איז ער געראטען ?" — האט ווי א בייזער און פאסקודנעם ווארעם איהם געטאטשעט און גענאגט א געדאנק. און דער רחמנות מיט זיך אליין איז געוועזן נאך ביטערער און בריהענדער... טרעהרען האבען געגאסען און געבריהט זיינע באקען.

און אז די טויטע און פערגליווערטע מאסקע פון פראקוראר האט א ציטער געטהאן אונטער דעם ליכט אין זיין ציטערענדער האנד, האט דער פאטער אין איילעניש, אבער פארזיכטיג שטיל פערלאזען דאס צימער...

ער איז שוין געוועזן פעסט איבערציינגט, אז דער תליון וועט מיט איהם ניט רחמנות האבען.

דאס פאלק אין גלות

דאס אבגעקיהלטע און בעפרישטע בעט האט ווידער ארומגעכאפט זיינע מידע און נאגענדע אברים און ער איז צוריק איינגעשלאפען מיט א לאנגען און מידען שלאף. אויפגעוועקט האט איהם א שטארקער רויש אונטער'ן פענסטער. דער גענעראל איז אראבגעשפרונגען פון בעט און איז צוגעלאפען צום פענסטער. די גרויסע, אויף דארישע זיילען געשטיצטע וועראנדע איז געוועזן פערפלייצט מיט פאליציי, גוים און סיסטשיקעס. רעכטס אין א גלייכער שורה און געהיט פון בלאנקע און אין העלען זונענליכט גרויזאם בליאסקענדע שווערדען זיינען געשטאנען די ארעסטירטע אידען. מיט ארונטערגעלאזטע, איינגעבויגענע קעפ זיינען זיי געשטאנען, ווי א פאלק געטריבען אין גלות. נאר דער רב, דערזעלבער וואס האט איהם ווינטער מיט א דעפוטאציע דערלאנגט ביים בריקעל ברויט און זאלץ, האט פעררויסען די אויגען צום הימעל און זיינע בלוטלאזע ליפען און דאס קליין גרוי ציגען־בערדעל האט זיך צוזאמען בעוועגט און געציטערט ווי אין א שטילער תפלה. דער איבעריגער פנים איז געבליבען בעוועגלאז, דונקעל־בלוי, ווי איבערגעברענטער אש מיט אן אויסדרוק פון א פערגליווערטער פראגע און פארוואורף צום הימעל.

דער גענעראל האט ניט געקענט אפרייסען זיינע אויגען פון דעם פרעגענדען פנים, אזוי ווי די פראגע, דער פארוואורף וואלט געוועזן געריכטעט ניט צו גאט, נאר צו איהם אליין, דעם פאטער פון דעם זוהן דעם תליון, וועלכער האט זיי צוזאמענגעבראכט אהער צו פייניגען און צו שענדען.

באלד האט ער זיך געכאפט צעהלען און אנגעצעהלט צעהן אידען... בערל האט אויפגעציטערט און אינסטינקטיוו אויפגעהויבען צו איהם דעם פנים, אזוי ווי ער וואלט אויף זיך דערפיהלט די צעהלענדע אויגען ביים פענסטער.

דער גענעראל איז אבגעשפרונגען. די זאך איז געוועזן אזוי אונגלויבליך, אזוי אונמעגליך ! ער איז צוגעלאפען צוריק און האט זיך גענומען רייבען די אויגען און דערנאך ווישען די פון זיין הייסען אטהעם פערנעבעלטע שויבען.

אזוי ווי ער וואָלט זיך אַליין ניט געגלויבט. עס איז אָבער געווען אַ ווירקליכ־קייט און ניט קיין קאָשמאַר...

דאַן האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ פּחד, אַן אָבערגלויבישער שרעק... אַזוי ווי די שטראָפענדע האַנד פון אַ מלאך וואָלט פאַר איהם אָנגעשריבען אויף דער וואַנד די דראָהענדע און וואָרנענדע ווערטער, וועלכע זי האָט אַמאָל אָנ־געשריבען אויף דער וואַנד פון בלשאצר׳ס פּאַלאַץ.

ער האָט פיעבערהאַפט זיך גענומען אַנטהאָן. די הענד האָבען אָבער גע־ציטערט, און ער האָט בשום אופן ניט געקענט ארויפציהען דעם לינקען שטי־וועל, אַזוי ווי די פוס וואָלט איבערנאַכט געשוואָלען געוואָרען.

דאַן האָט ער אָנגעקלונגען נאָכ׳ן לאַקיי.

אַז ער האָט דערזעהן אויפ׳ן לאַקיי׳ס פּנים דאָסזעלבע שפּאָטענדע און בייז־פרעהליכע נקמה־שמייכעלע, וואָס ער האָט ערשט געזעהן אויף די אַלע פּנים׳ער פון די אַלע פּאָליציייסקי און סיסטשיקעס אויף דער ווערענדע, האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ בלינדע וואוטה. מיט׳ן שטיוועל אין דער האַנד האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ׳ן לאַקיי ווי פון אַ בעהעלטעניש און האָט זיך גע־נומען איהם שלאָגען איבער׳ן קאָפּ און שרייען אין וואַהנזיניגען כעס:

— וואָן! וואָן! סוקין סין!

דער לאַקיי האָט זיך ניט געוועהרט געגען די קלעפּ און איז ניט געלאָפען... אונבעוועגליך און אַ טויט־בלאַסער איז ער געשטאַנען און האָט געקוקט אויף איהם מיט צוויי איבערגעשראָקענע גרויסע אויגען ווי מען קוקט אויף אַ מאַן אין ערשטען אויסברוך פון וואַהנזין.

— באַרין! באַרין! גאָט איז מיט אייך, באַרין! — האָט געשעפּטשעט דער לאַקיי.

— וואָן! וואָן! אַניט דערשיס איך דיך! און ער איז צוגעלאָפען צו דער וואַנד, וואו דאָס געוועהר איז געהאַנגען.

דער לאַקיי האָט זיך צוזאַמענגעדרעהט ווי אַ פערפאָלגטער האָז און איז מיט איין שפּרונג אַרויס פון קאַבינעט.

ווי ערשעפּט האָט ער זיך צוגעשלעפּט צום בעט און האָט זיך אַרונטער־געלאָזט אויפ׳ן צוקנייטשטען געלעגער.

די ברוסט האָט זיך בעוועגט אַרויף און אַראָפּ ווי אַ בלאָז־זאַק, אַלע אברים האָבען געציטערט ווי אין אַן עפּילעפּטישען אָנפאַל. פון שפּיגעל אין דער קליידער־שאַפע אַנטקעגען האָט אויף איהם געקוקט אַ מאַן, וועלכען ער האָט אַליין ניט דערקענט.

און אַזוי איז ער לאַנג געזעסען און געקוקט אויפ׳ן פרעמדען און אונ־בעקאַנטען מאַן אין שפּיגעל, אַן אויסגעלאָשענער און ערשעפּטער, אָהן גע־פיהלען און אָהן געדאַנקען.

ברודער און שוועסטער

אויפגעשווידערט האָט איהם און געבראַכט צו זיך שטימען פון צווייטען צימער, וואָס איז געווען אָבגעטיילט מיט אַ טהיר פון דעם קליידער־שראַנק.

גערעדט האָבן נאַטאַשאַ און דער פּראָקוראָר, צוערשט איינציגווייז און דערנאָך מיט אַמאָל און אויפגערעגט.

— מען דאַרף זיך בערוהיגען... הויפּטזעכליך רוהיג און געלאַסען — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט און האָט זיך צוריק גענומען אָנטהאָן לאַנגזאַם און געלאַסען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך נאָר מיט דעם פּראָצעס אַליין געקענט בערוהיגען. פלוצים האָט ער דערהערט ווי אַ טרוקענעם טראַסק און נאַטאַשאַ'ס אַ קוויטש.

— ער שלאָגט זי! — איז דורך אַ געדאַנק אין זיין מח, האָט איהם אָבגעבריהט ווי אַ בליץ און אָנגעצונדען דאָס בלוט.

אַ רגע אַזי געווען שטיל, אונהיימליך שטיל, דערנאָך האָט זיך דערהערט נאַטאַשאַ'ס געוויין...

— יאָ, קיין צוויפעל... אָבער רוהיג... נאָר רוהיג — האָט געזאָגט דער אַלטער מאַן צו זיך אין דער הויך, האָט געכאַפּט פון דער וואַנט אַן אַלטמאָדישען געלאָדענעם פּיסטאָלעט, האָט איהם אריינגעשטעקט אין קעשענע, איז ארויסגעלאָפען און האָט האַסטיג געעפענט די טהיר פון צווייטען צימער.

אין דער טהיר האָט ער זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט'ן זוהן אין וויצמונדיר, מיט אַ גרויסען בריליאַנטענעם צלם אויף דער ברוסט און מיט אַ פּאַרטפעל אונטער דער האַנט. דער פּנים פון דעם אינקוויזיטאָר איז געווען נאָך שטייפער און גרויזאַמער ווי נעכטען אין שלאָף.

דער פאָטער האָט אויפגעשווידערט און האָט אינסטינקטיוו צוזאַמענגעדריקט דעם רעוואָלווער אין קעשענע, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר אַן אָנפאַל...

זייערע אויגען האָבען זיך בעגעגענט און ארומגעכאַפּט ווי אין קאַמפּף... אַ רגע האָבען זיי זיך אָנגעקוקט מיט האַסענדע און פּערניכטענדע בליקען, דערנאָך האָט זיך דער פּראָקוראָר מיט דער זייט אָבגערוקט פון איהם מיט אַ ציטערענדען עקעל אויפ'ן שטייפען פּנים, שוין מיט דערזעלבען פאַטאַלאָגישען עקעל, מיט וועלכען ער און אַלע פון זיין סביבה פלעגען ריידען פון אידען.

און דער אויסדרוק פון עקעל האָט דעם פאָטער איבערגעשראָקען און אויסגעלאָשען אין איהם די ווילדע וואוטה און די ענטשלאָסענע מוטה און איהם געמאַכט שוואַך...

— ער ווייס אַלעס... ווייס ער דען? — האָט איהם ווי אַ מעסער אַ שטאָך געטהאָן אַ געדאַנק און ער האָט געמאַכט אַ שריט צוריק און בעפרייט דעם וועג פאַר'ן פּראָקוראָר.

— פיהרט די פערברעכער אָב צוריק אין וואָלאָסט אריין, איך פאָהר אייך נאָך! — האָט בעפוילען דער פּראָקוראָר מיט אַ טרוקענעם און שוין געלאַנגווייליגטען טאָן דעם איספּראַווניק, וועלכער האָט געוואַרט אויף איהם אויסגעצויגען אין דער טהיר פון דעם לאַנגען קאָרידאָר.

— סלושאיוס, וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ! — האָט זיך נאָך מעהר אויסגעצויגען דער איספּראַווניק און איז אַרויס אויף דער וועראַנדע.

דער פּראָקוראָר האָט נאָך העכער אויפגעהויבען דעם קאָפּ אויפ'ן דינעם און דאַרען האַלז און האָט זיך געלאָזט מיט שטאָלצע און בייזע טריט געהן

צו דער טהיר, אַרויפציהענדיג די הענטשקעס אויף די הענט און זיך ניט
אומקוקענדיג אויפ'ן פּאַטער...
אוּן ווידער שטעהט דער אַלטער מאַן אָנגעשפּאַרט מיט'ן שטערען אין
גלאַז פון פענסטער און קוקט אויף דער וועראַנדע: די בלאַנקע בייזע שוועד־
רען רינגלען ווידער אַרום די אידען פון אַלע זייטען. דער רב קוקט שוין ניט
צים הימעל. זיין קאָפּ הענגט שוין אויך טיעף אויף דער ברוסט, ווי ביי זיין
געבויגענער און פון שאַנדע צוזאַמענגעדרעהטער עדה... ווי אַן אָבגעשניטע־
נער הענגט דער אַלטער קאָפּ... און מען טרייבט זיי ווידער איבער דער בריי־
טער אַלעע צווישען די הויכע, הונדערט יאָהריגע טאָפּאָליעס... ווי אין גלות
טרייבט מען זיי... עס ווייזט זיך איהם אויס, אַז מען טרייבט איהם אויך,
צוזאַמען מיט בערלען, אַ בעזיעגטען און געשמיעדטען... און ער פיהלט שוין
גאָרניט, ניט קיין צער און ניט קיין כעס... נאָר אַ נודנע פוסטקייט אין דער
נשמה און אַ שווערע בלייענע מיעדקייט אין זיינע אַלטע אברים...

ד ע ר פּ אַ ט ש

דער געדאַנק, אַז דער אויסוואורף האָט דערלאַנגט נאַטאַשאַ'ן אַ פּאַטש,
אַז ער האָט אויפגעהויבען אַ האַנד אויף אַן אויסגעוואַקסענער שוועסטער און
דאַמע, אויף זיין ליעבלינג, נאַטאַשאַ, האָט ווידער ביים גענעראַל אָנגעצונדען
דעם מאָרד, דאָס בלוט אין די אָדערען... ער האָט געפיהלט דעם פּאַטש אויף
זיך, אויף זיין פּנים... און אָט דער געפיהל, צוזאַמען מיט'ן געפיהל פון אַ
מאַן, וועלכער האָט זיך אין ערשטען מאָמענט פון בעליידיגונג פערלאָרען און
האָט ניט געענטפערט אויף דער בעליידיגונג, איהם ניט דערשאָסען אויפ'ן
אָרט ווי אַ משוגענעם הונט, האָט איהם וואַהנזיניג געמאַכט... ער איז צוריק
אַריינגעלאָפען אין זיין טאָכטער'ס צימער.
— דער שופט האָט דיר אַ קלאַפּ געטאָן? אַ? — האָט ער געפרעגט
נאַטאַשאַ'ן.
זי האָט אויפגעהויבען איהר קעפּעל פון די הענד, אויף וועלכע זי איז
געלעגען אָנגעשפּאַרט אויפ'ן טיש און האָט אָנגעשטעלט אויפ'ן פּאָטער אַ
פערוויינטען פּנים. אַ קליינע און צוזאַמענגעדרעהטע, האָט זי אויסגעזעהן ווי
אַ פויגעלע, ווי אַ שוואַלב, וואָס טוליעט זיך אין אַ ווינקעל אונטער'ן דאַך
און בעהאַלט זיך פון שטורם... דעם פּאָטער'ס שרעקליכעס געזיכט האָט זי
אָבער באַלד פערענדערט. זי האָט אָנגעהויבען לאַכען, לאַכען מיט צוויי פאַר־
וויינטע אויגען... און ווי אַ רעגענבויגען שימערט פון אונטער'ן רעגען, אַזוי
האָבען זיך געלויכטען די צוויי לאַכענדע און צוגלייך וויינענדע אויגען...
— ניטשעוואָ, פּאַפּאַשאַ! גאָרנישט! מיר האָבען זיך אַביסעל צוקריגט.
אָבער גאָרנישט... טשעפּוכאַ! — האָט זי געפּרואווט בערוהיגען דעם פּאָטער
און איז איהם אַרויפגעשפּרונגען אויפ'ן האַלז און איהם אַרומגענומען.
די לאַסקעס האָבען איהם אָבער ניט בערוהיגט, ווי בוימעל קען ניט אויס־
לעשען אַ פייער... ער האָט דערפיהלט, אַז ער מוז עפּעס טהאָן, און דאָס —

באַלד, און אויב ניט, וועט די ברוסט צוריסען ווערען פון אויפרעגונג און וואוטה... איצט האָט ער שוין ניט געצווייפעלט, אַז ער איז ניט זיין זוהן... מיט דעם וואוטה איז אויסגעוואַקסען אַ זיכערקייט, אַז ער איז פון אַ קוטשער אָדער אַ לאַקיי, און אַז זיין ווייב איז געווען אַ שליאַכע... אַנדערש קען עס ניט זיין! און איז מאַכטלאָזען, וואַהנזיניגען כעס האָט ער זיך פערגעסען און אויסגעשריען:

— שליאַכאַ! פּאַדלאַיאַ!

נאַטאַשאַ איז אַבגעשפּרונגען פון איהם ווי פון אַ וואַהנזיניגען... איהר פּנים, איהרע איבערגעקעהרטע און איבערגעשראָקענע אויגען האָבען איהם געבראַכט צו זיך און די צוויי ווערטער האָבען איהם אַליין איבערגעשראָקען אויף טויט.

— פּאַפּאַשאַ! וואָס האָסטו געמיינט? — האָט איהם געפרעגט די טאָכ־טער.

—אַה, גאָרנישט! גאָרנישט! מ'קען פון זינען אַראָפּ... די געדאַנקען פערלירען — האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין ברוסט, און ער האָט זיך ער־שעפּט אַרונטערגעלאָזט אויף'ן שטוהל וואו נאַטאַשאַ איז ערשט געזעסען און ער האָט זיך גענומען טאַפּען און פּיהרען מיט דער האַנד איבער'ן נאַקעטען און פערשוויצטען שאַרבען, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זיך איבערצייגען צי ער איז ווירקליך ניט אַראָפּ פון זינען.

נאַטאַשאַ האָט זיך צוגעזעצט אויף זיין קניע און האָט זיך ווידער איהם גענומען לאַשטשען, גלעטען מיט איהרע קליינע שעהנע הענטלעך און בערוּ־היגען. אַ ווײַלע זיינען זיי אַזוי געזעסען, צונויפגעדרעהט און צוזאַמענגע־גאָסען אין איין קנויל, פון שטומען צער און פערצווייפלונג.

— וואָ! מעהר קומט ניט זיין פוס אַהער... אויב ער קומט צוריק, וועל איך איהם ווי אַ הונט אַרויסטרייבען פון דאַנען — האָט געזאָגט דער פאָטער און האָט זיך אויפגעהויבען.

„שליאַכאַ! פּאַדלאַיאַ שליאַכאַ! און ער איז אַ ממזר“ — האָט שוין ווי אַ פּיק־האַלץ געפּיקט אין מוח אַ געדאַנק, און דער געדאַנק איז איהם געווען אַנגענעהם און האָט געלינדערט ווי אַ קיהלענדער באַלזאַם דעם בריהענדען פּיין און כעס.

— ער וועט שוין ס־ווי־סיי ניט קומען! איך האָב איהם שוין אַליין פון דאַנען אַרויסגעטריבען — האָט געזאָגט נאַטאַשאַ.

אָבער דאָס איז געווען וועניג... ער האָט געדאַרפט טהאָן נאָך עפּעס.

דער אויסדרוק פון קראַנקהאַפטען עקעל, וועלכען ער האָט איבערגע־לייענט אויף זיין פּנים אין דער טהיר, דערזעלבער טעמפּער און גרויזאַמער פּנים איז איהם געשטאַנען פאַר די אויגען. ער איז געווען זיכער, אַז דער זוהן ווייסט זיין לעבענס־סוד, אַז ער האָט איהם געטראָפען, און אַז ער פּיהלט צו איהם אַן עקעל ווי צו אַ אידען... ער איז אין דעם געווען פּונקט אַזוי זיכער, ווי אין דעם, אַז די גראָבע קאַצאַפּקע האָט געלעבט מיט אַ קוטשער און דער פּראָקוראָר איז אַ ממזר...

און ווילדע אומגעלומפּערטע געדאַנקען האָבען ווי שדים גענומען שפּרינ־גען אין זיין מוח און איהם טרייבען היין און צוריק איבער'ן צימער.

צוערשט איז איהם אריין אַ געדאַנק, צו געהן אין וואָלאָסט אריין, וואו עס קומט פאַר די אינקוויזיציע פון אונשולדיגע מענשען, און איהם פאַר אלע סיסטשיקעס און פאָליציישקע, פאַר דער גאַנצער סליעדסטווענער קאָמיסיע, אויספּאַטשען.

„נאַ! אַט האָסטו. דערפאַר וואָס דו האָסט געפּאַטשט אַ שוועסטער און אַ דאַמע!"

דאָס וואָס ער האָט געפּאַטשט אַ דאַמע, איז איהם פאַרגעקומען אונ־פערצייהליכער ווי אַלץ... די דאַמע האָט אינגאַנצען פערשטעלט די שוועס־טער... דערנאָך איז איהם אויסגעקומען, אַז עס וועט זיין אַ דועל צווישען איהם און דעם ממזר... ער וועט איהם אַליין ארויסרופען אויף אַ דועל. זאָל די גאַנצע וועלט וויסען, אַז ער איז ניט זיינער... סיי־ווי־סיי וועט ער זיך אָבזאָגען פון איהם אַלס פאָטער... קיין ירושה וועט ער שוין איהם ניט לאָזען... „קיין קאָפּיקע! נאָך היינט וועט ער מאַכען אַ נייע צוואה... יאָ! אַ דועל!"...

און דער געדאַנק איז איהם פאַרגעקומען אזוי נאַטירליך, אַז ער האָט איהם אָנגעהויבען צו בערוהיגען...

ער נעהמט זיך אָן פאַר זיין טאָכטער, פאַר אַ דאַמע, וועלכע איז געשלאָ־גען געוואָרען פון אַ כאַם... דאָס האָט פון איהם פערלאַנגט דער כבוד פון מונדיר, די עטיק פון אַן אָפיציר און סאָלדאַט... און ביי דעם געדאַנק האָט ער זיך אויסגעצויגען און האָט אויסגעסטאַרטשעט די ברוסט, ווי אויף אַ פּאַראַד. און אין די געדאַנקען האָט ער שוין געזעהן דעם זוהן דערשאָסען...

„ווי דען? ער איז דאָך אַ „שפּאַק": אַ ציווילנער, ווי די אָפיצירען רופען די ניט־אָפיצירען... ער קאָן דען אזוי שיסען ווי ער?... ער וועט נאָך היינט, ווי אין די יונגע יאָהרען, אראָבשיסען אַ דעקעל פון אַ טשייניק, אַ היטעל פון אַ קאָפּ, און וועט ניט פעהלען..."

— דער פרישטיק איז דערלאַנגט! — האָט געמעלדעט אין דער טהיר דערזעלבער לאַקיי, וועלכען ער האָט געשלאָגען פריהער מיט'ן שטיוועל איבער'ן קאָפּ. דער פריהערדיגער שמייכעל, וועלכער האָט איהם אזוי אויפ־געבראַכט, איז שוין ניט געווען אויף'ן לאַקיי'ס גלאַטען און ברייטען פּנים. ער איז געווען פערגליווערט אין אַ העפליכער אונטערטעניגקייט... דער געוועהנליכער פּנים פון אַ לאַקיי.

און דער לאַקיי האָט אונטערגעבראָכען דאָס שפּאַנען איבער'ן צימער און דעם לויף פון די אומגעלומפּערטע געדאַנקען.

דער גענעראַל האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן פרישטיק ווי פאַר אַ רעטונג... ער וועט זיך דערוויילע בערוהיגען און נאָכ'ן עסען וועט ער שוין זעהן וואָס ער האָט צו טהאָן... ער וועט עס אָבער אזוי ניט לאָזען...

דער אומגעלומפּערטער געדאַנק פון אַ דועל איז שוין אָבער געלעגען צוטראָטען און פערלאָשען.

„און ווי איז אַז ער איז מיין קינד? ווער קאָן עס וויסען?... דער טייפעל אַליין וועט עס ניט וויסען..."

— קום פרישטיקען, טאַכטער!

און ער האָט גענומען נאַטאַשאַ'ן אונטער'ן האַנט העפליך און גאַלאַנט, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אַ פּרעמדע דאַמע און ניט נאַטאַשאַ, זיין טאָכטער, און ער וואָלט געווען דער קאַוואַליר. ער האָט זי צוגעפיהרט צום טיש.

נאָכ'ן פריהשטיק

נאָכ'ן פרישטיק האָט זיך דער גענעראַל פערשלאָסען ביי זיך אין קאַבינעט. אַ ווײַלע איז ער אַרומגעגאַנגען הין און צוריק און האָט אויפגערעגט געפיהרט הין און צוריק מיט'ן האַנט איבער'ן נאַקעטען שאַרבען, וועלכער האָט זיך ביי איהם אַזוי ווי צוזאַמענגעגאָסען אינאיינעם מיט'ן שטערען...

און אַזוי ווי ער וואָלט אָנגעטאַפּט און זיך איבערצייגט, אַז ער איז פאָלשטענדיג רוהיג און ביים קלאָרען פערשטאַנד, האָט ער זיך צוגעזעצט צום שרייבטיש און האָט זיך גענומען שרייבען פאָלגענדען בריעף:

„מילאַסטיווי גאָסודאַר! (גנעדיגער הערר) — האָט ער אַדרעסירט זיין אייגענעם זוהן — אַ מאַן, וועלכער הויבט אויף זיין האַנט און שלאָגט אַ דאַמע, מעג זי זיין אַן אייגענע שוועסטער, אַזאַ מאַן איז ניט ווירדיג צו טראָגען דעם נאָמען פון אַ רוסישען אַדעלמאַן און צו זיין דער פערטרעטער פון געזעץ און די אינטערעסען פון דער יוסטיץ".

דאָס וואָרט „רוסישער אַדעלמאַן" האָט איהם אָבער ווי אָבגעבריהט...

„טשעפּוכאַ!" — האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען פון די ליפּען, און ער האָט צוריסען דעם בריעף און האָט איהם מיט כעס אַריינגעשליידערט אין פּאַפּיער־קאָרב.

„רוסקי דוואָריאַנין!" — און ער האָט זיך אַליין דערפון צולאַכט. פאַר זיינע אויגען איז געשטאַנען בעריל, זיין אָרים געבורט־שטעדטעל אין טהאָל, און די גאַנצע פערגאַנגענהייט האָט פון איהם שפּאָטיש און טײַפליש געלאַכט... געלאַכט האָט איבער איהם אויך דער פּאָרטרעט פון אַ גראַף סווינטשיצקי, איינער פון סווינטשיצקי'ס אורעלטערען, אין קליידער און געוועהר פון אַ מיטעלאַלטערליכען ריטער, וועלכער איז געהאַנגען איבער זיין טיש.

עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער שפּאָט פון איהם און פון זיין יוגענד־פריינד בעריל, וועלכען מען האָט אַוועקגעפיהרט מיט בלאַנקע שווערדען, גלייך מיט אַלע אידען... אויף דעם פּנים פון דעם מיטעלאַרלטערליכען ריטער, וועלכער האָט זיך בעטייליגט אין אַ קרייץ־צוג און וועלכען ער אַליין האָט אויף להכעיס פערלאַנגט צו האָבען, צוזאַמען מיט דער איבעריגער בילדער־גאַלעריע, און האָט דעם פערלאַנג געשטעלט אַלס איינעם פון די תנאים ביים קויפען סווינטשיצקי'ס מאַיאָנטעק, אויף דעם פּנים האָט ער פּלוצים דערזעהן דעמזעלבען פרעכען און בייז־פרעהליכען און שפּאָטישען נקמה־שמייכעל, וועלכען ער האָט אין דער פריה געזעהן אויף די פּנים'ער פון אַלע פּאָליציייסקע, און פאַר וועלכען ער האָט געשלאָגען דעם לאַקיי זיינעם.

פּלוצים האָט ער זיך ווידער דערמאָנט, ווי אַזוי מען האָט קינדווייז איהם און בעריל'ען געשמיסען מיט קראָפּעווע דאָ אין פּאַרק און דערנידעריגט אויף

אייביג... און ווי דער לאקיי אין דער פריה, אזוי האט איהם דער פארטרעט איצט אריינגעווארפען אין א וואוטה.

„צו וואס פאר א טייפעל הענגט דא דער מערזאוועץ מיט דער פרעכער מארדע?" — האט ער זיך אליין געפרעגט אין דער הויך און האט אנגע־קלונגען. א לאקיי האט אנגעקלאפט און ער האט געעפענט. דאס איז געווען שוין אן אנדערער, א אינגערער, מיט'ן נאמען מישקא.

— נעהמט צו פון דאנען דעם פוילישען מערזאוועץ! א דוראק איז ער און ווייטער גארנישט! — האט ער אנגעוויזען אויפ'ן פארטרעט.

מישקא האט אויף איהם אנגעשטעלט א פאר פרעגענדע אויגען. ער האט זיין האר ניט פערשטאנען.

— וואס קוקסטו אויף מיר, דוראק? איך זאג דאך דיר: נעהם אראב דעם פארטרעט און הענג איהם אויף דארט צווישען די איבעריגע פוילישע מארדעס. פון מיינטוועגען קאנסטו איהם אפילו אין שטאל אויפהענגען... פאסקודסטווא און ווייטער גארנישט!...

און מישקא איז ארויפגעקראכען אויפ'ן טיש און האט זיך גענומען אראבנעהמען דעם פארטרעט. און עס האט אזוי לאנג געדויערט... אז אייביגקייט, אז די גדולד האט ביי איהם געפלאצט און ער האט זיך גענומען אויף איהם שרייען, אז ער זאל עס מאכען גיכער. און אז מישקא האט שוין ענדליך ארונטערגענומען דעם פארטרעט און איז אראפגעקראכען פונ'ם טיש האט ער בעמערקט, אז ער האט פערשטויבט דעם גרינעם געוואנט פון טיש, און דער לאקיי האט זיך ערשט גענומען ווישען דעם שטויב מיט'ן ארבעל. דאס האט ער שוין ניט געקאנט אויסהאלטען, האט אנגעכאפט מישקא'ן ביים קאלנער און האט איהם ארויסגעשמיסען פון קאבינעט מיט'ן פארטרעט און האט ווידער פערשלאסען הינטער זיך די טהיר.

דאן האט ער זיך צוריקגעזעצט צום טיש און האט זיך ווידער גענומען שרייבען בריעף צום זוהן, איינעם נאכ'ן אנדערען...

אין איין בריעף האט ער פערלאנגט, אז ער זאל מעהר ניט בעטרעטען דעם שוועל פון זיין הויז, דערפאר וואס ער האט אויפגעהויבען די האנט אויף נאטאשא'ן. דעם בריעף האט ער צוריסען און האט אנגעשריבען אן אנדערען, אין וועלכען ער האט דעם זוהן געשליידערט אין פנים די זעלבע ווערטער, וואס ער האט איהם נעכטען ביינאכט געזאגט אויף דער ווערענדא וועגען דעם בלוט־בלבול. אויך דעם בריעף האט ער צוריסען. אזוי האט ער געשריבען און געריסען דאס פאפיר ביז ער האט אינגאנצען אויפגעגעבען דעם געדאנק צו שרייבען א בריעף און האט זיך גענומען שרייבען א נייע צואה, אין וועלכער ער האט זיין גאנצעס פערמעגען אבגעזאגט נאר נאטא־שא'ן און זיינע אידישע קרובים אין שטעדטעל. אין דער צואה האט ער ארויסגעגעבען זיין לעבענס־סוד, האט זיך מודה געווען, אז ער איז א איד, וועלכען מען האט נאך אין זיין קינדהייט געצוואונגען צו שמד און האט געבעטען נאטאשא'ן, אז זי זאל איהם בעגראבען צווישען אידען אין זיין געבורט־שטעדטעל, נעבען זיינע עלטערען, און האט פראטעסטירט גענען דעם בלוט־בלבול...

אז ער איז געקומען צו זיין קבורה, האבען זיך די טרערען שוין געגאסען

פון זיינע אויגען איבער די באַקען און אויף דער צוואה, און זיי האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט׳ן טינט אויפ׳ן פּאַפּיר אין ציטערענדע און לעבעדיגע פלעקען.

אַז ער האָט זיך אָבער גענומען איבערלייענען זיין צוואה האָט איהם זיין ודוי, אַז ער איז אַ איד, אַליין איבערגעשראָקען און ער האָט צוריסען די צוואה אויף קליינע שטיקלעך, האָט די שטיקלעך אריינגעוואָרפען אין קאַמין אריין, האָט זיי אונטערגעצונדען מיט אַ שוועבעלע און איז ניט אַבגעטראָטען פון זיי, ביז זיי האָבען זיך פערוואַנדעלט אין אַש.

און דיזעלבע פייער־צונגען, וועלכע האָבען געלעקט און געצונדען דאָס פּאַפּיר, האָבען געצונדען זיין האַרץ, זיין מוח.

און ווידער האָט איהם אַרומגעכאַפּט דער נודנער טעמפּער אומעט, וועלכער האָט זיך פאַרטאָג צוגאָסען אין זיין ברוסט פון דעם גרויען מאָרגענ־ליכט אין פּאַרק, דער אומעט פון אַ גסיסה, וועלכער בריהט ניט און טהוט ניט וועה, נאָר ער דריקט צוריק צו דער ערד... פון וואַנען דער מענש איז געקומען.

ער האָט דערפיהלט, אַז ער טהוט ניט וואָס ער דאַרף טהאָן, אַז עפּעס מוז ער דאָך טהאָן, און אַז אויב ניט וועט ער דערשטיקט ווערען אין דעם ענגען קאַבינעט.

ער האָט געכאַפּט דאָס היטעל, די הענטשקעס, אַ קאַזאַצקע נאַגאַיקע און איז ארויס אין פּאַרק אַריין, מיט דער אַבזיכט צו געהן אין וואַלאַסט אריין און צוזעהן די אינקוויזיציע.

אַ היישעריק

אַז ער האָט געעפענט דאָס טהירעל פון פּאַרק האָט ער דערזעהן פון ווייטענס אַ מחנה מענשען, וועלכע האָט זיך געצויגען איבער׳ן ברייטען שטויביגען וועג צווישען די טאָפּאָלען, וועלכער האָט געפיהרט באַרג־אַראָב אין שטעדטעל אריין.

ווי אַ מחנה היישעריקען האָבען זיי זיך געצויגען גלייך אויפ׳ן פּאַרק — אידען, ווייבער און קינדער.

ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס געהען זיי צו איהם, בעטען זיין הילף און שוץ געגען זיין אייגענעם זוהן דעם אינקוויזיטאָר.

„מיין זוהן! מיין אייגענער זוהן!" — האָט זיך איצט געטראַכט דער געפּלאָגטער פאָטער און אַ פּאַניק האָט איהם אַרומגעכאַפּט, אַז אַבערגלויבישער שרעק פאַר דער מחנה, וועלכע איז ווי אַ פיינדליכע אַרמעע געגאַנגען גלייך אויפ׳ן שלאָס. ער האָט שוין געזעהן די אויפגערעגטע פּנימ׳ער און דראָהענדע האַנט־בעוועגונגען פון די ערשטע רייהען, אַזוי ווי זיי וואָלטען געגאַנגען אויף איהם מיט בייזע אַבזיכטען.

און אין דעם פּאַניק האָט ער פערמאַכט הינטער זיך די טהירעל, האָט אַנגעקלאַפּט דעם סטאָראָזש אין בודקע ביים טויער און האָט איהם אָנגע־זאָגט, אַז ער זאָל שליסען די טויערען און קיינעם צו איהם ניט צולאָזען.

אַליין איז ער אַוועק צו זיך אין קאַבינעט אריין און האָט זיך דאָרט פערשלאָסען.

אויפ׳ן וועג צו דער אינקוויזיציע

נאָכגעפאָלגט האָט דער פּראָקוראָר דער אויספאָרשונגס קאָמיסיע אין וואָלאָסט אריין, צופוס.

ער האָט, נאָך דער נעכטיגער שפּעטער נאַכט־ארבייט און נאָכ׳ן צוזאַמענשטויס מיט דער שוועסטער, זיך געפיהלט מיעד און ערשעפּט און האָט געוואָלט נעהמען א שפּאציר־גאַנג.

געגאַנגען איז ער צום דאָרף מיט א זייטיגער סטעזשקע, וועלכע האָט געפיהרט מיט א לאַנגען געדרעהטען אומוועג דורך׳ן פּארק און וואַלד.

ער האָט געוואוסט, אַז מען וועט אין וואָלאָסט אויף איהם לאַנג וואַרטען, און דער געדאַנק האָט איהם בעוועגט צו געהן נאָך לאַנגזאַמער און זיך אפילו צוזעצען אויף א פּערטעל שטונדע.

„זאָלען זיי דאָרט וואַרטען! א פּראָקוראָר איז ניט קיין איספּראַוונ̇יק״, האָט זיך א טראַכט געטהאָן דער יונגער גערשעלמאַן.

דער געדאַנק, אַז ער איז א פּראָקוראָר און אַז מען וועט דאָרט אויף איהם וואַרטען מיט געדולד און רעספּעקט, וואָס געהערט צו א פּראָקוראָר און הויכער פּערזאָן ווי ער איז, אַז ער איז פּראָקוראָר פון פּעטערבורגער אָקרוזשנאַי סוד — דער שטאָלצער געדאַנק האָט איהם איצט געשמייכעלט און אַנגענעהם געקיצעלט.

דער אינצידענט מיט נאַטאַשאַ׳ן, דאָס וואָס זי האָט איהם געבעטען פּערלאָזען דעם שלאָס און זיך געפינען אַן אַנדער אָרט פאַר זיינע שמוציגע געשעפטען, דאָס וואָס זי האָט איהם ארויסגעטריבען, די בעליידיגונג און דער פּאַטש מיט וועלכען ער האָט איהר געענטפערט אויף דער בעליידיגונג, די גאַנצע געשיכטע, האָט איהם איצט שוין ניט געאַרט, ווי אין דעם ערשטען מאָמענט.

ער איז דאָך געווען גערעכט!

און דער געדאַנק, אַז ער איז תמיד גערעכט און שטעהט אויף דער וואַך פון די העכסטע שטאַאַטס־אינטערעסען, און רעכענט זיך ניט מיט גאַרנישט, אפילו ניט מיט די סימפּאַטיען פון פאַטער און שוועסטער און האַנדעלט געגען די סימפּאַטיען און געגען דער פאַמיליע — דער געדאַנק האָט איהם פּאָלשטענדיג בערוהיגט.

„פערלירט ער דען ניט דאַדורך? ער ווייסט, אַז זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען האָבען איהם אָבגעטיילט פון פאַטער מיט א טיעפען אָבגרונד, און אַז ער האָט דאַדורך פיעל פערלאָרען... דער שלאָס מיט׳ן גרויסען און רייכען פּוילישען גוט וואָלט איצט געהערט צו איהם און ניט צו דער רעוואָלוציאָנערקע... עס אַרט איהם אָבער ניט... שטאַאַטס־אינטערעסען און איבערצייגונגען שטעהען העכער!״

און וואַרום פערלאַנגען דאָס אַלץ פון איהם די הויכע שטאַאַט־אינטערעסען און זיינע איבערצייגונגען, און וואַרום איז נאַטאַשאַ א רעוואָלוציאָנערקע, וואָלט ער אַליין ניט געקאָנט ערקלערען. און ער האָט זיך ניט גענויטיגט אין אַן ערקלערונג... עס איז געווען פאַר איהם אַן אַקסיאָמע, אַן אָפענער אמת... אַזוי דענקט דער מיניסטער, זיין גרעפין און גאַנץ

פעטערבורג... פויערים דאַרף מען קנוטעיועז, אַז ניט וועלען זיי ראַבעווען. צינדען און עס וועט ניט זיין ניט קיין פּריוואַט־אייגענטום און ניט קיין געזעלשאַפטס־אָרדנונג...

ער האָט אַזוי געטהאָן און מען האָט איהם דערפאַר טאַקע באַלד דערהויבען.

אינסטינקטיוו האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויפ'ן בריליאַנטענעם צלם אויף דער ברוסט. די זון־שטראַהלען האָבען זיך געשפּיעלט און שטאַלץ געפרעהט מיט די בליאַסקענדע בריליאַנטען, און זיין ברוסט האָט זיך אויך אָנגעפילט מיט דערזעלבער שטאָלצער און בליאַסקענדער פריידֿ, מיט אַ בליאַסקענדער גאוה...

און די זשידעס האָבען דאָך גע'הרג'עט דעם שגץ... צוערשט אויסגעצאַפּט דאָס בלוט פון איהם, געבאַקען מיט דעם זייערע מצות, און דערנאָך איהם געהאַנגען... אַ ביטרע פאָלק דאָס איז!

אָה, ער קען זיי... און ער וועט עס בעווייזען ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער... גאַנץ רוסלאַנד וועט איהם זיין דאַנקבאַר און ער וועט בעריהמט ווערען אויף דער גאַנצער וועלט...

און ער האָט זיך צולאַכט מיט אַ בייזער סאַדיסטישער פריידֿ איבער די אידען, וועלכע ער איז געגאַנגען פייניגען און ענטדעקען זייערע גרוילטהאַטען.

„און דער פאָטער איז אַ דוראַק, אַן אַלטער כריין, און נאַטאַשאַ איז אַן אַנאַרכיסטקע און באָמבע־וואַרפערקע... זי בונטעוועט עם דעם אַלטען דוראַק געגען איהם. אַן אַנדער פאָטער וואָלט מיט איהם שטאָלצירט... צו פינף און דרייסיג יאָהר אַ פּראָקוראָר... צו פערציג יאָהר אַ מיניסטער — און ער איז נאָך ניט צופרידען... האָט ניט קיין רעספּעקט פאַר איהם..."

און אַ צאָרען, אַ בייזער און אַ טעמפּער האָס האָט זיך ווידער צוגאָסען איבער זיינע אָדערען, ווי נעכטען ביינאַכט.

„מיט חסדים האָט איהם דער צאַר בעשאָטען, און ער איז אַזוי אונ־דאַנקבאַר און אונטריי... ביי אַזאַ גענעראַל וואָלט ער צוגענומען די פּענסיע מיט אַלע אָרדענס, און נאַטאַשאַ'ן וואָלט ער פערשיקט קיין סיביר, גלייך מיט אַלע באָמבע־וואַרפערס... ער וועט עס זאָגען דער גראַפינע... זאָלען זיי זעהן, אַז די שטאַאַטס־אינטערעסען שטעהען ביי איהם העכער פון אַלץ, אפילו פון די געפיהלען פון אַ זוהן און אַ ברודער..."

און אין די געדאַנקען האָט ער שוין צוגענומען ביים פאָטער די פּענסיע און דעם צאַר'ס אַלע חסדים, און נאַטאַשאַ'ן האָט ער פערשיקט קיין סיביר...

„אַהין איז איהר וועג" — האָט זיך געפרעהט דער ברודער. — „זאָל זי זיך נאָר מיט מיר אָנהויבען" — האָט זיך געטראַכט דער אינקוויזיטאָר — „איך וועל זיך שוין מיט זיי ניט צערעמאָניען. איך בין ניט קיין מענש פון סענטימענטען..."

און ער איז ווידער שטאָלץ דערמיט, וואָס ער האָט ניט קיין סענטי־מענטען, איז ניט קיין „באַבע", איז אייזען־פעסט, ווי אַ שטאַאַטס־מאַן און פּראָקוראָר דאַרף זיין...

יאָ, זי פערשיקען! דאָס גוט ביי איהר קאָנפיסקירען... וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער געהאַט עס צו קויפען פאַר איהר? אַ זוהן איז דאָך בילכער פון אַ טאָכטער, ובפרט אַזאַ זוהן ווי ער? ער איז דאָך ניט אַזאַ קרעטין ווי יענער דער קאַדעט...

און ער האָט זיך גענומען קוקן אַרום זיך, אויף דעם ווייט צוואוואָרפענעם הונדערט־יעהריגען פאַרק, אויף׳ן אַלטען, שטאַלץ־אראַבקוקענדען גאָטישען שלאָס, קוקען מיט אַ נאָגענדער און בריהענדער קנאה.

„איך אַרבייט דורך די נעכט, אפילו אין זומער, ווען גאַנץ פּעטערבורג פערברענגט אין אויסלאַנד, אין מאָנטע קאַרלאָ, אין קור־ערטער, האָב איך צו טהאָן מיט שמוציגע זשידעס, ברענגען כבוד און עהרע דער פאַמיליע און מיר גאָרנישט... וואו איז גערעכטיגקייט?"

און ער דערמאָנט זיך, אַז ער וואָלט איצט געקאָנט זיין אין אויסלאַנד. אין פראַנקרייך, האָבען די שעהנסטע פרויען, נאַכט־אָרגיען און ראַפינירטע געשלעכטס־גענוס...

און עס כאַפּט איהם אַרום אַ בייזער, מאַכטלאָזער וואוטה, וועלכער טרייבט איהם און מאַכט איהם פעהיג אויף אַלץ...

און ווידער דערמאָנט איהם אַ גדאַנק אָן דעם, אַז מען וואַרט דאָרט אויף איהם...

„זאָלען זיי וואַרטען, צום טייפעל! זיי קאָנען וואַרטען!"

און ער טראַכט זיך, אַז ער וועט עס אַזוי ניט לאָזען, אַז ער וועט טעלע־גראַפיש אַרויסרופען די מוטער, זיך קלאָגען פאַר דער גראַפינע.. מען וועט דעם אַלטען כריין אַרויסרופען קיין פּעטערבורג... נאַטאַשאַ׳ן פערשיקען קיין סיביר...

„ווי ערלויבט זי זיך, מיך, אַ פּראָקוראָר, אַ שטאַאַטסמאַן, אַרויסצו־טרייבען... ווען איך טהו מיין פליכט, מיין שטאַאַטס־פליכט?"

אַן אויפגערעגטער און וויטהענדער שליסט ער צוזאַמען די צייהן, הויבט זיך אויף פון דער באַנק און לאָזט זיך געהן אין דאָרף אַריין, מיט דער אַבזיכט, צו טרייבען די אַרעסטירטע אידען צוריק אין שלאָס אַריין, זיי קנוטעווען און פייניגען דאָרט פאַר זייערע אויגען, דעם פאָטער און נאַטאַ־שאַן אויף להכעיס, וויל זיי ווילען עס ניט ליידען.

„דאָרט וועל איך זיי אונטערזוכען און אויספאָרשען... און לאָמיך זעהן, אַז אַ גענעראַל פון רוסישען דיענסט זאָל מיך ניט לאָזען, מיר ניט געבען דעם פלאַץ דערפאַר..."

און אין דעם מאָמענט איז דער גענעראַל פון רוסישען דיענסט שוין ניט געוועזען זיין פאָטער, נאָר אַ פרעמדער, אַ שונא, זיינער און דעם צאַר׳ס. מיט וועלכען ער איז געוועזען גרייט זיך אָבצורעכענען, ווי מיט די זשידעס און רעוואָלוציאָנערען, און צו טהאָן אַלץ...

ביי׳ם בריקעל

ער איז געקומען צום בריקעל.

אַ שמאָל טייכעל מיט אַ ברייטער לאַנקע האָבען אָבגעטיילט דעם דאָרף פון פאַרק... דאָס טייכעל האָט זיך געדרעהט און געשלענגעלט צווישען די בוימער, האָט זיך ערטערווייז קאָקעטיש פערשטעקט און פערלאָרען צווישען הויכען און געדיכטען גראָז, ערטערווייז האָט עס ווידער אויפגעבליאַסקעט צווישען די בוימער און האָט געפינקעלט אין זונענליכט מיט זיין אויבער־פלעכע, ווי אַ גרין־גאָלדענער רוקען פון אַ ריעזען־שלאַנג. דער שטיינערנער בריקעל האָט אַרומגעכאַפּט דעם שלאַנג׳ס רוקען, ווי אַן אייזערנע פויסט..

און די שלאַנג האָט זיך אַזוי ווי געדרעהט און געריסען פון דער אייזערנער פויסט, גרייט צו בייסען און צו אַנטלויפען...

אויף דער לאַנקע האָט אַ שיקסעל געפּאַשעט יונגע געל־גרינע גענזלעך, אַזוינע פּוכלינקע און פרישינקע... אַן אַנדער שיקסעל האָט זיך געבאָדען און געטוקט מיט אַ קינדערשער פרייד אין גרין־גאָלדענעם וואַסער... און דאָס וואַסער איז זיך צולאָפען אַרום איהר אין גרויסע געגילטע רייפען, די רייפען זיינען געלאָפען צוריק, האָבען זיך ווידער געטוליעט צום קינד'ס בראָנזענער ברוסטעל, עס געהאַלזט, זיך געפרעהט און שטיפעריש געשפּיעלט מיט דעם, ווי אַ לאַשטשענדע מוטער מיט אַ קינד...

דאָס וואַסער האָט אַלע מאָל מיט אַ מוטערליכען שטאָלץ אויפגעדעקט און געוויזען אין בליאַסקענדען זונען־שיין די ערשטע צאַרטע, זיך אונזיכער און צניעות'דיג שניידענדע ליניען פון צוויי שוין יונגפרויליכע ברוסטען... געוויזען, זיך בעריהמעריש גערייצט מיט זיי און צוריק צניעות'דיג פערדעקט, אַזוי ווי עס וואָלט זיך פערשעהמט מיט דעם רייף־ווערענדיגען געשלעכט... מיט דער וואַקסענדער יונגפרוי... אָדער מורא געהאַט פאַר אַן עין־הרע...

דער פּראָקוראָר האָט אויפגעשוידערט פון דעם צניעות'דיגען און צו גלייך רופענדען שפּיעל פון די בליאַסקענדע וואַסער־רייפען, און האָט זיך מיט אַמאָל אָבגעשטעלט ווי אַן איינגעגראָבענער.

דאָס שיקסעל האָט זיך דערשראָקען, פערשעמט פאַר'ן פּלוצים ערשינענעם „באַרין” און האָט בעהאַלטען דעם קליינעם בראָנזענעם קערפּער אין וואַסער ביז אין האַלז, און האָט איהם שוין ניט געוואָלט אויפדעקען...

די פון דער זון בעגילטע און פּלאָטערענדע וואַסער־רייפען האָבען זיך אויך מיט אַמאָל איבערגעשראָקען און זיינען פערגליווערט געוואָרען אין אַן אונרוהיגער וואַרטונג...

ער האָט זיך דערמאָנט אַן דער גראַפינע און איהר אַלטען און פאַרמלאָז צוואוואַקסענעם און פעטען קערפּער, אין וועלכען די שאַרפע פערפומען האָבען שוין ניט געקענט דערשטיקען דעם סטערווע־גערוך... אַן עקעל און צוגלייך אַ בעגעהר האָט אָבגעבריהט זיין לייב, האָט אָנגעצונדען אין איהם דאָס בלוט און פערנעבעלט דעם מוח, ווי אַ זיסער אָבער שטאַרקער וויין. אַזוי אַז דער קאָפּ האָט זיך אָנגעהויבען ביי איהם צו דרעהען און גרינע רינגען האָבען אָנגעהויבען צו טאַנצען פאַר די פערנעבעלטע, מיט בלוט אָנגעגאָסענע און בעגעהרענדע אויגען...

מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם און קלאַפּענדען האַרצען האָט ער זיך גענומען וואַרטען, אַז דאָס שיקסעל זאָל ווידער אויפדעקען דעם קליינעם בראָנזענעם קערפּער, די פרישע און צניעות'דיג געצייכענטע פרויען־ליניען.

דאָס שיקסעל האָט אָבער אַרונטערגעלאָזט די אויגען און האָט פערשעמט געקוקט טיעף אין וואַסער.

דאַן האָט ער אין זיין אונגעדולדיג שוידערענדער און קראַנקער תאוה זיך גענומען שרייען אויף דער שיקסעל און איהר טרייבען פון וואַסער.

דאָס שיקסעל איז אויפגעשפּרונגען ווי אַן איבערגעשראָקענער פויגעל און האָט זיך געלאָזט לויפען, שפּריצענדיג מיט די קריסטאַלענע און צאַפּלענדע וואַסער־טראָפּענס...

דאָס אַנדערע שיקסעל האָט זיך איבערגעשראָקען פאַר די גענזלעך, וועלכע האָבען זיך געבאָדען און געטונקט אין וואַסער און איז אַריינגעפאַלען אין טייך אַריין זיי שנעל אַרויסצוטרייבען, פערקאַשערענדיג הויך דאָס קליידעל און אויפדעקענדיג צוויי ווי אַלבאַסטער ווייסע פיסלעך און איהרע פרויען־גליעדער...

און די אויגען פון דעם פעטערבורגער בעל־תאוה׳ניק זיינען צוגעפאַלען צו די צאַרטע און נאָך אונזיכערע גליעדער מיט אַ בעסטיאַלער זשעדנער פרייד, ווי אַ ווילדער בלוטדורשטיגער טיגער פאַלט צו צו הייסען און דאַמפענדען בלוט...

דאָס ערשטע שיקסעל איז שוין געשטאַנען אויף יענער זייט ברעג צו איהם מיט׳ן רוקען, דער גאַנצער קליינער ווי פון בראָנז אויסגעגאָסענעך קערפער האָט געציטערט פון שרעק... פון שרעק האָבען די ציטערענדע הענטלעך בשום אופן ניט געקאָנט אַרויפציהען אויף די נאַסע גליעדער דאָס לייווענטענע און שמוציגע העמדעל... זיינע דורשטיגע און איבערגעקעהרטע אויגען זיינען געלאָפען פון איין שיקסעל צו דער צווייטער, פון איין גענוס צום צווייטען. ביידען געטאַפּט און געשמוצט מיט זיין מיאוס׳ער און קוטיגער תאוה, וועלכע איז געווען קוטיגער און שמוציגער, ווי די העמדלעך אויף זייערע יונגע אָבער שוין פרוילינע קערפערלעך...

און ווידער שטעהט פאַר זיינע אויגען דער נאַקעטער ווי פון וואַקס געקנעטענער קערפער פון דער גראַפינע, מיט די צוויי אַראָבהענגענדע ברוס־טען ווי טאַרבעס...

דער געדאַנק, אז באַלד וועלען די שיקסלעך אַנטלויפען און ער וועט פער־לירען דעם בלוטיגען גענוס, האָט איהם אַנגעצונדען ווי אַ וואַהנזין.

מיט אַ געשריי פון אַ ווילדער בעסטיע איז ער אַריבערגעלאָפען דאָס בריקעל און איז געלאָפען גלייך אויף די קינדער, גרייט זיי צו פערגוואַלטיגען, צו זעטיגען זיין קראַנקע און פלאַקערענדע תאוה, דעם צינדענדען און קויטי־גען בעגעהר זיינעם.

די קינדער האָבען אויפגעהויבען אַ געשריי און האָבען זיך גענומען לויפען, דאָס ערשטע שיקסעל נאַקעט, מיט אַ האַלב אַרויפגעצויגענעם העמדעל.

דער האַרצרייסענדער געשריי פון די איבערגעשראָקענע קינדער האָט דעם פּראָקוראָר געבראַכט צו זיך און האָט איהם אָבגעשטעלט אַ פערסאָפּעטען און שווייסיגען...

דער בעגעהר האָט איהם אָבער נאָך געוואָרגען ביים גאָרגעל ווי אַ פערצווייגענער שלייף. דער פערכאַפּטער אָטעם האָט געשפּאַרט די ברוסט און זי געוואַלט צורייסען... און ער האָט זיך ווידער אַ וואָרף געטהאָן נאָך די שיקסלעך...

אַנטקעגען איז אָבער געלאָפען רייטענדיג דער פּריסטאַוו...

ער איז געלאָפען נאָך איהם.

— ווי ערלויבט איהר זיי דאָ צו באָדען זיך און שמוצען דאָס וואַסער פון פּאַרק? — האָט ער זיך צושריען אויפ׳ן פּריסטאַוו.

דער פּריסטאַוו איז אַראָבגעשפּרונגען פון פערד און האָט זיך אויסגע־צויגען פאַר איהם אַ בלייכער און איבערגעשראָקענער.

די גובערנסקע שטאָדט

צוויי טעג האָט נאָך געדויערט די אינקוויזיציע. דער וואָלאָסט, וואו די אידען זיינען געווען פערשפּאַרט און וואו מען האָט זיי געפאַרשט, איז געווען בעלאַגערט מיט גוים.

די פּאָגראָם־שטימונג איז געוואַקסען.

אידען האָבען שוין מורא געהאַט אַהין צוצוגעהן.

פאַן באַך האָט אויף נאַטאַשאַ'ס וואונק איינגעלאַדען דעם פּראָקוראָר צו זיך, און ער האָט שוין ביי איהם גענעכטיגט און געגעסען, און האָט זיך שוין מעהר ניט געזעהן ניט מיט'ן פאָטער און ניט מיט דער שוועסטער. אויפ'ן דריטען טאָג האָט מען דעם מנין אידען געקאָוועט אין קייטען און אָבגעשיקט מיט אַ שטרענגער וואַך אין דער גובערנסקע טורמע און דער פּראָקוראָר גערשעלמאַן איז זיי נאָכגעפאָהרען, איבערלאָזענדיג אין שטעדטעל אַ פּאָר סיסטשיקעס, וועלכע האָבען ניט אויפגעהערט עס צו טעראָריזירען מיט אָביסקעס און מיט זייערע שפּיאָנירענדע בליקען.

און דער שוואַרצער אומעט פון דעם נייעם בלבול האָט זיך ווי אַ געדיכטע שוואַרצע כמאַרע אַנגערוקט אויפ'ן גאַנצען אידישען ישוב אין רוסלאַנד. די שאַנדע האָט זיך געלעגט אויפ'ן גאַנצען אידישען פאָלק. אַם מייסטענס האָט עס אויפגערודערט די אידען פון דער גובערנסקע שטאָדט, וועלכע האָבען דערפיהלט די פליכט עפּעס צו טהאָן, אָרגאַניזירען די פערטיידיגונג.

דער קאַזיאָנער רב האָט ווידער גערופען אַסיפות איינע נאָך דער אַנדערער. געוועהנליך האָט זיך פאַר דער אָרגאַניזאַציאָן פון דער פערטיידיגונג גענומען דער בעריהמטער אַדוואָקאַט. זיין אוניווערזיטעטס־חבר דער פּראָקוראָר האָט באַלד אַליין דעמיסיאָנירט.

דאָס שוואַרץ־מאה'דיגע בלעטעל און דער פּראָקוראָר גערשעלמאַן אַליין האָבען שוין אָבער געשאַפען די נויטיגע שטימונג ביים גובערנאַטאָר און ביי די איבעריגע הויכע טשינאָווניקעס פון דער גובערניע. און די אידישע משתדלים און די פּני פון דער אידישער בעפעלקערונג, וועלכע פלעגען מיט זיי האָבען געשעפטען, זיי געבען כּאַבאַר און זיינען מיט אַלעמען געווען גוטע ברידער — האָט מען שוין איצט איבעראַל בעגעגענט ווי פרעמדע און אונבקאַנטע, מיט צאָרניגע און עמפּערטע פּנימ'ער, אַזוי ווי זיי אַליין וואָלטען געצאַפּט דאָס בלוט פון שגיץ.

פון פּראָקוראָר גערשעלמאַן אַליין איז שוין אָבגערעדט.

אַז דער בעריהמטער אַדוואָקאַט מיט'ן בעריהמטען אידישען פּאַדריאַטשיק און גביר פון שטאָדט, וועלכער האָט אויסגעבויט דעם גרעסטען טייל פון וויטע'ס בראַנפען־מאָנאָפּאָלען, אַז זייביידע זיינען געקומען צו איהם אין גובערנאַטאָר'ס הויז, און פאַרגעשטעלט פון גובערנאַטאָר אַליין איהם פּאַרגעלעגט פּאָרוקע פאַר די אידען. האָט ער זיך אויפגעהויבען פון אָרט אַ ווייסער פון ענטריסטונג, אַזוי ווי די צוויי משתדלים וואָלטען איהם פּערזענליך העכסט בעליידיגט.

אַ ווייל̈ע האָט ער אויף זיי געקוקט מיט זיינע צוויי גרינע אויגען, ווי אַ

ווילדע קאץ, וואס גרייט זיך פאר׳ן בלוטדורשטיגען שפרונג, האט זיך שנעל אומגעדרעהט צו דער דעפוטאציע מיט דער פלייצע און האט שנעל, ווי פערפאלגט, פערלאזען דאס צימער.

אפילו דער כוליגאן דער גובערנאטאר האט זיך דערפיהלט בעליידיגט און האט זיין פריינד דעם פאדריאטשיק איינגערוימט אויפ׳ן אויער, אז ער איז דער גרעסטער פאדליעץ ניט נאר אין פעטערבורג, נא איבע גאנץ רוסלאנד.

— וואס פאלאנגט איהר פון איהם? ער לעבט דאך מיט אן אלטער זעכציג־יעהריגער גראפינע — האט געזאגט דער גובערנאטאר און האט מיט עקעל אויסגעשפיגען אין א זייט.

דער גענעראל פאהרט אויך זיך משתדל זיין

און אין דערזעלבער צייט האט זיין פאטער, ווי פון א יעגער פערפאלגטע חיה, זיך פערשפארט אין זיין קאבינעט און איז שוין פון דארט ניט ארויסגעגאנגען און האט קיינעם, אחוץ נאטאשא׳ן צו זיך ניט צוגעלאזט.

פאר׳ן שטעדטעל איז דאס געווען דער לעצטער קלאפ, וועלכער האט עס פריטשמעליעט שוין צום איבריגען. אלע זייערע האפנונגען אויפ׳ן גענעראל, וועלכער וועט ניט דערלאזען און וועט זיך אננעהמען פאר די אידען אפילו ביים קיסר אליין, די אונבעשטימטע געפיהלען צום אלטען גענעראל און די אהנונגען, וועלכע האבען זיך איבערהויפט די גאנצע צייט געוועבט און געפלאכטען אין די פערצווייפעלטע אידישע נשמות און פאר וועלכע זיי האבען נישט געהאט ניט קיין נאמען און ניט קיין לאגישע ערקלערונג, די אילוזיאן איז צורונען געווארען ווי א טומאן.

דאס וואס דער גענעראל האט קיינעם ניט געוואלט זעהן און עמפפאנגען, האט בעדייטעט, אז ער איז ניט בעסער פון זוהן, אז ער גלויבט אויך אין דעם בלוט־בלבול און איז אזא צורר־היהודים ווי אלע. דעם סימן האבען זיי געהאט דערפון, וואס ער האט ערלויבט צו ארעסטירען זיין חשוב, דעם אלטען בעל־אכסניה, וועלכער איז געווען ביי איהם פאר׳ן ארעסט. און באלד איז געבאַרען געווארען א לעגענדע, אז ער אליין האט איהם געהייסען ארעסטירען און מען האט איהם פון שלאס אבגעפיהרט אין וואלאסט אריין. און דער פאקט וואס דער גענעראל גלויבט אויך אין בלוט־בלבול און איז אליך א אידי־שער צורר, האט געשמערצט מעהר ווי דער גרויסער אונגליק אליין.

אז אין שטעדטעל איז אבער אנגעפאהרען דער בעריהמטער אדוואקאט מיט׳ן קאזיאנע ראבינער און זיינען נאך א לאנגער חקירה ודרישה צוגעפאהרען צים גענעראל איז הויף אריין, וואו דער גענעראל האט זיי עמפפאנגען, האט זיי אבגעהאלטען א פאר שטונדען ביי זיך אין קאבינעט און איז דערנאך, מיט׳ן זעלבען צוג מיט וועלכען זיי זיינען אבגעפאהרען, צוזאמען מיט דער טאכטער אויך געפאהרען אין דער גוברענסקי שטאדט — נאך דעם פאקט האבען די אידען פון שטעדטעל ווידער געהאפט און געגלויבט, אז דער גענעראל וועט זיי פערטיידיגען און וועט בעפרייען די אונשולדיגע.

דעם פּאָטער׳ס וויזיטען

דער גענעראַל און זיין טאָכטער האָבען ווידער געמאַכט וויזיטען ביים גובערנאַטאָר, ביים מאַרשאַלעק און ביי די איבריגע הויכע טשינאָווניקעס פון דער גובערניע. איבעראַל האָט מען זיי עמפּפאַנגען מיט אַ פריינדליכען רעספּעקט, מיט אַ גרעסערען ווי ביים ערשטען וויזיט; איבעראַל האָט מען באַלד אָנגעהויבען רעדען פון בלוט־בלבול, וואָס האָט פּאַסירט אין זייער שטעדטעל און געמאַכט צאָרניגע פּנים׳ער, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר זייער שטעדטעל. יעדער האָט זיך געאיילט אַרויסצוצייגען זיינע עכט־רוסישע ענטריסטונגס־געפיהלען איבער די אידען, די בלוט־זויגערס, וועלכע לעבען צווישען די קריסטען און זויגען זייער בלוט; יעדער האָט זיך געאיילט צו לויבען פאַר׳ן פּאָטער און שוועסטער דעם יונגען פּראָקוראָר:

— אָה, ער וועט שוין אויפדעקען די זשידאָווסקי מאַכינאַציעס, ער וועט די מערדערשע געשיכטע שוין אַרויספיהרען ווי בוימעל אויפ׳ן וואַסער... דער יונגערמאַן וועט ווייט געהן... אַ מיניסטער וועט ער ווערען... אַ גרויסער שטאַאטסמאַן... אַ קאָפּ־מענש... אַ דוצענד אַזוינע קעפּ און רוסלאַנד וואָלט געמאַכט פּראָגרעס.

אַזוינע קאָמפּלימענטען האָבען זיך געשאָטען פון אַלע זייטען. יעדער האָט זיך געאיילט צו טהאָן מיט די קאָמפּלימענטען דעם פּאָטער פון יונגען פּראָקוראָר אַ נחת־רוח.

די קאָמפּלימענטען האָבען געווירקט אויפ׳ן אונגליקליכען פּאָטער ווי מען וואָלט איהם געשמיסען מיט בייטשען. ער איז געוואָרען פון זיי רויט און בלוי און איז געווען גרייט אויסצושרייען זיינע געפיהלען, אַז עס איז אַ בלבול, אַז אידען טרינקען ניט קיין קריסטליך בלוט, אַז ער איז גרייט צו שווערען דערפאַר, אַז זיין זוהן איז אַ קאַריעריסט און אַ מערזאַוועץ, אַז ער איז איבערהויפּט ניט זיין זוהן, נאָר פון אַ קוטשער אָדער לאַקיי. די אידענפרעסערישע שטימונג אָבער, דער טהיערישער האַס, וועלכען ער האָט איבעראַל בעגעגענט צו אידען, האָבען ביי איהם צוגענומען דאָס לשון און דעם מוטה צו עפענען דאָס מויל און ער האָט געאיילט צו געזעגענען זיך.

געמאַכט האָט ער די אַלע וויזיטען אין דער האָפנונג צו געפינען עפּעס אַ מיטעל, אַ וועג ווי אַזוי צו העלפען בעפרייען די אידען און געפינען דעם אמת׳ען מערדער, צו בעווייזען, אַז גע׳הרג׳עט האָט דעם שגץ דער פּריסטאַוו, וועלכען מען האָט אַרויסגעטריבען פאַר׳ן צונעהמען קאַזיאָנע געלד. די וויזיטען און די רייד פון די הויכע טשינאָווניקעס האָבען אָבער ביי איהם צוגענומען אַלע האָפנונגען אַז דער אמת וועט בעוויזען ווערען און ער האָט זיך אומגעקעהרט אין האָטעל אַריין אַ צובראָכענער און ווידער אַן אויסגעלאָשענער, אָהן געדאַנקען און אָהן געפיהלען.

נאָר איין געפיהל האָט פון צייט צו צייט אויפגעפלאַקערט און בעלויכטען דעם תוהו ובוהו פון זיין נשמה, דאָס איז געווען אַ געפיהל פון פערזענליכער געפאַהר און אַ בעדערפניש אין זעלבסטשוץ.

מעהר ווי תמיד האָט ער זיך איצט אין דעם אידישען האָטעל מיט׳ן טיפּישען אידישען בעל־הבית אין אַ לאַנגער קאָפּאָטע מיט באָרד און פּאות און מיט׳ן

טיפּיש־אידישען האָטעל־משרת, געפּיהלט אַלס איד, אַרומגערינגעלט פון שונאים און קריסטען.

און די שונאים האָבען שוין אויף איהם געלויערט און געשפּיאָנירט פון יע־דען ווינקעל. זיי האָבען נאָר אַרויסגעקוקט אַז ער זאָל מאַכען איין פאַלשען שריט, וועלכער זאָל אַרויסגעבען זיין אידישע אַבשטאַמונג און דאַן וועלען זיי פערוואַרפען דעם שטריק אויפ׳ן האַלז און איהם פאַנגען.

די פריינדליכע און רעספּעקטפולע שמייכלען, מיט וועלכע די הויכע טשי־נאָווניקעס אין דער גובערניע האָבען איהם עמפּפאַנגען, האָט ער איצט אין האָ־טעל אויסגעטייטשט קאַפּויר, אַזוי ווי די חוצפּה׳דיגע שמייכלען וואָלטען גע־זאָגט: „מיר קענען דיך, ברודערקע, ווער דו ביזט... א זשיד און א זשוליק גלייך מיט אַלע זשידעס... אַבגענאַרט דעם צאַר, יעדען... האָסט אָרדענס, א גרויסען טשין, רייכטום און דאָס קריסטליך אינגעל האָסטו גע׳הרג׳עט גלייך מיט קהל... וואָרום האָט עס פריהער, אין סווינטשיצקי׳ס ממשלה ניט פּאַסירט? אַזוי ווי דו האָסט אַבגעקויפט דאָס שטעדטעל — אַה־האַ! די אידען האָבען בעקומען די זיכערהייט, אַז דו וועסט זיי דעקען, שיצען... מיר קענען אייך אָבער, וואָס פאַר אַן אומה איהר זייט...״

געפּלאָגט פון די געדאַנקען האָט ער געשפּאַנט איבער׳ן קליינעם האָטעל־צימער ווי א פערוואונדעטער בער אין א שטייג און האָט געשוידערט פון יעדען קלאַפּ און רויש אין קאָרידאָר.

און אַז ביים האָטעל האָט זיך אָבגעשטעלט א קאַרעטע און ער האָט דורכ׳ן פענסטער דערזעהן דעם גובערנאַטאָר, וועלכער האָט זיך געאיילט איהם אָפּ־צוגעבען דעם וויזיט, האָט איהם אָנגעכאַפּט א פּאַניק, א טהיערישער פּחד פון א חיה, וועלכע דערזעהט א יעגער פאַר איהר נאָרע. געטריבען פון דעם שרעק האָט ער אַנגעקלאַפּט נאַטאַשאַ׳ן אין צווייטען צימער, אַז זי זאָל אַריינקומען.

דעם גובערנאַטאָר׳ס וויזיט

נאַטאַשאַ האָט שוין בעגעגענט דעם גובערנאַטאָר אין קאָרידאָר און האָט איהם אַריינגעפיהרט צום פאָטער. דער גענעראַל האָט איהם בעגעגענט א צו־טומעלטער, זיצענדיג אין ווינקעל פון דיוואַן ווי א חיה וועלכע טוליעט זיך צום ווינקעל פון דער נאָרע.

נאַטאַשאַ איז געוואָרען בלייך און אויך צוטומעלט פון פאָטער׳ס אונהעפ־ליכקייט און האָט זיך געאיילט דערלאַנגען דעם גובערנאַטאָר א שטוהל. דער גובערנאַטאָר האָט בעמערקט איהר בעוועגונג, האָט צו איהר א שפּרונג געטהאַן און האָט געוואָלט ביי איהם אויסכאַפּען דעם שטוהל.

— ניין, דאָס קען איך מיר ניט ערלויבען, אַז איהר, אַזאַ שעהנהייט, זאָלט מיך בעדיענען — האָט מיט שטאָלץ געזאָגט דער קאַוואַליער.

נאַטאַשאַ איז רויט געוואָרען פון אומגעלומפּערטען קאָמפּלימענט און האָט זיך גענומען האַמפּערען מיט איהם.

דער גובערנאַטאָר איז געבליבען פעסט אין זיין העפליכען בעשלוס, און די אַלגעמיינע פערלעגענהייט איז געוואָרען נאָך גרעסער. און אום צו צוטריי־בען די פערלעגענהייט, האָט דער גובערנאַטאָר ווידער זיך גענומען רעדען פון

בלוט־בלבול און לויבען דעם פּראָקוראָר, אַז ער איז אַ קאָפּ... און וועט ווערען אַ מיניסטער, און אין גיכען ארויספיהרען רוסלאַנד פון דער בלאָטע.

— רוסלאנד וועלען רעטען אַ דוצענד שטאַאטסמענער ווי אייער זיהן, גענעראל! — האָט ער זיך געווענדעט צום פאָטער פון שטאַאטסמאַן און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, בעטענדיג פריהער דערצו אַן ערלויבניש ביי נאַטאַשא'ן.

און ווידער דענקט דער גענעראל, אַז דער גובערנאַטאָר מיינט עס איהם, דעם אידען אין איהם, אַז ער ווייסט שוין זיין לעבענס־סוד, אַז דער זוהן האָט איהם אונטערגעשיקט איהם אויסצופאָרשען.

און ווידער זעהט ער זיך אין די געדאַנקען אַ געבונדענעם און געשמידטען אין קייטען פאַר בעטרוג... פאַר לעבענס־לאַנגען בעטרוג...

די קייטען טהוט איהם אָן דער זוהן, וועלכער איז געבוירען פון אַ לאַקיי אָדער פון אַ קוטשער. ער, דער ממזר, מיט'ן גובערנאַטאָר מיט'ן פעטען, רויטען קאַרק פון אַן אָקס, קאָוען איהם און פיהרען איהם אין טורמע... און טויט־שרעק וויל ער עס אָבלייקענען און איז אויך גרייט צו פערלוימדען אידען, צוצוגעבען, אַז זיי האָבען ווירקליך גע'הרג'עט דעם שייגעץ, ווייל זיי דאַרפען בלוט אויף פּסח, פאַר זייער ריטואַל.

נאַטאַשע'ס אומעטיגער און פיינליכער פּנים, ברענגען איהם אָבער צו זיך, גיבען איהם מוטה און ער שטעהט אויף אַ ציטערענדער און וואַרפט בייז און עמפּערט צו דעם גובערנאַטאָר זיין געוועהנליכען: „טשעפּוכא!"

„וואָס איז אַ טשעפּוכאַ"? פרעגט איהם דער גובערנאַטאָר מיט אַ פראַגענדיגעם, חניפה'דיג שמייכעלע

„די גאַנצע געשיכטע... דער בלוט־בלבול... אידען נוצען נים קיין בלוט... די אַלטע לעגענדע איז שוין פון לאַנג אָבגעלייקענט אפילו פון די פּאַפּסטען" — רופט אוים דער גענעראַל און ציטערט פון אויפרעגונג.

און נאַטאַשאַ וואַרפט איהם צו אַ דאַנקבאַרען, ליעבענדען בליק, אַזא זיסען און ערמונטערענדען שמייכעל, אַז פון דעם שמייכעל צוגעהט זיין פּחד, דער נאַרישער שרעק, אַלע מאַרק־געשפּענסטער און עס ווערט איהם גרינג, ליכטיג און וואַרעם אויפ'ן האַרצען.

און זי נעהמט זיך אליין היים און בעגייסטערט, שטעהענדיג אין מיטען צימער אין אַ פּאָזע פון אַן אדוואָקאַט, צוקלאַפּען דעם בלבול און בעווייזען זיין לעכערליכקייט. און דער גובערנאַטאָר איז ניט בייז און ניט ענטריסט.

אומגעקעהרט! ער קוקט אויף איהר מיט צוויי לויכטענדע און בעוואונדערענדע אויגען און ווינקט איהם צו מיט אַ שמייכעל ווי איינער זאָגט:

— ווי געפעהלט זי אייך? מאַלאַדיעץ! מאַלאַדיעץ!

און לאַנג רעדט די קליינע נאַטאַשא. און זי איז שוין ניט קליין, נאָר וואַקסט אין איהר עהרליכער פערטיידיגונג, אין איהר שעהנער און ליידענשאַפטליכער בעגייסטערונג און פערוואַנדעלט זיך אין אַ גרויסער מוטיגער געשטאַלט פון אַ קעמפּפער און פערטיידיגער. רעדט מיט אַזאַ ברייטעם און טיעפעם וויסען אין אידישער רעליגיאָן און געשיכטע, אַז דער אַלטער פאָטער שטעהט מיט אַן אָפען מויל און שטוינט, וואו האָט זיך עס צו איהר גענומען... ביז דער גובערנאַטאָר שפּרינגט ניט אויף פון אָרט און הויבט ניט אָן צו קלאַפּען בראַוואָ.

דאַן ווערט זי ווידער רויט און פאַרשעהמט און געהט אָב אַן אַ זייט מיט אַן אַרונטערגעלאָזטען קאָפּ. דער גובערנאַטאָר לויפט אָבער צו צו איהר, כאַפּט זי ביי ביידע קליינע, ווי פון עלפאַנטביין געטאָקטע, העטלעך, קושט זיי און טרייסעלט זיי אין אַ בעגייסטערטען דאַנק.

— ווי געפעהלט זי אייך? וואונדערבאַר! וואונדערבאַר! אַזוי טאַ־קע זאָלט איהר אויפטרעטען אין געריכט און פערטיידיגען די אידען. ווי מיר האָבען אַ גאָט אויף דער וועלט!... כאַ, כאַ, כאַ! דאָס וועט זיין אַ שפּאַס. דער ברודער וועט בעשולדיגען און די שוועסטער וועט פערטיידיגען! כאַ, כאַ, כאַ, אַ געטליכער שפּאַס, מיין עהרען־וואָרט! בראַוואָ! בראַוואָ! פון היינט אַן און ווייטער בין איך פאַר פרויען־רעכט. פרויען זאָלען קריגען אַלע רעכט... אַן ערשט־קלאַסיגער אַדוואָקאַט וואָלט אַרויס פון אַזאַ באַרישניע ווי אייער טאָכטער.

און דער גובערנאַטאָר קען זיך גאָר ניט אָפּלויבען פון איהר, און הערט ניט אויף צו ערשיטערען די לופט פון קליינעם צימער מיט זיין הויכען געלעכ־טער און בעגייסטערטער באַס־שטימע. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט זיי איינגעלאַדען אויף וואַרעמעס און זיי זאָלען טאַקע באַלד פאָהרען מיט איהם אין זיין קאַרעטע.

— ביים וואַרעמעס וועט זיין דער פּראָקוראָר, דער מאַרשאַלעק. דאַן וועט איהר אַלעס איבער'חזר'ן, די גאַנצע פערטיידיגונגס־רעדע, פאַר'ן פּראָקוראָר... אָה, דאָס וועט זיין אַ געטליכער שפּאַס! פּראַכטפאָל! — האָט זיך ניט אויפ־געהערט פרעהען דער בעגייסטערטער גובערנאַטאָר.

דער געדאַנק אָבער, אַז זיי וועלען זיך בעגעגענען מיט'ן פּראָקוראָר, האָט אויף ביידען, אי אויף'ן פאָטער, אי אויף דער טאָכטער, אַנגעיאָגט אַן אומעט. דער אונבעשטימטער פּחד, די מאָרד־געשפּענסטער האָבען ווידער בעפאַלען דעם מוט פון גענעראַל.

די אַנגסט אָבער פאַר זיין לעבענס־סוף, פאַר זיינע און נאַטאַשאַ'ס גע־דאַנקען, וועלכע זיי האָבען אויסגעלעגט און ענטדעקט דעם שונא, דאָס געפיהל פון זעלבסט־שוץ האָט איהם בעפוילען אָנצונעהמען די איינלאַדונג. אַ ווײַלע האָבען די גאַנץ פערשיידענע און ענטגעגענגעזעצטע געפיהלען און געדאַנ־קען געקעמפט איינס מיט'ן אַנדערען, ווי צוויי געגנערישע קרעפטען; און דער גענעראַל האָט געהייסען דער, אויף זיין בעשלוס וואַרטענדער, טאָכטער, זיך אָנטהאָן. מען האָט זיך שוין געלאָזט געהן פאָהרען. אין דער לעצטער מינוט האָט דער ווידערווילען צום זוהן און דער מוטה פון אַלטען סאָלדאַט געזיעגט, און דער גענעראַל האָט זיך ענטשיעדען אָבגעזאָגט.

— ניין! מיר קענען ניט אָננעהמען אייער פריינדליכע איינלאַדונג. מיר ביידע און דער יונגער פּראָקוראָר זיינען אין קאָנטערס און מיר קענען זיך ניט בעגעגענען ביי איין טיש.

— אָה! — האָט אויסגעשריען דער גובערנאַטאָר מיט אַן אונבעשטימטען טאָן און האָט אַ פערוואונדערטער פערריסען דעם קאָפּ. אין זיינע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַן אונבעשטימט פייערל.

און אזוי ווי דער אונבעשטימטער אויסרוף און דאָס פייערל וואָלטען איהם ווידערשפּראָכען, האָט זיך דער אַלטער מאַן אויפגערעגט צושריען אויף'ן יונגען גובערנאַטאָר:

— יאָ, מיין הערר! מיט זיינען אין קאַנטערס; איך גלויב, אז עס איז דאָ עפּעס העכערס פון אַ קאַריערע... אז צוליעב אַ קאַריערע קנוטעוועט מען ניט קיין גוים און מען מאַכט ניט קיין בלוט־בלבול אויף אידען! יאָ, מיין הערר, איך בין דאַגעגען און וועל זיך ניט שעהמען מיינע אנזיכטען אויסלעגען אפילו פאַר'ן צאַר באַטיושקאַ!

דער גובערנאַטאָר האָט פריינדליך געשמייכעלט, האָט פערזוכט אויסצו־דריקען אויף'ן פּנים זיין מיטגעפיהל, און האָט ביי דער ערשטער געלעגענהייט זיך געזעגענט און איז אַבגעפאָהרען.

דער פאָטער זעהט זיך מיט'ן זוהן

פאַרנאַכט, ווען דער גענעראַל איז געזעסען איינער אַליין אין צימער און נאַטאַשאַ איז אַוועקגעגאַנגען איינקויפען אין די קלייטען, איז איהם בעפאַלען דערזעלבער אומעט, די גסיסה־נודנעקייט ווי דאַן ביינאַכט, ווען ער איז גע־שטאַנען מיט דעם ליכט אין האַנט פאַר'ן זוהן'ס בעט, גרייט איהם צו דער־צעהלען זיין טראַגעדיע און בעטען ביי איהם גנאָדע, אז ער זאָל איהם לאָזען רו־היג שטאַרבען און רוהיג ליגען אין קבר.

געפּלאָגט און געטריבען פון דעם זעלבען דריקענדען אומעט, איז ער ארויס פון האָטעל, האָט גענומען אַן איזוואָשטשיק, און איז אַוועק צום זוהן, וועלכער האָט געלעבט אין גובערנאַטאָר'ס הויז, אין אַ פליגעל, צוזאַמען מיט'ן גובער־נאַטאָר'ס סעקרעטער, זיין יוגענד־פריינד, פירשט שאַכאָווסקאָי.

פאַר'ן דיענער, וועלכער ער האָט געבעטען צו מעלדען וועגען איהם דעם פּראָקוראָר פון פּעטערבורג, איז ער געשטאַנען ניט ווי קיין גענעראַל און ניט ווי דער פאָטער פון דעם פּראָקוראָר. אין דעם מאָמענט האָט זיך דער שטאָלצער מאַן געפיהלט אזוי קליין און אונבעהאָלפען ווי יעדער איד פון זיין שטעדטעל, וועמעס לעבען און שיקזאַל איז געלעגען אין די הענד פון דעם גרויזאַמען בע־שולדיגער. מיט דעם זעלבען גראַד הכנעה און כמעט אַ ציטערענדער איז ער ער־שיענען פאַר זיין זוהן.

דער פּראָקוראָר איז שוין געזעסען ביי זיינע פּאַפּיערען, אונטער אַ גרוי־סען גרינעם אַבאַזשור. ער האָט זיך ניט אויפגעהויבען פון אָרט, האָט נאָר אויס־געדרעהט די אויגען צום פאָטער און האָט אַנגעשטעלט אויף איהם זיינע קאַל־טע גרינע אויגען.

אַ ווײַלע האָבען זיי זיך שטום אַנגעקוקט, דערנאָך האָט דער פאָטער ארונ־טערגעלאָזט די אויגען. ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטען דעם זוהן'ס קאַלטען און לויערענדען בליק.

— זעצט זיך, פּאַפּאַשאַ! — האָט איהם איינגעלאַדען דער פּראָקוראָר און האָט אַנגעוויזען מיט דער האַנט אויף אַ שטוהל נעבען איהם.

— איהר האָט דאָ אין שטאָדט אַ געשעפט? — האָט ער געפרעגט אין אַ ווײַלע ארום דעם פאָטער, נעהמענדיג אַ פּאַפּיראָס פון אַ שאַכטעל.

דער פּאַטער האָט איהם ניט געענטפערט און האָט זיך גענומען דרעהען אין דער האַנד זיין היטעל.

דער זוהן האָט פערדרויכערט, זיך פאַרצויגען און ניט אָראָבגעלאָזט די גרינע, לעבערענדע אויגען פון אַלטען מאַן, וועלכער איז געזעסען פאַר איהם אין שטוהל אַ צוזאַמענגעדרעהטער און אונבעהאָלפען ווי אַ קינד.

— הער מיך אויס, אַליאַשאַ! — האָט ער איהם אָנגערופען ביים קינדישען נאָמען. ארויסרעדענדיג דאָס וואָרט „אַליאַשאַ" האָט ער דערפיהלט ווי ס'האָט זיך עפּעס אָבגעריסען אין הארצען און אַז ער וועט זיך באַלד צעוויינען. ער האָט זיך אָבגעשטעלט אום זיך צו בעוועלטיגען.

— איך בעט דיך... וואַרף אוועק די גאַנצע געשיכטע... זאָל זי עמיצער אַנדערש טהאָן, ניט דו — און ער האָט אויפגעהויבען די אויגען צו אַליאַשאַ'ן. די אויגען פון אַ מאַן, וועלכער בעט זיך ביים תליון, אַז ער זאָל איהם שענקען דאָס לעבען, קוקען ניט מיט אַזאַ טיעפען אומעט, מיט אַזאַ צאַפּלענדער האָפנונג און פערצווייפלונג, ווי דער פּאַטער האָט איצט אַרויפגעקוקט צום זוהן. ניט נאָר אַ תליון, אַ שטיין וואָלטען געריהרט די צוויי אויגען פון'ם אַלטען, צוזאַמענגעדרעהטען מאַן אין שטוהל, און ער וואָלט זיך צעוויינט קוקענדיג אויף זיין שטומער און אונבעהאָלפענער טראַגעדיע.

אַ ציטער איז דורכגעלאָפען אויף דעם פריהצייטיג־אָפּגעלעבטען און פערוועלקטען, גרין־געלבען פנים פון דעם פעטערבורגער טשענאָווניק; אַ בייזער, גרויזאַמער ציטער.

נאָר די גרינע אויגען האָבען געפינקעלט אונהיימליך, ווי די אויגען פון אַ קאַץ קוקען און פינקלען פון דער נאַכט־פינסטערניש אויף אַ מענשען אין אַ בייזען און שרעקליכען חלום...

— האָט איהר זיך, פּאַפּאַשאַ, גוט איבערלעגט, כ'מיין אַריינגעטראַכט אין דער בעדייטונג פון אייערע ווערטער? — האָט איהם קאַלט, כמעט נאָכלעסיג, געפרעגט נאָך אַ קורצער פּויזע דער זוהן, לאָזענדיג הויך דעם רויך פון מויל.

— לאָז עס אָפּ, מיין קינד! איך בעט דיך... שענד ניט מיין גרויע עלטער, — האָט זיך ווייטער ביי איהם געבעטען דער פּאַטער, אַזוי ווי איגנאָרירענדיג און איבערשפּרינגענדיג די לעצטע פראַגע זיינע.

דער פּראָקוראָר האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט. איבער דעם קאַלטען פערפראָרענעם פּנים איז ווידער דורכגעלאָפען דער פריהערדיגער דראָהענדער ציטער, אַ ציטער, וועלכער האָט ווי אַ ווייטער דערשטיקטער דונער געמעלדעט דעם אָנקומענדען שטורם.

דער ציטער האָט אויסגעלאָשען ביים פּאַטער די לעצטע האָפנונג.

„אום גאָטעס ווילען! אין וועמען איז דער מענש געראָטען?" — האָט זיך געפרעגט דער אַלטער אין זיין גייסטיגער גסיסה.

— פון אַ גענעראַל פון רוסישען דיענסט, פון אַ מאַן, וועלכער איז בעשאַטען מיט די חסדים פון דריי רוסישע צאַרען, האָב איך עס ניט ערוואַרטעט — האָט זיך אָנגערופען דער פּראָקוראָר מיט אַ טאָן פון אַ טיעפער ענטוישונג.

דער פּאַטער איז אויך די פראַגע איבערגעשפּרונגען.

„דער אַלטער גענעראַל פון רוסישען דיענסט, די חסדים פון די דריי רוסי־

שע צאַרען... איז דען ניט אַלעס, זיין גאַנצעס לעבען, אַ גאַרנישט, אַן אויס־געבלאָזען איי אין פערגלייך מיט זיין איצטיגער גסיסה?"

— וואַרף עס אַוועק, אַליאָשאַ! לאָז מיך רוהיג שטאַרבען! — האָט ער זיך ווייטער געבעטען ביי איהם ווי ביי אַ תליון.

דער זוהן איז שוין געוואָרען אונגעדולדיג...

— פּאַפּאַשאַ! איך האָב געגעבען אַ שבועה צו דיענען דעם צאַר און דעם געזעץ טריי... איך וואונדער מיך אויף אייך... אַנשטאָט מיך צו אונטער־שטיצען אין מיין שווערען חוב פאַר דער מלוכה, שטערט איהר מיך... ווייניג אַז די רעוואָלוציאָנערע פּרעסע פערפאָלגט מיך און שמוצט מיך... איצט זייט איהר געקומען... — און דער פּנים פון'ם אינקוויזיטאָר האָט זיך פּלוצים פער־צויגען מיט אַ פּרומען קנייטש פון אַ פערפאָלגטען און מאַרטירער פון פליכט.

„ליינגסט, הינטישער זוהן, קאַריערעיסט!" — האָט געוואָלט אויסשרייען דער אַלטער מאַן, אין די פלאַמען פון זיין אויפברויזענדען און שטורמישען צאָרן. דער איד אָבער אין איהם, דער אידישער גלות, וועלכען ער האָט איצט געפּיהלט און געטראָגען אין זיך צוזאַמען מיט זיין פאָלק, האָט איהם פערשלאָ־סען דאָס מויל און האָט איהם געהייסען זיך בעוועלטיגען, רעדען מיט הכנעה..

דעם פאָטער'ס טרערען

— איך וועל דיר שענקען מיין הויז אויפ'ן ענגלישען פּראָספּעקט — האָט ער געפּרואווט ווי יעקב איבערקויפען דעם עשיו.

דער זוהן איז אָבגעשפּרונגען צו דער וואַנט, ווי אַן אָבגעקאָכטער פון בע־ליידיגונג.

— כאַבאַר? מיר כאַבאַר? איהר זייט פון זינען אַראָב! — האָט ער געריטשעט, ווי אַ פערוואונדעטע און גרוזאַמע חיה.

זיינע גרינע אויגען האָבען געקוקט אויפ'ן פאָטער פון דעם האַלבדונקעלען ווינקעל, ווי די אויגען פון אַ פּאַנטערע איידער זי וואַרפט זיך אויף איהר קרבן, אַזוי ווילד און בלוטדורשטיג...

אַ ווייַלע איז געווען שטיל און דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ כליאָפּ, אַזוי ווי אַ שטיין וואָלט געפאַלען אין אַ טיעפען ברונען. אַ כליאָפּ נאָך אַ כליאָפּ און דערנאָך אַ געוויין.

דער איד, דער צוזאַמענגעבראָכענער און צוזאַמענגעדרעהטער איד, האָט געוויינט אין שטיל, אין זיין אומבעהאָלפענעם אומעט און וועהטאָג, אין זיין פערצווייפעלטען שמערץ.

— ווילסט ניט? ווילסט ניט רחמנות האָבען אויף אַן אַלטען פאָטער? אַ?

— האָט ער כליפּענדיג געשטויסען פון זיך מיט גרויס מיה און אַנשטרענגונג די ווערטער.

דער זוהן האָט געקוקט אויף איהם פון זיין ווינקעל איבערראַשט און צו־גלייך מיט עקעל און האַס.

דער פאָטער האָט שוין איצט אָבער ניט בעמערקט דעם עקעל און דעם האַס. איז דען ניט איצט אַלעס גלייך געווען?

— וויפיעל ווילסטו פאַרוקע פאַר אַ מענשען? — האָט אין אַ ווייַלע אַרום

געפרעגט דעם פאטער, זיך אויפהויבענדיג פון ארט אביסעל א בערוהיגטער.
א בייזער, גרויזאמער פלאם האט זיך אנגעצונדען אין דעם פראקוראר׳ס גרינע אויגען.
— דרייסיג טויזענד! — האט ער צוגעשליידערט פון זיין ווינקעל.
דאן גיב איך פארוקע... פאר דעם בעריל... פאר דעם בעל אכסניא!
און דער פאטער האט זיך גענומען מיט אלטע, ציטערענדע הענט טאפען אין די קעשענעס און זוכען דאס טשעקביכעל.
ווי א טיגער איז דער פראקוראר צוגעשפרונגען צום פאטער פון זיין ווינקעל.
— איהר... איהר שענדעט מיט אייער אויפפיהרונג דעם מונדיר פון א רוסישען אפיצער... עס איז א שאנדע! — אט ער געשיפעט ווי א שלאנג און האט גיפטיג געאטעמט איהם גלייך אין פנים אריין.
דער איד, דער צובראכענער און בעטענדער, דער גלות אין איהם איז פערשוואונדען...
דער גענעראל האט זיך אויסגעצויגען גרויס און מעכטיג ווילד...
— אך, דו הינטישער זוהן! איך שענד מיין מונדיר? ווי א הונט וועל איך דיך דא דערשיסען! צושניידען אויף שטיקלעך!
און ער איז אבגעשפרונגען פון איהם, האט מיט א שנעלער יונגער בעוועגונג ארויסגעכאפט דעם קלינג פון שיידעל און האט איהם א שווינג געטהאן אין דער לופטען איבער׳ן זוהנ׳ס קאפ.
— פאפאשא! — האט אויסגעשריען דער פראקוראר אין טויטשרעק און איז אבגעשפרונגען צו דער וואנט.
דאסווארט „פאפאשא" האט אין איהם אנגעצונדען א וואהנזיניגע וואוטה.
— ווריאש, סוקין סין! איך בין דיר ניט קיין פאטער... דיין מוטער איז א שליאכע און האט דיך געהאט פון א קוטשער אדער א פראכוואסט א דווארניק! — האט געשריען דער פאטער אין וואהנזין, פאכענדיג מיט׳ן שווערד פאר׳ן פראקוראר׳ס פנים.
און דער פנים איז געווען בלייך און אויסגעקרימט פון זאאלאגישען שרעק מיט א טויטאנגסט...
ווען די שרעקליכע ווערטער האבען געפלאצט און זיך צוריסען אין צימער האבען זיי דעם פאטער אליין איבערגעשראקען.
ער האט שנעל ארונטערגעלאזט דעם קלינג און געבליבען פערגליווערט.
באלד האט ער בעהאלטען דעם קלינג אין שיידעל, האט זיך א ריס געטהאן פון ארט און איז אנטלאפען, ווי א פערפאלגטער פערברעכער.
— פערגעסט ניט, גענעראל, אז איהר האט בעליידיגט א פראקוראר אין דער צייט, ווען ער האט געטהאן זיין דיענסטפליכט! — האט איהם נאכגעשריען דער זוהן שוין אין דער טיר.
דער גענעראל איז אבער שוין געלאפען פון די טרעפ, ווי מען לויפט פון א הויז, וועלכע איז אין פלאמען.
דיזעלבע נאכט האט דער זוהן טעלעגראפירט דער מוטער, אז דער פאטער איז אראב פון זינען און האט געפאדערט, אז זי זאל באלד קומען.

נאָכ'ן לעצטען פערזוך

דיזעלבע נאַכט, נאָכ'ן לעצטען האַפנונגסלאָזען פערזוך צו ווירקען אויפ'ן זוהן, איז דער גענעראַל גערשעלמאַן מיט נאַטאַשע'ן אָבגעפאָהרען אַהיים. דער לעצטער צוזאַמענשטויס מיט'ן זוהן האָט ביי איהם אויסגעלאָשען איינגאַנצען דעם בריהענדען פייז פון געוויסען, דעם דראַנג צו העלפען און צו פערטיידיגען די אידען פון זיין שטעדטעל.

אַלעס איז אַוועק אין רויך פון דער הייסער און לעצטער שלאַכט.

אונטער'ן שטאַלענעם טראַסק פון די רעדער האָט ער פערבראַכט די נאַכט אין קופע פון דעם וואַגאָן מיט אָפענע אויגען און שלאָפלאָז, אָבער שוין גלייכ־גילטיג צו אַלעס אויף דער וועלט, צום לעבען ווי צום טויט... ער איז געלעגען און האָט געזופט אין זיך דעם גערויש פון דעם לויפענדען און אין דער נאַכט ווייט הילכענדען צוג, ווי מען זופט אַ פערטויבענדען געטראַנק... דער טראַסק האָט פערטומעלט אין קאָפ יעדען געדאַנק, איבערגעשריען אַלע אינערליכע קולות און געפיהלען און ער האָט זיך געפיהלט פערשטומפּפּט, אָבער בע־רוהיגט.

נאַטאַשע איז געלעגען אַנטקעגען איהם צוזאַמענגעדרעהט אין אַ ווינקעל פון דיוואַן, ווי אַ קליין צונויפגעדרעהט פויגעלע אין נעסט וועהרענד דעם שטורם.

נאָר ווענען איהר האָט ער געפיהלט, ווענען איהר האָט זיך אַ מיעדער געדאַנק נאָך געקימערט און געגראָבען אין מוח, אַז זי וועט בלייבען אַליין אין דער גרויסער פיינדליכער וועלט אַרומגערינגעלט פון שונאים און אַז ער מוז עפּעס טהאָן, איהר נאָך ביים לעבען צו שיצען און בעפרייען פון די שונאים. אַז זיי זאָלען נאָכ'ן טויט איבער איהר קיין שליטה ניט האָבען.

וואָלט זי ווייניגסטענס חתונה געהאַט. אָבער מיט וועמען? מיט אַ גוי? נאָך אַ גוי? נאַטאַשע פּאָר אַ גוי? — האָבען ווי פונקען אין דער נאַכט אויפ־געבליצט שווערע, נודנע געדאַנקען.

און דער געדאַנק, אַז נאַטאַשע וועט חתונה האָבען פּאָר אַ גוי, איז איהם מיט אַמאָל פאַרגעקומען אומגעלומפּערט און ווילד.

דער צוג האָט אָבער געליאַרעמט און געטראַסקעט אין דער שטילער נאַכט און האָט אויך די נודנע געדאַנקען איבערגעשריען און אויסגעלאָשען...

צו דער סטאַנציע פון שטעדטעל איז דער צוג צוגעגאַנגען שוין אין גרויען און אומעטיגען ליכט פון אַ רעגענדען און פערכמאַרעט נאַסען מאָרגען.

אַז דער גענעראַל האָט דערזעהן דורכ'ן פענסטער אויף דער פּלאַטפאָרמע אידען און די בעלי־עגלות פון שטעדטעל, מיט'ן לאַנגען ווי אַ זשיראַף חיים הערש'ן, אָרימע און גרוי־אומעטיגע געשטאַלטען, ווי דאָס מאָרגענליכט אַליין איז געווען, האָט אַלעס צוריק ערוואַכט אין דער ברוסט און געבלוטעט ווי אַ געעפענטע און עקעלהאַפטע מכה.

און די געשטאַלטען האָבען איהם שוין געזוכט מיט זייערע איבערגעשראָ־קענע און פיבעריג־ברענענדע אויגען.

ער איז כמעט אָבגעשפּרונגען פון פענסטער, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אויסבעהאַלטען פון די זוכענדע אידישע בליקען.

אין איילעניש איז ער אויסגעשטיגען שוין ניט אויף דער פּלאַטפאָרמע, נאָר פון דער צווייטער זייט, וואו עס האָבען שוין אויף איהם אונגעדולדיג געוואַרט די פערד, איז שנעל, ווי אַ פערפאָלגטער, אריין אין קאַרעטע און איי־דער דער צוג וואָס האָט איהם פערשטעלט פון די אידען איז אַבגעפאָהרען פון דער סטאַנציע, האָבען די פערד זיך שוין געטראָגען צווישען די פערוויינטע, נאַסע פעלדער, מיט די שווערע זאַנגען וואָס האָבען זיך נאָכ'ן רעגען אומעטיג געבויגען צו דער ערד ווי די אידישע געשטאַלטען אויף דער פּלאַטפאָרמע פאַר'ן צוג.

און אַז זיי זיינען שוין געווען ווייט, כמעט פאַר'ן שטעדטעל, האָט זיך דער קוטשער אויסגעדרעהט צו זיי מיט'ן פּנים און בעמערקט גלייכגילטיג:

— און נעכטען האָב איך די גענעראַלשע, די באַרינינע הייסט עס, גע־בראַכט.

דער גענעראַל האָט זיך דערמאַנט אין די ווערטער, וועלכע ער האָט וועגען איהר צוגעשליידערט דעם פּראָקוראָר און האָט אויפגעשווידערט, אַזוי ווי עפּעס קאַלטעס און מיאוס'עס וואָלט זיך צו איהם צוגעריהרט. ער האָט געכאַפּט אַן איבערגעשראָקענעם בליק אויף דער טאָכטער און האָט זיך פעררוקט טיעף אין ווינקעל פון דער קאַרעטע.

די אידען פון שטעדטעל, וועלכע האָבען געלויערט מיט פּראַשעניעס אין די הענד פאַר'ן פּאַרק, אין הויף און אויף אַלע סטעזשקעס וואו זיי האָבען נאָר געהאָפט איהם צו בעגעגענען און ביי איהם בעטען שוץ געגען זייער אומ־גליק. דאָס ווייב, די גראָבע קאַצאַפּקע מיט'ן פערשוויצטען רויטען פּנים — אַלעס צוזאַמען האָט איהם צוריק פערטריבען אין קאַבינעט ווי אַ בער אין דער נאָרע. אַהין האָט מען איהם שוין דערלאַנגט עסען און טרינקען.

מיט דער קאַצאַפּקע האָט שוין געקעמפּפט נאַטאַשאַ.

דעם זוהן'ס טעלעגראַמע האָט זי שוין ניט געטראָפען און זי איז אַליין געקומען.

זייערע געשפּרעכען אויף דער וועראַנדע האָט ער געהערט דורך'ן פענסטער און די קאַצאַפּקע האָט ניט אויפגעהערט צו קלאָגען זיך און צו פייערען, אַז דער פאָטער איהרער איז פון זינען אראָפּ און טראָגט שוין ניט קיין גאָט מיט קיין צלם אין הארצען.

אינסטינקטיוו האָט ער דאַן געטאַפּט די ברוסט, זיך דערמאָנט אין צלם וואָס ער האָט אין ציטערענדען ליכט דערזעהן דאַן ביינאַכט, וועלכער איז גע־לעגען אויף'ן פּראָקוראָר'ס האַריגער ברוסט, אַזוי ווי פערלאָרען צווישען מאָך. אין זיינע געדאַנקען האָט ער דעם זוהן איצט שוין גערופען נאָר פּראָקוראָר, אַזוי ווי דער בעגריף „זוהן" וואָלט געווען שוין צורונען און פערשוואונדען.

דעם ווייב'ס גראָבע, פון בראָנפען הייזעריגע, שטימע, פלעגט אויף איהם ווירקען ווי אַ צוגליהטער אייזען. ווען נאַטאַשאַ פלעג איהר אָפּענטפערן מוטיג און פרעך און זייער הייסער געשפּרעך פלעג איבערגעהן אין קריעג, פלעג ער ווערען אויפגערייצט און גרייט אראָפּצוכאַפּען אַ קאַזאַצקע נאַגאַיקע פון דער וואַנט, ארויסלויפען זי שלאָגען און זי ארויסטרייבען פון שלאָס צום טייוועל.

— צו וועלכען טייוועל איז זי ווידער געקומען? וואָס וויל זי פון מיר, די שליאָכע? — פלעגט ער אין זיין גרויסען בלייערנעם אומעט פרעגען זיך אַליין אין דער הויך.

דאָס וואָרט „שליאַכע“ פלעגט איהם איבערשרעקען. ער פלעגט אויפציטערען און זיך ארומקוקען צי קיינער האָט עס ניט געהערט און שפּאַנען הין־און־צוריק איבער׳ן קאַבינעט, זיך נעהמען בלעטערען דאָס גאַנצע צוזאַמענלעבען מיט איהר, די פערגאַנגענהייט, און זוכען דאָרט דעם קוטשער אָדער דעם „פראַכוואָסט“, פון וועלכען זי האָט געקענט האָבען דעם פּראָקוראָר און דעם רויטען קאַדעט.

— איך אליין בין געווען שוואַרץ ניט רויט — פלעגט ער רעדען מיט זיך אליין און קוקען אויף זיך אין שפּיגעל.

דאָס לאַנגע שפּאַנען מיט די פּלאָגענדע געדאַנקען פלעגען איהם מיעד מאַכען. דאַן פלעגט ער זיך אויסציהען אויפ׳ן ברייטען דיוואַן און דאָרט ליגען אויסגעצויגען שטונדען־לאַנג שוין אַן אויסגעלאָשענער, אָהן געדאַנקען און געפיהלען, ווי אין אונבעוואוסטזיין פון אַ גסיסה.

די „פּראָשעניע“ צום צאַר

אין איינע פון זיינע נעכט, וועלכע פלעגען זיך ציהען צווישען אונרוהיגוואַכענדען שלאָף און דרימלענדען בעוואוסטזיין, ווי אַן אונענדליך לאַנגער וועג אין אַ מדבר, וואו דער מיעדער וואַנדרער איז געווען שוין ניט ער, דער געגעראַל־אַדיוטאַנט גערשעלמאַן, נאָר אַן אַנדערער און פרעמדער מענש, וועלכער האָט אָבער געליהען פון איהם זיינע מיעדע און ווי מיט בליי אָנגעגאָסענע פיס און גליעדער — אין איינער פון אַזעלכע נעכט, ווען עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַז ער לעבט שוין אַן אייביגקייט, אַז זיינע געדאַנקען און געפיהלען און זיין קערפּער אליין זיינען אַלט ווי אַ באַלזאַמירטע מומיע און פון דעם לעסטיגען לעבען וועט קיין מאָל קיין סוף ניט זיין — האָט איהם אויפגעוועקט פון דעם וואַכענדען שלאָף אַ נייער געדאַנק.

פּלוצלונג און אונערוואַרטעט האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען דער געדאַנק, אָבער אַזוי העל און ערלייזענד האָט ער בעלויכטען דעם מח, די נשמה, אַז ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער און פיבערהאַפט שנעל גענומען זיך אָנטהאָן.

ער האָט זיך באַלד אָבער ווי אין עפּעס דערמאָנט און האָט אָנגעקלונגען צום דיענער. דער דיענער איז אָבער לאַנג ניט געקומען און ער איז געוואָרען אונגעדולדיג און האָט ווידער געקלונגען.

אַז דער פערשלאָפענער לאַקיי איז ענדליך ערשיענען, האָט ער איהם שטרענג בעפעהלען, אַז ער זאָל איהם דערלאַנגען זיין פּאַראַד־מונדיר מיט דער געאָרגיעווסקי לענטע און מיט דעם בריליאַנטענעם שווערד.

דער לאַקיי האָט לאַנג געקוקט אויף איהם און זיך פון שלאָף געקראַצט אין קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט ניט פערשטאַנען דעם גענעראַל׳ס בעפעהל.

און ווי דאַן, ווען ער האָט איהם געשלאָגען מיט׳ן שטיוועל, איז ער געוואָרען אויפגערעגט און האָט זיך גענומען אויף איהם שרייען.

דער לאַקיי האָט זיך ווידער איבערגעשראָקען, איצט אָבער שוין פאַר זיין האר׳ס פערשטאַנד. ער איז אַוועק און איז ווידער לאַנג ניט געקומען און

דער אונגעדולדיגער מאַן האָט געמוזט אַליין געהן צו זיין גאַרדעראָב און האָט פון דאָרטען זיך באַלד געבראַכט דעם מונדיר און האָט זיך אַליין גענומען אָנטהאָן פאַר'ן שפּיגעל ווי צו אַ פּאַראַד.

אַז ער איז פאַרטיג געוואָרען, האָט ער אָנגעצונדען אויפ'ן שרייב־טיש צוויי סטערינאָווע ליכט, האָט זיך פייערליך געזעצט אין אַ שטוהל, האָט ארויסגענומען פון אַ שופלאָד פּאַפּיער און האָט מיט אַ ברייטער, צוואָוואָר־פענער האַנדשריפט אָנגעשריבען: „צו זיין קייזערליכע מאַיעסטעט, דעם צאַר באַטיושקאַ”.

אַז ער האָט אָנגעשריבען דעם פולען טיטעל פון צאַר, האָט ער דורכגעלאָזט פאַר זיך אַלע גרויסע אותיות פון לאַנגען טיטעל, ווי ער פלעגט דורכלאָזען אַ פּאָלק אויף אַ „סמאָטר” און האָט זיי ערטערווייז אויסגעפּילט און פערריכט מיט דער פּען. אַז ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט'ן טיטעל, האָט ער מיט קלענערע אותיות זיך גענומען ווייטער שרייבען, אָבער לאַנגזאַם און פלייסיג־פייערליך, ווי דער מונדיר זיינער האָט פייערליך געבליאַסקעט אין ציטערענדען שיין פון די סטערינאָווע ליכט.

אין דעם בריעף אָדער „פּראָשעניע”, ווי ער האָט איהם בעטיטעלט, האָט ער אין נאָמען פון דער דריי־אייניגקייט, פון פאָטער, זוהן און הייליגען גייסט, און ווי אַן אַלטער רוסישער גענעראַל און אָפיציער, וועלכער האָט זיך בעטייליגט אין אַזוי פיעל און אַזוי פיעל שלאַכטען מיט'ן שונא פון צאַר און רוסלאַנד, זיך געשוואוירען, אַז די אידען נוצען ניט קיין בלוט אויף פּסח און זיינען קיין מאָל ניט בעגאַנגען קיין ריטואַלען מאָרד, און האָט געבעטען דעם צאַר באַטיושקאַ דעם בלבול אויף די אידען פון זיין שטעדטעל אָבצושטעלען.

„אויב אַייער מאַיעסטעט וועט מיר שענקען אַייער קייזערליכעס פערטרויען, דאָס פערטרויען וואָס איך האָב געהאַט ביי דריי רוסישע צאַרען, וועלכע איך האָב געדיענט טריי און איבערגעבען, נעהם איך זיך אונטער צו געפינען דעם ריכטיגען מערדער פון דעם פּראַוואָסלאַוונעם אינגעל און איהם איבערגעבען אין די הענד פון געזעץ”.

אַז ער האָט געענדיגט דעם מערקווירדיגען דאָקומענט, האָט ער איהם אויפּס־ניי איבערגעשריבען, נאָכ'ן איבערשרייבען ווידער דורכגעלאָזט אַלע אותיות און שורות פאַר זיינע אויפמערקזאַמע אויגען, ווי אַן אַרמעע אויף אַ פּאַראַד, זיי פערריכט און אויסגעפּילט, און אַז ער האָט געענדיגט די אַרבייט, איז דער קאַבינעט שוין געלעגען אין ליכט פון אַ העלען זונען־אויפגאַנג.

העל און ליכטיג איז איהם געווען אויף דער נשמה, אַזוי ווי דער גרויסער און אויסגעשריבענער בויגען פּאַפּיער צווישען די צוויי סטערינאָווע ליכט וואָלט געווען ער אַליין, שוין זיין אייגענער טויטער און אויף אייביג בערוהיגטער קערפּער, בעפרייט פון מיעדען לעבען מיט זיינע פּלאָגען און פון לאַנגער וואַנדערונג.

און לאַנג איז ער נאָך געזעסען אין שטוהל פאַר דעם בויגען פּאַפּיער, ווי פאַר זיין אייגענער טרונע מיט די ליכט צוקאָפּענס, אַ שטילער און רוהיג פערקלערטער...

די מאָרגען־לופט האָט געטראָגען מיט זיך דעם פרישען דופט פון פּאַרק און האָט געוויעגט די פלאַמען פון די ליכט.

די פלאַמען האָבען זיך געבויגען אין אַלע זייטען, געציטערט און גע־קעמפפט, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך ניט געוואָלט אויסמישען מיט'ן זונשיין און פערלירען זייער אייגענעם, מעלאַנכאָליש־טרויעריגען שיין פון טויט און אייביגער רוה.

און דער גענעראַל האָט זיי לאַנג ניט אויסגעלאָשען, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר'ן טומעל פון אויפשטעהענדען מאָרגען און אַלטעגליכקייט, ביז די טהירען האָבען ניט אָנגעהויבען צו קלאַפּען אין קאָרידאָר און דער שלאָס האָט ניט אָנגעהויבען זיין אַלטעגליכען לעבען. דאַן איז ער אויפגעשטאַנען פון שטוהל ווי אַן ערוואַכטער, האָט פאַרזיכטיג צוזאַמענגעלעגט דעם בויגען פּאַפּיער אין אַ קאָנווערט, האָט איהם פער'חתמ'עט מיט זיין זיגעל און האָט אויסגעלאָשען די ליכט.

פאַרזיכטיג און אונבעמערקט האָט ער אין דערזעלבער פּאַראַד־אוניפאָרם פערלאָזען דעם שלאָס און דעם פּאַרק און האָט אַליין אוועקגעטראָגען דעם פּאַ־קעט אויף דער פּאָטשט, וואָס איז געשטאַנען איבער'ן וועג, וועלכער האָט גע־פיהרט אין שטעדטעל אריין.

פאַר דער פּאָטשט

די פּאָטשט איז נאָך געווען געשלאָסען און האָט געוואָרפען פון זיך אויפ'ן וועג אַ לאַנגען און גערדיכטען שאָטען.

דער גענעראַל האָט זיך געלאָזט שפּאַנען הין און צוריק אין דעם שאָטען, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָרט ניט דרויסען, נאָר אין אַ פּאַדערצימער ביים צאַר אַליין פאַר אַן אוידיענץ.

עס איז לאַנג געווען פריה און דאָס שטעדטעל האָט ערשט געטריבען די בהמות אין טשערדע אריין. איצט האָט ער שוין קיין מורא ניט געהאַט פאַר די אידען און איז פון זיי ניט געלאָפען. דער פּאַקעט אין דער האַנד האָט פערענטפערט אַלע זייערע טענות און אויסגעגליכען דעם שטרייט צווישען איהם און זיי, צווישען איהם און זיין אייגען געפּלאַגטעם געוויסען...

אַנטקעגען האָט אַ איד געטריבען אַן אַלטע קוה מיט אַן אָבגעבראָכענעם האָרן. די קוה האָט נאַכלעסיג געוואָרפען פון זיך דאָס מיסט, וועלכעס איז געפאַלען אויף איהר אייגענעם שאָטען און דער אומגעלומפּערט גרויסער שאָטען איז אַלע מאָל אָבגעשפּרונגען, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אויסמיידען דעם פאַלענדען שמוץ... דער איד, אין אַ צושפּיליעט חאַלאַטעל איבער די גאַטקעס, איז געוואָרען אונגעדולדיג פון דער קוה'ס געשלעפּטע און אַלטע טריט, האָט אויף איהר גענוקעט און זי געשאָלטען.

דער גענעראַל איז איהם אַנטקעגענגען אַנטקעגען. דער איד האָט זיך איבער־געשראָקען פאַר איהם און פאַר זיינע פּאַראַד־קליידער און האָט זיך שנעל פער־שפּיליעט און אַזוי ווי פערשעהמט פאַר זיינע גאַטקעס און פאַר דער אַלטער קוה'ס אונהעפליכקייט.

דער גענעראַל האָט איהם אָבגעשטעלט און האָט זיך גענומען ביי איהם אויספרעגען וואוהין ער טרייבט די קוה, וויפיעל זי גיט מילך, וויפיעל בהמות דאָס שטעדטעל פערמאָגט און וואָס די עקאָנאָמיע נעהמט איצט פאַר דער פּאַשע פון אַ קוה. די קוה איז שוין לאַנג אַליין אַוועק מיט איהרע אַלטע און

מיעדע טריט, און דער גענעראַל מיט'ן אידען זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען. דער איד שוין קנייטשענדיג די היטעל אין דער האַנט און ענטפערענדיג דעם פּריץ אויף אַלע זיינע נייגיריגע און מאָדנע פראַגען.

פון בלבול און אומגליק האָבען זיי ביידע אַזוי ווי אויסגעמידען צו רעדען. ווייזט אויס, אַז דער פּאָטשטמייסטער, אַן אַלטער גוי מיט אַ גרויסען פּליכעוואַטען קאָפּ ווי אַ באַק־דייזשע, האָט איהם דערזעהן פון פענסטער פון זיין וואוינונג און איז אַרויסגעלאָפען אויפ'ן גאַניק.

אַז דער גענעראַל האָט איהם דערזעהן, האָט ער פון ווייטענס איהם גע־וויזען דעם פּאַקעט, אַזוי ווי ער וואָלט איהם דערמיט שטום ערקלערט זיין פריהעם ערשיינען, האָט זיך געזעגענט מיט'ן אידען צולעגענדיג זיין האַנד צום דאַשעק, ווי אַ סאָלדאַט, האָט איהם געהייסען איבערגעבען אין שטעדטעל, אַז ער וועט אַראָפּנעהמען פון זיי דעם בלבול און וועט זיי אין גיכען בעפרייען; איז מיט יונגע, מונטערע שריט אַרויף אויפ'ן גאַניק און איז אַריין אין פּאָטשט אַריין, בעגלייטעט פון פּאָטשטמייסטער.

אַ ווייִלע האָט איהם דער איד נאָכגעקוקט, דערנאָך האָט ער זיך אַ ריס געטהאָן פון אָרט און האָט זיך גענומען לויפען אין שטעדטעל אַריין, פער־פאָלגט פון זיין שאָטען, וועלכער איז איהם נאָכגעלאָפען מיט אַ ווילדען טאַנץ.

אַז דער פּאָטשטמייסטער האָט גענומען פון זיינע הענד דעם פּאַקעט אויפ'ן צאַר'ס נאָמען, האָט זיך זיין פּנים בעלויכטען מיט אַן איבערראַשטען שמייכעל פון אונטערטהעניגער עהרפורכט און ער האָט אָנגעהויבען שנעל צו שאָקלען מיט זיין גרויסען פּליכעוואַטען קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט אויס־דריקען אַז ער פערשטעהט אַלעס, דאָס פערזענליכע און פריהע ערשיינען פון גענעראַל אַליין, און פון זיינע פּאַראַד־קליידער.

מיט גרויס עהרפורכט האָט ער אַליין צוגעקלעפּט די מאַרקעס צום פּאַ־קעט, איהם פּאָרזיכטיג אָבגעוואויגען און מיט'ן זעלבען יראת הכבוד אויס־געשריבען און דערלאַנגט דעם גענעראַל אַ קוויטאַנציע.

אַז דער גענעראַל האָט פערלאָזען די פּאָטשט, האָט ער אַליין פּאַר איהם אונטערטעניג געעפענט די טהיר און האָט איהם לאַנג נאָכגעקוקט ביז ער איז פערשוואונדען אין פּאַרק.

די שנעלע ווירקונג

שנעל איז דעם גענעראַל'ס בריעף אָדער פּראָשעניע אָנגעקומען אין די ריכטיגע הענד און שנעל איז געווען די ווירקונג פון דעם מערקווירדיגען דאָ־קומענט. דער פּראָקוראָר איז שוין געווען אין פעטערבורג, האָט שוין געהאַט אָבגעגעבען זיין רעפּאָרט וועגען דעם בלוט־בלבול צום יוסטיץ־מיניסטער; די פּרעסע פון לאַנד, די שוואַרצע ווי די ליבעראַלע, האָט ניט אויפגעהערט צו רעדען פון איהם און פון דעם פערפּאַסטען בלוט־בלבול און דער יונגער קאַ־ריערעסט האָט געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ נייעם סוסאַנין, וועלכער געהט רעטען דעם רוסישען צאַר און רוסלאַנד.

און פּלוצים האָט מען איהם גערופען אין יוסטיץ־מיניסטעריום, און דער שטעל־פערטרעטער פון מיניסטער, וועלכער איז שוין געווען אין אויסלאַנד

אויף זיין זומער־אורלויב, האָט איהם דערלאַנגט זיין פאַטער׳ס בריעף צום צאַר. דער זוהן האָט זיך גענומען לייענען דעם דאָקומענט און זיך בייטען אין קאָלירען.

— גענעראַל אדיוטאַנט ! פון צאַר׳ס סוויטע ! — האָט בעמערקט דער געהילפס־מיניסטער מיט אַ פאַרוואורף און האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— דער אַלטער איז משוגע... מען דאַרף איהם פערשליסען אין אַ משוגעים־הויז ! — האָט אויסגעשריען דער זוהן אַליין ווי אַ וואהנזיניגער און האָט עמפּערט אַ שליידער געטהאָן דעם בויגען פּאַפּיער אויפ׳ן טיש.

אין דערזעלבער צייט האָט דער גענעראַל גערשעלמאַן זאַרגלאָז אָבגעַ־וואַרט דעם צאַר׳ס ענטפער. ער האָט קיין מינוט ניט געצווייפעלט, אַז זיין בריעף, זיין שבועה וועט מאַכען אַ רושם אין די הויכע ספערען און מען וועט דעם בלוט־בלבול אַרויסנעהמען פון זיין זוהן׳ס הענד און איבערגעבען אין זיינע, אין די שטרענגע אָבער עהרליכע הענד פון אַן אַלטען סאָלדאַט. ער האָט זיך שוין געגרייט צו אַרעסטירען דעם אַמאָליגען פּריסטאַוו פון שטעד־טעל, און רעדענדיג מיט זיך אַליין אויפ׳ן קול, פלעגט ער עמפּערט אויסשרייען : „איך וועל דיר שוין ווייזען, דו הינטישער זוהן, וואו ראַקעס ווינטערען !”

ער האָט ווידער שפּאַצירט אין פּאַרק, זיך אינטערעסירט מיט דער ווירטשאַפט, פלעגט שוין ווידער אויסהערען פאַן באַד׳ס לאַנגע רעפּאַרטען אין דייטש און געהן אין גוראַלני אַריין, צו וועלכער מען האָט איצט צוגעבויט אַ האָלצזעגעריי.

איין מאָל האָט ער געהייסען דעם דיענער קויפען צוויי ווענטקעס און האָט געבעטען נאַטאַשאַ׳ן, אַז זי זאָל מיט איהם געהן כאַפּען פיש. נאַטאַשאַ האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם געדאַנק מיט בעגייסטערונג אוןביידע האָבען פערבראַכט דעם גאַנצען טאָג אויפ׳ן ברעג פון אַ ווייטען פון שלאָס „אָזיערע”, שטומע און ערנסטע, אַזוי ווי זיי וואָלטען געציטערט אַז מיט זייערע שטימען זאָלען זיי ניט איבערשרעקען און צוטרייבען די פיש.

אַז זיי זיינען געקומען אַהיים מיט זייער קאַרגען פאַנג, האָט דער פּאַרק זיך שוין געהילט אין די געדיכטע שוואַרצע שאָטענס פון אַ סוף־חודש׳דיגער זומער־נאַכט. דער פאָטער איז מיט אַן אומוועג, אַז ער זאָל זיך ניט בעגעגענען מיט׳ן ווייב, אַריינגעגאַנגען אין זיין העלפט, נאַטאַשאַ איז געגאַנגען אין קיך אַריין זאָרגען פאַר אָוועגד־ברויט. די בעסעדקע צווישען די בוימער איז געווען בעלויכטעט און פון דאָרט האָבען זיך געטראָגען שטימען פון געסט.

נאַטאַשאַ האָט זיך אָבגעשטעלט און איינגעהערט מיט אַן איבערגע־שראָקען הארץ.

איין שטימע האָט געהערט צום פּראָקוראָר : די צווייטע, אַ דינע און פון צייט צו צייט אונאַנגענעהם קוויטשענדע, איז איהר געווען גאַנץ אונ־בעקאַנט. מען האָט געגעסען אָוועגד־ברויט און די מוטער האָט זיי גאַסט־פריינדליך בעדיענט מיט איהר גראָבער, הייזעריגער שטימע.

— און ווי געפעלט אייך דעם גענעראַל׳ס בריעף צום צאַר, שאַרמאַנט ?

— כי־כי־כי — האָט די פרעמדע שטימע געפרעגט די גענעראַלשע. אַ ?

— וואָס פאַר אַ בריעף ?

— וואָס, איהר ווייסט גאָרניט ? כי־כי־כי — האָט זיך צולאַכט דער קוויטש. נאַטאַשאַ איז צוגעגאַנגען צו דער אַלטאַנקע און האָט אַריינגעקוקט. זי

האָט פאַר זיך דערזעהן ביים טיש אַ קליין מענשעלע מיט אַ פליכעוואַטען און גאַנץ נאַקעטען און שפּיציגען קאָפּ, וועלכער האָט אין ליכט געגלאַנצט ווי אַ גרויסער ביליאַרדען־באָל. די דינע און קוויטשענדע שטימע, די געבונדענע סערוועטעל אַרום האַלז, האָבען אַזוי ווי נאָך פערקלענערט די פיגור און איהר געגעבען אַ קינדישען און אָבשטויסענדען אויסדרוק פון אַ ניט־דערוואַקסענעם מענשען, אָדער אַ קאַרליק.

— פון וואַנען האָט זיך נאָך דער טייוועל גענומען? — האָט זיך געפרעגט נאַטאַשא, בעטראַכטענדיג איהם, דורכ'ן שפּאַלט, גלייך אין פּנים אריין.

דער גאַסט האָט לאַנג געלאַכט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פערכליניעט מיט זיין „כי־כי", און דער פּראָקוראָר און די מוטער האָבען אויפגעהערט צו עסען און געקוקט אויף איהם מיט דער אַנגסט, וואָס מען קוקט אויף מענשען, וואָס ווארגט זיך ביים עסען.

— איהר וואָלט איהר, דער מאַמאַשא אייערער, דערצעהלט פון דעם דאָ־קומענטעל... כי, כי, כי... שארמאַנט! שארמאַנט! כי, כי, כי — האָט זיך פערגניגענט געפרעגעלט דער גאַסט. נאַטאַשא האָט אויף זיך דערפיהלט דאָס פערגעניגענט געלעכטערעל ווי דאָס לויפען פון מייז איבער'ן לייב.

— וואָס פאַר אַ בריעף איז דאָס, אַליאָשענקא? — האָט די מוטער אונ־ענטשלאָסען און אַנגסטליך געפרעגט איהר זוהנדעל.

דער פּראָקוראָר האָט מיט פערדרוס אָראָבגעריסען פון זיך די סערוועטקע, האָט זי אַ וואָרף געטהאָן אויף'ן טיש און האָט זיך גענומען איהר איבערגעבען דעם אינהאַלט פון'ם פּאָטער'ס פּראָשעניע, מיט אַ ציטערענדער און פון כעס געוואָרגענער שטימע.

די גענעראַלשע האָט איהם אָבער ניט אויסגעהערט ביז'ן סוף. זי האָט פּלוצים אויסגעשריען ווי אַ פערוואונדעטע און האָט פערוואָרפען דעם קאָפּ. דאָס קליין מענשעלע איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, האָט אַ פליעסקע געטהאָן מיט די הענט, איז אונטערגעשפּרונגען און האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו דער באַלעבאָסטע מיט אַ קוויטש: „מאַטושקא, גאָט איז מיט אייך!..." און זי געכאַפּט ביים פּולס, און זיך גענומען זי מונטערען.

נאַטאַשא איז אַנטלאָפען פון איהר פאַרשטעקטען פּלאַץ ווי פון אַן אָב־גרונד.

דער גאַסט

אין אַ שטונדע אַרום איז דער גאַסט, וועלכער האָט געהייסען פּאָן אָטאָ און האָט געטראָגען דעם טיטעל „זיינער מאַיעסטעט'ס לייב־אַרצט", שוין גע־זעסען אין גענעראַל'ס קאַבינעט. אין טיעפען פּאָטעל האָט ער אויסגעזעהן נאָך קלענער ווי פריהער אין דער בעסיעדקע. נאַטאַשא איז געזעסען צוזאַמענגע־דרעהט אויף'ן דיוואַן. דער גענעראַל האָט געשפּאַנט הין־און־צוריק, מיט אויפ־גערעגט, פּיבערהאַפטע טריט. נאַטאַשא האָט אַנגסטליך פערפאָלגט די טריט, און האָט געזעהען ווי די ליטקעס ציטערען אויף זייער וועג.

— אַ פּראַכטפאָלעס גוט, גריגאָרי מיכאַילאָוויטש! שארמענט, מאָן שער אַמי! איך לויב דיין געשמאַק... אַזאַ פּאַרק! כי, כי, כי, שארמענט, זאָג איך

דיר, וויפיעל דו האָסט דעם פּאָליאַק בעצאָהלט איז ווערטה, כי, כי, כי, — האָט ניט אויפגעהערט צו לויבען דאָס גוט, דער לייב־מעדיק. און זיין „כי, כי" איז ווידער שוידערענד געלאָפען איבער נאַטאַשאַ'ס לייב הין־און־צוריק ווי אַ מחנה מייז.

דער גענעראַל האָט זיך פּלוצים פאַר איהם אָבגעשטעלט און האָט זיך דראָהענד אויסגעצויגען:

— זאָג נאָר מיר, דו אַלטער פוקס, וואָס פאַר אַ טייוועל האָט דיך פּלוצים געבראַכט אַהער?

נאַטאַשאַ איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. דער דראָהענדער קלאַנג פון פאָטער'ס שטימע האָט אָבגעשטעלט איהר האַרץ און דאָס בלוט אין די אָדערען. דער לייב־אַרצט האָט זיך אויך דערשראָקען אויפגעהויבען פון אָרט.

— צו דיר בין איך געקומען, מאָן שער אַמי! גלייך צו דיר!... איך בין פאַרבייגעפאָהרען, זיך בעגעגענט מיט דיין זוהן אין קאַזאַטין אויפ'ן וואָקזאַל... נו, דערצעהלט ער מיר, אַז דו האָסט אָבגעקויפט דאָס גוט. טראַכט איך מיר: אַט, איך וועל זיך אַריבערכאַפּען און זעהען מיין אַלטען פריינד, כי, כי, כי... וואָס דען? — און פון אַנגסט, אַז דער אַלטער פריינד זיינער גלויבט איהם ניט, האָט ער זיך גענומען לויבען זיין זוהן, דעם פּראָקוראָר.

— אַ גרויסער מאַן, זאָג איך דיר! אַ קאָפּ־מענש! אָה, דער יונגערמאַן וועט ווייט געהן... זעהר ווייט! — און אַלס בעווייז, אַז ער וועט ווייט געהן, האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטהאָן אין שפּיציגען, נאַקעטען שאַרבען זיינעם.

— וואָריאַש, ניעמטשורא! (לייגסט דייטשוק), ניט צוליעב דעם ביסטו געקומען, דו אַלטער פוקס! — האָט אויסגעשריען דער גענעראַל.

דער לייב־אַרצט האָט אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס און האָט זיך ידער פערכלינעט מיט אַ קינסטליך־פערגעניגטען „כי, כי, כי", כאָטש מען האָט געקענט זעהען פון זיין פוקסענעם און איבערגעשראָקענעם פּנים, אַז ער איז ווייט פון געלעכטער.

— שאַרמענט! שאַרמענט! כי־כי־כי, ווי געפעלט אייך דער פּאַפּאַשאַ בארישניאַ? — האָט ער אויסגעשטרעקט די הענד, ווי נאָך הילף, צו דער טאָכטער. — אָה, גענעראַל, גענעראַל! דערזעלבער טאַפּפערער סאָלדאַט וואָס אַמאָל. כי, כי, כי, אומזוסט, ברודערקע, האָסטו אויפגעגעבען דעם דיענסט. כי, כי, כי, איך וואָלט עס ניט ערלויבט!... בשום אופן ניט ערלויבט — האָט ער זיך פּלוצים גענומען פּאַטעטיש קלאַפּען אין זיין ברוסט. — אַ קאָרפּוס, אַ פערד און מאַרש אין וועג אַריין! כי, כי, כי. געדענקסט, גריגאָרי מיכאַילאָוויטש, דיין דועל מיט'ן פירשט באַריאַטינסקי אין טאַשקענט?... אַ? שאַרמענט! שאַרמענט! 30 יאָהר איז דאָ אין דער געשיכטע... איך בין דאָן עס געוועזען דער דאָקטאָר... ווי היינט געדענק איך עס — האָט ער זיך געווענדעט שוין צו נאַטאַשאַ'ן — איך שטעה מיר... דאָס האַרץ קלאַפּט און טראַכט מיר... ער וועט איהם דאָך שיסען... דער פירשט האָט זיך מיט יעדען געקריגט אין פּאָלק. אָה, דער פירשט! אַ בויאַן און ברעטיאַר ערשטער קלאַסע! טראַך! טאַראַראַך!... איך זעה, דער בויאַן פאַלט ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים, כי,

כי, כי, שארמאנט! שארמאנט! — און ער האָט זיך גענומען קלאַפּן דעם אַלטן פריינד זיינעם איבער די פּלייצעס, אַזוי ווי ער וואָלט איהם איצט ער־מונטערט דערפאַר, וואָס ער האָט מיט 30 יאָהר צוריק אונטערגעשאָסן דעם פירסט.

— און ווי איז איצט דיין געזונד, ברודערקע? אַ? דאָס הארץ אַ שטייגער? — האָט פּלוצים אָנגעהויבן דער לייב־אַרצט ערנסט און כלומר'שט מיט אַ פערזאָרגטן פּנים האָט ער צוגעלייגט דעם פּליכעוואַטן, גלאַנציגן קאָפּ זיינעם צום גענעראַל'ס ברוסט.

ווי פערטומעלט און פערטשאַדעט פון'ם דאָקטאָר'ס חניפה און פון זיין מיאוס'ן „כי, כי, כי", האָט דער גענעראַל, ווי אַ געלעהמטער מאַנעקן, זיך געלאָזט אויסהערן און אויסקלאַפּן.

— ניטשעוואָ! אויף אַ יאָהר 15 וועט נאָך סטאַין. מאַלאַדעץ! שאַר־מאַנט! ווי געזאָגט, אַ קאָרפּוס, אַ פערד און מאַרש אין פעלד אַריין! כי, כי, כי — האָט געטשאַדעט אַרום זיך און זיך געדרעהט דער אַלטער פוקס. און אויס אַנגסט אַז מען גלויבט איהם ניט, אַז מען וועט איהם כאַפּן ביי אַ ליגן און ער וועט אַריינפאַלן אין אַ נעץ, איז ער מיט אַ פּלוצלונגדיגן שפּרונג אַריבער צו אַ נייער טהעמא:

— און ווי געפעהלט דיר, מאָן שער אַמי, דער ריטואַל־מאָרד? וואָס? אַ שעהנע געשיכטע? אַ? גענומען אַ פּראַוואָסלאַוונע אינגעל, געמאַכט חיק, און געבאַקען מצות... דאָס איז אַ פאָלק, כי, כי, כי — און ער איז ווידער גע־פאַלען אין ווייכען פאַטעל און האָט זיך ווידער פערכליניעט מיט'ן „כי, כי, כי", אַזוי ווי דער חיק פון די אידען איבער'ן גאָרגעל פון'ם פּראַוואָסלאַוונע אינגעל און די מצות וואָלטען איהם געבראַכט דעם גרעסטען שפּאַס און פאַרגעניגען.

— און דו גלויבסט אין דער געשיכטע? — האָט איהם געפרעגט דער גע־נעראַל און זיין שטימע האָט ווידער געפּלאַצט מיט אַ דראָהענדען קלאַנג אין נאַטאַשאַ'ס אויערען.

פון דעם קלאַנג איז דער לייב־אַרצט ווידער געוואָרען ערנסט און מיט אַמאָל איבערגעריסען זיין געלעכטערעל.

— גלויבען? צו וואָס גלויבען? — האָט ער אויפגערעגט געקוויטשעט פון פאַטעל — איך בין ניט קיין טעאָלאָג און ניט קיין גייסטליכער... אַ פּאָפּ בין איך?... איך בין אַ מאַן פון וויסענשאַפט... מיין אויפגאַבע איז אַ קוק צו טהאָן אויף דער געשיכטע פון וויסענשאַפטליכען, מעדיצינישען שטאַנדפּונקט, און זאָגען מיין מיינונג און אַ סוף... די הענט אין די קעשענעס... פּאָליטיקע איז ניט מיין פאַך, כי, כי, כי!

— אַה, זעהסטו צוליעב וואָס ער איז געקומען? — האָט איבערראַשט אויסגעשריען דער פאָטער שוין צו דער טאָכטער — צו וואָס דרעהען מיט'ן עק, דו אַלטער פוקס?... דו וואָלסט עס גלייך געזאָגט — האָט איהם פאַרגע־וואָרפען דער גענעראַל.

געכאַפּט ביי אַ ליגען, האָט זיך דער אַלטער פוקס ווידער גענומען שפּרינ־גען און דרעהען ווי אין אַ פערצווייפעלטען קרייז, און איז מיט אַ שפּרונג, ווי איבער אַ רייף, אַרויף אויף אַ נייער טהעמאַ.

— און איהר, באַריניאַ, זיצט דאָ אין דעם אַלטען פּוילישען שלאָס ווי אַ פאַר'כישוף'טע שעהנהייט און וואַרט אויפן ריטער ביז ער וועט ניט קומען

און אויסכאַפּען די פּרינצעסין און ער וועט מיט איהר אוועק אויף זיין ריטער־ליכען פערד? כי, כי, כי. דו וואָלסט זי בעדאַרפט קיין פּעטערבורג בריינגען — האָט ער זיך שטרענג געווענדעט צום פּאַטער. — די געזעלשאַפט צייגען אַט די קליינע פּרינצעסין, און ניט האַלטען זי פערשפּאַרט אין שלאָס... וואָס פאַר אַ טאַלק איז דאָס? — און האָט שוין ניט אויפגעהערט צו שיטען און צו לאַכען, ניט אַראָבלאָזענדיג די בעגעהרענדע אויגען פון אַן אַלטען נואף און פּאַסקודניאַק פון נאַטאַשאַ'ן.

און נאַטאַשאַ האָט ניט אויפגעהערט צו פּיהלען די לויפענדע מייז איבער איהר קערפּער, שוידערען און אַרונטערלאָזען דעם קאָפּ אַלץ נידעריגער און נידעריגער, אַזוי ווי ער וואָלט זיך ביי איהר אָנגעפּילט מיט אַ טשאַד פון שטיקענדע גאַזען. און אַז דער לאַקיי האָט ראַפּאָרטירט, אַז דער פּראָקוראָר וויל איהם זעהען און בעט ער זאָל אַריינגעהן צו איהם אין פליגעל, און דער אַלטער פוקס איז מיט אַ שפּרונג שנעל ווי אַ פערפּאָלגטער אַרויס פון קאַבינעט, האָבען פּאַטער און טאָכטער בעפרייט אויפגעאָטהעמט, ווי מענשען, וועלכע מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ טיעפער שטינקענדער גרוב אויף דער פרייער און פרישער לופט.

נאַטאַשאַ אויף דער וועראַנדאַ

נאַטאַשאַ האָט זיך ניט ערלויבט צו פרעגען דעם פּאַטער וועגען דעם בריעף, וואָס ער האָט געשיקט קיין פּעטערבורג צום צאַר, און פון וועלכען זי האָט זיך דערוואוסט מיט גרויסער איבעררואשונג ניט פון איהם, נאָר פון דעם לייב־מעדיק.

נאָכדעם ווי פּאַן אָטאָ האָט זיי פערלאָזען און זיי זיינען געבליבען אַליין אין קאַבינעט, האָט זי לאַנג געוואַרט, אַז דער פּאַטער זאָל איהר אַליין דערצעהלען וועגען דעם. דער בריעף האָט זי געשראָקען ווי אַ לויערענדע געפאַהר. זי האָט אָבער אומזיסט געוואַרט. ער האָט געשפּאַנט הין־און־צוריק שנעלער ווי תמיד, אַזוי ווי ער וואָלט געלאָפען פון איהר און איהרע פראַגען. צוריהרען זיך צו זיינע וואונדען האָט זי מורא געהאַט. ער איז די לעצטע צייט געווען נערוועזער און אונגעדולדיגער ווי תמיד אפילו מיט איהר. און זי האָט איהם געלאָזט אַליין מיט זיינע פּלאָגען.

דער בריעף האָט איהר אָבער ענטפּלעקט דעם גיהנם פון פּאַטער'ס נשמה אין איהר פולען גרויל.

אַז זי איז אָבער אַרויסגעגאַנגען פון פּאַטער'ס קאַבינעט אויף דער וועראַנדע, און די קיהלע דופטענדע נאַכט־לופט האָט זיך צוגעטוליעט צו איהר פּנים און דער ברוסט, האָט נאַטאַשאַ פּלוצים דערפיהלט, אַז די זאַנפט־גע־געגלעטע און פון דער לופט געלאַשטשעטע ברוסט איז מיעד... לעבענס מיעד...

זי האָט עס דערפיהלט צום ערשטען מאָל אין איהר יונגען לעבען, וואָס האָט געצעהלט ערשט דאָס 22טע יאָהר. — דאָס צושפּאָלטענע לעבען פון דער פאַמיליע, דער קאַמפּף פאַר די לעצטע דריי יאָהר, האָבען זי שנעל פערמאַטערט.

געגלעט און געלאַסטשעט פון דער שטילער נאַכט איז זי געשטאַנען אַנ־

און אויסכאַפּען די פּרינצעסין, און ער וועט מיט איהר אַוועק אויף זיין ריטער־געשפּאַרט אין דער וועראַנדע ווי אַ מיעדער וואַנדערער ביי די פּיס פון אַ הויכען באַרג, אויף וועלכען ער דאַרף ערשט אַרויפקלעטערען. און זי האָט פּלוצים דערפיהלט, אַז זי וועט דעם שפּיץ פון באַרג ניט דערגרייכען, אַז עס פעהלען איהר די כחות פאַר דעם.

איהר זאַנפטע, ליעבענדע נאַטור האָט זיך דערפיהלט מיעד פאַר׳ן קאַמף. זי איז אינגאַנצען ניט געווען קיין קעמפּפער. זי האָט נאָר געקענט ליעבען, אַלע, אַפילו די מוטער מיט׳ן רויטען קאַדעט סערויאָזשע, און זי האָט צום ערשטען מאָל דערפיהלט אַז דער שפּאַלט אין זייער פאַמיליע האָט צוריסען איהר לעבען, צושפּאַלטען איהר נשמה און פאַרביטערט מיט אַ גיפט איהר האַרץ...

דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען האָט זי דערפיהלט, ווי אין די טיפעניש פון איהר נשמה גריבעלט זיך שטיל אַ בייז געפיהל, אַ געפיהל פון פערדרוס און ענטוישונג געגען דעם פאָטער, אַזוי ווי ער וואָלט זי פערזענליך אַבגענאַרט.

דאָס געפיהל האָט איהר אָבער באַלד איבערגעשראָקען.

זיין לעבען, זיין טראַגעדיע איז נאָך אַלץ געבליבען פאַר איהר אַ רעטזעל און אַ סוד, ווי פריהער.

ער האָט דעם שלייער ניט אַראָבגענומען און זי האָט אַלץ געטאַפּט אין דער פינסטער.

און דער באַרג איז געשטאַנען פאַר איהר אַזוי הויך, און זיין שפּיץ אַזוי ווייט...

צו וואָס? און וואוהין? האָט זי זיך אַליין געפרעגט.

און זי האָט ניט געוואוסט וואוהין דער וועג וועט זיי ברייננגען און מיט וואָס דער פערביטערטער, פערשטעקטער קאַמף אין זייער פאַמיליע וועט זיך ענדיגען.

און די פערפיהרערישע נאַכט האָט זיך אַלץ געטוליעט צו דער מידער ברוסט און איהר געשעפּטשעט אויפ׳ן אויער אַזוינע שווידערנד לאָקענדע ווערטער, אַזוינע זיסע סודות...

די אַלטע בוימער, די הונדערט־יעהריגע עדות פון ליעבע און ליידען אין דעם פּאַרק, האָבען זיך גע׳סוד׳עט און אַזוי ווי געקוקט אויף איהר מיט מיטלייד און בעדויערען.

די דופטענדע נאַכטלופט האָט זיך געגאָסען אין די לונגען, ווי אַ זיסער און קרעפטיגענדער וויין, וועלכער האָט געצונדען דאָס יונגע בלוט און פערגיפטעט דאָס האַרץ מיט אַ פּלאַטערענדען בעגעהר, מיט אַזאַ דורשטיגען פערלאַנג...

ליעבע האָט געזוכט דאָס יונגע האַרץ, איהר יונגפרוילּיכע ברוסט, און ניט קיין קאַמף...

זי האָט זיך דערמאָנט אין דעם גובערנאַטאָר׳ס סעקרעטער, אין דעם שעהנעם און יונגען פירשט שאַכאָווסקי.

וואָרום זאָל זי איהם ניט נעהמען? ער איז גרויס און זי איז אַזוי קליין... איז דען ניט דער קאָנטראַסט אַזאַ שעהנער? וואָרום אָבער האָט ער אויף איהר צום לעצטען מאָל געקוקט מיט אַזאַ מיטלייד אין די אויגען? וואָרום פערדיענט זי מיטלייד? איז זי ווירקליך אַזוי אונגליקליך? טשעפּוכאַ! זי איז אַ רייכע גוטבעזיצערין, איהר מאַיאָנטעק איז ווערטה דריי מיליאָן רובעל און זי קען תמיד חתונה האָבען פאַר׳ן שעהנסטען פירשט אָדער גראַף.

און פלוצים האט זי זיך דערמאנט אז דר. הערצל'ס פארטרעט, וועלכען זי האט דערזעהן צום ערשטען מאל אין איהר לעבען ביי בעריל דעם בעל־אכסניא. און אז דעם גוואלדיגען רושם, וואס דער קעניגליכער פנים האט דאן אויף איהר געמאכט.

— איז ערווירקליך אזוי שעהן ? — האט זי דאן געפרעגט ביי בערל'ען, און בעריל האט איהר געענטפערט מיט א לאנגען „פססס", פון וועלכען זי האט זיך דאן אזוי צולאכט...

— און דו וואלסט חתונה געהאט מיט אזא מאן ? — האט זי געפרעגט דער פאטער, און זי איז פערשעהמט געווארען, האט אבער דאך מוטיג געענטפערט, מיט א פלאקער אין די אויגען.

— געוויס ! וואס פאר א פראגע ?

— ער איז דאך א איד ! — האט בעמערקט דער פאטער, קוקענדיג אויף איהר מיט פארשענדע בליקען איבער די ברילען.

— און אז א איד איז וואס ? — האט זי צארנדיג אויסגעשריען אויף'ן פאטער, אזוי ווי ער וואלט זי בעליידיגט. און דער פאטער מיט ברילען האבען אויף איהר געקוקט מיט גליקליכען שטאלץ און ליעבע.

— ווארום דער פאטער ? — האט זיך איצט געפרעגט נאטאשא, פיהלענדיג א גרויל איבער'ן לייב.

און אז בערעל האט טרויעריג בעמערקט, אז דער שעהנער, גרויסער מענש איז שוין טויט, האט זי דאן פלוצים דערפיהלט א ריס אין הארצען און האט אויסגעשריען פון וועהטאג. אויך דער פאטער איז שטארק בעטריעבט געווארען. פונקט ווי אן אייגענער וואלט געשטארבען.

— אך, ווען ער לעבט, אט דער אידישער פרינץ, און קומט איצט און כאפט זי אויס... ווי געטוליעט וואלט זי זיך צו זיין מעכטיגער ברוסט און ווי געקושט וואלט זי זיין שווארצע בארד פון אן אסירישען קעניג — טראכט זיך נאטאשא, און דער בעגעהר, דער ליעבעס־דורשט נאגט אין איהר הארץ. שטארקער און שטארקער. און די הייסע, טרוקענע ליפען ציהען זיך ווי צו א קוש.

דאס געשפרעך אין פארק

און אזוי ווי זי איז געשטאנען אנגעשפארט אז דער ווערענדע און האט פערטרויעט דער דונקעלער נאכט איהרע יונגפרוילינע געדאנקען, די טרוימען פון איהר מיידעלש הארץ, האט דער ווינד צו איהר צוגעטראגען פון דער טיעפער אללעע דאס פערגעניגענטע „כי, כי" פון דעם גאסט און די הילצערנע, בייזע שטימע פון ברודער.

די צוויי שטימען האבען זיך דערנעהנטערט צו דער ווערענדא. איהרע געדאנקען און טרוימען האבען זיך צופלויגען ווי א מחנה פון איבערגעשראקענע טויבען. נאטאשא האט זיך אינסטינקטיוו צוזאמענגעדרעהט, אזוי ווי זי וואלט זיך געוואלט מאכען אונבעמערקבאר.

— דער בריעף טראגט אלע צייכענס פון וואהנזין... איך וועל איהם פערשפארען אין א משוגעים־הויז ! — האט גערעדט דער ברודער מיט געשלאסט־

נע ציהן.

— לאָווקאַ! כי, כי, כי... דיין אייגענעם פאָטער? — האָט איהם איבערגעפרעגט פאָן אָטאָ מיט זיין פערגעניגענדען קוויטש.

— די אינטערעסען פון דער מלוכה און פון געזעץ שטעהען ביי מיר העכער פון אַלעם! — האָט געזאָגט די הילצערנע שטימע פון פּראָקוראָר, און האָט אָבגעהילכט אין דער נאַכט און אין דער שוועסטער׳ס אויפגעשווידערטער נשמה ווי דאָס זעגען פון אַ זעג איבער איהר אייגען לייב.

— לאָווקאַ! כי, כי, כי... איהר וועט געהן ווייט, יונגערמאַן... זעהר ווייט, כי, כי, כי.

דער סאַרקאַסטישער טאָן פון קאָמפּלימענט איז ווייזט אויס ניט געפעהלען געוואָרען דעם פּראָקוראָר. אַ ווײַלע זיינען זיי געגאַנגען שטום.

— איהר האָט דאָך מיט איהם גערעדט? זעהט איהר דען ניט, אַז ער איז צודרעהט? ניט ביי די געדאַנקען?

— זעהען זעה איך עס נאָך ניט, כי, כי, כי... עס קען אָבער זיין, אַז איהר, אַלס זיין זוהן, זענט נעהענטער צו איהם און זעהט עס בעסער פון מיר, דעם פּסיכיאַטער, כי, כי, כי.

— רעדט מיט איהם נאָך אַ פּאָאר מאָל וועט איהר זעהן! — האָט געזאָגט דער פּראָקוראָר מיט פערדרוס און געקריינקטען ערגער.

— מיר וועלען זעהען... כי, כי, כי, מיר וועלען פּרובירען... איבריגענס, אַזאַ בריעף, כי, כי, כי... איין מאָן אַנטקעגען גאַנץ פּעטערבורג, אַנטקעגען גאַנץ רוסלאַנד! כי, כי, כי. דאָס איז קוראַזש אָדער וואַהנזין. איינס פון דיביידע, כי, כי, כי. מאַלאַדיעץ, גענעראַל! אַ קאַרפּוס, אַ פערד און אין שלאַכט!... זאָגט נאָר מיר — האָט פּלוצים שוין ערנסט אַ שפּרונג געטהאָן אין זיין געשפּרעך דער פּסיכיאַטער — בעזיצט איהר ניט זיינע שריפטען... אַ מין טאָגע־בוך אָדער עהנליכע פּאַפּיערען? פון זיי קען מען זיך בעסער איבערצייגען, איהר פאַרשטעהט? כי, כי, כי, איהר גיט עס נאָר מיר און מיר וועלען עס שוין עקזאַמענירען, כי, כי, כי.

און ניט־געבענדיג דעם פּראָקוראָר קיין צייט צו ענטפערען, האָט דער פוקס געטהאָן אַ נייעם שפּרונג און האָט ווידער געפרעגט גאַנץ ערנסט:

— זאָגט נאָר מיר, מאָן שער אַמי, פון וועלכער גובערניע זענט איהר דוואָריאַנעס?

זיי זיינען שוין געשטאַנען גאַנץ נאָהענט פאַר דער וועראַנדע און זייערע צוויי דונקעלע געשטאַלטען האָבען זיך אויסגעטיילט פון דער דונקעלער נאַכט ווי צוויי שווארצע פלעקען — אַ גרויסער און אַ קליינער. ביז דער פּראָקוראָר האָט געענטפערט זיינען פאַראיבער עטליכע מינוטען. אַזוי ווי ער וואָלט געטראַכט אויף דעם ענטפער.

— אַנטקעגען וואָס פרעגט איהר דאָס?

— אַנטקעגען וואָס? אַנטקעגען גאָר ניט. גלאַט אַזוי, כי, כי, כי... אויס נייגעריגקייט און מעהר גאָר נישט. איך פערזיכער אייך, מיין יונגער פריינד, כי, כי. וואָס פאַר אַן אינטערעס האָב איך?

— מיר זיינען קורלענדער דוואָריאַנעס — האָט געענטפערט דער פּראָקוראָר צווישען די ציהן, און האָט זיך געלאָזט געהן ווייטער.

— קורלענדער? — האָט בעוואונדערט און צוגלייך סקעפּטיש אַ קוויטש געטהאָן פאַן אָטאַ — איך בין דאָך אַ קורלענדער באַראָן, כי, כי, כי. איך קען דאָך דעם גאַנצען באַלטישען אַדעל, און פון קיין גערשעלמאַן האָב איך עפּעס ניט געהערט. מיין עהרען־וואָרט, ניט געהערט! כי, כי, כי, איך קען דאָך אונ־זער גאַנצע גענעאַלאָגיע אויסווענינ, ווי איך געדענק נאָך קרילאָוו'ס פאַבעל — און דער גאַסט האָט זיך פּלוצים גענומען הויך דעקלאַמירען די פאַבעל „דער מדבר'ניק און דער בער".

— נאַ דיר, גאָר ניט געהערט... מיר האָבען דאָך גראַמאַטעס... פּאַפּירען!

— האָט בעמערקט דער פּראָקוראָר שוין גאַנץ שטיל, ווי אַן איבערגעשראָקענער.

— אַזוי? אינטערעסאַנט! זעהר אינטערעסאַנט! אַ טשיקאַווע מעשה. מיין עהרענוואָרט, כי, כי, כי!

דער פּראָקוראָר האָט אָנגעהויבען שטעלען גרעסערע טריט און זיך דער־ווייטערען אין דער ריכטונג פון פליגעל. דער באַראָן איז איהם נאָכגעלאָפען ווי אַ קליינער, שוואַרצער טייפעל, און נאַטאַשאַ האָט נאָך לאַנג געהערט צווי־שען די ביימער זיין בעוואונדערנדען קוויטש און זיין עקעלהאַפטען „כי,כי,כי".

און אַז זייערע טריט און זייערע שטימען זיינען אַבגעשטאָרבען און די שטילע ביימער האָבען זיך ווידער גענומען סוד'ען מיט דער דונקעלער נאַכט, האָט נאַטאַשאַ'ן ארומגעכאַפּט אַ פּאַניק. פון אַלע זייטען איז שוין געקראָכען אויף איהר די לויערענדע געפאַהר. די נאַכט האָט שוין געהאַלטען פאַרשטעקט אונטער איהר שוואַרצען פאַרדעק אונצעהליגע שונאים, אַ בעלאַגערנדע אַר־מעע, וועלכע האָט ארומגערינגעלט דאָס שלאָס פון אַלע זייטען און האָט זיך געגרייט עס צו שטורמען. מיט פערמאַכטע אויגען איז זי אריין אין קאָרידאָר, איז ווי אַ פערפאָלגטע ארויף די טרעפּ צו זיך און האָט זיך פאַרשלאָסען אין איהר שלאָפצימער.

די נאַכט פון שרעק

לאַנג האָט נאַטאַשאַ ניט געקאָנט בלייבען ביי זיך אין צימער. די געפאַהר איז געוואַקסען פאַר איהרע אויגען אין איהר גאַנצער שרעקליכער און דראָ־הענד גרויזאַמער געשטאַלט.

דער זוהן, דער אויסוואָורף, האָט צופעליג אויפגעדעקט פאַר איהר אַלע זיינע קאָרטען... דעם פּסיכיאַטר האָט ער געבראַכט מיט זיך ווי אַ תּליון, וועלכער זאָל פאַר איהם ארויפוואַרפען דעם שטריק אויף'ן האַלז פון אייגענעם פאָטער. און ווער ווייסט, וואָס מען וועט דערנאָך מיט זיי ביידען טהאָן? קיין סיביר זי פערשיקען אָדער סתם דערווערגען... אַלעס איז צו ערוואַרטען... עס קאָן זיין נאָך היינט ביינאַכט. דער אויסוואָורף איז אויף אַלעם פעהיג...

אַ ווינטעל האָט לייכט געשאָקעלט די ביימער אונטער די פענסטער, און דער שטילער מורמלען פון די צווייגען האָט זיך פערוואַנדעלט אין איהר איבער־געשראָקענער פאַנטאַזיע אין אַ שטילען גערויש, אין די פאָרזיכטיגע טריט פון פיינד, וועלכע האָבען זיך גע'גנב'עט, געקראָכען פון אַלע זייטען פון פינסטערען נאַכט־שוים און זיינען שוין געווען גרייט אריינצושפּרינגען אין פענסטער, זי כאַפּען ביים גאָרגעל און דערווערגען.

געיאָגט פון אַן אונבעגרייפליכען שרעק איז זי אַרונטערגעלאָפען צוריק די טרעפּ און האָט אָנגעקלאָפּט צום פאָטער.

דער גענעראַל האָט זיך אויך געהאַט פערשלאָסען און האָט לאַנג ניט געענטפערט.

— עפען, פּאַפּאַ ! דאָס בין איך, נאַטאַשאַ ! — האָט זי זיך גענומען רייסען זיין טהיר, אַ ציטערענדע און מיט קלאַפּענדע צייהן. און וואָס מעהר זי איז געשטאַנען פאַר דער טהיר אַלץ גרעסער איז געוואַקסען איהר שרעק און שטאַרקער דער שוידערענדער ציטער פון איהר גאַנצען אונבעהאָלפענעם קליינעם קערפּער.

דער פאָטער האָט איהר געעפענט אין נאַכט־העמד.

— צינד אַן ליכט, פּאַפּאַ ! — האָט איהם בעפוילען די טאָכטער. און ער האָט ניט געפרעגט וואָס איז מיט איהר, וואָס אַזוינס האָט זי אַזוי שפּעט צו איהם געבראַכט.

איהר ציטערענדע שטימע האָט איהם אָנגעשטעקט מיט דעמזעלבען שטורמען פחד. לאַנג האָט ער געזוכט שוועבעלעך. זיינע הענט האָבען געציטערט און איהם ניט געדיענט.

ערשט אַז ער האָט אָנגעצונדען אַ ליכט און דערזעהן איהר בלייכען פּנים, איהר קליינעם אויפציטערענדען קערפּער, האָט ער זי געפרעגט וואָס מיט איהר איז.

— לאָמיר אַנטלויפען פון דאַנען, פּאַפּאַשאַ ! מיר זיינען אין געפאַהר. די אויסוואורפען זיינען אויף אַלעם פעהיג.

נאַטאַשאַ'ס געדאַנקען זיינען געשטאַנען פאַר דעמזעלבען אַבגרונד, צו וועלכען עס האָבען איהם געבראַכט זיינע אייגענע. ביידענ'ס נשמות זיינען געווען אין פּלען פון איין טויט־שרעק...

און ניט ענטפערענדיג קיין וואָרט האָט ער זיך גענומען שנעל אָנטהאָן, מיט פיבערהאַפטע ציטערענדע הענט, אַזוי ווי דער שלאָס וואָלט געשטאַנען אין פלאַמען, אָדער וואָלט שוין געווען אַרומגערינגעלט פון שונא.

אַז ער האָט אָבער אַרויפגעצויגען אויף זיך די שטיוועל, האָט איהם דער קלאַנג פון זיינע שפּאָרען געבראַכט צו זיך און האָט איהם געגעבען מוטה. ער האָט מאָמענטאַן פערטריבען דעם אַבערגלויבישען נאַרישען שרעק און אויפגעוועקט אין דער ברוסט דעם אַלטען סאָלדאַט, וועלכער האָט אויף זיין לעבען שוין ניט איין מאָל זיך בעגעגענט מיט דער געפאַהר און האָט געקאָנט איהר מוטהיג קוקען אין פּנים אַריין און טראָצען...

זיינע בעוועגונגען זיינען געוואָרען איינגעהאַלטענע און רוהיגער און אַז ער האָט אַרומגעגאַרטעלט די רייט־הויזען מיט דעם לעדערנעם פּאַסעק, האָט ער זיך געפיהלט שוין גאַנץ בערוהיגט. רוהיג האָט ער אָנגעהויבען אַראָפּנעהמען די רעוואָלווערען פון דער וואַנד, דרעהען די באַראַבאַנען און קוקען צי זיי זיינען געלאָדען.

נאַטאַשאַ האָט עס אַלעם פערפאָלגט מיט בעוואונדערונג.

צו וואָס איז דאָס, פּאַפּאַשאַ ?

— צו וואָס ? נערשעלמאַן איז קיין מאָל ניט געלאָפען פון אַ געפאַהר — האָט דער גענעראַל קאַטבלוטיג געענטפערט.

— וויסטו, פּאַפּאַשאַ, צוליעב וואָס זיי זיינען געקומען אַהער,
— געוויס וויים איך.

נאַטאַשאַ האָט איהם אָבער דאָך מיט שנעלע געהאַקטע רייד דערצעהלט אַלעס וואָס זי האָט געהערט אויף דער וועראַנדע.

אַ בייזער פּלאַם האָט זיך אָנגעצונדען אין זיינע אויגען, דער פלאַם פון אַ מאַן וואָס לאָדעט זיין ביקס און גרייט זיך צום אָנפאַל. ער איז אָבער געבליבען רוהיג און האָט זיך אויסגעלאַכט פון איהר נאַרישען שרעק.

פון דעסטוועגען האָט ער געמוזט געהן שלאָפען מיט איהר אין איהר צימער.

אויף די טרעפּ האָט ער זי גענומען אויף די הענד ווי אַמאָל, ווען ער איז געווען יונג און זי אַ קינד און האָט זי אַרויפגעטראָגען ווי אַ יונגער און טאַפּפערער קריעגער. די געלאַדענע רעוואָלווערען האָבען געקוקט אויף איהר פון טיש ווי אַ צופערלעסיגע און שטאַרקע וואַך. דער שרעק האָט פערלאָזען איהר נשמה און נאַטאַשאַ איז איינגעשלאָפען.

די ערוואַכונג

ווען נאַטאַשאַ איז אַראָבגעשפּרונגען פון בעט און ברייט געעפענט די פענסטער, איז דער פּאַרק שוין געשטאַנען אין העלען ליכט פון אַ שפּעטער מאָרגענשטונדע. אַ רעגען האָט בייטאַכט אויסגעוואַשען און דערפרישט די בוימער און דעם גרינעם טעפּיך צווישען זיי און זיינע טראָפּען האָבען זיך נאָך געלויכטען אין זונשיין אויף די בלעטער און אויפ׳ן גראָז ווי צושיטע דימענטען.

די דאָ און דאָרט בליאַסקענדע וואַסער־טראָפּען און די אַרום זיי פלאַטערענדע זונענשטראַהלען, האָבען בעלויכטען דעם אַלטען פּאַרק מיט דעם צנועה׳דיגען חן און זיסען שמייכעל פון אַ שעהנעם מיידעלשען טרוים...

און אין געזעגנוואָרט פון דעם שמייכלענדען מאָרגען און דעם פּאַרק׳ס דופטענדע פרישקייט איז די איבערלעבטע נאַכט צורונען געוואָרען ווי אַ בייזער חלום.

דער גענעראַל איז שוין ניט געווען אין צימער די רעוואָלווערען זיינען אָבער נאָך געלעגען אויף זייער אָרט און האָבען געוואונקען צו נאַטאַשאַ׳ן ווי טרייע דיענער און בעשיצער. נאַטאַשאַ האָט זיך אָבער אָבגעווענדט פון זייערע קאַלטע שטאָהלענע בליקען. זי האָט זיך פערשעהמט פאַר איהר פּחד און פאַר די אומגעלומפּערטע געדאַנקען איבער איהר אייגענעם ברודער — אַ מענש איז ער דאָך, און ניט קיין בלוטדורשטיגע חיה!

פון דער וועראַנדע האָט זיך געטראָגען אַ קיצלענדער ריח פון שטאַרקען קאַפע און די קוויטשענדע שטימע פון דעם לייב־אַרצט.

נאַטאַשאַ האָט זיך אַרויסגעבויגען פון פענסטער און זיך איינגעהערט:

— איך לויב! דאָס איז קוראַזש, צום טייוועל... נעהמען און אַנשרייבען אַזאַ בריעף... ביי דער איצטיגער שטימונג פון אונזערע ספערען אַנטקעגען אידען... גרויסער, זעהר גרויסער קוראַזש, כי־כי־כי...

— דעם קוראַזש וועל איך האָבען אויך אין געריכט — האָט איהם רוהיג געענטפערט דער גענעראַל — די מיטעראַלטערליכע לעגענדע איז שוין לאַנג צוקלאַפּט.

— שאַרמאַנט! שאַרמאַנט, מאַן שער אַמי! כי־כי־כי.

— און דו, פּראָפעסאָר, מאַן פון דער וויסענשאַפט, גלויבסטו אויך אין דער נאַרישער לעגענדע? מילא ער, דער „פּראָכוואָסט"... פערשטעה איך... ער דאַרף מאַכען אַ קאַריערע, ווערען מיניסטער...

— ער וועט ווערען... ער וועט ווערען... אונבעדינגט... אַ גרויסער שטאַטסמאַן... כי־כי־כי... — האָט זיך געפּרואווט אויסדרעהען דאָס פּיקסעל פון אַן ענטפער אויף דער פראַגע.

— דו גלויבסט אויך? ענטפער מיר! — האָט פערלאַנגט דער גענעראַל שוין מיט אַ בעפעהלענדען בייזען טאָן.

— גלויבען? גלויבען?... הע... הע... — האָט אָנגעהויבען צו שטאַמלען דער פּראָפעסאָר און האָט זיך באַלד אַרויסגעדרעהט מיט זיין ציניש געלעכטער'ל:

— ווארום ניט גלויבען? וואָס אַרט מיך אַז איך גלויב? גלויבען, מיין פריינד, מאַכט זעעליג, כי, כי, כי.

נאַטאַשאַ האָט שוין געהערט דאָס ריטשען פון פאַטער, אַ ריטשען פון אַ צורייצטען לייב, און אַהן ווערטער. אין דער אַלעע האָט זיך בעוויזען די מוטער, געפיהרט אונטערען אָרעם פון פּראָקוראָר. אין זונשיין האָט דער ברילאַנטענער צלם אויף זיין שטאַלצער און אויסגעסטאַרטשעטער ברוסט און די גאָלדענע קנעפּ פון זיין וויצמונדיר געבליאַסקעט מיט דעמזעלבען בייזען שטאָלץ ווי זיינע אויגען אויף'ן פערגליווערטען פּנים. אַ בעליידיגטער שטאָלץ האָט זיך אויך אויסגעצויגען אויף'ן רויטען פּנים פון דער פעטער גענעראַלשע.

— עדואַרד קאַרלאָוויטש! קומט, עס איז שפּעט! — האָט איהם אָבגערופען דער פּראָקוראָר. ער און די מוטער האָבען ניט אויפגעהויבען די אויגען צו דער ווערענדע. דער לייבאַרצט האָט איבערגעריסען זיין כי־כי־כי, און האָט זיך צו זיי אַ וואַרף געטהאָן.

— עי, דו, דייטשוק... קום אַריין צו מיר שפּעטער... מיר וועלען זיך דורכשמועסען. איך וועל דיר ווייזען, אַלטער פוקס, ווער עס איז משוגע, איך צי דו — האָט איהם נאָכגעשריען דער גענעראַל.

נאַטאַשאַ איז פערציטערט געוואָרען. אַלע דריי זיינען אַ ווייל געשטאַנען ווי פערגליווערטע און האָבען זיך דערנאָך גענומען שנעל דערווייטערען ווי פערפאָלגטע און פערראַטענע.

אַז זייערע טריט האָבען נאָך געהילכט צווישען די טאָפּאָליעס, האָט דער אַלטער סאָלדאַט זיי נאָכגעשיקט אַ הויכע און עקעלהאַפטע קללה... אַ קללה פון אַ רוסישען סאָלדאַט...

נאַטאַשאַ איז אָבגעשפּרונגען פון פענסטער און האָט פערדעקט דעם פּנים פון שאַנדע, פונקט אַזוי ווי אַ בייטש וואָלט איהם אויסגעשמיסען.

דער לעצטער בעזוך אין שטעדטעל

דער לייב־אַרצט מיט'ן פּראָקוראָר און מיט דער אָנפֿאָהרענדער פּאָליציי האָבען נאָך אַמאָל אויסגעגראָבען דעם הרוג, איהם ווידער עקזאַמענירט און געפּאָרשט. אין אָט דער אַרבייט איז ביי זיי אַוועק דער טאָג אויפ'ן דאָרף. דער טאָג איז געוועזן אַ הייסער און דער פּאַרק מיט'ן שלאָס זיינען געשטאַנען ווי פּער'חלש'טע פון היץ און אויך דער גענעראַל האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען פון היץ און פון די פּלאָגענדע געדאַנקען און געפיהלען... ער האָט געפּרואווט שרייבען אַ שטונדע. ער האָט די לעצטע צייט זיך גענומען שרייבען עפּעס אַ ווערק אָדער אַ פערטיידיגונגס־רעדע געגען דעם בלוט־בלבול. ער איז אָבער באַלד מיעד געוואָרען, האָט זיך צוגעלעגט, אָבער ניט אויף לאַנג, איז באַלד ווידער אויפגעשטאַנען פון זיין דיוואַן און איז אַוועק מיט אַ הינטערשטען טיהרעל אין פּאַרק און מיט אַן אומוועג אין שטעדטעל אַריין, האָט בעזוכט בעריל'ס אכסניא, האָט גערעדט מיט דער אַלטער און אונגליקליכער שרה און מיט'ן רויטען משרת, זיי געטרייסט און פערזיכערט, ווי אַ בעל־חוב וואָס קען ניט צאָהלען זיינע חובות, אַז עס וועט זיך אויסלאָזען גאָרניט. באַלד זיינען אַהין זיך צוזאַמענגעלאָפען די ווייבער און די קרובים פון די אַרעסטירטע. מען האָט זיך גענומען וויינען איבער איהם, פאַלען צו די פיס און בעטען ביי איהם שוץ. ער האָט יעדען געפּרואווט בערוהיגען, צוזאָגען און איז אַרויס פון דאָרט ווי פון אַ גיהנום. די ווייבער האָבען איהם אָבער נאָכגעיאָגט מיט אַ געוויין איבער'ן מאַרק און ווי אַ פערפּאָלגטער איז ער אַריין אין „אופּראַווע" און האָט זיך געבעטען, אַז מען זאָל צוטרייבען די ווייבער מיט די קרובים און האָט ווידער צוגעזאָגט מיט שבועות, אַז ער וועט אַלעס טהאָן, יעדען שיצען.

דער אידישער „סטאַראָסטאַ" איז אויך געוועזן צווישען די אַרעסטירטע קרבנות און איז געזעסען אין טורמע. ער האָט געהייסען זיך ברענגען די חשוב'־סטע בעלי־בתים, וועלכע זיינען שוין אַליין געלאָפען פון אַלע זייטען. אויף דער אסיפה האָט ער געפּאָרשט, אויסגעפרעגט אַלע איינצעלהייטען פּונקט ווי זיין זוהן דער פּראָקוראָר האָט עס געטהאָן אויפ'ן דאָרף, און האָט אַלעס אַרויפגענומען אויפ'ן פּאַפּיער. די געשיכטע האָט צוגענומען ביי איהם כמעט דעם גאַנצען טאָג. דאָס גאַנצע שטעדטעל איז שוין געשטאַנען אַרום דער אופּראַווע. אַז ער האָט געענדיגט, האָט ער געבעטען אַז אַ פּאָר בעלי־בתים זאָלען איהם אָבפּיהרען אַהיים, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר'ן עולם וואָס איז געשטאַנען איז דרויסען און פאַר'ן געוויין פון די ווייבער.

נאַטאַשאַ האָט ניט געוואוסט וואו דער פאָטער איז פערשוואונדען און איז געוואָרען אונרוהיג. זי האָט איהם געזוכט אין פּאַרק, איבער'ן גאַנצען שלאָס. בייזע פאָרגעפּיהלען האָבען זיך גענומען ווי שלאַנגען זויגען איהר האַרץ און עס קלעמען. זי איז אַוועק איהם זוכען אין גערטנערי, און אַז זי האָט איהם דאָרט ניט געטראָפען, איז זי אַוועק צו פאָן באַד'ן, וועלכער האָט געהאַט זיין וואוינונג אין אַ ווייטען ווינקעל פון פּאַרק, וואו עס האָבען זיך שוין אָנ־געהויבען די פעלדער מיט אַ פּולוועראָק, און האָט איהם אין ערגעץ ניט גע־קאָנט געפינען.

אַז ער איז אין שטעדטעל, איז איהר אויף די געדאַנקען ניט געקומען.

אַז דער גענעראַל און נאַטאַשאַ זיינען ביידע אַוועק פון שלאָס, האָט אַ איבערגעקויפטער לאַקעי געמעלדעט דערפון דעם פּראָקוראָר. ער האָט אַוועקגעוואָרפן די אויספאָרשונג אין וואָלאָסט און איז האַסטיג געקומען צוריק אין שלאָס, איז אַריין צום פּאָטער אין קאַבינעט אַריין, האָט געעפנט אַלע שופלאָדען פון טיש און האָט גענומען וואַרפן דעם פּאָטער׳ס פּאַפּירען און זוכען. געזוכט האָט ער אַ טאָגעבוך, אַ צוואה אָדער עהנליכע דאָקומענטען, וועלכע וואָלטען געקאָנט קאָמפּראָמענטירען זיין פערשטאַנד. פערפאָלגט האָט ער דערמיט צוויי זאַכען. דער פּאָטער האָט פערזעצט זיין הויז אין פּעטערבורג, זיינע אַנדערע גיטער און האָט מיט׳ן געלד געקויפט נאַטאַשאַ׳ן דעם פּוילישען מאַיאָנטעק. אַלס יורש האָט ער זיך געפיהלט בערויבט און האָט געוואָלט עס בעקעמפּפען. דער איינציגער וועג דערצו איז געווען איהם צו מאַכען פאַר משוגע, איהם פערשפּאַרען אין משוגעים־הויז און גרינדען איבער איהם אַן אַפּיעקע.

ווייטער האָט דער בריעף צום צאַר קאָמפּראָמיטירט זיין פאַמיליע פון עכט־רוסישען שטאַנד און דאָס האָט געדראָהט צו רואינירען זיין קאַריערע.

איבריגענס האָט איהם די געשיכטע איצט געפרעהט. איצט, אַז ער איז אויפגעטראָטען געגען דעם בלוט־בלבול, איז דעם אינקוויזיטאָר געווען לייכטער צו פערווירקליכען זיין פּלאַן. דער פּסיכיאַטאָר פאָן אַטאַ וועט איהם שוין העלפען... דער הונד האָט שוין פערשטאַנען דעם וואונק און וועט שוין טהאָן וואָס מען דאַרף און וואָס מען וויל... פון פּאָטער׳ס זעלענטראָגעדיע האָט דער פּראָקוראָר קיין אַהנונג ניט געהאַט. צוערשט האָט דעם קאַריעריסט גע־פעהלט אויגען פאַר אַזעלכע זאַכען, און ווען אימעצער ענטדעקט איהם, וואָלט ער עס אויך ניט געגלויבט.

זיין פּאָטער אַ איד ? צו אומגעלומפּערט און אונמעגליך וואָלט געווען אַזאַ געדאַנק, אַז ער זאָל אַ מינוט אין איהם גלויבען, איהם קענען נעהמען אויפ׳ן געדאַנק. זיין פּאָטער׳ס געגנערשאַפט צום בלוט־בלבול איז געווען ביי איהם נאָר אַן אַרט ליבעראַליזם, אַ פערברעכערישער פריזין. ער האָט איהם בעגעגענט ביי פיעלע מיליטערישע פּערזאָנען און הויכע בעאַמטע אין רוסלאַנד און די האָבען איהם תמיד עמפּערט.

בכלל האָט ער די מיינונגס־פערשידענהייטען צווישען איהם און זיין פּאָטער, וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען שוין צוריק מיט יאָהרען און האָבען זיי שוין פון לאַנג צוטיילט מיט׳ן אָבגרונד, וועלכער איז געוואַקסען אַלץ ברייטער און ברייטער, אָט דעם רעוואָלוציאָנערען פריזין פון פּאָטער, האָט ער צוגע־שריבען נאַטאַשאַ׳ס איינפלוס. דאָס האָט זי, די רעוואָלוציאָנערקע, כסדר גע־בונטעוועט אַנטקעגען איהם, פערפאָלגט דערביי איהרע אייגענע עגאָאיסטישע אינטערעסען... אָט האָט זי זיין גאַנץ פערמעגען אויסגענאַרט פאַר זיך אַליין... זי וועט עס נאָך פערווענדען פאַר רעוואָלוציאָנערע צוועקען, מאַכען באָמבעס און הרג׳ענען דעם צאַר...

און אין דעם פּראָקוראָר׳ס גרויזאַמער און קראַנקער פאַנטאַזיע איז שוין דער צאַר געלעגען צוריסען פון איהרע באָמבעס...

„קיין סיביר דאַרף מען זי פערשיקען" — האָט זיך געטראַכט דער אינ־קוויזיטאָר, וואָרפענדיג די פּאַפּירען. אין דעם מאָמענט איז ער געווען גרייט

אַליין מיט די אייגענע הענט זי צו הענגען. דער כעס האָט אין איהם געזאָטען דערפאַר וואָס זי האָט דער׳הרג׳עט דעם צאַר און דערפאַר וואָס זי האָט בעהאַלטען אַלע וויכטיגע פּאַפּיערען און ער געפינט גאָרנישט, ניט די צואה פון משוגע׳נעם אַלטען און ניט קיין אַנדערע פּאַפּיערען, וועלכע וואָלטען געקענט בעווייזען דעם פּסיכיאַטאָר פּאָן אָטאָ, אַז דער „אַלטער כריין״ איז וואַהנזיניג.

באַלד אָבער האָט ער דערהערט אויף דער וועראַנדאַ דעם פּאָטער׳ס בייזע שטימע, וועלכע האָט געשריען אויף׳ן לאָקיי, אויפ׳ן זעלבען לאָקיי, דורך וועלכען ער האָט איהם שפּיאָנירט. מיט ציטערענדע הענט האָט דער פּראָקוראָר שנעל פערמאַכט די שופלאָדען פון פּאָטער׳ס שרייבטיש, האָט געכאַפּט אַ פערצווייפעלטען און שנעלען קוק אויף דער גרויסער אייזערנער שאַפע, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקעל צווישען דער טהיר און דעם ווענעציאַנישען פענסטער, צו וועלכער ער האָט געזוכט אַ שליסעל און האָט ניט געקאָנט געפינען. ווי אַ זאַסטאָמפּעטער גנב איז ער דורך דעם זעלבען פענסטער דורכגעשפּרונגען אין פּאַרק אַריין און איז מיט אַ זייטיגער סטעזשקע אַוועק צוריק אין דאָרף צום וואָלאָסט, וואו עס האָבען אויף איהם געוואַרט די אונטערזוכונגס־קאָמיסיע מיט דעם לייב־מעדיק פּאָן אָטאָ.

געקומען איז דער אַלטער מאַן פון שטעדטעל אַן ערשעפּטער, אַן אויסגע־לאָשענער און צו אַלעם אויף דער וועלט שוין אַ גלייכגילטיגער.

אַ קערפּערליכע מיעדקייט און אַ שווערע גייסטיגע אַפּאַטיע האָבען איהם צוגעקאָוועט צום טיעפען שאָקעל־שטוהל אויף דער וועראַנדע, און אַזוי איז ער לאַנג געזעסען בעוועגלאָז, אָהן געדאַנקען, אָבער שוין אָהן ליידען. אין דער צייט ווען נאַטאַשאַ איז נאָך אַל׳ץ ארומגעלאָפען איבער די ווייטע ווינקלען פון גרויסען מאַיאָנטעק און האָט איהם געזוכט מיט שווערע און נאָגענדע פּאָרגע־פיהלען.

אויך דער פּאַרק און די בוימער זיינען געשטאַנען שטומע און בעוועגלאָזע אונטער דער לאַסט פון הייסען זומער־טאָג. ווי אין אַ טיעפען פער׳חלש׳טען שלאָף האָבען זיך לייכט געוויעגט דאָ און דאָרט פויגלען אויף די צווייגען. נאָר די שמעטערלינגען זיינען אַרומגעפלויגען און געפלאַטערט צווישען די קוס־טעס, קאָקעטירענדיג אין די זונען־שטראַהלען מיט׳ן פיעל־פאַרביגען בליאַסק פון זייערע פליגעל און היישעריקען האָבען געגרילצט און געזונגען אין גראָז זייער מאָנאָטאָנעם און אונערמיעדליכעם ליעד.

די זון האָט אָנגעהויבען איבערצוגעהן אין מעריב זייט און באַלד האָבען איהרע משופּע׳דיגע שטראַהלען שוין געוואָרפען אויף׳ז פּאַרק און אויף׳ן שלאָס דעם מעלאַנכאָלישען גלאַנ׳ץ פון אַ געענדיגטען טאָג, פון אַ צאַנקענדען און אויס־געהענדען לעבען...

איינגעוויעגט פון שטילען פּאַרק, האָבען זיך דעם גענעראַל׳ס מיעדע און אויסגעלאָשענע אויגען פערמאַכט, און ער איז איינגעשלאָפען אין שטוהל.

געשלאָפען איז ער אָבער ניט לאַנג. ער האָט באַלד דערפיהלט אויף זיך א פּאָאר שאַרפע בליקען, און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי אַן איבערגעשראָקענער.

פאַר איהם איז געשטאַנען נאַטאַשאַ און האָט געקוקט אויף איהם מיט טרויעריגע און פאָרוואָרפספולע אויגען. און דער בליק איז איהם מיט אַמאָל פאָרגעקומען אַזוי טיעף און נייע אין איהר. אַז ער איז אויפגעשפּרונגען.

איהרע דינע ליפּען זיינען געווען צוזאַמענגעדריקט אין אַ בייזען אויס־דריק, וועלכער האָט איהר פּנים געגעבען דעמזעלבען אונפערגעסליכען אויס־דריק, וועלכען ער האָט געזעהן ביי איהר ברודער, ווען ער איז ביינאַכט געזע־סען אונטער'ן גרינעם אַבאַזשור אויף דער וועראַנדע און האָט מיט געשלאָסענע צייהן געשריבען דעם בלוט־בלבול, די מסירה אויפ'ן אידישען פאָלק.

און אין דעם נייעם און גרויזאַמען אויסדרוק פון דער טאָכטער'ס פּנים האָט זיך אַזוי ווי מיט אַמאָל איבערגעריסען די לעצטע לעבענס האָפנונג, זיין לעצ־טער טרייסט. דעם אַלטען מאַן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער שאַרפער בליק פון די צוויי שוואַרצע אויגען האָבען דורכגעדרונגען זיין נשמה, און האָבען דאָרט דערזעהן זיין לעבענס־סוד. אַ פּאַנישער שרעק האָט פערכאַפּט די נשמה און האָט אָנגעהויבען צו וואַרפען זיין קראַנק האַרץ.

אַ ווייַלע איז ער געשטאַנען פאַר זיין אייגענער טאָכטער ווי אַ צוטומעל־טער פערברעכער. באַלד האָט ער אָבער בעמערקט אויף זיך זיין גענעראַלסקען פּאַראַדנעם מונדיר מיט די צלמים, מיט וועלכען ער איז אין שטעדטעל געגאַנגען. און אַזוי ווי דער מונדיר און די צלמים וואָלטען געווען דער סימבאָל פון זיין פאַרברעכען, האָט ער זיך מיט ציטערענדע הענד געכאַפּט אָבצושפּיעלען די צלמים און האָט ניט געקענט.

די פאַרשוועכטע צלמים

— איוואַן ! איוואַן ! — האָט ער אַ רוף געטהאָן דעם לאַקיי.

און זיין רוף האָט זיך אָבגערופען אונטער דער וועראַנדע און אין פּאַרק מיט אַזאַ פערצווייפעלטען קלאַנג, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געפונען אין דער גרעסטער געפאַהר.

איוואַן איז האַסטיג געקומען צו לויפען אויפ'ן פערצווייפעלטען רוף פון זיין האַר.

— נעהם אַראָב אָט די גאַנצע טשעפּוכאַ ! — האָט ער שטרענג בעפוילען דעם דיענער, אָנווייזענדיג אויף זיין ברוסט.

— באַרין ! גאָט איז מיט אייך... דאָס זיינען הייליגע צלמים... דעם צאַר'ס גנאַד — האָט געוואַגט צו בעמערקען דערזעלבער לאַקיי ניט ווייניגער איבערגעשראָקען פון דער גאָטעסלעסטערענדער בעמערקונג פון זיין האַרר ווי פון די קלעפּ איבער'ן קאָפּ מיט'ן שטיוועל אין דעם פריהמאָרגען, ווען עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז דער אַלטער גענעראַל איז פון זינען אַראָב.

— וואָס ? אַה, דו כאַם ! — האָט אַ ברום געטהאָן דער גענעראַל ווי אַ פערוואונדעטער לייב און האָט אין ווילדען וואוטה אָבגעריסען פון זיך די צלמים מיט די מעדאַלען, אַ שטיק נאָך אַ שטיק און גענומען זיי שליידערען דעם לאַקיי אין פּנים אריין.

— נאַ טעביע ! נאַ טעביע ! (נאַ דיר ! נאַ דיר !)

אַ טויט־בלייכער און אַ פערלעצטער אין זיינע הייליגסטע געפיהלען, האָט

איוואן זיך גענומען צלמ'ען, קלייבען די פערשוועכטע און הייליגע זאכען און זיי קושען.

— אָה, וואָס פאַר א זינד !... ווי קען מען, באַרישניא ? — האָט ער זיך געווענדעט צו נאַטאַשאַ'ן — הייליגער יעזוס... ז'י מיר מוחל, צאַריצאַ ניעבעס־נאַיאַ ! (די מלכה פון הימעל) — האָט אַזוי וויי פון וועהטאַג געקרעכצט דער פרומער לאַקיי און האָט זיך צוכליפּעט.

— וואָן ! וואָן ! — האָט געשריען אויף איהם דער גענעראַל א בלויער פון כעס און אויפרעגונג.

— ווי איהר ווילט, באַרין ! איך קען געהן... אָבער א זינד איז דאָס... אַה, א גרויסע זינד.

און א געבויגענער אונטער דער לאַסט פון דער גרויסער זינד איז ער אַנטלאָפען אין די פּאָקאָיעס.

און נאַטאַשאַ האָט די גאַנצע סצענע צוגעקוקט א שטומע און בעוועגלאָזע, מיט אַן אומהיימליכען בייזען פלאַם אין איהרע צוויי שוואַרצע אידישע אויגען...

און אַז דער לאַקיי איז אַוועקגעגאַנגען האָט זי זיך שטום, אָהן א באַמער־קונג אויסגעדרעהט צום פאָטער מיט די פּלייצעס, איז קאַלטבלוטיג אַרונטער־געגאַנגען די וועראַנדע, האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף א מאַרמאָרענער באַנק אין געדיכטען שאָטען פון א צווייגרייכען קאַשטאַנען־בוים און האָט זיך רוהיג פערטיעפט אין איהר בוך...

איהר שטומעס און רוהיגען בענעהמען איז פאַרגעקומען דעם פאָטער נאָך דראָהענדער און האָט איהם נאָך מעהר געשראָקען... ער האָט גענומען שפּאַנען הין און צוריק איבער דער וועראַנדאַ, האָט אָבער לאַנג ניט געקאָנט קומען צו זיך און בעהערשען זיין אונרוה און זיין אויפרעגונג און איז באַלד ווידער אויס־געוואַקסען פאַר נאַטאַשאַ'ן.

— וואָס פאַר א בוך לעזטו עס ? — האָט ער זי געפרעגט שטרענג.

— דעם תלמוד אין פראַנצויזישער איבערזעצונג — האָט איהם רוהיג גע־ענטפערט די טאָכטער, און ווידער אויף איהם אויפגעהויבען דיזעלבע געהיימ־ניספולע און זוכענדע בליקען, וועלכע האָבען איהם פריהער אויפגעוועקט פון שלאָף.

דער פאָטער האָט דעם פרעמדען קוק פון דער טאָכטער ניט אויסגעהאַל־טען און האָט אַרונטערגעלאָזט זיינע אויגען.

א שוידער פון א געכאַפּטען גנב איז דורכגעלאָפען איבער זיין קערפּער.

— האָט זי זיך בעלײדיגט פאַר די פערשוועכטע צלמים ? — האָט זיך גע־פרעגט דער גענעראַל, מיט א געפיהל פון א פּיינליכער חרטה. — איך הייס דיר ניט לייענען זייער תלמוד ! הערסט ? — האָט ער זיך פּלוצים אויף איהר צו־שריען נאָך א לאַנגער און שווערער פּויזע. ער איז געווען זיכער, אַז איצט גלויבט זי שוין אויך אין בלוט־בלבול און זוכט זיינע שפּורען אין תלמוד.

אַן ארויסרופענדער און בייזער שמייכעל האָט זיך אָנגעצונדען אין איהרע פינקעלדיגע און נייגעריגע אויגען

— זייט ווען האַסטו אָנגעהויבען קאָנטראָלירען מיין לעזע־שטאָף? דו פלעגסט עס פריהער, ווען איך בין געווען יונגער קיין מאָל ניט טהאָן — האָט זי בעמערקט מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען.

— זייער תלמוד איז אַ טשעפּוכאַ! זעהסטו, די ביבעל איז פאַר אונז קריסטען אויך היילינ... אָבער דער תלמוד... — האָט כמעט געשטאַמעלט דער פאָטער. אין גרעסטער פערלעגענהייט האָט ער זיך שנעל און מיליטעריש צו איהר אויסגעדרעהט און האָט זיך געלאָזט געהן אין פּאַרק אריין, אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפען פון דער טאָכטער און פון איהרע פרעמדע און פאַר־שענדע בליקען און אונערוואַרטעטע פראַגען, פון זיין גאַנצען לעבענס־פּלאַנטער.

נאַטאַשא האָט איהם נאָכגעקוקט און נאָכגעשריען:

— פון דעסטוועגען וואָלט דיר ניט קאַליע געמאַכט, אַז דו זאָלסט זיין אַביסעל פאַרזיכטיגער מיט דיינע לאַקייען. די געשיכטע וועט נאָך היינט פער׳־מסר׳ט ווערען קיין פּעטערבורג.

דער פאָטער האָט זיך שנעל אויסגעדרעהט, אזוי ווי ער וואָלט געקראָגען אַ קויל אין רוקען אריין.

— וואָס? מיינע דיענער שפּיאָנירען מיך נאָך... אין מיין אייגען הויז?

— יאָ! — האָט איהם שטרענג און בייז, כמעט מיט אַ נקמה טאָן, געענט־פערט נאַטאַשא.

דער גענעראַל האָט זיך געלאָזט לויפען צוריק.

— ווי אַ הונד וועל איך איהם דערשיסען! — האָט ווידער אין ווילדען וואוטה געשריען דער אַלטער מאַן.

נאַטאַשא איז אויפגעשפּרונגען און האָט איהם פערשטעלט דעם וועג מיט איהר קליינעם און קינדישען קערפּער, היפּנאָטיזירענדיג איהם אָבער מיט די אויגען ווי אַ בייזע לייבען־צוימערין.

— דו וועסט אויפהערען, צי ניין? גאָט מיינער! פאַר וואָס קומט עס מיר? — און זי האָט זיך גענומען פערצווייפעלט ברעכען די הענד.

איהר פערצווייפעלטער וועה־געשריי האָט איהם צוריסען דאָס הארץ. ער האָט געוואָלט זי אַרומנעהמען און זי צודריקען צו זיין קראַנקער און פערמוטשע־טער ברוסט. דער געדאַנק אָבער, אַז זי לייענט דעם תלמוד, אַז איהרע אונ־רוהיגע אידישע אויגען, איהר מוח זוכען און טאַפּען עפּעס דאָרט אָן אין אָב־גרונד פון זיין לעבען; דער שווידערענדער פּחד, ווי עס קען זיין, אַז זי ווייסט שוין אַלעס און האָסט איהם שוין מיט אַ פאַטאַלאָגישען האס ווי די גאַנצע פאַ־מיליע האָסט דעם זשיד. דער געדאַנק האָט פערקיהלט דאָס בלוט אין זיינע אָדערען, פער׳חלוש׳ט דאָס הארץ און האָט איהם געמאַכט בעוועגלאָז.

סעריאָזשע קומט נאָך אַמאָל

ביינאַכט איז געקומען פון מאָסקווע דער רויטער קאַדעט סעריאָזשע. ווען נאַטאַשא איז אין דער פריה אַרויסגעגאַנגען צו טהעע אויף דער וועראַנדע, איז ער פאַר איהר אויסגעוואַקסען ווי אַ שטומער רויטער טייפעל פון תהום, מיט אַ יאַגד־ביקס אין דער האַנד. גאַנץ פריה האָט ער שוין געהאַלטען אַ פריש־דערשאָסענע ווילדע קאַטשקע ביי די פיס און זיינע פינגער זיינען גע־

ווען אויסגעשמירט אין איהר טריפענדעס און נאָך ווארעמעס בלוט.

ווי אַ רויטער גזלן איז ער געשטאַנען פאַר איהר און האָט צו איהר אויס־געשטרעקט זיין האַריגע עשו־האַנד מיט׳ן רויב אַלס אַ מתנה.

— זדראַווסטוואוי, שוועסטעריל! דאָס איז פאַר דיר און פאַר׳ן פּאַפּאַשאַ צום ווארעמעס — האָט געשטאַמעלט סעריאָזשע און האָט געקרומט זיין קליי־נעם פּנים מיט אַ קרומען און אומרוהיגען שמייכעל.

נאַטאַשאַ האָט איהם לאַנג אַנגעקוקט, אַזוי ווי פאַר איהר וואָלט געשטאַ־נען אַ שרעקליך געשטאַלט פון יענער וועלט.

— אַנטלויף, און דאָס באַלד! הערסט? אַז דער פּאַפּאַשאַ וועט דיך, מערדער, דערזעהן, וועט ער דיך דערשיסען! — האָט זי צו איהם געזאָגט מיט אַ פערכאַפּטען אָטהעם.

סעריאָזשע האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ ווי אַ פערברעכער.

— שנעל, שנעל זאָלסטו פערשווינדען פון טאַטען׳ס אויגען! הערסט?

— האָט איהם געאיילט די שוועסטער, אַ ציטערענדע ווי פאַר אַ געפאַהר.

דער קאַדעט האָט זיך אויסגעדרעהט ווי אַ פערשטויסענער און איז פער־שוואונדען אין פּאַרק. פון דאָרט האָבען זיך אָבער באַלד אָנגעהויבען צו טראָגען זיינע שיסערייען, איין הילכענדער שאָס נאָך׳ן צווייטען, אין וועלכע ער האָט אויסגעגאָסען זיין בייזעס געמיטה. די ראָבען זיינען זיך צופלויגען פון דער שיסעריי אין אַ טויט־שרעק און האָבען זיך גענומען מחנות־ווייז טראָגען אי־בער׳ן פּאַרק אין אַ פּאַנישען טומעל.

פאַר נאַטאַשאַ׳ס אויגען איז אויסגעוואַקסען די פּאַר־אַ־יאָהריגע, אין פּאַרק דערשאָסענע אידענע, וועלכע האָט דאַן געקוקט אויף איהר מיט איהרע טויטע, אָבער מיט׳ן טויט־שרעק זיך לויכטענדע און ניט־אויסגעלאָשענע אויגען. דער איבערלעבטער גרויל האָט ווידער געקוקט אויף איהר פון פּאַרק, פון דעם אָרט, וואו די אידענע איז געלעגען 3 טאָג אונטער איהר שווארצען צודעק, און האָט זי איצט ווידער צוגעקאָוועט צו איהר אָרט, ווי אַ געשפּענסט פון יענער וועלט.

פון וויטענס, צווישען די טאָפּאָליעס פון דער אַלעע האָבען זיך אָנגעהוי־בען צו בעוויזען אידען און ווייבער אין פּאַטשיילעס, זשעסטיקולירענדע און דראָהענדע.

אַ געמישטעס געפיהל פון שרעק און צוגלייך פון האַס האָט מיט אַמאָל אַבגעבריהט איהר האַרץ. זי איז שנעל אַרויף די טרעפּ צו זיך אין צימער אריין און האָט זיך דאָרט פערשלאָסען ווי פון פיינדליכע פערפאָלגער.

דער גלח

דעם גענעראַל׳ס נעכטיגער בעזוך אין שטעדטעל האָט די אידען אויפ׳סניי נעגעבען מוטה און האָפנונגען. דער בעזוך האָט זיי נאָך אַמאָל בעוויזען, אַז דער פּאַטער איז גוגען דעם זוהן און מיט דעם שטעדטעל. די פעדים פון סימפּאַטיע און אונבעוואוסטער פערוואַנדשאַפּט, וואָס האָבען פריהער פערבונדען דאָס שטעדטעל מיט׳ן אַלטען גאָטישען שלאָס, זינט ער איז איבערגעגאַנגען אין די נייע הענט און זענען דערנאָך צוריסען געוואָרען דורך דעם אומגליק, האָבען נאָך׳ן גענעראַל׳ס נעכטיגען הארציגען וויזיט זיך צוריק צוזאַמענגעבונדען.

דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטהאָן צוריק אין הויף אריין מיט זיינע פער־ביטערטע הערצער, מיט זיין אייביגער נויט, און האָט זיך צוזעצט אויף די מראַ־מאָרנע בענק, איינציגע מיט „פּראָשעניעס" אין די הענד און האָבען געוואַרט אויף'ן גענעראַל'ס ארויסגאַנג, ווי אין די ערשטע צייטען, ווען דער מאַיאָנטעק איז איבערגעגאַנגען אין זיינע הענד. מיט דער אוידיענציע פלעגט זיך אָנהויבען יעדער טאָג פון זיין איינזאַמעם לעבען אין דעם שלאָס. די אוידיענציע פלעגט איהם געבען אַן איליוזיאָן פון מאַכט און רייכטהום. ער פלעגט זי טעג־ליך דורכפיהרען אין נאַטאַשאַ'ס בעגלייטונג מיט דער אַפּיציעלער פּאָמפּע פון אַ מיניסטער, וואָס ערשיינט פאַר דעם אויף איהם וואַרטענדען עולם מיט שטראָף און גנאָד אויף זיינע ליפּען.

די איליוזיאָן האָט דעם אַלטען מאַן אָבער פערשאַפט מעהר גייסטיגעם פערגעניגען, מעהר פרייד ווי דעם מעכטיגסטען מיניסטער און הערשער, ווייל ער האָט אויף זיינע ליפּען געהאַט פאַר די אָרימע אידען און פאַר זייערע ביטערע נויט נאָר גנאָד און הילף.

אויך איצט, אַז די געדגלענדע אידען אונטער זיינע פענסטער האָבען איהם אויפגעוועקט פון זיין שפּעטען און מיעדען שלאָף, וועלכער פלעגט זיך ביי איהם אָנהויבען ערשט מיט'ן זונען־אויפגאַנג, נאָך אַ שלאָפלאָזער, געפּלאָגטער נאַכט, און ער האָט דערזעהן פון פענסטער דעם לאַנגען בעל־עגלה, וועלכער האָט איבער בעריל'ס אַרעסט ניט בעקומען דאָס געהאַלט פאַר די יתומים: משה'קע דעם קצב, מיט די ווייסע פלעקען אין זיין שוואַרצער באָרד, וועמעס ביקלעך און טעלעצעס פלעגען שטענדיג פערלויפען אין גענעראַל'ס פעלדער און פערנומען ווערען פון דער עקאָנאָמיע; המן דעם מעקלער און די אַלע גוט־בעקאַנטע גע־שטאַלטען פון זיינע פריהעריגע אוידיענצען, האָט דער גענעראַל זיך גענומען שנעל אָנטהאָן, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז די אידען זאָלען ניט ווערען אונגעדולדיג, זאָלען זיך ניט צוגעהען און ער זאָל ניט פערזאַמען.

דער עולם האָט זיך אָבער ניט געאיילט. האָט זיך געמיטליך צוזעצט ווער אויף די טרעפּ פון דער ווערענדע און ווער אויף'ן גראָז. איינער האָט דערצעהלט דעם צווייטען זיין ביטער הארץ און זיין נויט. די פרויען פון די אַרעסטירטע האָבען געבראָכען די הענד, געקרעכצט, געוויינט און אויסגעהערט דעם בעל־עגלה'ס טרייסט, אַז דער גענעראַל וועט אַלעמען בעפרייען.

נאָר המן דער מעקלער איז זיך געשטאַנען פון ווייטענס. אונטערגעשפּאַרט אָן אַ בוים, האָט ער געדרייכערט אַ דין פּאַפּיראָסעל נאָך אַ פּאַפּיראָסעל און האָט מיט פעראַכטונג געשפּיגען אָן אַ זייט; געשפּיגען אויף די קרעכצען פון די ביטערע הערצער און אויף'ן בעל־עגלה'ס טרייסט, גלאָצענדיג אויף איהם מיט אַ בייזער פרייד פון זיינע גרינע קעצישע אויגען.

פון דער צווייטער זייט פּאַרק, מיט דער סטעזשקע, וואָס האָט געפיהרט אין דאָרף אריין, איז אָנגעקומען דער גלח. אַז ער האָט דערזעהן פאַר זיך די אידען און אידענעס געדגלענדע און אין געמיטליכע און אונגעצוואונגענע פאַ־זעס, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען אויף'ן מאַרק אָדער אין שוהל און ניט פאַר'ן פּאַלאַץ פון אַ פּראַוואָסלאַוונעם גענעראַל־אַדיוטאַנט, איז ער געבליבען שטעהן אָן איינגעגראָבענער. זיין רויטער און פערשוויצטער פנים איז געוואָרען מיט

אמאָל בלוי פון כעס און בעליידיגונג. זיין גרויסער מעשענער צלם האָט אַ ציטער געטהאָן אויף זיין מעכטיגער ברוסט.

דאָס געראַנגל פון די אידען האָט זיך מיט אַמאָל איבערגעריסען. אייניגע זיינען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער.

— אָה, אָה, גאַנץ קהל! — האָט ער אַ ריטשע געטהאָן מיט זיין הייזעריגער שטימע, ווי אַ געקוילעטער אָקס — פריהער קוילעט איהר, פּיאַווקעס, אַ קריסט־ליך קינד און דערנאָך זוכט איהר פּראָטעקציעס? דער צאַר אַליין וועט אייך אָבער דאָ שוין ניט העלפען — האָט זיי געדראָהט דער כומר מיט אַ האָריגען קולאַק און טרייסלענדיג דערביי מיט זיין געדיכטער פּערדישער גריווע.

— גאָט וועט ניט בעליידיגען און אַ חזיר וועט ניט אויפעסען — האָט אויף איהם באַלד אויסגעשאָסען דאָס רוסישע ווערטעל אַ בחור מיט אַ בלויע פּענסנע אויף זיין האַרבאַטער נאָז — דער אַרעסטירטען שוחט'ס זוהן — אַן עקסטערניק און דער צווייטער משכיל פון שטעדטעל נאָך'ן לעהרער פון דער תלמוד תורה.

די ווייבער מיט די אידען זענען פּאַרציטערט געוואָרען פון בחור'ס ווער־טער. דער גלח האָט אין דעם בלוט־בלבול געשפּיעלט די ערשטע פידעל און איז געוואָרען די שרעק פאַר'ן גאַנצען שטעדטעל. אויפגעציטערט האָט פון דער בע־ליידיגונג אויך דער גלח אַליין.

— וואָס? איך חזיר? — האָט אַ ריטשע געטהאָן דער כומר ווי אַ בער.

— נו, זיינען דען די אידען ניט ווערטה וואָס עס קומט אויף זיי? — האָט זיך אויפגעכאַפּט המן דער מעקלער ווי אַ בייזער ווינט — וואָס הערסטו, באַטיושקאָ, וואָס אַ לאַפּאַצאַן וועט פּלוידערען! זדראַוזסטוואַיטע, באַטיוש־קאַ! — און דער מעקלער האָט זיך צו איהם צוגערוקט און איהם דערלאַנגט די האַנד מעשה גוט־ברודערשאַפט.

— פּאַשאָל וואָן, זשיד פּאַרכאַטע! — האָט זיך אויף איהם צושריען דער גלח — ווער בין איך דיר? אַ חבר, וואָס שטופּסט מיר דיין זשידאָווסקי פּער־פּלוכטע לאַפּע? וואַרט! איך וועל אייך, זשידעס, ווייזען... קיין סיביר וועט איהר ביי מיר געהן!... — האָט געדראָהט דער הייזעריגער און בלוי־רויטער פון כעס און בעליידיגונג גלח, האָט שטאַלץ צוזאַמענגענומען אויף דער ברוסט זיין גלח'שע קאַפּאָטע, און איז אַוועק אין פּאַרק אַריין.

דער עולם האָט איהם בעגלייט מיט שטומע און אנגסטליכע בליקען, נאָר דער עקסטערניק מיט דער פּענסנע האָט געקוואָלען פון זיין חכמה און פון המן'ס פערלעגענהייט.

— אַ חשוב ביים כומר! כאַ־כאַ־כאַ... — האָט הילכיג געלאַכט דער משכיל און זיך געהאַלטען ביי די זייטען.

דער עולם האָט זיך גענומען איהם מוסר'ן. המן דער מעקלער איז דערווייל געקומען צו זיך פון „קאָנפיוז" און האָט אויך אָנגעהויבען זיך פיינדליך צו רו־קען אויף בחור און זיך מיט איהר זידלען.

באַלד איז געקומען צוריק דער גלח אין דער בעגלייטונג פון דער גענע־ראַלשע אַליין.

— איהר זעהט? — האָט ער איהר אָנגעוויזען מיט אַ פּאַטעטישער האַנד־בעוועגונג אויף דער מחנה אידען און ווייבער.

— צאַריצא ניעבעסנאַיאַ! — האָט אויסגעשריען מיט אַ פּליעסק אין די הענד די גענעראַלשע און האָט זיך איבערגעצלם'ט, אַזוי ווי זי וואָלט פאַר זיך דערזעהען ניט קיין מענשען, נאָר שדים. — פעטרושאַ! פעטרושאַ! — האָט זי אָנגעהויבען שרייען איבער'ן גאַנצען פאַרק און רופען דעם גערטנער פעטרושאַ.

די אידען און די ווייבער האָבען דערוויילע אָנגעהויבען זיך צוזאַמענרוקען און צוזאַמענפּרעסען, ווי אַ סטאַדע פון איבערגעשראָקענע שאָף.

פעטרושאַ איז האַסטיג געקומען צו לויפען פון דער אַראַנזשערעיע, שלעפּענדיג מיט זיך די לאַנגע, גומענע קישקע, מיט וועלכער ער האָט בעגאָסען דאָרט די וואַזאָנעס זיינע מיט די בלומען.

— וואָרום לאָזטו זיי אריין? — וויפיעל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז זייער „דוך" זאָל זיך דאָ ניט געפינען! — איז זי בעפאַלען דעם וועכטער ווי אַ בייזער הונד.

— וואָס זאָל איך טהאָן, באַריניאַ? איך טרייב זיי ווי די חזירים... און דער באַרין באַלעוועט זיי...

— וואָן! וואָן פון דאַנען, זשידעס פערפלוכטע! — האָט זיך פעטרושאַ גענומען טרייבען דעם עולם.

— אין שטעדטעל געהט! דאָרט איז אייער אָרט און ניט דאָ! — האָט געשריען די גענעראַלשע אַ ציטערענדע פון עקעל, אַזוי ווי די אידען וואָלטען מיט זייערע טריט, מיט זייער אָטהעם פעראונרייניגט דעם פאַרק מיט דער לופט.

— מיט דער קישקע, מיט דער קישקע בעגיס זיי! — האָט גע'עצה'ט דער גלח און פעטרושאַ האָט איהם געפאָלגט, האָט שנעל אָנגעשטעלט די קישקע און געלאָזט אויף'ן עולם אַ בליאַסקענדען שטראָם וואַסער.

— גוט! גוט אַזוי! — האָט פאָדטאַקעוועט המן דער מעקלער מיט אַ בייזער פרייד, שטעהענדיג אַליין פון ווייטענס אין אַ זייט פון שפּריץ.

די אידען האָבען זיך אָנגעהויבען שטום און בעליידיגט אָבצורוקען. די ווייבער אָבער האָבען זיך צוקוויטשעט.

— גיס, גיס!... נישקשה, זאָל ער גיסען... גאָט וועט איהם בעצאָהלען — האָט זיך געטרייסט איין אידענע, זיך בויגענדיג דערביי פון שפּריץ צו דער ערד.

— דאָס בלוט פון האַלז, רבונו של עולם! — האָט געוואונשען פעטרושאַ'ן אַ צווייטע אידענע, וועלכע האָט געהאַלטען אַ בויגען פּאַפּיר אין דער האַנט מיט אַ בקשה און האָט איהם געשטופּט אין בוזים אַריין, אַז ער זאָל ניט פערשפּריצט ווערען.

דער גלח האָט געהירזשעט ווי אַ פערד פון דעם פערגעניגען, וואָס דאָס בילד האָט איהם פערשאַפט.

פּלוצים אָבער האָט אָבגעהילכט אַ טרוקענער טראַסק און פעטרושאַ, וועלכער האָט געקראָגען דעם טראַסק פון בעל־עגלה, האָט זיך איבערגעקעהרט אויפ'ן גראָז מיט די פיס אַרויף און האָט זיך געכאַפּט ביי דער באַק.

— אויף מיך זאָלסטו ניט שפּריצען... איך בין אויך געווען אַ סאָלדאַט... אַ יעפרייטער מיט צוויי בענדלעך... מיין פעטער איז אַ גענעראַל... דעם קיסר'ס לייב־מעדיק, דו הינטישער זוהן! — האָט געשריען איבער איהם דער לאַנגער בעל־עגלה, גרייט איהם דורס צו זיין מיט די פיס אין לאַנגע שטיוועל.

— אך! — האָט אויסגעשריען די גענעראַלשע, ווי אַ פערוואונדעטע, אזוי ווי דעם פּאַטש פון בעל־עגלה וואָלט געקראַגען ניט פעטרושא, נאָר זי אַליין.

דער גלח האָט אויך עפּעס געוואָלט אויסשרייען, האָט זיך אָבער פער־בלינעט פון רציחה און האָט נאָר אַ ברום געטהאָן, ווי אַ געקוילעטער.

אין דער אַלעע האָט זיך בעוויזען דער פּראָקוראָר, פּאַן אַטאַ און סעריאָזשאַ. אַלע האָבען זיך אָבגעשטעלט פאַר'ן בילד, ווי איינגעגראָבענע.

פעטרושאַ האָט זיך אויפגעהויבען אַ צוטומעלטער פון אָרט און האָט זיך גענומען מיט דער האַנט ווישען דאָס בלוט, וואָס האָט ביי איהם גערונען פון די צייהן.

— אַ פּראָקוראָר ביזטו, צי ניין? וואָס שווייגסטו? — האָט זיך צו־שריען די מאַמע אויף'ן זוהן.

אַז דער פּראָקוראָר האָט פאַר זיך דערזעהן דעם צובלוטיגטען גערטנער, די צוטומעלטע אידען, וועלכע האָבען ניט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טהאָן, צי זאָלען זיי בלייבען שטעהן אָדער ענטלויפען, און האָט פערשטאַנען אַז דאָס איז דעם לאַנגען בעל־עגלה'ס ארבייט, איז ער מיט אַמאָל געוואָרען גרין פון כעס און זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעגאָסען מיט אַ פייכטקייט, וואָס איז געווען געמישט פון בלוט און גרינע גאַל.

— סעריאָזשאַ! מיט דער ביקס און איבער'ן קאָפּ! — האָט אַ ריטש געטהאָן דער פּראָקוראָר. — וואָן! — האָט ער זיך צושריען אויף די אידען און צוטופּעט מיט די פיס אין אַ וואַהנזיניגען וואוטה און מיט שוים אויף די ליפּען.

די אידען מיט'ן לאַנגען בעל־עגלה האָבען זיך אָנגעהויבען צו רוקען אונטער די קלעפּ פון קאָדעט'ס אויפגעהויבענער ביקס. דער גלח האָט זיך אָבער דערמיט ניט צופרידענגעשטעלט און האָט אונטערגעטריבען דעם קאָדעט:

— מיט פּאַראַד... מיט שראַט, ווי שפּערלינגע!

פּאַן אַטאַ'ן איז דעם גלח'ס געדאַנק אויך שטאַרק געפעלען געוואָרען, און ער האָט זיך אָבגערופען דערויף מיט אַ פערגעניגטען „כי, כי, כי".

און סעריאָזשאַ האָט געפאָלגט, האָט שנעל אויסגעדרעהט די ביקס מיט דעם מויל אויף די ענטלויפענדע אידען און ווייבער און האָט אָנגעהויבען צו שיסען אויף זיי ווי אויף שפּערלינגע.

אין אַ פּאַנישען שרעק האָבען די אידען זיך אָנגעהויבען צו וואַרפען מיט געשרייען אין אַלע זייטען.

— אידען, פאַלט צו דער ערד! פאַלט צו דער ערד! — האָט געשריען דער לאַנגער בעל־עגלה, און האָט זיך אַליין אויסגעצויגען אין דער גאַנצער לענג פון זיין גרויסען קערפּער אויף'ן גראָז.

די גאַנצע געשיכטע האָט געדויערט בלויז אַ רגע.

פון דער וועראַנדאַ איז שוין געלאָפען נאַטאַשאַ מיט אַן אונמענשליכען געשריי:

— סעריאָזשאַ! ראַזבאָיניק!

ארויסגעלאָפען איז אויך ניט טויט ניט לעבעדיג דער גענעראַל אַליין...

אז ער האָט דערזעהן פאַר זיך דעם רויטען קאַדעט, מיט דער ביקס אָנגעשפּאַרט צום אַקסעל, האָט ער זיך אַ ציה געטהאָן צוריק, ווי פאַר'ן מלאך־המות, אַזוי ווי די ביקס וואָלט געווען געציעלט אויף איהם.

אַז דער קאַדעט האָט אָבער דערזעהן דעם פאָטער, האָט ער די ביקס אַרונטערגעלאָזט.

— אָהער גיב די ביקס, ראַזבאַיניק! — און נאַטאַשאַ האָט מיט אַ שטאַרקען ריס אַרויסגעכאַפּט די ביקס פון ברודער'ס האַנט און האָט זיך אויף איהר אָנגעשפּאַרט, אַן אָטעמלאָזע און אַן ערשעפּטע פון לויפען, אַז זי זאָל ניט אומפאַלען פון איבערלעבטען שרעק און אויפרעגונג.

די אידען און די ווייבער זיינען אויפגעשפּרונגען פון דער ערד און זיינען זיך צולאָפען ווי צושראָקענע האָזען.

דער קאַדעט איז ווי פערשוואונדען, ווי פון אונטער די הענט, אַזוי ווי די ערד וואָלט איהם איינגעשלונגען.

— מיין לעבען האָבען מיר די זשידעס פערדאָרבען! — האָט זיך אָנגערופען דער פּראָקוראָר אַ ציטערענדער פון עקעל און כעס צום לייב־מעדיק, וועלכער האָט זיך דערויף צולאַכט מיט זיין עקלהאַפטען כי, כי, כי.

דער גענעראַל האָט אויפגעשווידערט פון זוהנ'ס ווערטער און האָט איהם צוגעוואָרפען אַ שנעלען און צושראָקענעם בליק...

ער האָט זיך אָבער באַלד בעוועלטיגט און זיך מוטיג אויסגעגלייכט, ווי אויף אַ פּאַראַד, ווען ער פלעגט דורכלאָזען אַ פּאָלק אין אַ צערעמאָניע מאַרש.

זיינע ביסטרע און פינקעלדיגע בליקען פון אונטער די געדיכטע און טיעף אָנגערוקטע גרויע ברעמען זיינען געפאַלען אויפ'ן גלח, וועלכער האָט איהם שטום בעגריסט מיט אַן אונזיכערער קאָפּ־בעוועגונג, אַזוי ווי ער וואָלט עס ניט געוואַגט צו טהאָן...

אַ געפיהל פון עקעל געמישט מיט האַס האָט זיך אָנגעצונדען אין גענע־ראַל'ס הארצען, אַז ער האָט פאַר זיך דערזעהן דעם פערשוויצטען און רויטען גלח, מיט אַ פּראָפיל פון אַ פערד. דאָס געפיהל האָט שנעל אַרומגעכאַפּט אַלע זיינע אברים, ווי אויסגעבראָכענע פלאַמען.

עס איז געווען אַ געפיהל פון אַן אַלטען און אונבעוואוסטען, לאַנג אָנגע־זאַמעלטען האַס צו דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע, צו וועלכער ער האָט תמיד געפיהלט אַ ווידערווילען; צו זיין גאַנצער סביבה, פאַר וועלכער ער האָט זיך תמיד געדאַרפט בעהאַלטען, שפּיעלען אַ פרעמדען, און וועלכע האָט פער־גוואַלטיגט מיט דער ראַלע זיין נשמה.

— וואָס דאַרפסטו דאָ האָבען, דו פּאָפּ איינער?... — האָט אויף איהם אַ רעווע געטהאָן דער גענעראַל מיט זיין געדיכטער באַס־שטימע, ווי ער פלעגט שרייען אויף פּאַראַדען.

דער פּאָפּ האָט מיט אַמאָל פערלאָרען דאָס גאַנצע בלוט פון זיין רויטען פּנים, וועלכער האָט זיך פּלוצים פערוואַנדעלט אין אַש־קאָליר.

די גענעראַלשע האָט שנעל אָנגעהויבען צו פינטלען מיט איהרע אויגען און וואַרפען אַרום זיך שוץ־זוכענדע בליקען.

— גענעראַל! אויב איהר האָט ניט קיין רעספּעקט פאַר דער רוסישער יוסטיץ, האָט כאָטש ווענינגסטענס רעספּעקט פאַר אַ פערטרעטער פון דער

פראוואָסלאַוונער קירכע — האָט זיך געווענדעט דער זוהן צום פאָטער מיט אַ געדעמפּטער און מיט מיה בעוועלטיגטער שטימע, וועלכע האָט זיך אַזוי ווי מיט גוואַלט אַרויסגעריסען פון זיין האַלז און פון צווישען זיינע פעסט געשלאָסענע געלב־פּוילע ציינער.

און ווידער שטעהען פאָטער און זוהן פּנים אל פּנים, און אַזוי נאָהענט איינער צום צווייטען, אַז יעדער פּיהלט אויף זיין געזיכט די גלוטה פון צווייטענ׳ס אָטעם און ברויזענדען האַס.

זיי שטעהען און מעסטען זיך מיט פלאַקערענדע בליקען, ווי צוויי טויט־פיינד פאַר אַ קאַמף.

אַלע קוקען אויף זיי, פערגליווערטע און מיט פערכאַפּטע אָטהעמס. נאָר נאַטאַשאַ בליקט אויף די צוויי טויט־פיינד מיט דיזעלבע נייגעריג פיינדליכע בליקען, מיט וועלכע זי האָט נעכטען אויף דער וועראַנדאַ אויפגעוועקט דעם פאָטער פון זיין שלאָף און וועלכע זיינען איהם דאַן פאָרגעקומען אַזוי ניי־פרעמד אין איהר, און אויך דראָהענד.

— אַ פערטרעטער פון אַ פראַוואָסלאַוונער קירכע?... שעהם זיך, פּאַפּ! — האָט זיך צו איהם אויסגעדרעהט דער גענעראַל — אַזאַ פערטרע־טער, ווי דו, שענדעט די פראַוואָסלאַוונע קירכע...

דאָס בלוט האָט צוריק פערפאַרבט דעם גלח׳ס פּנים.

— איך קאָן דאָך ניט גלייכגילטיג צוקוקען ווי זשידעס קוילענען אַ פראַוואָסלאַוונעם איינגעל פאַר זייערע צוועקען.

— וורויאָש (דו לייגסט), פּאַפּ! איך וויים וועד עס האָט געקוילעט, און איך וויים וואָס פאַר אַ חלק דו האָסט גענומען אין דער עקעלהאַפטער געשיכטע...

זיינע פינגער האָבען זיך צוזאַמענגעדריקט דערביי אין אייזערנע קולאַ־קעס, מיט וועלכע ער איז געווען גרייט זיך צו וואַרפען אויף דעם גלח און איהם אויסזעצען אַלע ציינער, אויסגיסען אין די קלעפּ זיין לאַנג אָנגעזאַמעלטען צאָרן און האַס.

אַ פיבער האָט געשוידערט דעם גאַנצען קערפּער זיינעם, און אום זיך צו בעוועלטיגען האָט ער זיך שנעל אויסגעדרעהט, איז מיט יונגע טריט אַרויף אויף דער וועראַנדאַ, אַריין אין הויז אַריין, לאָזענדיג אַלעמען הינטער זיך מיט אָפענע מיילער, און האָט זיך פערשלאָסען אין קאַבינעט ווי אַ פערפאָלגטער.

דער נייער האַרצשלאַג

— קום, באַטיושקאַ, מיט אונז פרישטיקען! — האָט איינגעלאַדען די גענעראַלשע דעם גלח אויף דער וועראַנדאַ, דעם מאַן אויף צו להכעיס. און אַז דער פּאַפּ האָט זיך פּרובירט אָבזאָגען, האָט זי זיך כמעט אויף איהם צו־שריען, אַזוי אַז ער האָט געמוזט נאָכגעבען.

און אום צו ווייזען אַז זי איז נאָך בעל־הבית׳טע, האָט זי אַרויסגערופען דעם לאַקיי, האָט איהם בעפוילען צו גרייטען צום טיש און האָט זיך אַליין גענומען רוישיג פונאַנדערשטעלען די טעלער, וואָס ער האָט באַלד געבראַכט. אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן ברודער׳ס ביקס, איז נאַטאַשאַ נאָך אַלץ געשטאַנען

ווי אַ וואָך ביי דער ווערענדאַ און האָט פערפאַלגט די מיט האַס אויסגעקרימטע און פערגליווערטע פּנים'ער פון די מענשען, מיט איהרע נייגיריגע און אזוי ווי איבער זיי בייז שפּאָטענדע בליקען.

אַז די גענעראַלשע האָט אָנגעהויבען הויך צו רופען דעם קאָדעט צום פרישטיק, האָט זיך נאַטאַשאַ אָנגערופען:

— איהם זאָלסטו אהער ניט רופען, אויב זיין קאָפּ איז דיר טהייער.

— וואָס? ווער וועט איהם טשעפּען? אפשר דו?

— איך? איך שטעה מיר פון וויטענס... איהר וועט זיך אַליין, אַהז מיר, דאָ די גאָרגלען צוררייסען — האָט איהר מיט אַ גלייכגילטיגען שפּאָט געענטפערט די טאָכטער.

— פון וויטענס שטעהט זי — האָט די מוטער אַ קריץ געטהאָן אויף איהר מיט די צייהן. — פון דעם דאָקלאַד וואָס דער אַלטער נאַר האָט געשריבען, האָסטו געוואוסט!

— אויב זי האָט געוואוסט! — האָט זיך אָנגערופען דער שנעל איבער דער ווערענדאַ הין און צוריק שפּאַנענדער פּראָקוראָר — זי האָט איהם אַליין נאָך פערפּאַסט... איך דערקען איהר סטיל מיט איהר שפּראַך.

— און אַז יאָ? — האָט טראָציג אויפגעהויבען איהר קעפּעל נאַטאַשאַ.

דער ברודער האָט זיך אָבגעשטעלט און געכאַפּט איהר טראָציגען בליק.

— יאָ, טאָ וואָס! — האָט אונבעשטימט אַ זיפץ געטהאָן דער גלח.

— וואָס זשע, ער איז דיר קיין ברודער ניט? זיין קאַריערע איז דיר ניט טהייער? — האָט געשיפּעט די גענעראַלשע ווי אַ שלאַנג, וועלכער מען האָט אָנגעטראָטען אויפ'ן קאָפּ.

— אויף אָט אַזוי פּיעל אַ ניט! — האָט איהר געענטפערט נאַטאַשאַ, אָנווייזענדיג אויפ'ן נאָגעל.

— יאָ, פערלאָרען די קאַריערע — האָט אַ קרעכץ געטהאָן פּאַן אָטאַ, און איז ווי אַ צובראָכענער און פערצווייפעלטער מענש ערשעפּט געפּאַהלען אין שטוהל. — שאָדע, מיין יונגער פריינד!... אַזאַ גלענצענדע קאַריערע! — האָט מעלאַנכאָליש בעמערקט פּאַן אָטאַ, קרימענדיג דערביי די בלוטלאָזע און גלאַט-געגאָלטע ליפּען.

— ווער רעדט דאָ וועגען קאַריערע? — האָט געקרעכצט ווי אַ טיעף פערוואונדעטער דער פּראָקוראָר. — אַ שאַנדע צו ווייזען זיך אין פּעטערבורג צו שאַנדע און צו שפּאָט האָט דער אַלטער משוגע'נער געמאַכט דעם נאָמען גערשעלמאַן... איך וועל איהם אָבער אין משוגעים-הויז פערשפּאַרען! — האָט געשריען און געטופּעט דער זוהן.

— בעסער הענג איהם אויף... דעם אייגענעם טאַטען, כאַ, כאַ, כאַ — האָט זיך הויך צולאַכט נאַטאַשאַ, און פּאַן אָטאַ האָט זיך אויך דערויף אָנגערופען מיט זיין כי, כי, כי.

— מערזאַווקאַ! — האָט איהר צוגעוואָרפען די מוטער פון צווישען די צייהן, און האָט איהר געוויזען דערביי אַ קולאַק.

נאַטאַשאַ האָט זיך דראָהענד אויסגעצוויגען אויף דער ביקס.

— וואָרט! מיר וועלען זיך מיט דיר אויך ספּראַווען! — האָט איהר

געסטראַשעט די מוטער. — סעריאָזשאַ! סעריאָזשאַ! קום צום טיש — האָט זי געראָפן דעם קאַדעט פון פּאַרק. — קומט, גאָספּאַדאַ, צום טיש! — האָט זי איינגעלאַדן די געסט.

— איך וועל, מאַמאַשאַ, אין קיך עסן! — האָט זיך אָנגערופן דער קאַדעט פון הינטער אַ בוים, ניט וואַגענדיג אַרויסצוגעהן אויף דער וועראַנדאַ.

— וואָס וועט איהר מיר טהאָן? — האָט מיט אַ שפּאָטענדען טאָן געפרעגט נאַטאַשאַ דעם ברודער.

— איהר וועט שוין זעהן, מאַדמואַזעל! — האָט דער פּראָקוראָר איהר געענטפערט.

— אפשר אונטערוואַרפען פּראָקלאַמאַציעס? אָדער גאָר אַ געקוילעט קריסטליך אינגעל און מאַכען אויף מיר אַ בלוט־בלבול? כאַ, כאַ, כאַ!

— פערשטאָפּט איהר דאָס מויל, מאַמאַ! — האָט געקריצט מיט די צייהן דער פּראָקוראָר.

דער גלח האָט ווידער אַ טיעפען זיפץ געטהאָן, און פּאָן אַטאַ האָט אָנגע־הויבען איינצונעהמען נאַטאַשאַ'ן:

— באַרישניאַ, קראַסאַוויצאַ! צו וואָס?.. זייט איהר דען ניט קיין ברו־דער און שוועסטער... אַזאַ עכט־רוסישע פאַמיליע ווי די הערשעלמאַנס זיינען, כי, כי, כי... פוי, אַ שאַנדע, מיינע הערצען!

— איך שעהם מיך איצט צו טראָגען דעם נאָמען! דער נאָמען איז אַ שאַנדע! — האָט געשריען דער פּראָקוראָר, און אין זיין בייזער און ציטער־רענדער שטימע האָבען געקלונגען טרערען פון פערדרוס און וועהטאָג.

— אויב דער נאָמען גערשעלמאַן איז אַ שאַנדע, האָט איהר עס איהם הערר פּראָקוראָר צו שאַנדע געמאַכט... — האָט איהם שטיל צוגעוואָרפען די שוועסטער.

ער איז צו איהר אַרונטערגעלאָפען מיט איין שפּרונג און האָט אויפגע־הויבען זיינע קולאַקעס פאַר איהר פּנים.

דאַן האָט זי אויפגעהויבען איהר שטימע:

— יאָ, איהר האָט איהם געמאַכט צו שאַנדע... מיט אייערע שטראָף־עקספּעדיציעס אין אָרלאָווער גובערניע... מיט די צום טויט פערקאַטעוועטע פּויערים... מיט דעם בלוט־בלבול און מיט... —

די צוויי ציטערענדע קולאַקעס פאַר איהר פּנים האָבען זי אַזוי אויפ־גערייצט, אַז זי איז געווען גרייט איהם אויסצוואַוואַרפען נאָך זיין עקעל־האַפטע ליעבע מיט דער אַלטער גרעפין און זיין גאַנצעס אונגאַטירליכעס און מיאוס'עס לעבען.

דער ברודער האָט עס אָבער ניט דערלאָזט. מיט איין האַנט האָט ער אויסגעריסען די ביקס און מיט דער צווייטער איהר אַרונטערגעלאָזט אַ קלינגענדען און ווייט הילכענדען פּאַטש...

נאַטאַשאַ האָט אויסגעשריען און האָט זיך ווי אַן אונטערגעשאָסענע אָנגעהויבען אַרונטערלאָזען.

אַ מינוט איז געווען שטיל, ווי אַלע וואָלטען פּריטשמעליעט און פער־גליווערט געוואָרען פון דעם פּאַטש.

דערנאָך האָט זיך פּאָן אַטאַ אַ ריס געטהאָן פון זיין שטוהל און איז

ארונטערגעלאָפּען פון די טרעפּ.

— באַרישניאַ, קראַסאַוויצאַ! לאָזט מיך קושען אייער הענטעל — האָט זיך געוומען שפּרינגען אַרום איהר דער לייב־מעדיק, ווי אַ פּיקסעל, און קושען איהר הענטעל.

נאַטאַשאַ האָט איהר האַנט אַרויסגעריסען און איז אָבגעשפּרונגען פון איהם, ווי פון אַ מיאוס'ען שרץ.

— עס איז אַ שאַנדע! שעהמט זיך, פּראַקוראָר! אַ ן עדעלמאַן פּאַטשט ניט קיין דאַמע! — האָט ער זיך גענומען שפּרינגען פאַר'ן פּראַקוראָר און זשעסטיקולירען מיט די הענט.

— גוט אַזוי! גוט! עס קומט איהר! — האָט איהם צוגע'פּסק'ענט די מוטער.

— מערזאַוועץ! איך וועל דיך דערשיסען! — האָט געשריען פון פענסטער דער גענעראַל, ציעלענדיג אויפ'ן זוהן פון אַ גרויסען פּיסטאָלעט. איז אָבער באַלד פערשוואונדען געוואָרען פון פענסטער און איז געלאָפען מיט'ן זעלבען געשריי דורך די צימערען אויף דער וועראַנדאַ.

דער פּראַקוראָר האָט זיך גענומען אַברוקען.

— דערזשי! האַלט איהם! — האָט פון דער ווערענדע געשריען דער פאַטער צום קאַדעט, וועלכער איז אַרויסגעשפּרונגען פון צווישען די בוימער און האָט פערשטעלט דעם עלטערען ברודער דעם וועג...

— ווי ערלויבסטו זיך צו שלאָגען נאַטאַשאַ'ן? — האָט איהם געפרעגט דער קאַדעט, אָנכאַפּענדיג איהם ביי די לאַצען.

דער פּראַקוראָר האָט איהם אָבגעשטויסען מיט אַ קולאַק איבער'ן פּנים.

סעריאָזשע האָט מיט אַ שפּרונג איהם געכאַפּט פאַר'ן גאַרגעל.

— שלאָג! שלאָג! איבער דער מאָרדע! — האָט געשריען דער פאָטער, וועלכער איז געווען פעסט אַרומגענומען פון דער טאָכטער'ס קליינע הענט און פון פאַן אָטאַ'ן...

די מוטער האָט זיך מיט אַ קוויטש אַ וואָרף געטהאָן צום ליעבלינג איה־רען צו הילף.

— סעריאָזשאַ! ראַזבאַיניק! אַ ברודער! אַ פּראַקוראָר! — האָט זי געשריען, לויפענדיג צו די צוויי ברידער, און דער פּאַרק האָט זיך אָבגערופען אויף איהר גראָבער מענערשער שטימע און אויף דער גאַנצער ווילדער סצענע מיט אַ ווילדען און שפּאַטענדען ווידער־קול.

דער גלח האָט זיך גענומען שנעל צלמ'ען...

— גענעראַל! מאַן שער! אַ שאַנדע פאַר אַן עדעלמאַן! — האָט געשטאַמעלט פאַן אָטאַ, טאַנצענדיג אַרום דעם גענעראַל און ציטערענדיג, אַז דער פּיסטאָלעט, וועלכען נאַטאַשאַ האָט געוואָלט אַרויסרייסען פון פאַטער'ס הענט זאָל אויף איהם ניט אויסשיסען און דער'הרג'ענען.

— וואַן! וואַן פון מיר, אַלטער פוקס, ליגנער! פאַלשער העפלינג! — האָט געשריען אויף איהם דער גענעראַל אין ווילדען וואוטה.

געשריען האָט אויך די גענעראַלשע אויפ'ן קאַדעט, וועלכען זי האָט מיט מיה אָבגעריסען פון איהר ליעבלינג, און אויפ'ן מאַן, האָט איהם געשאָלטען און גערופען גאַטעסלעסטערער, כריסטאָפּראָדאַוועץ און זשידאָווסקי באַטקאַ.

פּאַן אַטאָ איז געלאָפֿען פֿון איין גרופּע צו דער צווייטער, געמאַכט מיט די הענט איבער׳ן פּליכעוואַטען קעפּעל, האָט אַלעמען גע׳מוסר׳ט, געשטראָפֿט, איינגענומען, ביז נאַטאַשאַ האָט מיט איהר פּערצווייפעלט־רופענדער שטימע אַלעמען איבערגעשריען און פערשטומט.

אין איהרע שוואַכע אָרעמס האָט זי געהאַלטען דעם לאַנגען קערפּער פֿון פּאָטער, וועלכער האָט פֿון אַ נייעם האַרצשלאַג אַנגעהויבען זיך ארונטער־לאָזען און ציהען צו דער ערד מיט אַ פֿערוואָרפֿענעם קאָפּ, און האָט גערופֿען צו הילף דעם דאָקטאָר פּאָן אַטאָ.

אויפ׳ן גסיסה-בעט

אַלע זיינען געווען זיכער, אַז נאָך דעם האַרצשלאַג וועט דער קראַנקער מאָן זיך שוין ניט ערהוילען, אַז זיינע שטונדען און מינוטען זיינען דערפּאָר געצעהלטע.

די איבערצייגונג האָט געהאַט פּאָן אַטאָ אַליין, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס דער חולה גופא, ווי נאָר ער איז געקומען צום בעוואוסטזיין אין זיין בעט, און נאַטאַשאַ האָבען איהם שוין מעהר צום בעט ניט צוגעלאָזט...

ביידען איז די ראָלע פֿון דעם פּראָפעסאָר, וועלכען דער צאַר אַליין האָט געשיקט, געווען גוט קלאָר. זיין געגענוואַרט האָט געבראַכט מיט זיך דאָס געפיהל פֿון גרויל און אָבשיי... נאַטאַשאַ האָט פּשוט געציטערט, אַז דער פּראָ־פעסאָר זאָל איהר דעם פּאָטער ניט פער׳סמ׳ען... דערפּאַר האָט זי באַלד איינ־געלאַדען דעם דאָקטאָר פֿון שטעדטעל, אַ טיפּישען אידען פֿון די ישיבה־בחורים מיט זייער שלעכטער רוסישער אויסשפּראַך, וואָס האָט געגרילצט און געסקריפּעט ווי אַ ניט־געשמירטער וואָגען, און מיט האַנט־בעוועגונגען פֿון אַ תלמוד׳יסט.

אַזוי ווי דער פּראָפעסאָר האָט דערזעהן ביים קראַנקענ׳ס בעט דעם זשי־דאָווסקען דאָקטאָרעל, האָט ער באַלד אָבגערופֿען נאַטאַשאַ׳ן אָן אַ זייט און האָט זיך געווענדעט צו איהר מיט אַ בעליידיגטען שטאָלץ:

— ווייסט איהר מאַדמואַזעל, אַז איך בין פּראָפעסאָר־טעראַפּעווט פּאָן אַטאָ, זיינער מאַיעסטעט׳ס לייב־מעדיק, אַ מאַן מיט אַן אייראָפּעאישען נאָמען, אַן אויטאָר פֿון בעריהמטע ווערק איבער מעדיצין און פיזיאָלאָגיע?

— עס קאָן זיין! — האָט איהם נאַטאַשאַ צוגעוואָרפֿען גלייכגילטיג.

— ניט עס קאָן זיין, עס איז אַזוי! — האָט אַ טופּע געטהאָן דאָס קליין מענשעלע און האָט אויסגעשטעלט אויף איהר אַ פּאָר צוצויגענע, מיט בעליי־דיגונג און עמפּערונג פלאַקערנדע אויגען.

— טאָ וואָס ווילט איהר פֿון מיר?

— צו וואָס האָט איהר איינגעלאַדען דעם זשיד, אַז איך, פּאָן אַטאָ, אַ גרויסע מעדיצינישע אויטאָריטעט און אייער פּאָטער׳ס יוגענד־פריינד איז דאָ דאָ?

אַ שאָטען פֿון אונגעדולד איז דורכגעלאָפֿען איבער נאַטאַשאַ׳ס פּנים און האָט אַנגעצונדען איהרע אויגען מיט אַ בייזען פלאַם:

— הערט, פראפעסאר! איך וועל מיט אייך זיין אפענהערציג... געקומען זייט איהר אהער מיט די אבזיכטען פון א שונא און ניט פון קיין יוגענד־פריינד... אט דאס איז דער גרונד, וועלכער לאזט מיך ניט געברויכען אייער מעדיצינישע הילף.

נאטאשא האט זיך צו איהם גראב אויסגעדרעהט און איז צוגעגאנגען צום פאטער'ס בעט אין צווייטען עק פון א גרויסען צימער.

דער בעליידיגטער שטאלץ האט זיך אויף א ווײלע אויסגעלאשען אין פראפעסאר'ס פנים. ער האט זיך א ריס געטהאן פון ארט צו פראטעסטירען, צו פערענטפערען זיך. נאטאשא'ס בליקען און אונגעדולדיגע האנט־בעוועגונגען, וועלכע האבען איהם שטרענג אנגעוויזען אויפ'ן קראנקען אין בעט, האבען בײ איהם צוגענומען דעם מוטה.

דער פראפעסאר האט זיך א דרעה געטהאן אויפ'ן ארט, ווי א פיקסעל וואס וויל כאפען זיין אייגענעם עק, האט זיך צוריק אויסגעגלייכט אין א בעוועגונג פון א בעליידיגטען און האט פערלאזען דאס צימער.

אין קאבינעט האבען אויף איהם געווארט דער פראקוראר, דער קאדעט און די גענעראלשע, און דער פראפעסאר האט זיך גענומען פראטעסטירען פאר זײ.

— מאדאם! איך בין בעליידיגט אין אייער הויז! העכסט בעליידיגט! — האט ער ניט אויפגעהערט איבערצו'חזר'ן.

דער פראקוראר האט זיך אבער שוין ניט צוגעהערט צום פראפעסאר'ס „גאלימאטיא", ווי ער האט בײ זיך אין די געדאנקען גערופען זיינע סקוטשנע פלוידערייען, ווי אזוי ער האט אמאל געדיענט צוזאמען מיט'ן פאטער און וואס פאר איבערגעבענע פריינד זײ זיינען געווען, מעשיות וועלכע ער האט שוין געהערט פון איהם פיעל מאל און וועלכע האבען זיך סותר געווען, ווי איין ליגען דעם צווייטען.

שפאנענדיג הין און צוריק איבער'ן צימער, מיט די הענט אין די הויזען־קעשענעס, האט דער פראקוראר איצט געהאט דעמזעלבען אויסדרוק, ווי דאן בײנאכט, ווען דער פאטער האט איהם דערזעהן אויף דער ווערענדא, שרייבענדיג אונטער'ן יאפאנישען אבאזשור דעם בלוט־בלבול.

ווי דאן האט זיין פנים אויסגעזעהן ווי א פערגליווערטע ליים־געלבע מאסקע פון אן אינקוויזיטאר, וועלכער פייניגט אימיצען אין זיינע סאדיסטישע מחשבות און איז ניט געזעטיגט מיט'ן געפייניגטענ'ס ליידען און וועהטאגען. ווי דאן האט זיין קראנקער מוח געשפונען א מיאוס'ען געוועב פון האס און פערלוימדונג. איצט אבער איז דער פערלוימדעטער געווען זיין אייגענער פאטער, וועלכער האט געהאלטען בײם שטארבען...

אין דעם געוועב האט דער פאטער געדארפט פערפלאנטערט ווערען ווי א נאר, עובר־בטל'ניק און משוג'נער, וואס זאל רעכטפערטיגען זיין אויפטריט געגען דעם בלוט־בלבול; די פערפלוכטע זשידאווסקע סימפאטיעס זיינע און דעם ראפארט צום צאר.

אין דעם שפינען האט איהם געדארפט העלפען דער פראפעסאר, אלס עקספערט, און דער פאקט וואס דער פראפעסאר איז בעליידיגט און קלאגט זיך פאר דער מוטער און זשומעט דארט אין ווינקעל, ווי א מיאוס'ע און סקוטשנע

פליעג אין אַ שטילען און הייסען זומער־טאָג, האָט איהם פערשאַפט אַ בייזעם פערגעניגען. עס האָט איהם נאָר באַנג געטהאָן, וואָס דערזעלבער אַלטער אייזעל האָט איהם ניט אויסגעפּאַטשט, וועניגסטענס איבער׳ן פּליכעוואַטען, און ווי אַ נוס שפּיציגען קעפּעל...

„אַזוי איהם צוהאַלטען מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער אַזוי לאַנג שנעלען מיט די פינגער איבער׳ן נאַקעטען און געלב־שמוציגען שאַרבען, אַז ער זאָל זיך אָנגיסען מיט בלוט און ווערען רויט ווי אַ בורעק״ — האָט זיך געטראַכט שפּאַנענדיג דער סאַדיסט. און אין זיין צושפּאָלטענעם קראַנקען געדאַנק האָט ער שוין אַליין געהאַלטען דעם קליינעם פּאָן אָטאָ צווישען די פיס, ווי מען האַלט אַ פערשולדיגט און פערשטומפּט קינד, און האָט איהם געשנעלט מיט די פינגער ביז בלוט.

אַ פערפּלייצטע און געטריבענע פון דעם קראַנקען פערגעניגען, וואָס עס האָט איהם פערשאַפט דער געפּלאָגטער פּראָפעסאָר און דאָס וואָס דער אַלטער ברייז פגר׳ט דאָרט אין צווייטען צימער און אַלעס וועט זיך אויסדרעהען צוריק צו זיין גונסטען, האָט די קראַנקע פאַנטאַזיע זיינע געאַרבייט נאָך שנעלער און העלער.

אַז ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער פערפאַסונג פון פּראָפעסאָר׳ס עקספּערטיזע אין זיינע געדאַנקען, וועלכע ער האָט געזאָלט איהם דיקטירען. האָט ער זיך גענומען שפּינען אַ פּראָיעקט, ווי אַזוי צוצונעהמען ביי דער שוועסטער דעם גרויסען מאַיאָנטעק.

„טאַקע אויפ׳ן גרונד פון דער עקספּערטיזע וועט ער בעשטרייטען די אַקטען און פּאַפּירען אין געריכט... ער איז שוין לאַנג עובר־בטל... אַפילו דאַן, ווען ער האָט געקויפט דעם מאַיאָנטעק אויף איהר נאָמען... מיט דער מאַמע׳ס געלד האָט ער איהם געקויפט... און זי וועל איך קיין סיביר פערשיקען... יאָ, פערשיקען, ווי אַ רעוואָלוציאָנערקע און ניהיליסטקע״... — און מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם פון די בילדער, ווי אַזוי נאַטאַשאַ פּאָהרט אין בעגלייטונג פון צוויי זשאַנדאַרען קיין סיביר און אַזוי ווייטער, איז ער צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש, האָט אַרויסגענומען פון זיין פּאָרטפעל פּאַפּיר און האָט מיט אַ בעפעהלענדער האַנד־בעוועגונג איינגעלאַדען צום טיש דעם פּראָפעסאָר.

— זעצט זיך און שרייבט! — האָט ער כמעט אַזוי ווי בעפוילען דעם לייב־מעדיק, און יענער האָט איהם געפאָלגט.

— „15טער יולי ....19. איך, אונטערצייכענטער, לייב־מעדיק פון זיין מאַיעסטעט״ — האָט ער זיך גענומען דיקטירען די עקספּערטיזע, און דער עקספּערט האָט איהם נאָכגערעדט און געשריבען.

אַז עס איז אָבער געקומען צום אָרט, וואו דער זוהן האָט דיקטירט, אַז דער גענעראַל־אַדיוטאַנט איז ניט ביים קלאָרען פערשטאַנד, האָבען זיך, פּראָטעסטירענדיג, אויפגעהויבען פון די ערטער, אי דער עקספּערט, אי דעם משוגע׳נעמ׳ס פרוי, די גענעראַלשע.

— עס איז אַ זינד, איליושאַ... אַזוי אויף אַ פאָטער... — האָט זי בעמערקט אָהן מוטה און אונזיכער.

— אַ זינד? כי, כי, כי! עס איז מעהר פון אַ זינד... עס איז אַ פּאָדלאָג, אַ קרימינאַל, צום טייפעל! — האָט זיך צולאַכט דער פּראָפעסאָר.

— וואס? — האט א ריטשע געטהאן דער פראקוראר אויף ביידעז, און זיין ליים־געלבער און אבגעלעבטער פנים פון א דעגענעראט איז מיט אמאל געווארען גרין און זיינע אויגען האבען אנגעהויבען צו שליידערען אויף זיי בליצען.

— ניין! ווי איהר ווילט... נאר איך, מאן שער, וועל אזוינע זאכען ניט שרייבען... פארט א יוגענד־פריינד... און דערצו נאך א פאדלאג.

ער האט מיט א בעוועגונג פון פראטעסט אוועקגעווארפען די פעז, האט זיך אויפגעהויבען פון ארט און אויסגעשריען מיט א מעלאנכאלישען זיפץ.

— אך, מאדאם, ניטא די יוגענד! קאווקאז... טשערקעסקעס... דועלען... פאראיבער... און מיר שטארבען!

און א מיעדער געניץ האט אויסגעקרימט זיין מויל מיט די פוילע און עקעלהאפטע ציינער.

אויף אזא ווידערשטאנד האט זיך דער פראקוראר ניט געריכט, און זיין גאנץ שפינוועבם איז מיט אמאל צוריסען געווארען.

— פאזוואלטיע! — האט ער געעפענט ברייט דאס מויל.

פאן אטא איז אבער צוגעגאנגען צו איהם, האט איהם ארומגענומען מיט ביידע הענט ארום דער טאליע און זיך מיט ליעבשאפט צוגעדריקט צו זיין בויך.

— ניע מאגו! ניע מאגו, מיין פריינד! א קונץ שרייבען? איהר גיט מיר פאקטען! פאקטען, פאקטען דארף איך! א טאגע ביכעל עפעס... די צואה... שריפטען... קורץ, שווארץ אויף ווייס... אזוי שרייבט מען ניט! איהר זוכט נאר דארט — האט א װאונק געטהאן דער אלטער פוקס אויפ'ן אייזערנעם שראנק — אה, איהר וועט שוין געפינען! און ער איז מיט א שפרונג צו צום גלח, וועלכער האט געעפענט די טהיר און געבראכט מיט זיך א שטארקען גערוך פון דארף און דזשעגעכץ, לאזענדיג דעם פראקוראר אין אן אונבעוועגליכען און א צוגעקאוועטען צו זיין ארט פון איבערראשונג און מאכטלאזען כעס.

דער ווידוי

אז די גענעראלשע האט דערזעהן דעם גלח מיט די הייליגע מכשירים צום ודוי האט זי פארקלעמט ביים הארצען און זי האט זיך צעוויינט, צום ערשטען מאל, אזוי ווי זי וואלט ערשט רעאליזירט, אז דער מאן, וואס ליעגט דארט אין צווייטען צימער אויפ'ן קראנקען בעט, האלט ביים שטארבען.

און אז דער זוהן האט אויף איהר אנגעשטעלט זיינע בייזע אינקוויזיטא־רישע אויגען האט זי, טרייסלענדיג זיך מיט'ן גאנצען פעטען און גראבען קער־פער איהרען, געבליפעט:

— וואס־זשע, ער איז מיר ניט קיין מאן? ווי עס איז... אבער געלעבט האבען מיר צוזאמען... קינדער געהאט... אה, באטיושקא, פערמוטשעט האבען מיר איהם... מיר זיינען אליין שולדיג און א שווערע זינד אויף דער נשמה גענומען... א מענש איז ער געווען א גוטער, א זינד צו לייקענען... ניט קוקענדיג וואס ער פלעגט זיך אפט בייזערען און „טשודאטשען" — האט זיך געקלאגט

די גענעראלשע פאר'ן גלח און האט זיך נאך העכער צעוויינט פון חרטה און הארץ־קלעמעניש.

דער גלח האט דערויף טיף געזיפצט און געענטפערט מיט זיין אונבעשטימטען: „יא טאוואס"...

פאן אטא האט זיך צוגעזעצט אויפ'ן דיוואן, האט מעלאנכאליש צוזאמענגעדרעהט זיין קליינע פיגור און איז טרויעריג פערשטומט געווארען. דער מלאך פון טויט האט אויך דעם אלטען הויפלינג פערטשעפעט מיט זיין פליגעל, איבערגעשראקען און אויף א ווײלע פארטריבען פון קאפ אלע זיינע פאסקודנע געדאנקען און טייוועלשע פלענער.

דער פראקוראר איז שוין איצט געשטאנען פאר איהם דארט ביים טיש ווי א גרויזאמער און מיאוס'ער טייוועל, וועלכען ער וואלט איצט שוין געדראפעט מיט זיינע נעגעל.

און אזוי זיינען אלע לאנג געבליבען שטום און אונבעוועגליך ווי שוין אין געגענווארט פון א מת. אפילו ביים זוהן אליין האט זיך דער שפון אין מח אויף א ווײלע אבגעשטעלט אין זיין ארבייט און האט אויפגעהערט צו שפינען זיין שפינעביץ. די בייזע און גיפטיגע גאל זיינע האט זיך אויף א ווײלע אויפגעהערט צו קאכען, די מיט האס פארשארפטע געזיכטסציגע זיינען געווארען ווייכער און מענשליכער. ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט זיך אנגעשפארט אויף די עלענבויגענס און זיך פערקוקט אויפ'ן פארק.

די טהיר האט זיך געעפענט מיט א שטילען און פארזיכטיגען סקריפ און דער קאדעט האט אריינגעשטעקט זיין רויטען און פלאכען קאפ מיט קורצע, שיטערע און הארטע האר פון א חזיר, געכאפט ארום זיך אן ענגסטליכען און אונזיכערען בליק און איז אויף די שפיץ־פינגער צוגעגאנגען צו דער מוטער און זיך אוועקגעזעצט לעבען איהר שטיל און פארזיכטיג.

די זון האט שוין אנגעהויבען צו פארגעהען און אבענד־שאטענס האבען שוין אנגעהויבען צו הילען דעם פארק און שטיל זיך גליטשען דורך די פענסטער, ציטערענדע און ווארטענדע. די לעצטע זונען־שטראהלען זיינען אריבערגעשפרונגען איבער'ן פראקוראר'ס אויסגעקראכענעם קאפ ביים פענסטער און זיך גענומען שפיעלען מיט'ן גאלד פון'ם גלח'ס קלויסטער־בגד, וועלכער האט ארויסגעקוקט און געשימערט פון אונטער זיין צושפיליעטער פארוסינענער קאפאטע.

אריינגעהן צום קראנקען און מיט איהם זאגען וידוי האט מען נאך ניט געקענט. די גאנצע מאכט און אפיטרופסות איבער דער סיטואציאן האט גענומען אין איהרע הענד די קליינע, אבער מעכטיגע נאטאשא, פאר וועלכער עס האט אלעס איצט געציטערט, בעזאנדערס די קאצאפקע, איהר מוטער אליין.

און נאטאשא איז ניט אבגעגאנגען פון פאטער'ס בעט און איצט איז זי דארט געזעסען מיט צוויי זשידעס, מיט'ן דאקטאר און מיט א פעלדשער פון שטעדטעל.

דער גענדאנק אליין איז געווען אונערטרעגליך פאר די פראוואסלאווגע מענשען און האט טיף פארלעצט זייערע רעליגיעזע געפיהלען. אום צו זאגען ווידוי מיט'ן שטארבענדען האט מען בעדארפט האבען איהר ערלויבניש און צונעהמען די זשידעס פון צימער.

נאטאשא איז אָבער לאַנג ניט ארויסגעגאַנגען, ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס זי האָט דעם גאַנצען טאָג נאָך אין איהר מויל ניט געהאַט, און אַלע זיינע גע־זעסען שטומע און ווארטענדע, ווי פּעראַורטיילטע. ענדליך איז זי ערשינען מיט פערוויינטע אויגען, בעגלייטענדיג דעם דאָקטאָר.

די מוטער איז אויפגעשפּרונגען פון איהר אָרט און האָט זיך איהר געוואָר־פען אויף'ן האַלז מיט אַ געוויין. פּאַן אָטאָ איז ווי אַ הונטעל אראָבגעשפּרונגען פון דיוואן און האָט זיך אַ לאָז געטהאָן צום אידישען קאָלעגע איהם אויספּרע־גען, ער האָט זיך אָבער אין מיטען וועג דערמאָנט אַן זיין ווירדע פון אַ לייב־מעדיק און פּראָפעסאָר, האָט זיך שטאָלץ אויסגעגלייכט און זיך אומגעקעהרט צוריק אויף זיין אָרט.

דער דאָקטאָר איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער, אַ פערלעגענער און צושראָקענער, ווי אַ מאַן, וועלכער האָט פערבלאָנדזשעט אין אַ פרעמדער און פיינדליכער סביבה און וועלכער ווייסט ניט וואוהין צו געהן.

נאטאשא האָט עס באַלד בעמערקט, האָט זיך בעפרייט פון דער מוטער'ס ארעמס מיט אַן אונגעדולדיגער בעוועגונג און האָט ארויסגעפיהרט דעם דאָק־טאָר, ווי מען פיהרט דורך אַ מענשען דורך בייזע און געפעהרליכע הינד.

דאַן האָט זיך דער פּראָקוראָר ערשט אויסגעדרעהט פון פענסטער.

— געהט, באַטיושקאַ, און איספּאָוועדעוועט איהם — האָט זיך געווענדעט צום גלח דער פּראָקוראָר מיט אַ שטרענגען און בעפעהלענדען טאָן. — זאָל ער וועניגסטענס שטאַרבען ווי אַ קריסט און ווי אַ פּראַוואָסלאַוונער.

דער גלח האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט.

— איך... טאַוואָס... איך בין גרייט — און ער האָט שנעל פון זיך אראָב־געוואָרפען די אויבערשטע קאַפּאָטע און איז געבליבען שטעהן אין גאָלדענעם העמד, פון וועלכען עס האָבען ארויסגעשטעקט אַ פּאָאר שווערע און פערשטויב־טע שטיוועל.

ער האָט אַ טיעפען זיפץ געטהאָן און האָט זיך גענומען צוגרייטען זיינע הייליגע מכשירים. ער האָט אָנגעצונדען דאָס ווייהרויך־געפעס און אַ שאַרפער טשאַד פון בשמים האָט זיך צוטראָגען איבער'ן צימער. אַ צוגעגרייטער האָט ער געוואָרפען אַ וואַרטענדען בליק אויף'ן פּראָקוראָר.

— געהט מיט'ן באַטיושקאַ, מאַמאַשאַ ! — האָט בעפוילען דער זוהן צו דער מוטער.

די גענעראַלשע האָט הויך אויסגעשנייצט איהר קלייעבדיגע, ווי אַ ציבע־לע, נאָז און האָט זיך געלאָזט געהן אין בעגלייטונג פון גלח אין צווייטען צימער, וואו דער קראַנקער איז געלעגען.

באַלד האָט זיך פון דאָרט ארויסגערוקט דורך דער האַלב־אָפענער טהיר מיט איין זייט דער פעלדשער און, מורא האָבענדיג זיך ארומצוקוקען, איז ער שנעל ווי אַ גנב אויף די שפּיץ־פינגער ארוים פון צימער, אָנבייגענדיג דעם קאָפּ ווי פאר אַ שפּרונג, אָדער אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו כאַפּען מיט אַן האַק איבער'ן האַלז־און־נאַקען.

* * *

דער גענעראַל איז געלעגען ביים אָפענעם פענסטער מיט האַלב־צוגעמאַכ־טע אויגען. אַ שטיל און פריש ווינטעל האָט געשאָקעלט די צווייגען פון אַן אַל־

טען קאַשטאַנען־בוים און זיי האָבען זיך געשאָקעלט פאַר׳ן פענסטער ווי אין אַ שטילער און פאַרקלערטער תפילה. און פון הינטער די מיעדע, האַלב־צוגעמאַכטע וויהעם האָט דער קראַנקער פערפאָלגט די לייכטע און גלייכע בעוועגונגען פון די צווייגען, דעם פליה פון אַ זינגענדען קאָמאַר, וועלכער האָט זיך געדרעהט אין אָפענעם פענסטער; דעם זונען־אונטערגאַנג, וועלכער האָט שוין געצינדען זיינע לעצטע שטראַהלען און געגילט מיט זייער צושמאָלצענעם גאָלד די שפּיצען פון די הויכע הונדערט־יעהריגע טאָפּאָליעס און געפאַרבט די, איבער׳ן פּאַרק אונבעוועגליך־הייגענדע, וואָלקענס מיט פאַנטאַסטישע זוימען פון געמישטע קאָלירען. אייניגע מיט פיאָלעט־רויט, אנדערע מיט אַ בלוי־אָרענדזש פאַרב. באָלד האָט זיך אין אייניגע ערטער דאָס בלויע אויסגעלאָשען, דאָס רויטע איז געוואָרען געדיכטער און האָט פערוואַנדעלט די וואָלקענס אין צוריסענע און פלאַקערענדע שטיקער פון צושמאָלצענעם גוס־אייזען, וועלכער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט נידעריגער און נידעריגער גרייט צו קאַפּען אויף׳ן פּאַרק מיט גרויסע פייער־פלעקען.

דאָס האַרץ איז געווען ביי איהם רוהיג און אַזוי ווי פערכאַפּט פון דעם מעלאַנכאָלישען גלאַנץ און שעהנהייט פון׳ם אָבשטאַרבענדען זומער־טאָג, וועלכער האָט געקוקט אויף איהם אין פענסטער. דער פּולס אָבער האָט זיך ביי איהם געקלאַפּט מיט לאַנגע פּויזען און אונרוהיג. דער לעבענס־שאַרפער אינסטינקט וועלכער איז אויף דער וואָך ביי קינדער און ביי זקנים, האָט איהם אָבער געזאָגט, אַז ער וועט נאָך היינט ניט שטאַרבען, אַז דער מלאך־המות איז אָבגעגאַנגען פון זיין בעט.

ער האָט געהערט ווי נאַטאַשאַ מיט׳ן דאָקטאָר זיינען אויף די שפּיץ־פינגער שטיל און פאַרזיכטיג אַרויסגעגאַנגען. ער האָט געפיהלט די אנוועזענהייט פון פעלדשער אין ווינקעל אויף אַ שטוהל, און די אנוועזענהייט האָט איהם געגעבען דאָס זיכערהייטס־געפיהל, וואָס עס גיט אַן אייגענער און געטרייער שומר. ער האָט געפיהלט ווי דער נעבעל, וועלכער האָט געהילט און געדריקט זיין בעוואוסטזיין, צורייסט זיך און צוטראָגט זיך ביסלעכווייז און די געדאַנקען זיינע הויבען אָן צו ווערען קלאָרער, ווי דער הימעל נאָך אַ שטורם. צווישען דעם צוריסענעם נעבעל האָבען זיך ווי העלע שטראַהלען בעוויזען אַלטע און גוטבעקאַנטע געשטאַלטען און ערינערונגען... די אַלטע און אייביג־פרישע יוגענדיאָהרען... און אַ וואַרימע פרייד האָט זיך צוגאָסען איבער זיין האַרץ.

ער און בערל... ווי ער קריכט אויף׳ן עפּעלבוים אין פּאַרק, ווי די עפּעל פאַלען מיט אַ קלאַפּ אויף׳ן גראָז... ער הערט דעם שווערען און איבערגעריסענעם אָטעם פון זיין חבר, וועלכער כאַפּט די עפּעל אונטער׳ן בוים... ער הערט דאָס קלאַפּען פון זיין אייגען האַרץ... דער חבר זיינער גיט פּלוצים אַ געשריי... ער שפּרינגט אַרונטער און צורייסט די פּלודערן... דער שאָדען צורייסט מיט שרעק און וועהטאָג זיין האַרץ... אַ פעסטע האַנד כאַפּט דאַן אַרום זיין האַלז ווי אַן אַייזערנער רייף... מען פיהרט איהם, און נאָך איהם דעם וויינענדען חבר... ער קוקט זיך אום און זעהט פאַר זיך זיין פון שרעק אויסגעקרימטען פנים מיט צוויי דינע פּאָה׳קעלעך און ער גיט זיך אַ ריס איהם צו פערטיידיגען... מיט אַמאָל אָבער וואַקסט בערל אויס, פערוואַנדעלט זיך אין אַ זקן מיט אַ ברייטער זילבערנער באָרד און מיט וואָנצעס, וועלכע האָבען גרינע פלעקען פון

שמעק־טאַבאַק... בערל הויבט אויף די האַנד צום הימעל, גלאָצט אויף איהם מיט בייזע אויגען ווי אַ שטראָפענדער נביא, שרעקט איהם מיט'ן בית־דין של מעלה און הייסט איהם קומען צו קבר־ישראל... אַ שווערער אומעט פון אַ גסיסה צוגיסט זיך ווי אַ צושמאָלצענער בליי איבער אַלע זיינע גלידער און בריהט אָפּ דאָס הארץ, וועלכער הויבט זיך ווידער אָן צו וואַרפען... ער וויל מאַכען אַ בעוועגונג זיך אויסצודרעהען, קען אָבער ניט, דרעהט נאָר אויס דעם קאָפּ און דערזעהט אין דער טהיר דעם רויטען פנים פון דער קאַצאַפּקע און הינטער איהר אַ ווילדע, פרעמדע און פאַטלאַטע פיגור אין אַ גאָלדענער בונדע.

די פיגור רוקט זיך אויף איהם נעהנטער און נעהנטער, ווי דער מלאך־המות. אַז ער דערהערט אָבער דעם גלח'ס הייזעריגע שטימע, דעם טוכלען גע־רוך פון זיינע פערשימעלטע קלויסטער־בגדים, פון שוויים, פון ווייהרוך און דזשעגעכץ, צינדט זיך אין איהם אָן דער אַלטער, לעבענסלאַנג אָנגעזאַמעלטער עקעל. ווידערווילען און צאָרן. אין פלאַמען פונ'ם צאָרן שפּרינגט ער אַרונטער פון בעט, כאַפּט אַ לייכטער פון דער קאָמאָדע און וואַרפט זיך אויפ'ן גלח מיט דעמזעלבען וואוטה ווי ער פלעגט זיך וואַרפען מיט'ן בלויזען שווערד אויפ'ן טערק, און שרייט ניט מיט זיינער, נאָר מיט אַ געליהענער שטימע, וועלכע ער אַליין דערקענט ניט, אַזוי פרעמד קלינגט זי אין זיינע אייגענע אויערען:

— וואָן! וואָן! פערשטונקענער פּאָפּ!

דער אייזערנער שראַנק

די ערשטע איז אַרויסגעלאָפען די גענעראַלשע און דערנאָך שוין דער גלח, אַ פערשוויצטער, אַ רויטער און אַ שרעקליכער אין זיין גרויסער צושויבערטער געשטאַלט, געקליידעט אין די קלויסטער־בגדים. ביידע האָבען אויסגעזעהן ווי די געצענדיענער, פאַר וועלכע מען האָט צושמעטערט זייער גאָט, פערשוועכט זייערע הייליגסטע געפיהלען און וועלכע לויפען פון שרעק פאַר זיין גרימצאָרן...

די גענעראַלשע איז געפאַלען אויף די קניע פאַר'ן הייליגען בילד אין ווינקעל, האָט זיך גענומען שנעל צלמ'ען, זיך שנעל בויגען און איבערבעטען דעם דערצאָרענטען גאָט, און הויפּטזעכליך וויינען, הארציג און ביטער וויינען, אויס פערצווייפעלטען רחמנות אויפ'ן גאָטס־לעסטערער, וועלכער איז איצט געווען שוין פערפאַלען אויף אייביג פון אַלע וועלטען און אָהן אַ שום תיקון.

דער גלח האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ שטוהל, ניט אַרויסלאָזענדיג די הייליגע מכשירים פון דער האַנד און האָט אַ קרעכץ געטהאָן ווי אַ געקוילעטער:

— וויגנאַל... טאַוואָס!... (אַרויסגעטריבען, ס'הייסט).

אַ בייזער און צופרידענער שמייכעל האָט בעלויכטען דעם אונבעוועגליכען פנים פון פּראָקוראָר. קיין בעסערע מתנה האָט מען איהם פון יענעם צימער ניט געקענט ברענגען.

— איהר הערט, פּראָפעסאָר? — האָט ער זיך געווענדעט צום דייטש אויפ'ן דיוואַן — גוט! ער וויל זיך ניט איספּאָוועדען (מתודה זיין), זאָל ער

פגר'ן ווי א הונד הינטער'ן פּלויט... אהן דעם זעגען פון דער קירכע — האט ער זיך געווענדעט ווי צו זיך אליין און זיך אויסגעגלייכט ווי א תליון פאר זיין קרבן.

די מוטער איז אויפגעשפרונגען מיט א וועה־געשריי :

— אילױשא ! קריסטוס איז מיט דיר ! א פאטער איז ער דיר, צי ניין ?

דערויף האט דער זוהן אויף איהר אזא קריץ געטהאן מיט די צייהן און אזא גלאנץ געטהאן מיט די אויגען, אז די ווערטער זיינען שוין פערשטיקט געווארען פון שרעק אין איהר גארגעל און האבען שוין ניט געקענט ארויסגעהן. זי האט פערדעקט דעם פּנים, איז אבגעגאנגען אין א ווינקעל און האט ווייטער געוויינט.

פאן אטא איז צום גאנצען אינצידענט געבליבען גלייכגילטיג, אזוי ווי ער וואלט עס ערווארטעט, ניט גערירט זיך פון דיוואן און מען וואלט געקענט גלויבען, אז דאס קליין און ווי א קנויל צוזאמענגעדרעהט מענשעלע, איז גאר איינגעשלאפען אויפ'ן דיוואן, ווען עס זאל זיך ניט געווען טראגען זיין דראבנע געלעכטער'ל, דאס כי־כי־כי, וועלכעס האט זיך געטראגען פון דיוואן איבער'ן צימער ווי דאס גיסען פון רעגען־וואסער אונטער א פענסטער.

אזוי זיינען אריבער עטליכע מינוטען.

— איצט קענט איהר זיך געהן, באטיושקא — האט זיך געווענדעט צום גלח דער פּראקוראר — איהר האט אייער פליכט געטהאן... איהר וועט נאר מיר מוזען איבער אלעם דעם, וואס האט פּאסירט, אויסשטעלען א צייגניס.

— איך בין גרייט... צו יעדער צייט — האט געענטפערט אונטערטעניג דער גלח, האט זיך אויפגעהויבען פון ארט און האט צונויפגעבונדען צוריק זיינע מכשירים, אנגעטהאן די אויבערשטע קאפּאטע זיינע און האט זיך לאנגזאם און אונענטשלאסען געלאזט געהן צום טיהר, זיך ארומקוקענדיג, אזוי ווי ער וואלט מורא געהאט עפּעס ניט צו פערגעסען אדער ניט צו דערטהאן ווי געהעריג.

— מאמאשא ! איך וויל אייך בעטען צו פערלאזען דאס צימער — האט ער זיך געווענדעט צו דער מוטער — איך און דער פּראפעסאר האבען דא עפּעס צו ערלעדיגען און איך בעט אייך איהר זאלט אונז ניט שטערען.

די געגעראלשע האט אנגעשטעלט אויף איהם א פּאאר איבערגעשראקענע און זיך בעטענדע אויגען.

דעם זוהן'ס בליקען האבען אבער ביי איהר צוגענומען דעם מוטה צו פּראטעסטירען און ווידערצושטעהן.

— ווי דו ווילסט, אילױשא. איך קען געהן... אבער א זינד איז דאס... איך בין דאך א ווייב... און דו ביזט א קינד... אה, א גרויסע זינד ! — און זי האט זיך נאך העכער צעוויינט און פערלאזען דעם קאבינעט.

פאן אטא איז מיט אמאל ארויסגעשפּרונגען פון דיוואן, ווי א הינטעל, וואס איז גערופען פון זיין בעל־הבית.

דער פּראקוראר איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט געשריי געטהאן : „פאליציי !” און ווי פון דער ערד ארויס איז פאר'ן פענסטער אויסגעוואקסען דער פּריסטאוו, האט צוגעלעגט די האנד צום דאשעק און האט אונטערטעניג ערקלערט : „סלושאיום, וואשע פּרעוואסכאדיטעלסטווא”.

— גנהט אַרויף אויפ׳ן צווייטען שטאָק... מיט די טרעפּ... אין דער באַרישניאַ׳ס פּאָקאָיעס... איהר וועט זי דאָרט טרעפען מיט׳ן זשיד דעם דאָקטאר פון שטעדטעל... דעם זשיד זאָלט איהר הייסען גנהן אַהיים... די באַרישניאַ זאָלט איהר אַרעסטירען אין איהר צימער און זי ניט אַרויסלאָזען ביז איך וועל אַייך ניט בעפעהלען.

— פּראָקוראָר... אַן אייגענע שוועסטער... איך פּראָטעסטיר ! — האָט זיך אויפגעכאַפּט דער פּראָפעסאָר.

— שטערט מיך ניט !—האָט אויף איהם אַ טופּע געטהאָן דער פּראָקוראָר.

דער פּריסטאַוו האָט זיך אָבער ניט גערוהרט פון אָרט.

— דו האָסט מיך פערשטאַנען ? —׳האָט אויף איהם אַ געשריי געטהאָן דער פּראָקוראָר.

— יאָ, אָבער.... — האָט אונענטשלאָסען געשטאַמעלט און געוואַקעלט דער פּריסטאַוו, האָט זיך אָבער באַלד פערכאַפּט, אונטערטעניג צוגעוואָרפען : „סלושאַיוס” און איז פונקט אַזוי שנעל פערשוואונדען פון פענסטער, ווי ער איז ערשיענען.

דאַן האָט דער פּראָקוראָר געעפענט אַ טהיר און אויף דער שוועל איז שטוב איז, אָהן אַן איינלאַדונג, ערשיענען אַ געשטופּעלטער סוביעקט מיט צוויי גלעזערנע אויגען פון אַ וואַלד־גזלן און מיט אַ פּאָר פייער־רויטע און פערדרעהטע וואָנציעס.

— עפענט דעם שראַנק ! — האָט איהם בעפעהלען דער פּראָקוראָר מיט אַ רוהיגען און כמעט גלייכגילטיגען טאָן און האָט איהם אָנגעוויזען אויפ׳ן אייזערנעם שראַנק אין ווינקעל.

דער פּאַרשוין איז צו צום שראַנק אויף די שפּיץ־פינגער, מיט פּאָרזיכטיגע און געשיקטע טריט פון אַ גנב, האָט אַרויסגענומען פון די זייטען־קעשענעס זיין געצייג און האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף דער ערד פּאַר׳ן שראַנק און זיך גענומען פּאַר זיין מלאכה.

— געניאַל ! געניאַל ! — האָט אויסגעשריען פּאָן אָטאָ, איז צוגעלאָפען צום סוביעקט און האָט זיך גענומען דרעהען אַרום שראַנק, ווי אַ טכוירעל אַרום אַ נאַסידלע מיט עופות.

און אַזוי ווי דער פּראָקוראָר און פּאָן אָטאָ זיינען געשטאַנען געבויגען איבער׳ן סוביעקט, וועלכער האָט זיך געפּאָרעט מיט׳ן שלאָס פון שראַנק, איז אין דער טהיר ערשיענען דער גענעראַל, אַ צושויבערטער מיט אַ צושפּיליעטען שלאָפראָק אָנגעטהאָן אויפ׳ן נאַכט־העמד און אויף די גאַטקעס, אַ ציטערענדער און נאָך ניט קיין אויסגעלאָשענער פון דער אויפרעגונג, וואָס דער גלח האָט איהם געבראַכט.

נאָך דער אויפרעגונג האָט ער זיך שוין ניט געקענט צוריק לעגען און בערוהיגען. דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט, אַז מיט דער אויפרעגונג וועט אויסגעלאָשען ווערען זיין לעבענס־אַטהעם, און ער האָט די אויפרעגונג אין זיך דערפּאַר גענעהרט ווי מען נעהרט דאָס פייער אונטער אַ דאַמפף־קעסעל אום ער זאָל ניט אויסגעלאָשען ווערען. און מיט איהר צוגלייך זיינען געוואַקסען זיינע קרעפּטען, די בעוועגונגס־פרייהייט פון זיינע אָבגעשוואַכטע מוסקעלען אין די הענד און אין די פיס.

דאָס האָט איהם געטריבען עפּעס צו טהאָן, עפּעס צו אונטערנעהמען. כאָטש ער האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טהאָן און וואָס ער זאָל אונ־טערנעהמען. ער האָט זיך גענומען ארומקוקען און זוכען זיינע קליידער און הויפּטזעכליך די שטיוועל, אַזוי ווי די שטיוועל וואָלטען איהם געקענט געבען אי אַ פּלאַן וואָס צו טהאָן, אי די נויטיגע כחות פאַר דער אויספיהרונג פון דעם פּלאַן. ווי אויף צו להכעיס אָבער האָט ער די שטיוועל ניט געקענט געפינען. ער האָט שוין געוואָלט קלינגען און רופען אַ לאַקיי, נאַטאַשאַ'ן, פּלוצים האָט ער אָבער דערהערט דאָס פּאַרקען זיך ביים שראַנק אין צווייטען צימער.

דאַן האָט ער אויף זיך אַרויפגעוואָרפען דעם שלאָף־ראָק, האָט אָנגעטהאָן די שטעק־שיך און איז אונבעמערקט ערשיענען אין דער טהיר.

דער ערשטער, וועלכער האָט איהם בעמערקט, איז געווען פּאַן אָטאָ. ער האָט אויסגעשריען, אַזוי ווי ער וואָלט פאַר זיך דערזעהן אַ מת פון יענער וועלט און איז אָבגעשפּרונגען אַן אַ זייט. נאָך איהם איז אויך אויפגעשפּרונגען דער סוביעקט.

מיט אַ שפּרונג פון אַ יונגען־מאַן איז דער גענעראַל צו צו דער וואַנד, האָט ארויסגעכאַפּט פון דאָרט אַן אַלטען, פערזשאַווערטען און קרומען קלינג פון טערקישען שווערד, וועלכער איז געהאַנגען איבער זיין שרייב־טיש מיט נאָך אַנדערע אַלט־מאָדישע וואָפען, און האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף'ן פּראָ־פעסאָר מיט אַן אונמענשליכער שטימע:

— אַך, דו הינטישער זוהן! אַט צוליעב וואָס דו ביזט געקומען! קוי־לען וועל איך דיר!

אין טויט־שרעק האָט זיך דאָס קליין מענשעלע געלאָזט לויפען ארום דעם צימער, לויפען און זיך דרעהען ווי אַ פערפּאַלגט פּיקסעל, און שרייען:

— גענעראַל! פּראָקוראָר! פּאָליציי! שיצט מיך!

ער איז פערלאָפען אונטער דעם פּראָקוראָר'ס פּלייצעס, האָט זיך דאָרט ארונטערגעלאָזט אויף די קניע און זיך בעהאַלטען אַ ציטערענדער און צושראָ־קען־פּלאָפּלענדער.

דער קלינג האָט זיך שוין אויפגעהויבען איבער'ן פּראָקוראָר'ס קאָפּ. דער סוביעקט אָבער האָט געכאַפּט די פערוואָרפענע האַנד פון גענעראַל מיט אַ שפּרונג פון אַ ווילדער קאַץ און דער קלינג איז ארויסגעפאַלען פון דער שוואַ־כער און ציטערענדער האַנד און איז ארונטערגעפאַלען מיט אַ צובראָכענעם און הייזעריגען קלאַנג.

דער אַלטער, קראַנקער מאַן האָט נאָך געהאַט כח זיך אויסדרעהען צו דער וואַנד נאָך אַן אַנדער געוועהר, האָט אָבער דעם וועג שוין ניט געקענט דורכ־מאַכען, האָט זיך ארונטערגעלאָזט אויף'ן ערשטען ווייכען שטוהל און האָט זיך געכאַפּט ביים הארצען.

דאָס הארץ האָט זיך געוואָרפען שנעל, און דער אַלטער האָט זיך גענומען צוהערען צו דעם ריטמוס פון די קלעפּ, וועלכע ער האָט שוין גוט געקענט און פערשטאַנען בעסער פון'ם גרעסטען פּראָפעסאָר. דער ריטמוס איז געווען אַ שטאַרקער און ענערגישער ווי כסדר, אָבער צו זיין אייגענער בעוואונדערונג קיין געפעהרליכער.

פון שפּיגעל, וועלכער האָט געדינט אַלס אַ טהירעל צום קליידער־שראַנק. האָט אָבער אַ קוק געטהאָן אויף איהם זיין צושויבערטע געשטאַלט און האָט פּלוצים פערכאַפּט אַלע זיינע געדאַנקען, אפילו דעם שרעק פאַר'ן האַרץ און פּולס. אַ גיפטיגער רחמנות צו זיין אייגענער און פערוואַנדעלטער געשטאַלט האָט אָבגעבריהט זיין האַלז און דער אַלטער האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קליין און אונבעהאָלפּען קינד.

פּאָן אָטאָ איז אינצווישען ארויס פון זיין בעהעלטניש און איז דורכגע־לאָפּען אין דער טהיר אין קאָרידאָר אריין, ווי אַן איבערגעשראָקענער שטשור.

אויף'ן פּראָקוראָר'ס וואונק האָט אויך דער סוביעקט, שטיל און אונבע־מערקט, פערלאָזען דאָס צימער.

— אַ פלוך אויף דיר !... ווי דו האָסט מיין לעבען פעראומערט... — האָט געכליפּעט דער אַלטער, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ אויף דער צוכראַסטעטער און האָריגער ברוסט, ווי אַ בעליידיגט קינד כליפּעט.

— גיט מיר דעם שליסעל פון שראַנק ! — האָט זיך געווענדעט צו איהם דער זוהן.

— וואָס דאַרפסטו דאָ, אויסוואורף ! — האָט זיך ארויסגעכאַפּט פון פּאָ־טער'ס ברוסט אַ דערוואָרגענע שטימע, ווי פון אַ טיעפער גרוב.

— איך זוך אונזערע אַדעל־פּאַפּירען — האָט איהם באַלד געענטפערט דער פּראָקוראָר מיט אַ הילצערנער שטימע, אָבער שוין גאַנץ רוהיג.

דאָס וואָרט „אַדעל־פּאַפּירען" האָט זיך צוגעריהרט צו זיין האַרץ, צו אַלע זיינע קראַנקע און צובראָכענע אברים ווי אַ היילענדער באַלזאַם, ווי אַן ערלייזונג. אין קראַנקען און פערוויסטעטען האַרץ האָט זיך אָנגעצינדען די בייזע און צוגלייך זיסע פרייד פון אַ מאַן, וועלכער זעהט ווי זיין שונא איז פּלוצים אריינגעפאַלען אין זיין אייגענער נעץ, וואָס ער האָט געשטעלט פאַר איהם.

— צו וואָס דאַרפט איהר זיי, גאָספּאָדין פּראָקוראָר ? — האָט איהם גע־פרעגט דער גענעראַל שוין מיט אַ שפּאָטענדען טאָן, און האָט זיך צוריק אויפ־געהויבען פון אָרט אַ געהיילטער און מוטיגער.

„איצט וועל איך דיך אָנלערנען... וועסט מיך האָבען צו געדענקען, דו הינטישער זוהן", האָט אַזש געשוידערט דער פאָטער פון דער נקמה, וועלכע ער איז געגאַנגען נעהמען פון דעם אינקוויזיטאָר. ער איז צוגעגאַנגען צו איהם גאַנץ נאָהענט און האָט איהם אריינגעקוקט טיעף אין פּנים אריין.

— איך מוז זיי זעהען ! — האָט געדעמפּפט געענטפערט דער פּראָקוראָר.

— אַזוי ? דו מוזט זיי זעהען ? — אַ ווייַלע האָט ער איהם שווייגענד שאַרף בעטראַכט, אַזוי ווי ער וואָלט איצט זיך ערשט גענומען שטודירען דעם פּרצוף פון אַ פרעמדען מאַן אָדער גנב, וואָס ער האָט געכאַפּט ביי זיין שראַנק און האָט בעמערקט שטיל, שוין פאַלשטענדיג בעוועלטיגט :

— אונזערע פּאַפּירען זיינען פערברענט געוואָרען.

— ווען ? — האָט געפרעגט דער זוהן אויפציטערענד.

— ווען ? כאַ, כאַ, כאַ ! שוין לאַנג אַז זיי זיינען פערברענט... זעהר לאַנג. גאָספּאָדין פּראָקוראָר ! איך גלויב, אַז אַן ערך פון צוויי טויזענד יאָהר, כאַ־כאַ־כאַ ! — דער פאָטער האָט געצויגען די ווערטער און דאָס נקמה־גע־לעכטערמיט די געפיהלען פון אַ מאַן וועלכער דרעט לאַנג און פאַרגעניגענד דעם

קלונג אין זיין פיינד'ס ברוסט, דרעהט איהם אין אַלע זייטען, אַז די וואונדען זאָלען ווערען טיעפער, בלוטענדער און פּיינליכער, און פרעהט זיך אַליין מיט דער בלוטיגער אַרבייט, ווי מיט זיין אייגענע רפואה און ערלייזונג.

דער זוהן קוקט אָבער אויף איהם ניט מיט קיין קלענערער פרייד... די ווערטער און ווילדער געלעכטער טשאַדען ביי איהם אין קאָפּ, פאַר זיינע גייסטיגע אויגען, ווי דאָס לעצטע צאַנקען פון אַן אויסגעלאָשענעם פערשטאַנד...

— יאַ, ער איז וואַהנזיניג! — טראַכט זיך דער זוהן און אַ זיסע פרייד בריהט און פּיבערט זיין לייב... עס טהוט איהם נאָר באַנק וואָס פאָן אַטאַ איז ניטאָ און קען עס ניט הערען.

און אַז דער פאָטער דערזעהט ניט אויף זיין פּנים ניט קיין פּיין און ניט דעם ווילדען בעסטיאַלישען כעס, וועלכען ער האָט ערוואַרט צו זעהן. כאַפּט איהם שוין אַליין אַן אַ ווילדער צאָרן, אַזוי ווי דער קערפּער וועלכען ער האָט ערשט אַזוי געשטאָכען מיט'ן קלינג וואָלט געווען אַ פאַנטאָם, אַ גייסט, און דער גייסט וואָלט זיך אונפערוואונדעט אַרויסגעדרעהט פון זיין מערדערישער האַנט און געשפּאָט פון איהם און זיין מאָרד־וואָפע.

— וואָס? איהר גלויבט מיר אפשר ניט, האַ? אַז מיינע פּאַפּירען זיינען פערברענט געוואָרען? איך בין געווען צוגעשריבען ניט צום קורלענדער אַדעל, סודאַר, נאָר צו אַ גרעסערען און עלטערען. איך בין אַ כהן, סודאַר! ווייסט איהר וואָס דאָס בעדייטעט? אַ ירושלים'ער אַדעלמאַן בין איך... און עס קאָן זיין אַז איך שטאַם נאָך פון מלכות בית דוד אויך... כאַ, כאַ, כאַ, ווער ווייסט? אונזערע פּאַפּירען זיינען פערברענט געוואָרען נאָך דאַן, ווען די רוימער האָבען צושטערט אונזער בית־המקדש און אונזער מלוכה, כאַ, כאַ, כאַ! ווער ווייסט?

און דער אויסדרוק פון זוהן בלייבט אַלץ דערזעלבער, אָהן פּיין און אָהן דעם פּאַטאָלאָגישען עקעל, מיט וועלכען ער פלעגט כסדר רעדען פון אידען און וועלכען דער פאָטער האָט איצט אַזוי אונגעדולדיג ערוואַרטעט... ער קוקט אויף איהם מיט די גרינע אויגען און שמייכעלט ווי אַ טייוועל... וואָס הייסט דאָס?

— און דו ביזט אַ ממזר... געבאָרען פון אַ סטאַראָווערקע און פון אַ קוטשער אָדער סתם אַ „פּראַכוואָסט", אַ שיכור... ווען דו זאָלסט זיין מיין זוהן, האָבען אידיש בלוט אין דיינע אָדערען, וואָלסטו ניט געמאַכט ביי מיר. דיין אייגענעם פאָטער דיינעם, קיין אָביסקעס, ניט געבראָכען זיין שראַנק... דו וואָלסט געהאַט מיטלייד מיט מענשען און אַ געפיהל פון אמת אין דיין האַרץ... דו וואָלסט ניט געווען קיין אינקוויזיטאָר, קיין תליון... דיין מאַמע איז געווען אַ שליאָכע! — שליידערט דער מאַן צום צווייטען מאָל זיין אייגענעם זוהן אין פּנים אַריין אין ווילדען צאָרן און פּאָכעט פאַר זיין פּנים מיט געשלאָסענע פויסטען.

און דער פּנים ווערט פּלוצים בלייך... דערנאָך בעדעקט ער זיך מיט אַן אַנדערער פאַרב, אַזאַ קויטיגע און קאַלעמוטנע, אַ פאַרב פון גאַל און בלוט און שמוציגען מאָרד. דיזעלבע פליסיגקייט גיסט אַן זיינע גרינע און איבערגעקעהרטע אויגען און שוימט שוין אויף זיינע ליפּען. דער פּנים פערקרימט זיך ווי פון אַן עפּילעפּטישען אַנפאַל. דערזעלבער אַנפאַל הויבט

אַז צו שוידערען און וואַרפען זיינע הענט, און די הענט כאַפּען דעם פּאַטער ביים גאָרגעל...

— ניע סמעי ! זאָלסט ניט וואַגען בעליידיגען מיין מוטער, דו אַבּ־מאַנשטשיק, דו זשיד פערפלוכטער — שרייט דער פּראָקוראָר ווי אַ פער־וואונדעטער טיגער. און ווי אַ טיגער וואַרפט ער זיך אויפ'ן זקן, טרייסעלט זיין קערפּער... ווי ביי אַ טיגער וואַקסט ביי איהם דער וואוטה אַלץ גרעסער און ווערגט שוין איהם אַליין און דעם אַלטען מאַן, וועלכער ליעגט שוין אונטער זיינע נעגעל אויפ'ן דיוואַן און רופט פערצווייפעלט צו הילף די טאָכטער, אַז זי זאָל איהם רעטען פון זוהנ'ס מערדערישע הענט...

אין קאָרידאָר איז אין דערזעלבער צייט פאָרגעקומען אַן אַנדער קאַמף: נאַטאַשאַ האָט געקעמפט ביים פּריסטאַוו איהר וועג צום פערלאָזטען פּאַטער.

מיט איין האַנט האָט זי געעפענט די טהיר און האָט אויסגעשריען אונמענשליך: „קיין" !

דער קין־געשריי האָט איהם איבערגעשראָקען און ער איז אַבגעשפּרונגען

— זשידאָווקאַ פּראָקליאַטאַיאַ ! — האָט זיך אַרויסגעריסען פון פּראָ־קוראָר'ס ברוסט ווי פון אַ פינסטערען קעלער.

ער האָט זיך אויסגעדרעהט און פערלאָזען דאָס צימער.

נאַטאַשאַ האָט אויסגעשריען ווי אַ פערוואונדעטע און איז אַפּגע־שפּרונגען פון אַלטען מאַן ווי פון אַ פערפּעסטעטען, ווי פון אַ מצורע.

זי איז אַבגעשפּרונגען נאָר אינסטינקטיוו און בעוואוסטלאָז.

דער טויזענד־יעהריגער האַס און עקעל צום זשיד איז דאָך אויך איבער־געגאַנגען צו איהר מיט דער מוטער'ס מילך, מיט דער ערציהונג פון דער סביבה און האָט געדרימעלט אין די טיעפענישען פון איהר נשמה ווי דער נאַטור־אינסטינקט...

די „פערפלוכטע זשידאָווקאַ" האָט דעם אינסטינקט אויפגעוועקט. ער איז אַרוים מיט איין שפּרונג, איבערגעקעהרט איהר פריייזין, איהר פּאַטער־ליעבע, אַ גרויל האָט אין דעם מאָמענט אַלעם איבערוועלטיגט און פערניכטעט, אָנגעצונדען אין איהר אַ מאָמענטאַנעם געפיהל, פאַר וועלכען זי האָט זיך דער־נאָך געשעהמט און געפּלאָגט דאָס גאַנצע לעבען.

דער לעצטער חלום

ביינאַכט האָט זיך דעם גענעראַל ווידער געחלומ'ט בעריל דער בעל־אכסניא.

צוערשט איז דער איד געזעסען אויף דער ערד פאַר אַ ליכט אויף אַ ביינקעל און האָט געזאָגט קינות מיט זיין וויינענדען און האַרצרייסענדען ניגון, און ער אַליין האָט געוויינט אין שלאָף. און נאַטאַשאַ, וועלכע האָט שוין געוואַכט איבער איהם אַ דאָפּעלטע געפּלאָגטע און האָט איהם שוין קיינעם ניט געוואָלט אָנפערטרויען, האָט איהם געמוזט אויפוועקען פון שלאָף.

אַז ער איז נאָך אַמאָל איינגעשלאָפען, איז בעריל שוין געשטאַנען איר־בער זיין בעט מיט אַ פּאָר פלאַקערענדע אויגען פון אַ שטראָפענדען נביא און האָט איהם געטייט מיט'ן פינגער אויפ'ן גלח, וועלכער האָט געוויכערט

מיט ווייהרויך־געפעס אין איין האנד און מיט דער אנדערער האנד גע־האלטען פאר איהם א גרויסען גאלדענעם צלם צו קושען... דערנאך האבען סאלדאטען מיט בלויזע שווערדען אבגעריסען בעריל'ען פון זיין בעט און איהם אוועקגעפיהרט. און דער אלטער און שטאלצער איד וואנדערט מיט א פעררייסענעם קאפ איבער'ן וויטען עטאפ פון סיביר, ווארפט מיט די הענד און קלינגט מונטער און פרעהליך מיט די קייטען, אזוי ווי ער וואלט געגאנגען צום טאנץ...

דער גענעראל לויפט איהם נאך, רופט איהם און שרייט איהם נאך, אז ער זאל זיך אבשטעלען און ווארטען אויף איהם. דער שנעע־שטורם מיט'ן ווינד דערטראגען אבער ניט צום אידען זיין שטימע. ער לויפט איהם נאך מיט אלע כחות און פאלט אן ערשעפטער אויפ'ן קאלטען און פראסטיגען שנעע.

דאן האט ער זיך אויפגעכאפט און האט זיך אויפגעזעצט.

דער איד, דער פעלדשער, איז שוין ניט געווען. אויף זיין ארט האט ער ביים בלויען און דונקעלען ליכט, וואס איז געפאלען פון א טיש־לאמפ אונטער א בלויען אבאזשור, בעמערקט נאטאשא'ן, וועלכע איז איינגעשלאפען א זיצענדע, אין איהרע קליידער.

אין אפענעם פענסטער האט אריינגעקוקט א ווארעמע און שטילע יולי־נאכט מיט א דונקעל־בלויען הימעל און מיט געהיימניספולל ווינקענדע און ציטערענדע שטערען. דער פארק איז געשטאנען בעוועגלאז און פערשטומט און די נאכטשטילקייט האט געשטערט נאר א „קוקו" און דער גערעמפטער געזאנג פון היישריקען אין גראז, וועלכער האט זיך געטראגען אין אפענעם פענסטער ווי דאס גרילצען פון וויטע זעגען...

דער גענעראל האט אראבגעלאזט די פיס פון בעט, האט זיך אויפגע־שטעלט און א שאקעל געטהאן מיט'ן גאנצען געוויכט פון זיין קערפער. דער־נאך האט ער מיט די פיס געמאכט עטליכע טריט איבער'ן האלב־דונקעלען צימער, אזוי ווי ער וואלט זיי אויסגעפרובירט, צי זיי וועלען איהם דיענען...

אז ער האט געזעהן, אז די פיס דיענען איהם און ער האט זיך דערפיהלט אויף זיי פעסט, און, ווי עס האט זיך איהם געדוכט, פעסטער ווי תמיד, האט ער געכאפט א פארזיכטיגען קוק אויף זיין איינגעשלאפענעם שומר, האט זיך פארזיכטיג ארויסגע'גנב'עט פון צימער אין קאבינעט אריין, האט אין דער קליידער־שאפע מיט'ן שפיגעל געפונען זיינע קליידער, האט זיך פארזיכטיג און איילענדיג אנגעטהאן, האט ארויסגענומען פון שרייבטיש זיין רעוואלווער, האט איהם אריינגעשטעקט אין דער הויזען־קעשענע און איז שטיל ארויסגע־גאנגען אין פארק.

די לעצטע טהאט

אין פליגעל, אונטער דעם פערמאכטען לאדען, האט ער בעמערקט א פייער'ל, וואס האט זיך דורכגעשלאגען דורך א שפארינע און האט געווארפען אויפ'ן פייכטען און פון טהוי גלאנציגען גראז א שמאלען און ציטערענדען שיין.

דער גענעראַל איז מיט שטילע און גע׳גנב׳עטע טריט צוגעגאַנגען צום פענסטער און איז צוגעפאַלען צו דער שפּאַרינע.

דאָרט האָט ער דערזעהן דעם פּראָקוראָר, אַ שטעהענדען און דראָהענד זשעסטיקולירענדען פאַר דער מוטער און פאַר דעם לייב־מעדיק, וועלכע זיינען געזעסען אַרום אַ טיש מיט פּאַפּירען און האָבען איהם אויסגעהערט מיט געבויגענע קעפּ.

ער האָט זייערע רייד ניט געקאָנט הערען, האָט אָבער באַלד פערשטאַנען און דערפיהלט, אַז הינטער דעם פערמאַכטען לאָדען ווערט אָבגעהאַלטען אַ בעראַטהונג וועגען איהם; אַז אויף דער פאַמיליענבעראַטהונג ווערען איצט געשמידט פאַר איהם קייטען...

אינסטינקטיוו האָט ער אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער פון דער קעשענע.

די גענעראַלשע האָט אָבער אויסגעדרעהט איהר קאָפּ צום פענסטער און האָט זיך איינגעהערט, אַזוי ווי זי וואָלט הינטער איהם דערפיהלט די אַנוועזענהייט פון אַ מענשען...

דאַן האָט ער זיך צוזאַמענגעדרעהט ווי אַ גנב, איז אָבגעשפּרונגען פון פענסטער און האָט זיך אָנגעהויבען דערווייטערען פון זיינע שונאים איבער׳ן ווי אַטלאַס ווייכען גראַז, וואָס האָט פערשטיקט זיינע טריט.

באַלד האָט די דונקעלע נאַכט דערהערט זיין נצחון־געלעכטער און בייזען שפּאָט איבער זיינע שונאים מיט זייערע פּלענער, וועלכע זיינען שוין געווען געכאַפּט אין נעץ פון זיין איינגענעם פּלאַן.

דעם פּלאַן האָט אָנגעצונדען אין זיין מוח דערזעלבער בעריל, וועלכען ער איז נאָכגעלאָפען אין שלאָף און האָט ניט געקאָנט דעריאָגען. אין שלאָף איז ביי איהם דער געדאַנק געבאָרען געוואָרען, צוערשט ווי אַן אינסטיטינקטירווער און בלינדער דראַנג, ווי אַ צאַנקענדעס ליכט אין דער טיעפעניש פון זיין אונבעוואוסטזיין, צופלאַקערט האָט זיך אָבער דאָס ליכט אין אַ העלעם פייער פון העלדישען מוט און ליידענשאַפטליכען דראַנג דאַן, ווען ער האָט דערזעהן דורך די לאָדענס דעם שיין און די אינקוויזיטאָרען אַרום דעם טיש מיט די פּאַפּירען... און מיט דעם נייעם פייער אין זיין נשמה זיינען געוואַקסען זיינע פיזישע כחות, די קראַפט פון זיינע ענטשלאָסענע טריט איבער די אַלעען פון דעם הונדערטיעהריגען איינגעשלאָפענעם פּאַרק.

און דער בעזיצער פון דעם פּאַרק און פון דעם אַלטען פּרעכטיגען שלאָס איז שוין געווען ניט קיין רוסישער גענעראַל־אַדיוטאַנט, נאָר אַ איד... אָבער ניט ווי איינער פון דעם שטעדטעל, וואָס איז גועלגען איצט אין טהאָל אין קרעמפּען פון אַ מרה־שחורה, אין טויט־אַנגסט פאַר יעדען לייכטען שאָרך, פאַר יעדען ווינד, וואָס פלעגט מיט אַ קלאַפּ אין אַ לאָדען אַרויסרופען אין דער קראַנקער פאַנטאַזיע זיינער די געשטאַלטען פון דעם גרויזאַמען פּראָקוראָר, וואָס געהט אַרעסטירען און שמיעדען אין קייטען, און פון פּאָליציי און סים־שטשיקעס, — צווישען די הויכע טאָפּאָליעס פון דעם הונדערטיעהריגען פּאַרק איז איצט אַרומגעגאַנגען אַ איד, אַ זיעגער, אַ גבור, ווי די חשמונאים. ווי זיי האָט ער דורכגעמאַכט אַ גרויסען קאַמף, אַ ריעזען־קאַמף, אָבער מיט זיך אַליין, און איז פון דעם קאַמף אַרויס דער זיעגער; און ער איז שוין ניט געווען דער אַלטער מאַן מיט אַ קראַנקען און איבערגעוואַקסען האַרץ.

דער זיעג איבער זיך אַליין האָט איהם יונג געמאַכט און איהם געגעבען די אמאַליגע טאַפּפערקייט, מיט וועלכער ער פלעגט זיך אויסצייכענען אין אַלע זיינע שלאַכטען. און דאָס, וואָס ער איז איצט געגאַנגען טאָן, האָט פער־לאַנגט דעם זעלבען מוט און קוראַזש, וועלכען עס האָבען בעדאַרפט אָט יענע אמאַליגע שלאַכטען זיינע...

און ער האָט עס געטאָן...

ווען זיינע שונאים זיינען זיך צוגאַנגען שלאָפען און דאָס ליכט אין דער שפּאַרינע איז אויסגעלאָשען געוואָרען, האָט ער מיט שנעלע אָבער פאָרזיכ־טיגע טריט פון א יונגען און טאַפּפערען אויסקוקער, וועלכער קריכט אונטער'ן פאָרדעק פון דער פינסטערער נאַכט צום פיינד'ס פּאָזיציעס, זיך פער'גנב'עט צום פליעגעל, וואו דער פּראָקוראָר איז איינגעשטאַנען, און איז אריינגעקראָ־כען דורך א פענסטער.

מיט אַן עלעקטריש לעמפּעל האָט ער, ווי א גנב, זיך בעלויכטען דעם וועג אין דעם צימער, וואו זיי זיינען געזעסען, האָט געעפענט אין טיש א פּאָרט־פעל מיט פּאַפּירען, די גאַנצע „דיעלא” פון דעם „בלוט־בלבול”, האָט די פּאַ־פּירען אריינגעוואָרפען אין קאַמין און האָט זיי אַנגעצונדען, אזוי ווי עס וואָלט געווען וויכטיג...

אונזיכער און ציטערענד, אזוי ווי געשראָקענע, האָבען די פייער־צונגען גענומען לעקען און טוליען זיך צו די פּאַפּירען און אַפּשפּרינגען פון זיי, אזוי ווי עס וואָלט זיי געפעהלט דער מוט צו דער טהאָט.

דער גענעראַל האָט אָנגעריבען א שוועבעלע נאָך א שוועבעלע. ערמונ־טערט און געטריבען פון דעם צינדער און פון זיינע מוטיגע און פלאַקערענדע אויגען האָבען די פייער־צונגען גענומען ברענען און פערצעהרען די פּאַפּירען מיט א בייזען און אטאַקירענדען געריויש. און ווען די פּאַפּירען האָבען זיך פער־וואַנדעלט אין א טליהענדען און פערקויהלטען אַש, האָט דער גענעראַל פער־לאָזען דעם פליעגעל און דעם שלאָס אויף אייביג...

איינזאַם בלייבט נאַטאַשאַ

די ערשטע, וועלכע האָט בעמערקט דאָס פערשווינדען פון דעם גענעראַל, איז געווען נאַטאַשאַ.

זי האָט אין שלאָף דערפיהלט די צייט, ווען זי דאַרף איהם געבען דעם רעצעפּט, און ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט זי איהם שוין ניט געטראָפען אין בעט. זי איז אריינגעלאָפען אין קאַבינעט, צוגעלאָפען צום טואַלעט, איז ארויס אויף דער וועראַנדע, האָט איהם געזוכט און גערופען, אָבער אָהן א רעזולטאַט.

געקלעמט פון בייזע פאָרגעפיהלען, פון א וואַקסענדער און נאָגענדער אַנגסט, האָט זי געמאַכט א טרעוואָגע און געשטעלט אויף די פיס בייגאַכט די גאַנצע דיענערשאַפט פון הויף.

באַלד האָבען איהם שוין געזוכט אַלע מענשען פון שלאָס, מיט לאַמטער־נעס און מיט שטורקאַצען; מען האָט איהם געזוכט אין אַלע טיעפע און פער־באָרגענע ווינקעלאַך פון דעם גרויסען הונדערטיעהריגען פּאַרק; מען איז ארויסגעפאָהרען מיט א שיפעל און מיט א נעץ און לאַנגע קרוקעס אויף'ן טייך,

וועלכער האָט זיך אויסגעגאָסען אין אַן אַזעדע, וואָס איז געווען פערוואקסען מיט „טשערעט״; מען האָט איהם געזוכט אין אַלע ברונעמס, מען האָט אויפגעהויבען אויף די פיס אַלע פּאַראַבקעס פון די טאָקען, איהם ד אָ ר ט געזוכט, געטעלעפאָנירט אויף דער באַהן־סטאַנציע, און דער פּראָקוראָר האָט באַלד אַרויסגערופען דעם פּריסטאַוו מיט סטראַזשניקעס און סאָטסקים פון דאָרף, און קיינער האָט אפילו די שפּורען פון דעם פערשוואונדענעם ניט געקענט ענטדעקען.

און די נאַכט איז געוואָרען אַלץ פינסטערער און פינסטערער; ווי אַ געדיכטע פיינדליכע אַרמעע האָט זיך די פינסטערניש גערוקט פון אַלע זייטען, אום צו פערדעקען דעם פערשוואונדענעם.

לאַנג, ווי אַן אייביגקייט, האָט זיך די קורצע זומער־נאַכט געצויגען פאַר דער פערצווייפעלטער און איינציגער טאָכטער. זי איז געווען זיכער, אַז נאָר די בלינדע און שוואַרצע נאַכט פערדעקט איהם פון איהרע זוכענדע און אַנגעשטרענגטע אויגען, און אַז ווי נאָר דאָס מאָרגענליכט וועט פערטרייבען דאָס פינסטערניש, וועט זי איהם ערגעץ־וואו דערזעהען, און גאַנץ נאָהענט, אַ לעבעדיגען אָדער אַ טויטען.

לעבעדיג צי טויט — די פראַגע איז פערשטעלט געוואָרען פון אַן אַנדערער, פון דעם פערצווייפעלטען און פלאַגענדען בעגעהר איהם נאָכאַמאָל צו זעהען, אַרומנעהמען זיין קאָפּ, קוקען איהם אין פּנים אַריין, אין בעקענטען און טייערען פּנים; מעג ער זיין טויט, אַבי איהם נאָכאַמאָל צו זעהען.

דאָס מאָרגענליכט האָט אָבער מיט זיך גאָרניט געבראַכט: קיין בשורה, קיין שפור, קיין טרייסט! — קאַלט און גרויזאַם האָט דער גרויער מאָרגען אַ קוק געטאָן איהר אין פּנים אַריין, אויף איהר און אויף איהר גרויס אונגליק.

גלייך ווי דער קאַלטער און גרויער מאָרגען, האָט אויף איהר אַ קוק געטאָן דער ברודער און זוהן פון דעם פערשוואונדענעם. מיט׳ן פּאַפּיראָס אין מויל האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט מיט מיעדע און צובראָכענע פיס איבער דער וועראַנדע, מיט אַ לעבלאָז־פערשטיינערטען און ליים־געלבען פּנים. זיינע קאַלעמוטנע גרינע אויגען, וועלכע האָבען, נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט און נאָך אַ לאַנג־וויטהענדען בראַנד פון אויפרעגונג און האָס, זיך אַרומגעלעגט מיט שוואַרצע און טיעפע פלעקען, האָבען אויף איהר אַ קוק געטאָן גרויזאַם און ווילד, ווי אַ חורבה, וועלכע רויכערט זיך נאָך בייז און וויטהענד אין מאָרגענליכט נאָך אַ נאַכט־שרפה.

ווען זי האָט דערזעהען זיין ווילדען אויסזעהן, דעם צושויבערטען און דראָהענד־פערשפּיצטען קאָפּ, אויף וועלכען דער ווינד האָט ניט געלאָזט איינליגען און האָט געוואָרפען אין אַלע זייטען דאָס ביסעל האָאָר, וואָס דאָס פּעטערבורגער לעבען האָט נאָך איבערגעלאָזט דעם „טשינאָווניק״ און וואָס פלעגט קוים בעדעקען זיין שאַרבען, — ווען זי האָט דערזעהען אויף דער וועראַנדע דעם ברייטען און פיערעקיג שטומפּען פּנים פון דער דרימלענדער מוטער, וועלכער האָט איצט שוין ניט אויסגעזעהען רויט, ווי אימער, נאָר קויטיג־גרוי און אָפּשטויסענד אלט און מיאוס, מיט די בייזע קנייטשען, — ווען זי האָט בעמערקט אין דעם טיעפען און ווייכען שטוהל דעם לייב־מעדיק פּאָן אטאָ, וועלכער איז געלעגען ווי אַ פוקסעל צוזאַמענגעדרעהט און איינגעשלאָ־

פען מיט זיין פערוואָרפען פּליכעוואַטע קעפּעל און מיט אַן אָפען מויל, פון וועלכען עס האָבען אַרויסגעקוקט אַ פּאָר שוואַרצע און פוילע ציינער, — האָט זי, אין דער דראָהענדער און פיינדליכער סביבה, ערשט דערפיהלט איהר עלענד און שוצלאָזיגקייט, דעם גרויל פון איהר גרויסען פערלוסט.

און קיינער פון זיי, ניט דער ברודער און ניט איהר אייגענע מוטער, האָבען פאַר איהר ניט געהאַט קיין איין וואָרט פון מיטלייד, ניט קיין בליק פון אייגענע. גרויזאַם און קאַלט האָבען זיי איהר בעגעגענט. נקמה, בייזע פרייד און האַס האָט זי דערזעהען אין זייערע בליקען. געשווידערט פון די בליקען און פון דער קאַלטער און פרישער מאָרגענלופט איז זי אַרויף צו זיך אין צימער אַריין, האָט זיך פערשלאָסען, ווי אַ פערפאָלגטע, און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט די קליידער אין בעט אַריין.

און ווען דאָס אייגענע בעט, די אייגענע קישענס, האָבען טרייסטענד אַרומגענומען דעם מיעדען און צובראָכענעם קערפּער איהרען, האָט זי ערשט דערפיהלט דעם ביטערען גיפט פון איהר פערלאָזענקייט. ווי אַ טיפע און אונבעגרינדעטע בעליידיגונג האָט דער גיפט אין איהר געברענט.

האָט זי עס פערדיענט? און אויף וועמען האָט ער זי, די איינציגע און ליעבענדע, פערלאָזען? איז זי איהם אויך נמאס געוואָרען, ווי די גאַנצע פאַמיליע? — זי איז דאָך תמיד געווען מיט איהם, אויף זיין צד — און זי האָט אויסגעבראָכען אין אַ פערצווייפעלטען געוויין, וואָס איז געוואַקסען גלייך מיט'ן בעוואוסטזיין פון איהר אונגליק און עלענד. און באַלד איז דאָס געוויין איבערגעגאַנגען אין ספּאַזמען פון אַ היסטעריקע. איהר קליינער קערפּער האָט זיך גענומען וואַרפען און ציטערען אונטער דעם אַנפאַל, ווי אַ טיעף-פערוואונדעטער און בלוטענדער פויגעל. איהר וועה-געשריי האָט זיך געטראָגען איבער אַלע צימערען, און קיינער איז צו איהר ניט אַרויפגעקומען, קיינער האָט זיך ניט אָנגערופען אויף איהר שרייענדען פיין ניט מיט קיין ביסעל וואַסער און ניט מיט קיין טרייסט-וואָרט, — אפילו איהר אייגענע מוטער!

איינזאַם איז געבליבען נאַטאַשאַ, עלענד און פערשטויסען.

דער זוהן משפּט דעם פאָטער

ערשט בייטאָג האָט זיך דער פּראָקוראָר אַרומגעקוקט, אַז די פּאַפּירען מיט'ן גאַנצען בלוט-בלבול, וועלכע ער האָט געמוזט מיטפיהרען מיט זיך, צוליעב פאָן אָטאָ'ס עקספּערטיזע איבער'ן גע'הרג'עטען שייגעץ, זיינען פערשוואונדען.

באַלד האָט ער ענטדעקט זייערע שפּורען אין די אַש פון קאַמין און האָט זיך איבערצייגט, אַז זיי זיינען פערברענט געוואָרען...

געוועהנליך איז ער געווען זיכער, אַז פערברענט האָט די פּאַפּירען ניט קיין אַנדערער, ווי דער גענעראַל, און אַז ער איז בעגאַנגען אַ גרויסען שטאַאַטס-פערברעכען.

די מוטער האָט עטליכע מאָל גע'חלש'ט, קינסטליך אָדער ריכטיג, האָט זיך געקלאַפּט מיט דעם קאָפּ אין וואַנד און געמאַכט ווילדע היסטעריקעס...

פאָן אָטאָ האָט זי געהאַלטען אין איין מינטערען, און האָט געטאַנצט אַרום

איהר אזוי מונטער און לעבעדיג, אזוי ווי איהר חלש׳ען וואלט איהם פער־שאפט א פערגעניגען און איהם פלוצלינג געגעבען אן אנגענעהמע און פרעה־ליכע בעשעפטיגונג אין לעבען.

אויך דעם זוהן איז די געשיכטע, טיעף אין הארצען, געווען זעהר אנ־גענעהם... ער האט פאר זיך געהאט א נייעם פערברעכען, און דערצו נאך א העכערם און א גרעסערם, און יעדעם פערברעכען האט איהם אנגעפילט מיט א בעזונדערער און אייגענטימליכער בייזער פרייד, א פרייד, מיט דער וויכטיגקייט פון זיין אייגענעם לעבענס־בערוף, פון זיין עקזיסטענץ אלס דער שומר פון געזעץ און פון ארדנונג.

בעשולדיגען, שטראפען, פייניגען, — דאס איז געווען די אטמאספערע, אין וועלכער ער האט זיך געקענט פיהלען גוט און מונטער, ווי דער פיש אין וואסער. דאס, וואס דער פערברעכער איז זיין פאטער, האט איהם פערשאפט נאך א גרעסערען פערגעניגען; דאס פערגעניגען צו קענען בעווייזען, אז ער שטעלט זיך פאר קיין זאך ניט אפ, אפילו פאר דער ליעבע צו א פאטער, אז געזעץ און פרינציפ שטעהט ביי איהם העכער פון אלעם אין לעבען...

„איז ער גאר זיין פאטער?

און ביי זיך אין הארצען איז ער געווען זיכער, אז ער וועט זיך איצט פאר קיין זאך אין דער וועלט ניט אפשטעלען, ניט לאזען זיך אפהאלטען. — און דאס האט איהם פערשאפט א שטאלצע און קראנקע פרייד.

אין דער אויפגערעגטער פאנטאזיע האט ער זיך שוין געזעהען אלס דעם בעשולדיגער פון זיין אייגענעם פאטער; ער האט שוין געשמיעדט זיין פייער־דיגע און גרויזאמע בעשולדיגונגס־רעדע און קייטען פאר איהם...

אנטקעגען, אויף דער בעשולדיגונגס־באנק, זיצט זיין פאטער מיט׳ן גע־בויגענעם ווייסען קאפ, געבויגען אונטער דער לאסט פון זיין גרויסען פער־ברעכען... און ער פערלאנגט פון די ריכטער די גרעסטע שטראף פאר׳ן שטאאטס־פערברעכער:

„קיין בארעמהערציגקייט מיט איהם! קיין ריקזיכט מיט זיינע מילי־טערישע פערדיענסטען!" —

און ער בריינגט אלס בעווייז זיך אליין, דאס בלוטענדע הארץ פון א זוהן, וועלכער מוז בעשולדיגען זיין אייגענעם פאטער.

„קוקט, ריכטער, אויף מיר! אויף מיין אייגען צוריסען און בלוטענדעס הארץ... דאס הארץ פון א ליעבענדען זוהן... זעהט, ווי עס טהוט מיר וועה! — געזעץ און משפט איז אבער דאס העכסטע אין לעבען פון שטאאט! און דעם העכסטען און הייליגסטען גאט בריינג איך צו אפפער דאס בלוטענדע הארץ פון א זוהן... און ווי דער פאטריארך אברהם האט ניט געציטערט און זיך אויף קיין איין רגע ניט פערטראכט אויפצוהייבען דעם קלינג איבער יצחק׳ם האלז, אזוי פערטראכט איך מיך ניט... דאס געזעץ פערלאנגט עס, און איך בריינג דעם קרבן! נעהמט דעם ביישפיעל פון מיר!" — האט שוין געשריען אין פראקורא׳ס ברוסט דער גרויזאמער טייוועל, צו וועלכען ער האט תמיד געדיענט מיט אזא סאדיסטישער פרייד, מיט דער קראנקער רעליגיעזער בע־גייסטערונג פון אן אינקוויזיטאר.

פלוצלינג האט ער זיך אבער דערמאנט, אז דער פאטריארך אברהם און

יצחק זיינע געוועז „זשידעס" און דער געדאנק האט אבגעבריהט אין איהם דעם מארך, דאס גאנצע אינוועניגסטע, ווי א שווערע בעליידיגונג, אזוי ווי ער וואלט אויסגעטרונקען א בעכער מיט גיפט.

דער בייז אויפגעפלאקערטער עקסטאז פון דעם אינקוויזיטאר און תליון האט זיך מיט אמאל אויסגעלאשען... ער האט אבער פלוצים דערפיהלט א רחמנות מיט זיך אליין, מיט זיין אייגען צוריסען און בלוטענד הארץ, דאס הארץ פון א ליעבענדען זוהן, וועלכער מוז בעשולדיגען זיין אייגענעם פאטער, דעם אלטען גרייז זיינעם... עס האט זיך איהם אפילו אויסגעדוכט, אז ער דערשטיקט אין זיין האלז טרערען, ביטערע טרערען.

באלד אבער האט ער זיך געזעהן בעלוינט פון דער גרעפין, פון מיניסטער, פון צאר אליין, וועלכער דערלאנגט איהם דעם פארטפעל פון א יוסטיץ־מיניסטער.

א רגע וואקעלט ער... אפשר וואלט ער די בעלוינונג אינגאנצען ניט גענומען ? זיך אבגעזאגט ?... זאל ער ווייזען, אז ער טהוט עס טאקע באהבה, לשמה... יא, ער זאגט זיך אב ! זאל די וועלט זעהן... בעזאנדערס די ליבע־ראלען און רעוואלוציאנערען, וועלכע שמוצען און פערלוימדען איהם, זיין אייגענער פאטער און שוועסטער, אז ער איז ניט קיין קאריעריסט, נאר א טרייער שומר פון געזעץ און ארדנונג און איז מקריב דעם הייליגען לעבענס־בערוף זיינעם, דאס טהייערסטע און ליעבסטע אין לעבען...

און דאס רחמנות־געפיהל צו זיך אליין וואקסט נאך גרעסער און גרעסער, און אין פרייד און פערגעניגען מיט דעם רחמנות צו זיך אליין, מיט'ן שטאלץ איבער זיין גרויסער און איידעלער נשמה, זעצט ער זיך אוועק און שרייבט דעם יוסטיץ־מיניסטער אן אויספיהרליכען טעלעגראפישען רעפארט וועגען דעם פאטער'ס פערברעכען... שרייבט לאנגזאם און פלייסיג, מיט דערזעלבער הייליגער פרייד, מיט וועלכער אברהם האט געבראכט דעם אויבערשטען זיין איינציגען זוהן צו דער עקדה.

און איצט איז ער שוין ווייט פונ'ם געדאנק, אז דער פאטער איז עובר־בטל, משוגע, פון גאנצען טייוועלשען פלאן זיינעם, צוליעב וועלכען ער האט אהער געבראכט דעם קליינעם מיאוס'ן שד פאן אטא.

פערקעהרט ! ער זעהט אין דעם פערברעכען די איבערלעגונג פון א קלארען פערברעכערישען פערשטאנד, וועלכער האט פארזיכטיג און קאלט־בלוטיג געפלאנעוועט דאס פערברעכען לאנג אין פאראויס, און האט עס אויס־געפיהרט ביי אלע געזונטע חושים... און דארף דערפאר בעשטראפט ווערען מיט דער פולער שטרענגקייט פון געזעץ...

דא האט ער זיך אבער דערמאנט, אז דער פאטער איז א גענעראל, אז משפט'ן וועט איהם א מיליטעריש געריכט, בעשולדיגען וועט איהם אן אפיצער, ווי ער אליין איז, און אז ער איז א ציוויליער און וועט איהם ניט קאנען בעשול־דיגען און פערקלאגען, און די גאנצע בייזע קראנקהאפטע פרייד ווערט מיט אמאל ביי איהם אויסגעלאשען, לאזענדיג הינטער זיך א טשאדנעם רויך פון א מאכטלאזען האס, וועלכער שטיקט איהם און ווערגט איהם און מאכט איהם וואהנזיניג...

און ניט געטרויענדיג קיינעם די דעפעשע, לויפט ער אליין אויף דער

פּאַטשקע און גיט זי איבער דעם אַלטען פּאַטשטמייסטער, מיט'ן גרויסען נאַקע־טען קאָפּ, ווי אַ באַק־דייזשע.

דער אַלטער מאַן נעהמט פון זיינע הענט די לאַנגע דעפּעשע, הויבט זי אַן לייענען, דערשרעקט זיך פאַר איהר, ציטערט און קוקט אויף איהם מיט אַ פּאָר ווילד אויסגעסטאַרטשעטע און גלעזערנע אויגען פון אַ משוגע'נעם.

און ער צושרייט זיך אויף'ן מאַן ווילד, מיט אַ שוים אויף די ליפּען, און שרייט אַזוי לאַנג אויף איהם, ביז ער לעשט אוים אין דעם שרייען זיין מאַכט־לאָזען ווילדען כעס און צאָרן.

דער בעטלער־געלעגער

אין דערזעלבער צייט, ווען דער פּראָקוראָר האָט טעלעגראַפירט צום מיניסטער, צום גובערנאַטאָר, אויף אַלע באַהן־סטאַנציעס, אַז מען זאָל פער־האַלטען אַ גענעראַל מיט אַזוינע און אַזוינע סמנים, ווען מען האָט דעם אַלטען גענעראַל שוין ניט געזוכט ווי אַ פערשוואונדענעם, נאָר זיך געיאָגט נאָך איהם ווי יעגער נאָך אַ ווילדער חיה — האָט זיך די חיה אַליין פערשלאָגען און בעהאַלטען אין אַ נאָרע גאַנץ נאָהענט פון שלאָס, אין אַ מרחק פון אַ פּאָר וויאָרסט.

דאָס איז געווען אַ קליין איינגעפאַלען הייזעל, ביים גרעניץ פון פּאַרק, וואו ס'האָבען זיך שוין אָנגעהויבען די זומפּען, וואו קיינער, אחוץ דעם קאָדעט דעם יעגער, האָט קיין דריסת הרגל ניט געהאַט.

אַמאָל האָט אין דעם הייזעל געוואוינט אַ שומר פון וואַלד, און איצט איז עס געווען פּוסט און מיט אַ צוריסענעם דאַך.

געקומען איז ער צו דעם פערוואָרפענעם ווינקעל שוין פאַרטאָג, נאָך אַ לאַנגען בעוואוסטלאָזען וואַנדערען איבער'ן וואַלד, ווערענד דער פינסטערער נאַכט. אַ בלייענע מיעדקייט און אַ שלאָף האָבען געצויגען זיין קראַנקען און צובראָכענעם קערפּער צו דער ערד.

דאָס גראָז אָבער איז געווען נאַס פון טהוי און ער האָט מיט מיעדע און ברענענדע אויגען געזוכט אַרום זיך אַן אָרט, וואו ער זאָל קאָנען אָוועקלעגען זיין ערשעפּטען קערפּער.

דאַן האָט ער בעמערקט דאָס הייזעל אָהן פענסטער און האָט דערזעהן דאָרט אויף דר'ערד צוקנייטשטע אַלטע שטרוי, פון וועלכע עס האָט זיך שוין געטראָגען דער שווערער און איבערגעפוילטער גערוך פון אַ שטאַל.

ווי אַ מיעדער ים־וואַנדערער, נאָך אַ לאַנגער און ווייטער נסיעה, דער־פרעהט זיך מיט'ן האַפען, וועלכער בעגריסט איהם פון ווייטען מיט זיינע מאַיאַקען, אַזוי האָט זיך דער רייכער מאַן מיט אַמאָל דערפרעהט מיט'ן אָרימען געלעגער, וואָס די צוקנייטשטע שטרוי האָט איהם פערשפּראָכען.

ער האָט זיך צוזאַמענגעבויגען פאַר'ן נידעריגען און אויסגעקרימטען אריינ־גאַנג, ווי אַ לאָך, איז אַריין אין הייזעל, האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן שטרוי, און ניט קוקענדיג אויפ'ן שווערען גערוך פון טוכלער און איבערגעפוילטער

פֿייכטקייט איז ער באַלד איינגעשלאָפֿען מיט אַ שווערען שלאָף, ווי אין דער יוגענד, ווערענד זיינע פֿעלד־ציגע, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער אָפֿיציר, נאָך אַ לאַנגען און מיעדען מאַרש מיט זיין קאָמאַנדאַ סאָלדאַטען.

קאַמענקע

די אויפֿרעגונג פֿון די לעצטע טעג, די שלאָפֿלאָזע נאַכט, וועלכע ער האָט פֿערבראַכט אין אַ ציעללאָזען וואַנדערען, די אַלע פֿיבערהאַפֿטע איבערלעבונגען, האָבען ערשעפּט זיינע כּחות און געבראַכט דעם אַלטען מאַן מיט'ן קראַנקען איבערגעוואַקסענעם האַרצען, וואָס האָט די לעצטע יאָהרען שוין ניט געוואוסט פֿון קיין געזונטען, רוהיגען און דויערענדען דרעמעל — איצט האָט עס איהם געבראַכט אַ לאַנגען און שטאַרקען שלאָף, דעם שלאָף פֿון אַ מיעדען און ערשעפּטען קערפּער.

עטליכע מאָל האָט ער ערוואַכט אויף זיין בעטלער־געלעגער, וועלכער האָט אויף איהם געאָטעמט מיט אַן איבערגעפֿוילטער פֿייכטקייט און זיך געלעגט אויף די לונגען און אויפ'ן האַרצען מיט אַ שווערער, פֿרעסענדער לופֿט פֿון אַ פֿערד־שטאַל און מיסט.

דער קערפּער איז אָבער ניט געווען אים שטאַנד צו מאַכען אַ בעוועגונג, איז ווי לעבענסלאָז געפֿאַלען צוריק אויפ'ן פֿוילען און צוקנייטשטען שטרוי און איז צוריק געזונקען אין אַ בעוואוסטלאָזער מיעדקייט און פֿערגעסענקייט. און אין דער מיעדקייט איז דערטרונקען און פֿערלאָרען געגאַנגען דאָס בעוואוסטזיין פֿון צייט און אָרט, פֿון פֿערגאַנגענהייט און געגענוואַרט, פֿון טאָג און נאַכט, די טראַגעדיע פֿון זיין עלטער, וועלכע האָט איהם פֿערטריבען פֿון זיין אייגען הויז...

און אומגעקעהרט האָט זיך צו איהם דאָס בעוואוסטזיין ניט מיט אַמאָל, נאָר ביסלעכווייז, צווישען שלאָף און וואַכזאַמקייט, פּונקט ווי די כּחות האָבען זיך אומגעקעהרט צו איהם ביסלעכווייז און פּאַוואָליע און האָבען אָנגעפֿילט די מיעדע און ערשעפּטע גליעדער מיט בעוועגונגסמעגליכקייט און נייעם לעבען.

ער איז שוין געלעגען מיט אָפֿענע אויגען און האָט געקאָנט זעהן דורך די אויסגעבראָכענע קליינע און קרומע פֿענסטערלעך ווי די זון זעצט זיך שוין הינ־טערען וואַלד און בעגילט מיט אַ טאַנצענדען שטראָם פֿון ליכט די שפּיצען פֿון די ביימער און צוגיסט דעם פֿאַר'ן טאָג אָנגעשמאָלצענעם גאָלד איבער די בלויע און לייכטע וואָלקענס פֿון האָריזאָנט און פֿאַרבט זיי מיט אַ נייעם בלוי־רויטען און אָראַנזש־פֿאַרב.

די פֿייכטקייט האָט זיך אָנגעהויבען צו פֿיהלען און לעגען אויף דער ברוסט און אויף די לונגען, אַלץ שווערער און פֿרעסענדער.

דאָס ליגען אָבער אָהן געדאַנקען און אָהן געפֿיהלען איז געווען אַזוי בערו־היגענד, די איינזאַמקייט אַרום איהם אַזוי שטיל און אַנגענעהם, אַז דער בעטלער־געלעגער איז איהם איצט, נאָך די אַלע איבערלעבונגען, פֿאָרגעקומען ווי אַ גן־עדן, ווי די טרייסט פֿון אַן אייביגער רוה...

אויפֿגעהויבען האָט איהם אָבער פֿון זיין געלעגער און געשטעלט אויף די פֿיס זיין יוגענד־פֿריינד, בעריל דער בעל־אכסניא.

ווי אַ לעבעדיגער פאָרוואורף איז די געשטאַלט פון געקאָוועטען אידען אויסגעוואַקסען פאַר זיין געלעגער.

ווי צוויי פייערדיגע צונגען האָט איהם גענומען בריהען דער בליק פון דעם אידענ׳ס צוויי אויגען, פול מיט פערגליווערטען אידישען פיין.

די געשטאַלט האָט איהם געבראַכט צוריק דאָס בעוואוסטזיין פון זיין שולד אַנטקעגען איהם און דעם גאַנצען שטעדטעל. דאָס פּלאָגען פון זיין קראַנקען געוויסען האָט צוריק ערוואַכט. די וואונדען האָבען זיך צוריק געעפענט, געבלוטעט און געוועהטאָגט ביז צום וואַהנזין.

געטריבען פון דעם פּלאָגען איז ער אַרויסגעקראָכען פון דער נאָרע, וועלכע האָט איהם געשאָנקען אַ טאָג פון רוה און פערגעסענקייט, און האָט זיך ווידער געלאָזט וואַנדערען, אָהן אַ צוועק און אָהן אַ ריכטונג.

אָבגעשטעלט האָט איהם אַ פוהר מיט געהילץ. די שווערע פוהר האָט זיך געשניטען אין טיעפען זאַמד, דער גוי האָט הויך „געוויאָקעט”, און מיט איהם האָט געוויאָקעט דער גאַנצער וואַלד; די פערמאַטערטע און געשמיסענע פערד־לעך האָבען שטאַרק געסאָפּעט און זיך אַלע מאָל אָבגעשטעלט.

אַ פּיינליכער רחמנות מיט די שטומע און אונשולדיגע בהמות האָט איהם אָבגעבריהט און ער האָט זיך צושריען אויפ׳ן גוי, וועלכער האָט ניט אויפגע־הערט זיי אונ׳ברחמנות׳דיג צו שמייסען. ער האָט זיך צושריען בייז און דראָהענד, ווי אַ גענעראַל און שררה אין לעבען.

פּלוצים אָבער האָט ער זיך דערמאָנט אַן דער איבערגעלעבטער נאַכט, אַז זיין בעטלער־געלעגער, אַז ער איז ענטלאָפען פון זיין אייגען הויז, אַז עס קאָן זיין אַז מען זוכט איהם איצט און מען יאָגט זיך נאָך איהם ווי נאָך אַ פער־ברעכער, און דער רחמנות צו די געשמיסענע און פערמאַטערטע פערדלעך האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען און פערוואַנדעלט אין אַ בושה, אין אַ רחמנות צו זיך אַליין, צו זיין עלענדער און פון שיקזאַל געשמיסענער עלטער...

„איז ער דען ניט געשמיסען, ווי די פערדלעך, פון זיין אייגענעם זוהן?”

דאָ האָט ער זיך צום ערשטען מאָל דערמאָנט אַן נאַטאַשאַ׳ן.

„ווער ווייסט... עס קאָן זיין, אַז זי איז איצט אויך געגען איהם?”

און איצט האָט ער אין דעם שוין ניט געצווייפעלט..

און דער געדאַנק האָט איהם אָבגעשטעלט ווי אַ פערשטיינערטען, און ער האָט זיך לאַנג ניט גערוהרט פון אָרט.

אַז דער גוי אָבער מיט די פערדלעך האָט זיך פון איהם גענומען דערווייטערען און זיין „וויאָקען” האָט אָנגעהויבען אָבצושטאַרבען, האָט ער זיך גענו־מען איהם נאָכיאָגען...

אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו בלייבען אַליין אין וואַלד מיט זיינע געדאַנקען, מיט זיינע פּלאָגען.

— פון וואַנען ביזטו? — האָט ער געפרעגט דעם אָנגעיאָגטען גוי, אַ פערסאָפּעטער, ווי די פערמאַטערטע פערדלעך.

דער גוי האָט אַ ווײַלע געשוויגען, אַזוי ווי מורא געהאַט צו זאָגען פון וואַנען ער איז.

— פון קאַמענקע! — האָט ער איהם ענדליך געענטפערט.

דאָס וואָרט איז איהם אַריין אין האַרצען ווי אַ קויל. דאָס האַרץ האָט

זיך גענומען ווארפן און ציטערן, ווי פון א גוטער, לאנג ערווארטעטער בשורה.

ער האט זיך אנגעכאפט אן וואנט, ווי א שיף־ברוך־ליידענדער אן א רעטונגס־שיפעל....

דאס ווארט „קאמענקע" האט אבער נאך לאנג געטאנצט אין זיין מוח ווי א רעטעניש, האט געקלונגען אין זיינע אויערן ווי א כישוף־קלאנג, וועלכן ער האט ניט געקאנט פערשטעהן, בעגרייפען דעם צויבער פון זיין בעהאלטענעם אינהאלט.

און וואס מעהר ער האט זיך צוגעהערט צו דעם ניט אבשטארבענדען קלאנג פון דעם ווארט, וואס מעהר ער האט זיך געגראבען אין זיינע זכרונות, אלץ ווייטער און ווייטער איז איהם פארגעקומען דאס ארט „קאמענקע".

די נאכט האט זיך שוין גענומען באלעבאטעווען אין וואלד, שפרייטען איבעראל אונרוהיגע שאטענס, וועלכע האבען זיך גענומען לויערן פון יעדען קוסט, פון צווישען די בוימער, ווי א פיינדליכע און שארף וואכענדע ארמעע.

ווי סאלדאטען אויף א וואך האט די נאכט זיי צושטעלט צווישען די בוימער, שטילע, אונרוהיגע, געהיימניספול ציטערענדע און דראהענדע, און האט זיך גענומען צינדען די ערשטע שטערן אויפ'ן הימעל.

און שפאנענדיג טיעף אין זאמד, ביי דעם שווערען און קרעכצענדען וואגען מיט די קליינע סאפענדיגע פערדלעך האט זיך דעם אלטען מאן אויסגעוויזען, אז „קאמענקע" איז ערגעץ ווייט־ווייט, א ווייטע און פער'כישופ'טע מדינה, א שטאדט, וואס איז ווי די הייליגע מעקא תמיד בעלויכטען נאר מיט א בלייכען סודות'דיגען לבנה־שיין; אז „קאמענקע" איז א זיסער חלום און א לעגענדע.

און באלד האט זיך דער גוי מיט דער פוהר האלץ, מיט איהם אינאיינעם, פערוואנדעלט אין א טרוים, אין א לעגענדע, וועלכע וואנדערט אין לבנה־שיין צום ארט פון אייביגער רוה, צום „ניט־זיין", וואו אלע ליידען וועלען דער־טרונקען ווערען און אויפהערען.

א שטילע און זיסע פרייד, וועלכע פלאטערט ווי אן אהנונג, ווי א זיסע ערווארטונג פון ערלייזונג, האט זיך צוגלייך מיט די שטערן אויפ'ן הימעל אנגעצונדען אין זיין נשמה.

ביים ליכט פון דער פרייד האט ער זיך דערמאנט, אז „קאמענקע" איז דאס שטעדטעל, וואס געפינט זיך ניט ווייט ביי דער גרעניץ פון זיין מאיאנטעק, וואוהין ער האט אויף בעריל'ס עצה געשיקט אויף פסח קארטאפלעס; אז דארט לעבט א „ראבין", א הייליגער, פאסטער און גאט־בעטער.

זיין פרייד איז איהם קלאר געווארען, זיין ערלייזונג האט איהם שוין געלויכטען און געוואונקען, ווי די ערשטע שטערען אויפ'ן הימעל...

ער איז געווען זיכער, אז דער גוי מיט די פערמוטשעטע פערדלעך זיינען פערשטעלטע שלוחים, וועגווייזער און הייליגע, געשיקט פון הימעל אליין... פון דער גוטער רחמנות'דיגער האנט פון שיקזאל, איהם צו בעפרייען פון זיינע פלאגען און פון זיין לעבענס־געפעננגים...

ביים רבי׳ן

ר׳ דוד׳ל איז געווען א „גוטער איד״ פון א לאקאלער בעדייטונג. אין דער גרויסער אידישער וועלט האט מען איהם כמעט נים געקענט, קיין חסידים האט ער דארט נים געהאט, און פון ווייטע ערטער איז מען צו איהם נים געפאהרען.

אויך אין די ארומיגע שטעדטלעך האבען פון איהם געהאלטען אם מייסטען נאר ווייבער. אידען האבען איהם גערופען מיט אן איראנישען ביטול, כמעט מיט חוזק, דער „ווייבערשער רבי״.

די דינאסטיע פון די קאמענקער „גוטע אידען״ איז אויך געווען א לאקאלע, אויסגעוואקסען ווי אן איינזאמער ארימער און פערקריפעלטער בוים אין א מדבר, און נים פערבונדען מיט׳ן יחוס פון די איבעריגע גרויסע „גוט־אידישע״ דינאסטיעס.

אייגענטליך האבען די קאמענקער „גוטע אידען״ נאך נים אויסגעמאכט קיין דינאסטיע. ר׳ דוד׳ל אליין איז ערשט געווען דער דריטער דור פון א פראסטען ארענדאר, וועלכער איז געווען דעם בערדיטשעווער רב׳ס א הייסער חסיד און האט זיך נאר דורך דעם דערהויבען אין זיין אייגענער סביבה צו דער מדרגה פון א שטיקעל רבי׳ן, פון א קליין „גוט־אידעל״.

טראץ דעם האבען איהר די ארומיגע ווייבער פערגעטערט און נים אויפ־געהערט צו דערצעהלען וואונדער און נסים, גרעסערע ווי די וואס מען האט דערצעהלט פון די גרויסע „גוטע־אידען״. אחוץ חסידות האט ער אויך געהאט חסידים צווישען די בעלי־מלאכה׳ס און דעם אידישען המון, וועלכע האבען תמיד געהאט אויסצושטעהן געגוג שפאט און חוזק אין די בתי מדרשים פון די „אמת׳ע״ חסידים און איידעלערע אידען, וועלכע פלעגען פאהרען צו די „גרוי־סע״ רביים.

און די ויכוחים צווישען אן „אמת׳ן חסיד״ און א שניידער אדער שוסטער, וועלכער פלעגט פאהרען צום „קאמענקער״, פלעגען זיך כסדר ענדיגען מיט אן ארגומענט פון קאמענקער חסיד:

„אבער אן ארימאן איז ער דאך!״

און דער איידעלערער חסיד פלעגט צוגעבען מיט א רחמנות און מיט א קרעכץ, אז דער קאמענקער איז נעבעך נים נאר אן ארימאן, נאר א גאנצער אביון... און דער ארגומענט האט דעם רבי׳ן געמאכט ביים אידישען שניידער אדער שוסטער נאך הייליגער און טהייערער ווי פריהער...

זיין רבי האט געקאנט זיין נאר אזא ארימאן און אביון, ווי ער אליין איז געווען...

און, ווי דער חסיד, האט ר׳ דוד׳ל אפט נים געהאט אויף שבת און האט דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען געפאסט, ווייל ער האט אפט נים געהאט וואס צו עסען.

דאס איז געווען א „גוטער־איד״ פון ארימען אידישען פאלק, א דעמא־קראטישער רבי, מיט אן אלטער צוריסענער קאפאטע און מיט פאפיצעס אויף די פיס אנשטאט שיך.

ווי זיין „גוטער־איד" האָט דאָס שטעדטעל קאַמענקע אַליין נאָך ניט דערגרייכט די מדרגה פון אַן אמת אידיש שטעדטעל. אייגענטליך איז דאָס נאָך געווען אַ גרויסער און אויף אַ באַרג ווייט צואוואָרפענער דאָרף, מיט אַ פּאָר צעהנדליג אידישע הייזלעך, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען „שטעדטעל".
אָבער אַפּילו די אידישע הייזלעך זיינען געווען קליינע און געדעקט מיט שטרוי, ווי די גוי'ישע, און האָבען זיך אונטערשיידט פון די לעצטע נאָר מיט גרעסערע פענסטער.

אַז דער גוי מיט דער פוהר האָלץ האָט זיך אָבגעשטעלט ביי זיין הייזעל אין אָנהויב פון דאָרף, און דער גענעראַל האָט דערזעהן, אַז דער גוי און די פערדלעך זיינען אמת'ע און ווירקליכע, ניט קיין פערשטעלטע וועגווייזער, וועלכע זיינען געשיקט צו איהם פון דער השגחה, פון הימעל — איז ער געוואָרען מיט אַמאָל ווידער אונרוהיג.

דאָס מיסטישע און סודות'דיגע, וואָס די בלייכע האַלבע לבנה, די פלאַטערענדע און ווינקענדע שטערען אויפ'ן בלויען און טיעפען הימעל איבער'ן וואַלד האָבען אָנגעצונדען אין זיין צושפּאַלטענער און קראַנקער נשמה, דאָס ליכט, וואָס האָט איהם בערוהיגט ווי אַ טרייסט, האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעלאָשען.

מיט'ן ליכט זיינען פערשוואונדען די שאָטענס, וועלכע האבען געלויערט אויף איהם אין געהיימניספולען דונקעלען וואַלד און וועלכע האָבען גענומען אין פלען זיין גייסט — די שאָטענס פון אַ בעקאַנטער אָבער שוין פערגעסענער כישוף־וועלט, די וועלט פון זיינע יוגענד־יאָהרען. קאַמענקע איז שוין ניט געווען די ווייטע און מיסטישע קדינה, די לעגענדאַרישע „מעקאַ", וואוהין ער איז איצט געגאַנגען היילען זיין קראַנקען גייסט.

פון דער דונקעלער נאַכט האָבען געקוקט צו איהם קרומע און איינגעהויערטע הייזלעך, מיט טיעף אָנגערוקטע שטרויענע דעכער, וועלכע האָבען זיי געגעבען דאָס אויסזעהן פון גרויסע און פערשימעלטע שוועמלעך אין אַ נאַסען וואַלד.

פרעמד האָבען אויף איהם געקוקט די הייזלעך און דראָהענט. מיט אַמאָל האָט איהם אַרומגעכאַפּט אַ בושה־געפיהל פאַר'ן גוי, וועלכער האָט זיך גענומען אויסשפּאַנען זיינע פערמוטשעטע פערדלעך, פאַר זיך אַליין, וואָס ער געהט צו דעם רבי'ן.

צו דעם בושה־געפיהל איז צוגעקומען אַ געפיהל פון אוואַנטורע און אַנגסט, אַז מען זאָל איהם דאָ ניט ענטדעקען און אַרעסטירען. כמעט אַ פּאַניק האָט איהם אַרומגעכאַפּט. זיין זוהן דער פּראָקוראָר און תליון, זיין ווייב, פּאַן אַטאַ, די גאַנצע נאַקעטע און גרויזאַמע ווירקליכקייט איז ווידער געשטאַנען פאַר זיינע אויגען און האָט ווידער געשראָקען זיין פערמאַטערטען און קראַנקען גייסט מיט נייע אַוואַנטורען, מיט נייע אויף איהם לויערנדע צרות און פּלאָגען...
און ניט פערגעענדיג דעם גוי וואוהין צו געהן, וואו דער הייליגער רבי וואוינט, איז ער אונבעמערקט פערשוואונדען אין דער דונקעלער נאַכט.
דער מיעדער דאָרף, וואָס געהט נאָכ'ן לאַנגען אַרבייטס־טאָג פריה צו בעט,

אום זיך פאַר זון־אויפגאַנג ווידער צו נעהמען פאַר דער אַרבייט, איז שוין געלעגען אויסגעלאַשען און אין שלאָף.

נאָר די הינט האָבען זיך איבערגערופען פון אַלע עקען דאָרף מיט זייערע בילענדיגע און הייזעריגע קולות, ווי שומרים, וועלכע פרעגען איינער דעם אַנ־דערען, צי דאָס פערמעגען, וואָס מען האָט זיי איבערגעגעבען צו היטען איז אין אָרדנונג און גאַנץ.

ערגעץ האָט נאָך געסקריפּעט אַ פערשפּעטיגטער וואָגען, וועלכער האָט אַזוי ווי געקרעכצט אונטער זיין שווערער לאַסט, און געמעקעט אַ שעפּס אין אַ שטאַל.

די נאַכט־לופט איז געוועזען אָנגעזעטיגט מיט שטויב, מיט'ן גערוך פון שטאַל, מיט אַ שטאַרקען ריח פון קראָפּיווע און ביטערע קרייטעכצער, וועלכער האָט זיך געטראָגען פון די רייפע גערטנער און האָט פער'שכור'ט ווי אַ גיפטיגער און שטאַרקער בראָנפען.

אויפ'ן באַרג האָבען זיך די הייזלעך נאָך געלויכטען מיט קאַרגע און ציטערנדיגע ליכטלעך.

דער גענעראַל האָט פערשטאַנען, אַז דאָרט מוז זיין אייגענטליך דאָס שטעדטעל און דער „היילינער מענש", און ער האָט זיך געלאָזט אַהין געהן מיט געאיילטע טריט פון אַ פערפאָלגטען.

די תפלה

דער גענעראַל האָט געעפענט די טהיר, און האָט זיך פאַרזיכטיג אַרומ־געקוקט.

אַ קאָמפּליצירטער און שאַרפער ריח פון אַלטע פערלעגערטע ספרים און שמות, פון שמעק־טאַבאַק און פון נאָך עפּעס ספּעציפישעס, וואָס הערט זיך נאָר אין אַלטע בתי־מדרשים, האָט איהם אַ זעץ געטהאָן אין דער נאָז...

טראָץ דעם איז איהם דער ריח פאָרגעקומען אַזוי בעקאַנט און געהיימניס־פול... די מערקווירדיגע געפיהלען, וועלכע האָבען זיך אין איהם אָנגעצונדען דאָרט אין וואַלד, מיט די ערשטע שטערען אויפ'ן הימעל, ווען ער האָט אין לבנה־שיין געשפּאַנט גלייך מיט'ן גוי ביי דער פוהר מיט האָלץ — די אַלטע שוין אַבגעשטאַרבענע קינדער־וועלט, האָט ווידער געלעבט און געאָטעמט אויף איהם ווי אַ ווירקליכקייט...

דאָס האַרץ האָט ווידער געקלאַפּט מיט דער זיסער אַהנונג פון ערלייזונג, פון אייביגער רוה נאָך אַ לאַנגען לעבענסוועג, וועלכער איז געוועזען פול מיט קאַמף, מיט דערנער און ביטערע ענטוישונגען.

ער האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ, ווי אַ מענש וואָס בעטרעט אַ הייליגען אָרט, און האָט געמאַכט עטליכע פאַרזיכטיגע און שטילע טריט אין דער האַלב־דונקעלהייט.

אין אַ ווינקעל האָט זיך גערויכערט אַ לאָמפּ. דאָס צאַנקענדע ליכט האָט געציטערט, געשפּרונגען און זיך געראַנגעלט ווי אין אַ קאַמף. יעדער שפּרונג האָט געבראַכט אין בעוועגונג די שאָטענס אויף דער נידעריגער און קויטיגער סטעליע און אויף די ווענט. זיי זיינען זיך צולאָפען און זיינען מיט אַ האַס־

טיגען שפרונג געקומען צוריק, ציטערנדיגע פון אויפרעגונג און גרייטע צום קאמף...

ביי דעם קארגען און ציטערענדען ליכט האט דער גענעראל דערזעהן אז ארון־קודש, פערהאנגען מיט אן אלטען פרוכת, שטענדערס און ביינק.

די אומגעבונג האט איהם דערפרעהט, אזוי ווי ער וואלט געפונען דאס, וואס ער האט געזוכט.

עס איז אבער געווען שטיל און עס האט זיך נאר געהערט א שטילעס אבער בייזעס זידען פון דעם קעראסין אין לאמפ און דאס פלאטערען פון דעם צאנקענדען ליכט, וואס האט זיך געראנגעלט מיט די שאטענס פון דער האלב־דונקעלהייט. ארום איהם.

ווי א מאן, וועלכער בעטרעט א פרעמד הויז, אין דער אבוועזענהייט פון די בעלי־בתים, איז ער געבליבען שטעהן ניט ריהרענדיג זיך פון ארט.

באלד האט זיך צו איהם דערטראגען א שטילער קרעכץ. ער האט אויס־געצויגען דעם האלז, האט זיך גוט איינגעקוקט און דערזעהן אין ווינקעל ביים ארון־קודש הינטער א שטענדער א דונקעלע און קליינע פיגור.

דאן האט ער געמאכט א פאר זיכערע און הילכענדע טריט צום ארון־קודש. דער קלונג אבער פון זיינע שפארען האט איהם אליין איבערגעשראקען, ווי עפעס אונווירדיגעס און פערשוועכענדעס אין א מקום־קדוש.

די פיגור אבער האט ניט בעמערקט, ניט איהם און ניט דעם קלאנג פון זיינע טריט... זי איז געבליבען אין איהר פערגליווערטער פאזע, מיט'ן פנים צו דער וואנט, אנגעשפארט אויף די הענט, וועלכע האבען פערדעקט דעם פנים.

און אויך דאס האט איהם דערפרעהט, אזוי ווי אן ערווארטעטעס און נאטירליכעס, ווי א פערשפרעכענדעס...

ער איז געווען איבערציינגט, אז דער הייליגער מענש ווייסט, אז ער איז געקומען, אז זיין הייליגער חוש האט שוין לאנג אויף איהם געווארט און לאזט איהם אומיסנע שטעהן, ווי א פערברעכער און פעררעטער, כדי איהם צו דער־נידעריגען און צו רייניגען אין דער ערנידערונג.

און דאס געפיהל פון ערנידערונג האט זיך אין איהם צוגאסען ווי א זיסער גיפט.

מיט א געפיהל פון א טיעפען יראת־הכבוד און מיט א פערכאפטען און דערשטיקטען אטעם האט ער זיך גענומען איינקוקען אין דער פיגור פון צדיק אוןווארטען.

א קליינער הארבאטער אידעל איז דאס געווען, וואס האט זיך קוים ארויס־געזעהן פון הינטער'ן שטענדער, אויף וועלכען עס איז געלעגען אן אפענער ספר. דערפאר אבער האט די קליינע פיגור געווארפען פון זיך אויף דער וואנט א לאנגען, פערגליווערטען שאטען...

א ווײלע זיינען זיי ביידע געווען אונבעוועגליך און פערגליווערט, דער צדיק און זיין שאטען אויף דער וואנט.

פלוצים האט זיך די קליינע פיגור אנגעהויבען צו וויעגען הין און צוריק און מיט איהר האט זיך צואוויעגט זיין שאטען אויף דער וואנט. דאס גרויסע שטריימעל מיט די לאנגע שפיצען האבען דעם שאטען געגעבען דעם אויסזעהן פון אן אונגעלומפערטען גרויסען פענדעל פון א וואנט־זייגער.

באַלד האָט זיך דער צדיק און דער פענדעל ווידער אָבגעשטעלט, ווי פאַר אַ שפּרונג, און מיט זיי האָט זיך ביים אַלטען מאַן מיט אַמאָל אָבגעשטעלט. ווי אין אַן אונהיימליכער ערוואַרטונג, דאָס קראַנקע האַרץ...

דערנאָך איז דער צדיק אונטערגעשפּרונגען, די קליינע האַרבאַטע פיגור איז אַזוי ווי אויסגעוואַקסען אויף איהרע שפּיץ־פינגער. דאָס זעלבע האָט נאָכגעטהאַן דער שאָטען אויף דער וואַנט, און ווי אַ טיעפער פערמוטשעטער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין ברוסט. אַ „שמע ישראל״, אַ לאַנגער קרעכץ, וועלכער האָט זיך גענומען וואַקסען העכער און שטאַרקער, ביז ער איז געקומען צום „אחד״.

דאָרט האָט ער זיך פערצויגען מיט איין לאַנגען האַרצרייסענדען אַקאָרד, מיט איין לאַנגען אָטעמצוג, וועלכער האָט זיך געריסען פון דער ברוסט, ווי אַ פּלאַטערענדע און בענקענדע נשמה, וועלכע וויל פערלאָזען דעם קערפּער, ציהט זיך און רייסט זיך צום הימעל און בעט דעם אויבערשטען, אַז ער זאָל זי בעפרייען פון לעסטיגען קערפּער, פון מיעדען לעבען און זי נעהמען צו זיך אַהיים...

און לאַנג ווי אַן אייביגקייט האָט זיך געצויגען דער בעטענדיגער און וויינענדיגער „אחד״, און דעם גענעראַל האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט זיך שוין איבעררייסען מיט׳ן לעבען פון דער קליינער און האַרבאַטער פיגור אינ־איינעם.

דער אונענדליכער און טרויעריגער אַקאָרד האָט איהם געריסען דאָס האַרץ, אַ שווידער איז געלאָפען איבער זיין לייב, דער שווידער פון אַ מאַן וועלכער מוז מיט זיינע אויגען צוקוקען דעם זעלבסטמאָרד פון אַ מענשען.

אַז דער לאַנגער פערצווייפעלטער „אחד״ האָט זיך איבערגעריסען ווי אַ לעצטער אָטעמצוג, זיינען דער צדיק און זיין שאָטען אויף דער וואַנט צוריק פערגליווערט געוואָרען, ווי אונבעוועגליך און לעבענסלאָז.

דער קעראָסין אין דעם פעררויכערטען לאָמפּ האָט ווידער געזאָטען און זיך געבייזערט, ווי אַ גיפטיגע שלאַנג: דאָס צאַנקענדע ליכט איז געשפּרונגען און האָט זיך געראַנגעלט מיט די שאָטענס אויף דער סטעליע און אויף דער מזרח־וואַנט, וועלכע האָבען ווי שוואַרצע רוחות זיך געוואָרפען צום גרויסען שאָטען פון צדיק, צום קאַמף מיט דער קדושה, זיינען אָבער געלאָפען צוריק, אַזוי ווי אין שרעק פאַר׳ן הייליגען שטריימעל.

און באַלד האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטילע תפלה. דער צדיק האָט געדאַ־ווענט מעריב, ווידער אונבעוועגליך, בעהאַלטענדיג דעם פּנים אין די אָנגע־שפּאַרטע הענט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו קוקען דעם אויבערשטען, די שכינה, אין די אויגען.

און פון אונטער די הענט האָבען זיך די ווערטער פון דער תפלה צוערשט געטראָגען איינציגע און שאַרפע, די פיילען, אָהן אַ ניגון, ניט ווי אַ תפלה נאָר ווי אַ געשפּרעך, ווי אַן ערצעהלונג פון אַ מיעדען וואַנדערער.

דער קורצער און מיעדער אָטעם האָט זיך פון צייט צו צייט אָבגע־שטעלט און די ווערטער האָבען זיך ווידער געטראָגען, ווי מיט געוואַלד געשמו־סענע און געטריבענע, שאַרפע און בייזע...

באַלד אָבער האָבען זיי געקלונגען ווי אַ שטיל און אַן אינטים געשפּרעך פון אַלטע גוטע פריינד, באַלד ווי אַ בכיה...

דאָן זיינען די ווערטער שוין געלאָפען איינס נאָכ'ן אַנדערען און האָבען געפּלאַצט אין די דונקעלע ווינקלען פון מקום קדוש, ווי צוריסענע סטרונעס, מיט'ן וועהטאָג פון געצוויגענע נערוועז.

די שאָטענס אויף דער סטעליע און אין די ווינקלען, זיינען דאָן געוואָרען אונרוהיגער, זייער שפּ־־נג דראָהענדער.

דער גענעראַל האָט זיך אָראָבגעלאָזט אויף אַ באַנק און האָט זיך גענומען וואַרטען [illegible] דער צדיק וועט ענדיגען זיין תפלה.

די טעמפּאָ אָבער פון דער תפלה האָט זיך גענומען בייטען. אָט האָט זיך עס געגאָסען לאַנגזאַם און רוהיג, אָט איז עס געוואָרען צוריק שטורמיש, שנעל און וויינענדיג.

מיט דער טעמפּאָ האָט זיך געביטען דער ניגון, די פּאָזע פון צדיק און פון זיין שאָטען אויף דער וואַנט. באַלד האָט ער אָנגעהויבען זיך צוריק צו וויעגען, אונטערצושפּרינגען און מאַכען מיט די הענט, ווי אַ פערוואונדעטער און קרעכצענדער פויגעל מיט די פליגעל. דער שאָטען האָט דאָס אַלץ נאָכגעמאַכט, איז שוין אונרוהיג געלאָפען איבער דער וואַנט און האָט זיך שוין [illegible] אויף די איבעריגע שאָטענס, וועלכע האָבען זיך צוזאַמ[illegible]אַר'ן קאַמף, אין אַ שוואַרצע מחנה פון רוחות.

אַזוי האָט עס געדויערט ביז דער שמונה־עשרה. דאָן איז די תפלה געוואָרען צוריק שטיל און האָט זיך שוין ווייטער געגאָסען ווי אַ בערוהיגט און גליקליך וואַסער, וואָס ציהט נאָך אַ לאַנגען און מיעדען וואַנדערען זיין מיעדען שטראָם אין אַ שטיל פּלאַטערענדער פרייד, איבער אַ זאַמדיגען און ריינעם געלעגער.

אַן ערשעפּטער נאָכ'ן לאַנגען וועג און נאָך די טיעפע און אויפרעגענדע איבערלעבונגען האָט דער אַלטער מאַן ווידער דערפיהלט די צו דער ערד ציהענדע מיעדיגקייט, וועלכע האָט איהם דאָן אַ וואָרף־געטהאָן אויפ'ן שטרויענעם געלעגער אין דער חרוב'ער און פערלאָזטער הייזעל. איינגעוויעגט פון דעם זיסען קלאַנג פון דעם צדיק'ס שטילע שמונה־עשרה איז ער איינגעשלאָפען אין זיין וואַרטונג אויף דער באַנק, מיט אַ פערוואָרפענעם קאָפּ.

און באַלד האָבען זיך איבער זיין פנים גענומען לויפען שאָטענס פון אַן אַלטער, שוין לאַנג אָבגעשטאָרבענער וועלט... דאָס זיינען געווען די זכרונות פון דער קינדהייט. זיי האָט מחיה־מתים־געווען די בעקאַנטע אומגעבונג, דאָס קליינע שוהלכעל מיט'ן ספּעציפישען ריח, די שטענדערס, דער אָרון־קודש מיט'ן אַלטען פּרוכת, דער צדיק מיט זיין תפילה און שטילע בכיה.

די זכרונות זיינען געשפּרונגען פון זייערע קברים, פּלאַטערענדע און צוריק לעבעדיגע, מונטערע און גליקליך־לאַכענדע, ווי די קינדער־יאָהרען זיינען געווען.

ווי די שאָטענס אויף דער פעררויכערטער און ברודנער סטעליע און איז די דונקעלע ווינקלען פון דער שוהלכעל זיינען די זכרונות געשפּרונגען און געלאָפען איבער'ן פנים פון דעם גענעראַל־אַדיוטאַנט גערשעלמאַן, אַ גענעראַל פון דעם צאַר'ס סוויטע.

בעלויכטען אָבער האָבען זיי דעם פנים מיט די שטראַהלען פון אַ שטילער פרייד, מיט דער פרייד פון ערלייזונג.

אין חלום האָבען זיי דעם אָבגעריסענעם פּאַדעם צוגעקניפּט צוריק צו דער אַלטער קנויל, צום מקור...

זיי האָבען דעם אַלטען, גרוי געוואָרענעם און מיעדען וואַנדערער גע־בראַכט צוריק אַהיים... און די היים איז געווען אַזוי פריש און זיס, ווי אַ קינדער־שלאָף אויף אַ קינדער־בעטעלע. און די מיעדע אברים האָבען זיך אין אַ זיסער מיעדיגקייט געצויגען אויף דעם קינדער־געלעגער, זייערע וואונדען האָבען זיך געהיילט, די פּלאָגען פון געוויסען זיינען פערשוואונדען. די היים האָט איהם מוחל געווען און האָט איהם עמפּפאַנגען מיט אָפענע און צערטליכע מוטער־אָרעמס.

און אין די אומאַרמונגען האָט ער דערפיהלט דעם זיסען גיפט פון דער איינציגקייט מיט זיין פאָלק, פון בעוואוסטזיין אַז ער איז איינער פון די אייביג פערפאָלגטע; ער האָט דערפיהלט די שטאָלצע פרייד פון די אויסערוועהלטע און געליעבטע קינדער...

אַ געזעגנעטער און ערלייזטער האָט ער איצט געקענט רוהיג שטאַרבען. דער טויט האָט איהם איצט ניט געשראָקען.

ער האָט געפיהלט די אַנוועזענהייט פון דעם צדיק ביי דער וואַנט, וועלכער האָט מתפּלל געווען פאַר איהם און פאַר אַלע אָבגעריסענע אברים...

און ער איז געווען זיכער, אַז די תפילה וועט איהם עפענען די טירען צו דער אייביגער רוה...

דער שוואַרצער הונד

אין דער יאַגד אויפ'ן פערשוואונדענעם גענעראַל האָבען זיך אַם שטאַרק־סטען און אייפריגסטען בעטייליגט דער גערטנער פּעטרושע און סווינטשיצ־קי'ס שוואַרצער הונט, וועלכען ער האָט הינטער זיך געלאָזט אין הויף אַלס אַ שומר פון זיין שוואַרצען און בייזען גייסט פון די אַלטע פּוילישע טראַדיציעס, וועלכע האָבען ניט געדאַרפט פערשוואונדען ווערען פון דעם אַריסטאָקראַ־טישען פּוילישען שלאָס.

דיזעביידע בעשעפּעניששען האָבען ניט געהאַט די סימפּאַטיע פון דעם נייעם בעזיצער.

פּעטרושע האָט זיך פון דעם ערשטען מאָמענט געשטעלט אויף דער גע־נעראַלשע'ס זייט. גלייך מיט איהר און מיט איהר זוהן האָט ער זיך געפיהלט געקריינקט און בעליידיגט פון דעם באַלעבאָס זשידאָווסקע סימפּאַטיעס.

די לעצטע פּאַסירונג: דעם גענעראַל'ס פּלוצליכע פערשווינדונג נאָך אַזאַ פערברעכען, האָט איהם ניט ווייניגער אויפגעבראַכט ווי דעם פּראָקוראָר, פאַר וועלכען ער האָט געהאַט דעם גרעסטען רעספּעקט און מיט וועלכען ער האָט שטאָלצירט, ווי מיט אַן אייגענעם זוהן.

דעם הונט, וועלכער איז דאָן בעפאַלען מלכה'ן און דעם לאַנגען בעל־עגלה, וועלכער פלעגט ניט לאָזען דורכגעהן קיין אידען און רייסען די קאַפּאָ־טעס מיט די גלידער אינאיינעם, האָט דער גענעראַל זיך שוין ניט איינמאָל געקליבען צו שיסען.

ניט איינמאָל האָט איהם נאַטאַשע געראַטעוועט פון זיין צילענדער ביקס.

דעם גאַנצען טאָג האָבען די צוויי בייזע בעשעפענישען געוואַנדערט איבער'ן וואַלד און געזוכט דעם פערברעכער'ס שפּורען.

שוין לאַזענדיג זיך צוריק אַהיים ענטוישט און ערביטערט זיינען זיי בלאָנדזשענדיג אַרויסגעקומען אויפ'ן זאַמדיגען און פערוואָרפענעם וועג, וועלכער האָט געפיהרט קיין קאַמינקע.

פּעטרושע'ס קאַמעראַד האָט דערפיהלט באַלד די פרישע שפּורען פון דעם פערשוואונדענעם און האָט זיך געלאָזט לויפען מיט אַן איינגעגראָבענער מאָרדע אין זאַמד און מיט אַ בייזעם בילען.

פּעטרושע איז איהם נאָכגעלאָפען מיט אַ ווילדער פרייד פון אַ יעגער, וועלכער זעהט פאַר זיך דאָס אָנגעיאָגטע רויב.

אַזוי זיינען זיי געלאָפען אַ פּאָר וויאָרסט.

דער וועג איז געוועזען אַ גלייכער און איינציגער און האָט געפיהרט צו איין ציעל.

פּעטרושע איז געוועזען זיכער, אַז ער איז געפאַלען אויפ'ן גענעראַל'ס שפּורען, אַז מ'דאַרף איהם נאָכפאָלגען נאָר אין דיזער ריכטונג און מ'וועט איהם אָניאָגען.

די וועג קיין קאַמינקע האָט ער גוט געקענט. אַהין איז ער שוין אַ פּאָר מאָל געפאָהרען נאָך בלומענזאַט, צום פּוילישען בעזיצער פון דער שטעדטעל.

מען האָט ניט געטאָרט פערלירען קיין צייט און ער האָט מיט גוואַלד גענומען דעם שוואַרצען הונט פאַר'ן אייזערנעם האַלז־רינג און איז מיט איהם אוועק צוריק אין שלאָס אַריין.

ווי אַ טריאומפאַטער האָט ער געמעלדעט דעם פּראָקוראָר פון זיין ענטדעקונג:

די אויגען פון דעם זוהן האָבען זיך אָנגעצונדען מיט אַ בייזען, טייוולישען פלאַם, מיט אַ פלאַם פון אַ תליון, וועלכער קען שוין הענגען זיין קרבן.

ער האָט אָבער בעפעהלען דעם גערטנער צו שווייגען און איינצושפּאַנען בשתיקה די פערד.

דערנאָך האָט ער אָבגעגעבען אַ בעפעהל צו דעם פּריסטאַוו, וועלכער איז נאָך פאַר פּעטרושע'ן געקומען צוריק אין שלאָס אַריין פון דער יאָגד נאָכ'ן פערשוואונדענעם, אָבער מיט ליידיגע הענט — איהם האָט ער אָבגעגעבען אַ שטרענגען בעפעהל צו היטען נאַטאַשע'ס צימער און איהר דאָרט האַלטען ווי אַ געפאַנגענע און אַרעסטירטע, ביז ער וועט קומען צוריק.

דער פּריסטאַוו האָט ווידער זיך געוואַקעלט פאַר דעם בעפעהל, אָבער ער האָט געמוזט פאָלגען און האָט מיט אַ סטראַזשניק זיך גענומען אויספיהרען די גרויזאַמע און אונאַנגענעהמע פליכט.

דאַן האָט דער פּראָקוראָר מיטגענומען דעם לייב־מעדיק, צוויי סטראַזשניקעס, פּעטרושען מיט'ן הונט און אַלע זיינען אין איילעניש אוועק קיין קאַמענקע, געפיהרט פון דעם הונט, וועלכער איז געלאָפען פאַר די פערד און האָט וייט געהילכט איבער'ן וואַלד און ערשיטערט די נאַכט־לופט מיט זיין אונהיימליכעם בילען.

* * *

ר׳ דוד׳ל האָט געהאַט אַ לאַנגען און שווערען מעריב.

בייטאָג זיינען ביי איהם ווידער געווען די ווייבער פון די אַרעסטירטע אידען פאַר׳ן בלוט־בלבול.

לאַנג און ביטער האָבען די אידישע טעכטער געוויינט איבער איהם, ווען זיי האָבען איהם דערלאַנגט די קוויטלעך מיט די קופּערנע פּדיונות און פערלאַנגט פון איהם, אַז ער זאָל אַנקלאַפּען דאָרט פון אויבען און זעהן, אַז מען זאָל אַראָבנעהמען די שווערע גזירה פון דער שכנה׳שער שטעדטעל.

ר׳ דוד׳ל האָט געוואוסט, אַז זיין זכות איז קליין ביים בית־דין של מעלה, אַז זיין שטימע איז שוואַך און אונווירדיג, אַז מען זאָל זי דאָרט דערהערען... אַז אויך דער יחוס און זכות פון זיינע אבות איז ניט גענוג גרויס פאַר׳ן שליחות.

אידען זיינען אָבער געזעסען אין תפיסה, זייערע ווייבער מיט די קינדער זיינען געבליבען אָהן פּרנסה און ער האָט זיך געשטעלט בעטען פאַר זיי — ער האָט געבעטען און געוויינט ביטער, אַזוי ווי די ווייבער האָבען היינט ביי איהם געוויינט און צוריסען זיין האַרץ.

ער האָט מתפּלל געווען און געבעטען ווי אַן עני בפּתח.. ער האָט אָבער ניט פערגעסען זיך אָבצושטעלען אין געוויסע ערטער און מכון זיין ביי געוויסע ווערטער און אותיות פון זיין תפילה, אַזוי ווי ער האָט זיך אויסגערעכענט און זיך צוגעגרייט דערצו נאָך בייטאָג...

אַז ער האָט געענדיגט מעריב, האָט ער זיך אויסגעדרעהט צוריק צום שטענדער און האָט זיך געוואָלט זעצען אָבריכטען חצות, ווי ער איז געוואוינט געווען צו טהאָן.

דאָ האָט ער פאַר זיך דערזעהן דעם שרה, וועלכער איז געזעסען אַנטקעגען אויף דער באַנק מיט אַ פערוואָרפענעם קאָפּ, וועלכער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם ווי אַן אָבגעהאַקטער און טויטער.

דאָס האַרץ האָט זיך ביי איהם אָבגעשטעלט פון שרעק און דאָס בלוט איז פערקיהלט געוואָרען אין די אָדערען... ער האָט קיין מאָל ניט געזעהן דעם גענעראַל פון שכנה׳שען שטעדטעל, מיט וועלכען די גאַנצע סביבה האָט שוין צוויי יאָהר געקלונגען. ער האָט אָבער קיין מינוט ניט געצווייפעלט, אַז דער שרה מיט די גאָלדענע עפּאָלעטען איז דערזעלבער גענעראַל, אַז ער האָט מיט זיך געבראַכט עפּעס אַ נייע גזרה, אַן אונגליק אויף איהם און אויף זיין קליינער עדה.

אין טויט־שרעק איז ער אַריין צו זיך אין הויז און האָט האַסטיג אויפגעוועקט פון שלאָף פּנחס׳ן, דעם גבאי זיינעם.

באַלד זיינען זיי געשטאַנען ביידע פאַר׳ן שלאָפענדען גענעראַל, בלייכע ווי מתים, שטומע און ציטערענדע... וועקען האָבען זיי איהם ניט געוואַגט.

— אַ גרויס אונגליק — האָט בעמערקט פּנחס מיט אַ טיעפען שוידער איבער׳ן גאַנצען לייב און האָט זיך גענומען פערצווייפעלט ברעכען די הענד.

— איך האָב איהם ערשט מכון געווען אין מיין שמונה עשרה... ביי שיבת ציון... — האָט איהם צוגעוואָרפען ר׳ דוד׳ל. דער רבי האָט מעהר ניט געקענט שטעהן ,פון אויפרעגונג, אויף די פיס און האָט זיך צוגעזעצט. ביידע זיינען פערשטומט, פערגליווערט געוואָרען אין אַ וואַרטונג, פול מיט אַנגסט, פאַר דער זיך רוקענדער גזרה, פאַר׳ן אַנקומענדען אונגליק און שרעק.

אין דער אונהיימליכער שטילקייט האט זיך נאר געהערט דאס גיפטיג־בייזע ברויזען פון קראסין אין לאמפ און דער שווערער אטעם פון שלאפענדע, וועלכער האט אנגעהויבען איבערגעהן אין א כראפ. אזוי שטום און פערצווייפעלט זיצען מענשען ביים בעט פון א גוסס...

די שאטענס אויף דער סטעלע און אין די ווינקלען האבען ווי אונגעדולדיגע שדים געטאנצט, שוין געווארט און זיך צו עפעס בייזעם געגרייט...

דאס משוגעים־העומד

און דער שרעק האט זיך גערוקט אלץ נעהנטער און נעהנטער...

געלאפען איז איהם אין פאראויס און האט איהם געוויזען דעם וועג דער שווארצער הונד. מיט א ווילדעס און די נאכט־לופט ערשיטערענדעס בילען איז דער הונד געלאפען איבער׳ן דארף גלייך צום הויז, וואו דער צדיק האט געלעבט.

די הינד פון דארף האבען זיך א לאז געטהאן אנטקעגען דעם פרעמדען און פרעמדען געבען מיט א בייזען ברוך־הבא... באלד איז אלעס ארום און ארום ארומגעכאפט געווארען פון א ווילדען, הימעל־שפאלטענדען געבעל, ווי פון פלאמען פון הינטישער וואוטה און בלוטדורשטיגקייט.

„כלבים צועקים, מלאך המות בעיר!״ — איז דורכגעלאפען ביי רב דוד׳ען א געדאנק אין מח און האט איהם אבגעבריהט ווי א בליץ.

דערזעלבער געדאנק איז דורכגעלאפען ביים גבאי אין קאפ.

און דאס בילען מיט׳ן מלאך המות, קומען אלץ נעהנטער און נעהנטער צום רבי׳נס הויז... אט הערט זיך שוין דער רויש פון רעדער... נעהנטער און נעהנטער קלאפען זיי... שוין אונטער די פענסטער... מ׳האט זיך אבגעשטעלט... מענשען שפרינגען ארונטער פון וואגען... זיי רעדען בייז און דראהענד... דער הונד בילט און רייסט זיך צו זיי ווי א מלאך־המות...

„כלבים צועקים, מלאך המות בעיר!״ — שעפטשעט רב דוד׳ל.

די אנגעקומענע דרעהען זיך אונטער די פענסטער, זוכען עפעס, ריידען הויך און אויפגערעגט צווישען זיך... דער הונד בילט העכער און וויטהענדער... ער כאפט פון עמיצען א קלאפ אדער א שטויס און צורייסט די פינסטערע נאכט אין דרויסען מיט א שרעקליכען וועה־געשריי...

דער גענעראל שוידערט אויף מיט׳ן קערפער אין שלאף, עפענט די אויגען און קוקט זיך ווילד ארום... ער זעהט פאר זיך צוויי ציטערענדע און ווי דער טויט בלייכע פיגורען... ער קוקט זיך אין זיי איין מיט ווילדע בליקען, איבער זיינע גאלדענע ברילען... אזוי ווי ער וואלט פאר זיך פלוצים דערזעהן א פאר געשטאלטען פון אן אנדערער, פרעמדער וועלט...

ער דערמאנט זיך אן עפעס און אן עהרפורכטפולער שמייכעל בעלייכט זיין שטרענגען און פערוואונדערטען פנים... און לויט געוועהנהייט, כאפט ער שנעל ארונטער זיין היטעל פון קאפ, מאכט א שריט צום צדיק און בויגט זיך צו איהם אן מיט דער אביזיכט צו קושען זיין האנד, אזוי ווי ער פלעגט תמיד קושען די הענד פון ארכיערייען און גלחים און זיך לאזען פון זיי בענשען...

דער צדיק שפרינגט פון איהם אפ, אן איבערגעשראקענער.

דער גענעראל דערמאנט זיך, אז דאס איז א רבי און ניט קיין גלח, אז ער שטעהט אהן א היטעל אין א מקום קדוש... ער ציטערט־אויף, טהוט שנעל און געכאפט אן צוריק דאס היטעל, קוקט זיך ארום שטום און אונבעהאלפען אויפ׳ן צדיק, אויפ׳ן צווייטען אידען, דעם צדיק׳ס גבאי און לאזט זיך פלוצלינג ארונטער פארביידען און פאר׳ן ארון קודש א קניהענדער און א בעטענדער און צור־ווייגט זיך שטיל, אבער הארצרייסענד...

בלויז א מינוט האט די געשיכטע געדויערט, א הרף עין... איבערגעריסען האט דאס געוויין פון דעם קניהענדען מאן דער טומעל אין דרויסען, וועלכער האט שוין געקלאפט און געריסען די טיר, ווי בעלאגערענדע פיינד.

דער גענעראל איז אבגעשפרונגען און האט זיך אויסגעגלייכט...

דא האט זיך די טיר געעפענט און זיינע פערפאלגער זיינען טומלענד אריין אין שוהל.

דער שווארצער הונט האט זיך געריסען פון פעטרושע׳ס הענט און האט שרעקליך געבילט אין דעם קליינעם מקום קדוש.

דער רבי מיט׳ן גבאי זיינען אבגעשפרונגען צום ארון קודש, אזוי ווי זיי וואלטען זיך געקלעמט אין איהם און געזוכט ביי איהם שוץ...

דער גענעראל האט אינסטינקטיוו אריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס זוכענדיג דארט זיין רעוואלווער. ער האט איהם אבער ביי זיך שוין ניט געהאט. ער איז ארויסגעפאלען און געבליבען אויפ׳ן בעטלער־געלעגער אין דעם חרוב־הייזעל, וואו ער האט פערבראכט זינט ער איז אוועק פון זיין אייגען הויז. דאן האט ער זיך גענומען שנעל און פיבערהאפט טאפען זיין קערפער און זוכען אויף זיך זיין שווערד, און האט איהם אויך ניט געפונען.

דער זוהן מיט די צוויי גרינע אויגען, אין וועלכע עס האט געפלאקערט א פלאם פון טייוולישען האס, שפאט, פאטאלאגישער עקעל, בייזע סאדיס־טישע פרייד פון א תליון און א גאנצער גיהנם פון וואוטה — דיזע אויגען האבען איהם שוין געקוקט גלייך אין פנים אריין...

דער הונט האט אבער אלץ פערפלייצט מיט זיינע קולות און געלעכערט די אויערען און דעם מוח.

— ארויס מיט׳ן הונט פון דאנעט! — האט דער פראקוראר א געשריי־געטהאן אין א ווילדען וואוטה אויף פעטרושע׳ען.

פעטרושע האט גענומען שלעפען דעם הונט און זיך ראנגלען מיט איהם.

זיין בילען איז געווארען נאך ווילדער און אונערטרעגליכער און אלע זיינען געשטאנען פערגליווערט אונטער די ווילדע גיהנם׳שע קולות פון דער בייזער חיה, ביז פעטרושע האט איהם ניט ארויסגעווארפען און האט ניט פערמאכט הינטער איהם די טהיר.

דער הונט האט נאך א ביל־געטהאן אין דרויסען און איז באלד פערשטומט געווארען, אזוי ווי ער וואלט זיך מיט אמאל דערווארגען מיט זיין אייגענער וואוטה...

און שטיל איז געווארען אין דרויסען און אין דער קליינער מיט שאטענס און גרויזאמע געשטאלטען פערפלייצטעם שוהלכעל. אלעס איז פערשטומט גע־ווארען ווי פאר׳ן מלאך המות, וועלכער האט שוין אויסגעשטרעקט זיין בלוטיגען שווערד איבער׳ן האלז פון זיין קרבן... שטיל איז געווארען ווי פאר׳ן טויט...

און ביידע, דער זוהן און דער פאטער, קוקען זיך אן ווי צוויי פיינדליכע, זיך טיעף האסענדע וועלטען... בלויז א רגע דויערט דער קאמף פון די פיינד־ליכע און זיך ראנגלענדע בליקען...

פאר די בעגלייטער, פאר די צוויי אידען ביים ארון קודש, דויערט דיזע רגע אן אייביגקייט.

פון דעם זוהנ׳ס ברוסט רייסט זיך ענדליך ארויס א בעפעהל צו דער סוויטע. צו די סטראזשניקעס:

— בינדט איהם, דעם משוגע׳נעם!

דער בעפעהל רייסט זיך ארויס פון זיין ברוסט, ווי פון א טיעפען קעלער, גערעמפט מיט דעמזעלבען וואוטה, ווי דאס בילען פון דעם שווארצען הונט. וועלכער האט זיך דארט אין דרויסען מיט איהם דערווארגען און איז פער־שטומט געווארען.

אבער בעפאר די מחבלים האבען צייט געהאט זיך א ריהר צו טהאן פון ארט האט דער אלטער און קראנקער מאן געכאפט א שטענדער און האט איהם אויפ־געהויבען אין דער הויך פלינק און גרינג ווי א שפענדעל, און האט מיט איהם, ווי מיט א שווערד אין די יוגענד־יאהרען א שווינג־געטהאן איבער׳ן זוהנ׳ס קאפ.

דער פראקוראר איז אבגעשפרונגען.

דער סטראזשניק איז אריינגעשפרונגען אין מיטען און האט געכאפט אין דער לופט דעם געשווינגענעם שטענדער.

א שטומער קאמף האט זיך אנגעהויבען צווישען די צוויי פאליציאנטען און דעם גענעראל; א קורצער, אבער א הארטער קאמף...

דער פראקוראר האט זיך גענומען שרייען און וויהטען, ווי דער שווארצער הונט אין דרויסען, וועלכער האט ווידער געבילט און געריסען די טירען מיט זיינע בלוט־דורשטיגע און אייזערנע לאפעס.

געטריבען און געהיצט פון דעם וויטהענדען טייוועל, אנגעצונדען פון זיין גיהנם׳שען האס, האבען די סטראזשניקעס און פאן אטא זיך אויך אנגעצונדען מיט דעמזעלבען האס און האבען זיך פערוואנדעלט אין אונמענשען, אין גרויזא־מע שדים.

ווי שדים האבען זיך אלע א ווארף־געטהאן אויף איין מאן, וועלכער האט בראוו געפאכטען און געקעמפט מיט׳ן שטענדער; שטום געקעמפט מיט א קאלטבלוטיגער דיינקענדער קראפט, ווי ער האט שוין אמאל געקעמפט הינטער פלעוונע אלס א יונגער אפיצער, אהן געווער, וועלכעס ער האט פערלארען אין דער היץ פון דער שלאכט, נאר בלויז מיט א פאר אייזערנע הענט מיט וועלכע ער האט דערשטיקט א לאנגען און ווילדען טערק, א ווילדען ווי א צורייצטער לייב... און ער זעהט פאר זיך שוין ניט דעם אייגענעם זוהן, נאר דעמזעלבען טערק און טויט־פיינד. ווי דאן איז איצט זיין וואוטה געריכטעט ניט אויף די. וועלכע קעמפען מיט איהם, נאר אויפ׳ן מאן מיט די ווילדע גרינע אויגען, וועלכער שטעהט פונוויטענס און שרייט און רייצט אויף איהם די שדים, ווי דער בעפעהלהאבער פון גיהנם. איהם וויל ער צושפאלטען דעם מוח מיט׳ן שטענדער און צושפריצען זיין מארך. מען לאזט איהם אבער ניט צו צו דעם טייוועל; מען פערשטעלט איהם פון זיין וואפען, פון זיין געפעהרליכען קלאפ. פלוצים אבער האט ער דערפיהלט אזוי ווי עפעס וואלט זיך אין איהם אב־

גערִיסען... אָבגעריסען האָט זיך דאָס האַרץ און איז אַזוי ווי טיעף אַרונטערגעפאַלען און איז דאָרט פערשטאָרבען געוואָרען לאָזענדיג הינטער זיך אַ חלל...
ער קלעמט נאָך אָבער פעסט זיין וואַפען אין זיינע הענט. ער וואַרט אַ הרף עין, אַז דאָס האַרץ זאָל זיך צוריק אָנהויבען צו בעוועגען און צו קלאַפען. דאַן וועט ער מיט איין מעכטיגען קלאַפ צושמעטערען זיין שונא... דאָס האַרץ איז אָבער שטום און ריהרט זיך שוין ניט. דאָס בלוט האָט זיך אויך איבערגעשראָקען און זיך אָבגעשטעלט. ער הויבט אָן אַרויסצולאָזען די וואַפען פון זיין האַנט...

זיינע שונאים כאַפען זי אויס. שטאַרקע, אייזערנע הענט קלעמען שוין זיין הערפער, די שטייף־ווערענדע גלידער, וועלכע קענען זיך שוין ניט פערטיידיגען. ער ליעגט שוין אויף דער באַנק. הייסע און בריהענדע קערפערס דריקען איהם צו צו דער באַנק, ווי אַ שווערער און שטומער באַרג... פאַר די אויגען ווערט פינסטער... ער הערט נאָך אָבער גוט דאָס ריטשען פון דעם טייוועל... ער זעהט נאָך פאָן אָטאָ'ן, וועלכער טאַנצט אַרום איהם און פישטשעט ווילד, ווי אַ קליינער שד... ער בעגרייפט מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ דעם שרעקליכען זין פון דעם, וואָס דער קליינער שד האַלט אין זיינע הענט, וואָס ער טהוט איהם אָן. אַ משוגעים־העמד איז דאָס. דאָס העמד כאַפט איהם אָבער אַרום ווי אַ נעץ פון טויט... ס'ווערט איהם קאַלט פון דער נעץ... אַ קאַלטער טויט־שוויים טרעט אַרויס אויף זיין לייב. אַ שטראָם פון בלוט און ביטערער גאַל פערפלייצט זיין האַלז, ווערגט איהם און גיסט זיך מיט אַמאָל בריהענד אַריין אין מויל, איבער זיינע ליפען... ער פיהלט נאָך די וואַרימקייט פון דעם שטראָם, די לעצטע וואַרימקייט... מיט איהר אָבער פערשווינדט דאָס לעבען, שטראָמט־אויס דער לעצטער אָטעמצוג... עס שטאַרבט אָב דער קאַמף, דער ווילדער גיהנם'שער וואוטה אַרום איהם... אַלץ ווערט דערטרונקען און פערשווינדט גלייך מיט'ן בעוואוסטזיין אין אַ טיעפען און פינסטערען אָבגרונד, דער אָבגרונד פון אונבעוואוסטזיין, פון טויט...

דער גאַנצער קאַמף האָט ניט לאַנג געדויערט. ער האָט זיך דורכגעטראָגען איבער די קעפ שנעל, ווי אַן אוראַגאַן פון טייוולישער גרויזאַמקייט, לאָזענדיג הינטער זיך אַ צושמעטערט און צוטראָטען לעבען...

דער ערשטער, וועלכער איז אָבגעשפרונגען פונ'ם קרבן איז געוועזן דער לייב־מעדיק פאָן אָטאָ אַליין. מיט אַ ווילדען קוויטש איז דער קליינער שד אָבגעשפרונגען, מיט אַ קוויטש פון אַ צוטראָטענעם הינטעל.

נאָך איהם זיינען אָבגעשפרונגען די איבריגע מחבלים...

מיט אַמאָל איז געוואָרען שטיל. דער אוראַגאַן פון וואוטה און טייוולישער גרויזאַמקייט האָט זיך מיט אַמאָל איבערגעריסען און איז ווי אַ דונער אַריין ערגעץ טיעף; ווי אין דר'ערד איז ער אַריין און איז פערשוואונדען.

נאָר דאָס צאַנקענדע ליכט אינ'ם פעררויכערטען לאָמפ האָט נאָך אַלץ געציטערט און ווי געשוידערט פון אויפרעגונג איבער דעם וואָס עס האָט זיך שנעל פאַר איהר אָבגעשפיעלט, וואָס זי האָט בייגעוואוינט... די שאָטענס אויף דער סטעליע און אין די האַלב־דונקעלע ווינקלען האָבען געשפרונגען און זיך געוואָרפען ווי פריהער. איצט אָבער ווי אויפגערודערטע און ערשיטערטע עדות פון אַ גרויזאַמען פאָטער־מאָרד.

פאַן אַטאַ איז צוגעלאָפּען צוריק צום טויטען קערפּער, צוגעלייגט דעם אויער צו דער ברוסט און איז ווידער אַבגעשפּרונגען זאָגענדיג:

— טויט! איהר האָט איהם געטויטעט, כי־כי־כי...

די גוים האָבען אַראַבגענומען די היטלען און זיך גענומען צלמ'ען...

— אַ זוהן זייט איהר? אַ טייוועל! אַן אונמענש! — האָט זיך פּלוצים צושריען פאַן אַטאַ שפּרינגענדיג מיט די קולאַקעס פאַר'ן פּראָקוראָר'ס פּנים.

דעם זוהנ'ס קאָפּ האָט געזונקען טיעפער און טיעפער...

און ווידער זיינען אַלע שטיל און אונבעוועגליך ווי פערגליווערטע און לעבענסלאָזע...

ווען דער פּראָקוראָר האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט דערזעהן ביים אָרון קודש די צוויי ציטערענדע אידען, האָט ער אויך אויפגעציטערט...

— אַרעסטירט אַט די צוויי זשידעס! — האָט ער בעפוילען צו זיין סוויטע.

(ע נ ד ע)

דרוק-פעהלערן:

בלעטל	געדרוקט:	לעזען:
35.	די אַלטע שרה אָבער מבולבל געוואָרען	די אַלטע שרה איז אָבער מבולבל געוואָרען.
59.	וועלכע איז אָבער דורך זיין שוועסטער	וועלכע איז אָבער דאַך זיין שוועסטער.
77.	פערטער קאַפּיטעל — — — — — — — —	דריטער קאַפּיטעל.
101.	פאָהרט צום ובערנאַטאָר — — — — —	פאָרט צום גובערנאַטאָר.
104.	מקריב פון דיזע סימפּאַטיען — — —	מקריב צו די סימפּאַטיעס.
111.	געשעהמט אויפצוהויבבען — — — — —	געשעהמט אויפצוהויבען.
129.	גענומען צויאָגען — — — — — — — —	גענומען צוזאָגען.
132.	דאָס שטעטעל — — — — — — — — —	דעם שטעטעל.
133.	פעלענע היטעל — — — — — — — — —	פאַלענע היטעל.
141.	פינפטער קאַפּיטעל — — — — — — — —	פערטער קאַפּיטעל.
154.	אַלע איהרע נשמה־אוצרות — — —	אַלע איהרע נשמה־אוצרות.
184.	באַ איהם — — — — — — — — — —	ביי איהר.
206.	און קומען צו זיי זיינען געלאָדען —	און קוקען צו זיי זיינען געלאָדען.
228.	דעם פּראָקוראָר און אַן — — — — —	דער פּראָקוראָר אין אַן.

די ערשטע שורה פון בלעטל 202 איז איבריג.